STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07464

# DER MESHUGENER FILOZOF IN ENGLAND

Morris Winchevsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

VOL. I.

# מאָררים ווינטשעווסקי'ם
# שריפטען.

מאָטטאָ:

„עס איז אַ וואונדערבאַרע זאַך
„מיט מיין געלעכטער און געוויין:
„איך בין ניט לוסטיג ווען איך לאַך,
„איך טרויער ניט בשעת איך וויין."

—דער משוגענער פילאָזאָף.

Copyright, 1920, by
LEOPOLD BENEDICT
All rights reserved.

דעם אנדענקען פון

**קאָנסטאַנטין גאַללאָפ**

איינעם פון די ערסטע,

ערגעבענסטע און פייהיגסטע

**פריינדע און פאָרקעמפפער**

פון דעם

**אידישען אַרבייטער**

אין ענגלאַנד

איז דיעזער בוך מיט ליעבע

און דאַנקבאַרקייט

געווידמעט.

MORRIS WINCHEVSKY'S
WRITINGS

*

# The Crazy Philosopher in England

---

Rambling Thoughts
Fantasies, Sayings and Musings
The Sage's Autobiography

Published by
THE FORWARD ASSOCIATION
175 East Broadway,
New York, U. S. A.

4

מאָררים ווינטשעווסקי׳ס
שריפטען

*

# דער משוגענער פילאָזאָף
# אין ענגלאַנד

---

צושלאָגענע געדאנקען.
בילדער, ווערטער און חקירות.
דעם פילאָזאָף׳ס לעבענס-געשיכטע

פאָרווערטס-פערלאַג
175 איסט בראָדוויי
ניו יאָרק

# פאָרוואָרט

## צו דער ערשטער אויפלאַגע.

אַ מתנה פאַר דעם אידעשען אַרבייטער פון דעם משוגענעם פילאָזאָף איז דיעזער בוך געווען בשעת ער איז ערשיענען בלעטערווייז, קאַפּיטעלכווייז מיט אַ יאָהר אַכטצעהן — ניינצעהן צוריק. היינט איז דער פילאָזאָף פון מינסק 83 יאָהר אַלט (זעהט זיין לעבענסגעשיכטע אין דיעזען באַנד) און דער אידעשער אַרבייטער פּרעזענטירט איהם מיט זיין אייגענעם בוך — אַ מתנה צו זיין 83-טען געבורטסטאָג.

געליעבטע און ליעבענדע, לעבעדיגע און טויטע, יונגע און אַלטע געשטאַלטען שוועבען אַרום אין דיעזע בלעטער און זיי אַלע בעגריסען דעם גרייז-גרויען מאַן וואָס האָט אַזוי לאַנג געלאַכט וויינענדיג און געוויינט לאַכענדיג בעת ער האָט אויסגעדריקט אין צושלאָגענע געדאַנקען דעם אינהאַלט פון צובראָכענע הערצער.

מיין וואונש וואָלט געווען אַז דיעזע ערסטע זאַמלונג פון דעם משוגענעם פילאָזאָף'ס שריפטען זאָל ערשיינען אין אַ פאָרם, וואָס זאָל צום ערסטען מאָל ווייזען אידעש אַלס אַ שפּראַך מיט א בעשטימטע אָרטהאָגראַפיע (ספּעללינג), אָבער דער אידעשער אַרבייטער, זאָל לעבען, האָט זיך גענומען צום אַרויסגעבען דיעזען בוך סך הכל מיט אַ יאָהר 16 צוריק, און — נו, פון אַיילענעס קומט, ווי איהר ווייסט, קיין גוטס ניט אַרויס. עלעגאַנטער וואָלט דער בוך אפשר אויך אויסגעזעהן אונטער אַנדערע פערהעלטניסע, אָבער דאָס איז אַ קלייניגקייט; דעם משוגענעם פילאָזאָף'ס לעזער זיינען ניט געוואוינט צו עלעגאַנטע זאַכען, זיי האָבען זיך ניט געהאָדעוועט אין פּראַכט און גלאַנץ און פאַר זייער קעשענע איז די אויסגאַבע עלעגאַנט גענוג.

ענדליך אָבער איז דער בוך פאָרט אַרויסגעקומען! עס איז אמת דאָס האָט גענומען אַ יאָהר 16, אָבער ערשיענען איז ער ענדליך דאָך.

פאַר דעם אַלטען און פאַר אונז אַלעמען איז דאָס דער עיקר, און איך בין איבערצייגט, אַז „דער משוגענער פילאָזאָף אין אַמעריקא" וועט אַרויסקומען גיכער — אפשר נאָך פאַר דעם ענד פונ'ם יאָהר 1909.

איצט איניגע קורצע בעמערקונגען וועגען דעם אינהאַלט:

שעהנע עטליכע אַרטיקלען זיינען אויסגעלאָזען געוואָרען, ענטוועדער ווייל זיי האָבען פאַר היינטיגען לעזער מעהר קיין אינטערעס ניט, אָדער ווייל מען וואָלט געמוזט צו זיי שרייבען לאַנגע פּירושים.

וועגען דעם פּאַלעסטיניזמוס, וועלכער ווערט אָפט אָנגעגריפען אין דיעזע בלעטער, האָט דער משוגענער פילאָזאָף זיין מיינונג ניט בעדייטענד געענדערט. ער גלויבט נאָך עד היום ניט אין די מעגליכקייט פון בעזעצען אידען אויף זייערע עלטערנ׳ס לאַנד, אפילו ניט אין די מעגליכקייט פון דאָס וואָס מען רופט היינט טעררישאָריאַליזמוס. פון דעסטוועגען וואָלט דער טאָן געווען אַן אַנדערער, אַ מילדערער, ווען די אַרטיקלען וואָלטען געשריעבען געוואָרען היינטיגען טאָג.

וואָס מען דאַרף פערשטעהן איז, אין צוויי ווערטער, פאָלגענדעס:

אין יענע צייטען זיינען נאָך קיין סאָציאַליסטישע נאַציאָנאַליסטען ניט געווען. אפילו סאָציאַליסטען מיט אַ נאַציאָנאַלע פּראָגראַם, אַזוינע, למשל, ווי דעם „בונד׳ס“ זיינען ביי אונז דאַן כמעט נאָך נים געוועזען אפילו דענקבאַר. אונזערע ענגלישע פּאַלעסטינצעס, מייסטענס געוועזענע סאָציאַליסטען, האָבען נור געקענט בעטראַכט ווערען אַלס „אָבטרינניגע“, אַלס „משומדים“, אַלס פּעררעטהער געגען דעם סאָציאַליזמוס און מיר האָבען זיי אַזוי בעהאַנדעלט.

דערפון קומט אָפט דער גרימצאָרן ביין משוגענעם פילאָזאָף ווען ער רעט וועגען זיי.

* * *

אין דער צייט ווען די אַרטיקלען זיינען געשריעבען געוואָרען האָט נאָך איבער ענגלאַנד געקיניגט די אַלטע וויקטאָריאַ, מיט דעם „גרויסען אַלטען“ גלעדסטאָן אַלס הויפּט־פיגור אין דער ענגלישער פּאָליטיק.

אין דייטשלאַנד האָט ביסמאַרק׳ס שטערן שוין געהאַלטען אין זינקען, וועהרענד דער איצטיגער קייזער — ווילהעלם — האָט נאָר וואָס געהאַט בעשטיגען דעם טהראָן און אקארשט אָנגעפאַנגען זיינע קונצען. מיט ביסמאַרק׳ן איז דאַן געפאַלען דער סאָציאַליסטען־געזעץ, וועלכער האָט געהאַלטען אין צוויק די סאָציאַל־דעמאָקראטיע גאַנצע צוועלף יאָהר.

אין רוסלאַנד האָט אלכסנדר דער דריטער געפיהרט די גרענדע.

אין אונזערע אייגענע קרייזען אין לאָנדאָן איז דאַן ק. גאַללאָפּ נאָר־וואָס געווען אַריינגעקומען אַלס רעדאַקטאָר אינ׳ם „אַרבייטער פריינד“. כמעט אַלע דיעזע אַרטיקלען זיינען געווען געשריעבען אונטער זיין רעדאַקציע און דורך זיין ערמונטערונג. — וועגען דעם וועט אויספיהרליך גערעט ווערן אין מיינע „עראינערונגען“. — דער „יונגער מאַן“ אין דעם אַרטיקעל „ער, איהר און איך“ (אויף זייטע 268) איז ק. גאַללאָפּ; ער

איז דאָן שוין געווען טויט. — דער אַרטיקעל „קלאָר און דייטליך“ (אויף זייטע 161) איז געווען געשריעבען געגען גאַללאָפּ׳ס קריטיקער, וועלכע פלעגען אָנגרייפען זיין סטיל.

* * *

אין דיעזען בוך קען כמעט יעדער אַרטיקעל געלעזען ווערן פאַר זיך. ווי אין דער תורה איז דאָ ניטאָ קיין „מוקדם ומאוחר“ און מען קען אָנהויבען לעזען וואו מען וויל. מענשען, וועלכע שעמען זיך מיט אַ אידעשען ספר אין עפענטליכע פּלעצער, ווי, למשל, אויף דער אייזענבאַהן, קענען אָנהויבען פונ׳ם סוף און לייטע וועלען מיינען, אַז דאָס לעזען זיי אַ רעספּעקטאַבלען אומות־העולם׳דיגען בוך.

* * *

געקומען איז די צייט אַייך צו זאָגען וועגען דעם משוגענעם פילאָזאָף עטוואָס מעהר ווי דאָס וואָס מען קען אַרויסנעהמען פון זיין אייגענע לעבענסבעשרייבונג.

דער אַלטער — דאָס איז יגלי איש הרוח, הוא יגלי, וועלכער האָט אין די יאָהרען 1877, 1878 און 1879 גערעט צום אידעשען עולם (קיין אידעשער אַרבייטער — קיין האַנד — איז דענסטמאָל נאָך ניט געווען) לשון קדש. פון איהם שטאַמען די חזיונות איש הרוח. ער און ער זיינען ביידע איינער.

צום אַלטענ׳ס משפחה געהערען:

איך אַליין, בן־נץ, ט. ע. דעבקין, חנה באַלבעטון, יאַנקעלע טראַשקע, דער אייניקעל, זיין פּלונית׳טע (חתונה געהאַט מיט אַ יאָהר פיער צוריק), דזשים פון בעטהנאַל גרין און פיעל אותיות פונ׳ם אלף־בית.

דער „דאַזיגער“ איז אויך זיינער אַ קרוב.

דער אַלטער קלייבט זיך נאָך צו לעבען שעהנע עטליכע יאָהר.

**מ. ווינטשעווסקי.**

ניו יאָרק, 8 יולי, 1908

# אינהאַלטס־פערצייכניס

## ערסטער טהייל

# די צושלאָגענע געדאַנקען פון דעם משוגענעם פילאָזאָף

(1889 — 1892 ; געשריעבען אין ענגלאַנד)

### צושלאָגענע געדאַנקען

### 1889

זייטע


א שווערער אָנהויב ... 17
גאָר קיין אָנהויב ניט ... 20
א ויכוח מיט די וועלט ... 24
משה בוך — זיין בריעף ... 28
פראָסט געפלאַפערט ... 32
אַלץ ניט דאָס ... 36
אויגען ... 40
דער מלאך המות ... 44
דוד גאָרדאָן, צעהנדליגע, פליעגען ... 48
אָרום אַלץ קען מען ניט טראַכטען ... 52
וואָס פרומע אידען טאָרען ניט לייענען ... 56
תמוז ... 60
דזשעק דער ריפּער ... 64

אָה, ווי ווערט מען אַ דיכטער! .......... 68
נאָך אַמאָל: ווי ווערט מען אַ דיכטער .......... 72
וואָרום איך קען ניט ווערן אַ סאָציאַליסט .......... 76
דער רעגען און מיינע שטיוועל .......... 80
טאַשענאוהר פילאָזאָפיע .......... 84
נאַטור־געשיכטע: אַ דרשה פאַר פערד .......... 88
אַנדערע קענען, איך ניט .......... 92
חומש מיט אַ נייעם פירוש .......... 96
מידאָס .......... 100
אַלערליי בעטראַכטונגען .......... 104
דער קנעפּעל פון מיין וועסט .......... 108
קאָפּשמערצען און איבעלקייט .......... 112
פענסטער — פינסטער .......... 116


## צושלאָגענע געדאַנקען
1890


ווערטער .......... 123
נאָך ווערטער אָהן אַ טאַלק .......... 127
ביסמאַרקיזמוס .......... 131
אַ בריעף צו מיין פעדער .......... 135
וואָס איך האָב געוואָלט שרייבען .......... 139
אַ בריעף פון פירסט ביסמאַרק .......... 142
אַלץ הייסט פילאָזאָפיע .......... 146
אַ צוויי פּסיגע קאַטערינקע .......... 150
מורא פאַר די באָבען .......... 154
נאַרעשקייט .......... 158
קלאָר און דייטליך .......... 161
פעדדי און ישראַליק .......... 165
געלד .......... 169
וואָס מען קען ניט קריעגען פאַר געלד .......... 173
רעפאָרמירטע נעזער .......... 177
געדיכטע און שיטערע .......... 182
פאַרנעל .......... 186
שלעכטע גוטסקייט .......... 191
אינהאַלט: איך .......... 194

## צושלאָגענע געדאַנקען
### 1891


היהנעראויגען־פילאָזאָפיע ........................ 201
שנת תרכד לפ"ק ........................ 205
טיי, ברויט, פוטער און פּאַלעסטיניזמוס ........................ 209
היינט איז מיר גוט ........................ 213
דער הונד און דער בער — אַ קאָררעספּאָנדענץ ........................ 217
געטליכע ליעבע ........................ 221
קאַסאַנדראַ ........................ 225
צו ווייזען וואָס דער נעקסטער וועט זיין ........................ 229
געלערענטע אייזלען ........................ 233
אַ גרינער איד פון מינסקער גובערניע ........................ 237
נאָך מיין טויט ........................ 243
אָבגעלעבט און אויסגעוועבט ........................ 250
וואָס איך האָב געטראַכט דעם 15 טען אַפּריל ........................ 258
ענגלישע פרייהייט ........................ 262
ער, איהר און איך (1892) ........................ 268


## צווייטער טהייל
# בילדער, ווערטער און חקירות
### 1889—1893


דער שווערד פון דאַמאָקלעס ........................ 277
קורצע אָבער ניט צושלאָגענע רייד ........................ 281
טאַנטאַלוס ........................ 284
וואָס איך האָב דעם יונגען מאַן געזאָגט ........................ 288
ווידער דער יונגער מאַן ........................ 292
דאָס יאָהר 1889 ........................ 296
אַן אלף בית פיר אַרבייטער־קינדער ........................ 300
ר' פּנחס'ל דער מטורף ........................ 304
זיי, איך און די דיקע ווייבעל ........................ 308
די גרויסע אסיפה ........................ 313
לעזעשטאָף פאַר יונגע לייט ........................ 319
נייע געזעצע פאַר אידען ........................ 324
יום־כפור — היינט און אַמאָל ........................ 330
קעלט ........................ 335

## דער פריוהייטס־גייסט:


די דריי קעסלען ........................ 338
דער יאַמערטהאַל ........................ 341
עמק יהושפט ........................ 345
די הקדמה צו אַ בילד ........................ 350
די גרויסע פלאַטע ........................ 354
דער מאַנסטער און דאָס קינד ........................ 358


## דריטער טהייל

# די לעבענסגעשיכטע פון דעם משוגענעם פילאָזאָף


הקדמה ........................
מיין געבורטסשטאָדט ........................ 365
איך אַלס עופ'עלע ........................ 366
וואַקסענדיג פּאַק איך און מאַזעל ........................ 368
איך ווער אַ חדר־אינגעל ........................ 370
ווערים ־ קרויט ........................ 371
פון די כאָלעריע ביז די חופּה ........................ 372
אַן אָבשטעל אין דעמזועלבען קאַפּיטעל ........................ 374
די וואונדערבאַרע ערשיינונג ........................ 375
מיין הייליגע שבועה ........................ 377
מען כראַשקעט אין דער קאַפּאָטע ........................ 379
ר' טרייטעל פּאַר זיך ........................ 381
איך בלייב אין מיטען דערינען ........................ 384

ערשטער טהייל

# די צושלאָגענע געדאַנקען פון דעם משוגענעם פילאָזאָף

1889—1892

# צושלאָגענע געראַנקען

## 1889

I.

## א שווערער אָנהייב.

כסדר אזוי . . . וואו זיינען מיינע ספּאקולען ? איך ווייס ניט וואָס איך שרייב, ווען איך האָב זיי ניט פאר די אויגען . . . עס איז דאָ א שרייבער, מען זאָגט — א סך שרייבערס, וואָס ווייסען ניט וואָס זיי שרייבען אפילו מיט ספּאקולען, אָבער דאָס איז ניט מיין זאַך, איך משפּט קיינעם ניט. לאָז יעדערער שריי־בען ווי ער קען . . . אָט זיינען מיינע ספּאקולען, איצט קען איך שרייבען.

כסדר אזוי . . . מיין פעדער שפּריצט זעהר שטארק, זי איז שוין אלט, צו פיעל אויסגעניצט ; איך מוז קריעגען א נייע פעדער. א וואונדערבארע זאַך איז א פעדער ! בעטראַכט נור : זי קומט אריין נייע און בלאַנק אין אייערע הענד, זי ווערט פער־שווארצט ארבייטענדיג פאר אייך, איהר לאָזט זי פערראָסט ווערען, און ווען זי איז שוין אזוי אויסגעמוטשעט, אזוי פערשווארצט און פערראָסט, אז זי קען אייך שוין בשום ענין ואופן ניט מעהר דיע־נען, ווארפט איהר זי אוועק מיט כעס . . . וואונדערבאר ! וואָס זאָגט איהר ? ניין ? א פעדער האָט כמעט אזא מזל, ווי א גוטער משרת ביי א קצין, אָדער ווי אן ארבייטער אין א פאבריק . . . איך קען ניט שרייבען — איך מוז קריעגען א נייע פעדער. איך האָב זעהר א וויכטיגען ענין צו שרייבען, וואו נעהם איך א פעדער ? עס איז דאָ ! זעהר גוט ! היינט קען איך אָנהויבען.

כסדר אזוי . . . אז מען זאָל נעהמען בעטראַכטען . . . אָה, ווי קאַלט ביי מיר אין צימער איז ! קאַלט, זעהר קאַלט ! ווי

שרייבט מען אין קעלט ? עס איז אלץ גוט ווען מען איז יונג, דאן ארט קיין זאך ניט ; אבער איך בין, לא עליכם, שוין אלט . . . וואס קרימט איהר זיך ? איך זאג ניט „לא עליכם אלט", ווייל איך וויל אייך שילטען : אלט ווערען אין דלות איז גאר ניט אזוי גוט, ווי איהר יונגע לייט מיינט ; פרובירט נור — וועט איהר זעהן. ניט צו האבען א צאהן אין מויל און ניט צו קענען בייסען איז געווים קיין וויגאדע ניט, אבער ניט צו האבען קיין ציינער און ניט צו קענען בייסען און דערצו נאך ניט צו האבען וואס צו בייסען איז פיעל ערגער . . . נאר איידער וואס־ווען, איצט זיינען מיינע פינגער פערקאליעט און איך קען ניט שרייבען. וואס זאגט איהר ? עס שרייבט זיך משמעות דאך ? גערעכט כ'לע־בען ! לאמיך־זשע אנהויבען.

כסדר אזוי . . . איך הויב אן . . . האלט ! מוז מען דען אייגענטליך אימער אנהויבען ? איך האב אפט ארום דעם געטראכט. מוז דען אלץ האבען אן אנהויב און אן אויסלאז ? ווען האט זיך אנגעהויבען די צייט ? ווען — דעם מענשענ'ס צרות ? ווען — די ממשלה פון געלד ? ווען — די חכמה פון לעבען אהן ארבייט ? ווען . . . נאר איך פערקריעך אין צו וויטע דרכים, און ניט ארום דעם וויל איך שרייבען. איך האב א וויכטיגען ענין אין קאפ און דארף נור מאכען אן אנהויב . . .

כסדר אזוי . . . אז מען זאל נעהמען בעטראכטען ווי די . . . ווארט א ווייליגקע ! מען קלאפט ביי מיר אין טיר . . . קאם־אין ! דאס איז מיין אייניקעל, קומט א פערפרארענער פון שול. ווער וויים צו עס לוינט צו געהן אין קעלט און פריערען צוליעב די תורה, וואס מען לערענט זיי, בעונותינו הרבים, אין די שו־לען ? צייטענווייז טראכט איך, אז עס איז גראד גוט וואס די קינדער לערנען זיך אוים אזוי ווייניג אין די שולען. וואס מעהר איהר לערענט א קאץ ווערט זי רק צאהמער — ווי די אשכנזים זאגען — דאס ווערט אנגערופען, זי פערליערט אלץ מעהר איהרע נאטירליכע בראבראסט און לאזט מיט זיך טאן אלץ, וואס מען וויל. אייערע קינדער זיינען געבארענע ארעמע לייט — דאס

ווייסט איהר אזוי גוט ווי איך. ווען איהר זאָלט זיי לאָזען אויפ־וואקסען ווילד וואָלטען זיי אפשר זיך וועהרען (געגען די וואָס האַלטען זיי אָרעם,) מיט זייערע נעגעל און מיט זייערע צייגער; אין די שולען אָבער, מאכט מען זיי פאר „רוהיגע, פריעדליכע בירגער": די קאַץ פערגעסט אז זי קומט ארויס פון דעם לייב'ס פאמיליע און לאָזט זיך בעהאנדלען ווי א נארישע גאנז. זי מיאו־קעט, למשל, א מאָל אין א ווינקעלע, אָבער מען הערט איהר ווי — די קאַץ. פון דעסטוועגען האָט מיין אייניקעל'ס קומען אהיים צושטערט מיינע געדאנקען . . . איך מוז פאָרט זעהן צו מאכען אן אָנהויב.

כסדר אזוי . . . אז מען זאָל נעהמען בעטראַכטען ווי . . . נאָך א מאָל: אז מען זאָל נעהמען בעטראַכטען . . . איך זאָג, פערשטעהט איהר מיך, בעטראַכטען, גוט בעטראַכטען ווי . . . ווי וואָס? ווי איהר זעהט מיך א אידען — איך האָב פערגעסען ארום וואָס איך האָב געוואָלט אָנהויבען צו ריידען . . . וואָס טו איך איצט? גיט אַן עצה, ברידער, העלפט! איהר שווייגט? געווים שווייגט איהר. ווער העלפט עפּעס אַן אַלטען מאַן אין א שווערע לאגע היינטיגע צייטען? זאָל איך אָנהויבען פון מיטען? שיקט זיך עפּעס ניט. דאָס וואָלט פּאסען פאר א שרייבער, וואָס נעהמט זיך אויף דעם שניט פון א סוועטער: ניט ער הויבט אָן, ניט ער לאָזט אויס, ער קומט אריין אין מיטען און מאכט זיין אָנהויב. איך זאָג: דאָס טויג ניט. איך מוז זעהן זיך צו דערמאָנען . . . גוט! איך האָב עס! הערט נור צו:

כסדר אזוי . . . אז מען זאָל נעהמען גוט בעטראַכטען, ריכטיג בעטראַכטען, פון אַלע זייטען, פערשטעהט איהר, בעטראַכטען, ווי די וועלט פיהרט זיך, איז . . . איז . . . איז גלייכער גאָר צו לאָזען דעם אָנהויב אויף אנאנדער'ס מאָל.

## II.

# גאַר קיין אַנהויב ניט.

דערביי בלייבט עס ! איך הויב גאַר ניט אָן. אמת, איך האָב אייך צוגעזאָגט אַנצוהויבען, אָבער צוזאָגען און מקיים זיין איז גאַר ניט אַזוי נויטיג ווי פּראָסטע מענשען גלויבען. ווער האלט היינטיגע צייטען וואָרט ? קיינער ניט, חוץ — א קאָלעקטאָר פון טעקסעס*), ווען ער קומט נאָך געלד און קריגט ניט און זאָגט אייך צו, צו קומען נאָך א מאָל ; אָדער א פּראָצענטניק, ווען ער זאָגט אייך צו, אז אייער משכן וועט זיין פערפאלען, ווען איהר וועט עס ניט ארויסנעהמען אין א געוויסע צייט ; אָדער, א פאבריקאַנט, ווען דאָס געשעפט געהט ניט גוט, און ער זאָגט צו די ארבייטער ארונטערצונעהמען אזוי פיעל און אזוי פיעל פּראָצענט פון די שכירות ; אָדער א לענדלאָרד, ווען ער גיט אייך זיין ערהרענוואָרט, אז ער וועט אייך ארויסוואַרפען פון דירה, אויב איהר וועט איהם ניט אריינטראָגען די הינטערשטעליגע דירה־געלד אין א וואָך צייט ; אָדער . . . נור וואָס זאָל איך דאָ פיעל בראַייען ? האָב דעם לענדלאָרד, דעם פאבריקאַנט, דעם פּראָצענטניק און דעם קאָלעקטאָר פון טעקסעס (און איבערהויפּט דעם קאָלעקטאָר !) צעהן פינסטערע שוואַרציאָהר ! — פון זייער וואָרט האַלטען נעהם איך מיר קיין בייששפּיעל ניט. איך קוק אויף העכערע מענשען, קרוינפּרינצען, מיניסטער, דעפּוטירטע פון פּארלאַמענט — אויף זיי קוק איך ! און אויב עס וועט מיר ווער עס איז בעווייזען, אז איינער פון זיי האָט ווען עס איז גע־

*) אין ענגלאַנד צאָהלט דער טענאַנט די טעקסעס דירעקט, ניט אַרויפּ־געוועבענט אויף די רענט, דורכ׳ען לענדלאָרד.

האלטען ווארט, וועל איך אויך האלטען ווארט און וועל מאכען אן אנהויב; ניט פריהער!

אלזא, דערביי בלייבט עס! איך הויב גאר ניט אן! איי — וועט איהר פרעגען — וואס מכוח דעם וויכטיגען ענין ארום וועלכען איך האב געוואלט רעדען? ענטפער איך אייך, אז איך בין אייך ניט מחויב צו ענטפערען; איך האב אייך גאר קיין שום דין וחשבון ניט אפצוגעבען. וויל איך — רעד איך, וויל איך ניט — רעד איך ניט. פרעגען קשיות איז איבערהויפט א מיאוסע טבע. אט איז מיין אייניקעל — ער וויל אלץ וויסען; רק ער פרעגט, איין ווארט ער פרעגט קשיות. איך האב איהם נעכטען געגעבען א פאטש פאר איין קשיא, און ער האט זיך פאנאנדער געוויינט; אין מיטען ווײנען אבער האט ער געפרעגט א נייע קשיא, — זיידע, זאגט ער, פארוואס פאטשסטו מיר? — פארוואס? — זאג איך — פארדאס!

פרעגען קשיות איז א מיאוס׳ע טבע, זאג איך אייך, און אז מען געוואוינט זיך צו דערצו, בלייבט מען דערביי. היינט פרעגט אזא חברה־מאן, ווי מיין אייניקעל, ווארום איך גיב איהם א פאטש; מארגען וועט ער פרעגען, פארוואס ער געהט אין צוריסענע פלודערקעס און חיים דעם מלוה׳ס אינגעל האט צוויי פאר נייע; אין א יאהר ארום וועט ער נעהמען פרעגען קשיות אויף גאט, אויף זיין פיהרונג, אויף . . . ווער ווייס נאך וואס? גלייכער אפצוהאקען די טבע גלייך אין אנהויב און איהם צו ענט־פערען: פארדאס, אויף יעדען פארוואס, און ניט ווייטער. אזוי ענטפער איך אייך, דאס הייסט איך ענטפער גאר ניט, און א סוף!

עס בלייבט דערביי! איך הויב גאר ניט אן. ווייסט איהר וואס איך וועל אייך נאך זאגען? אנהויבען איז צייטענ־ווייז א געפעהרליכע זאך. איך וועל אייך דערצעהלען, וואס מיר אליין האט נעכטען נאך א האאר געטראפען. איך בין ארויס־געגאנגען אין גאס כאפען א ביסעל פרישע לופט. דיא לופט איז אפילו ניט געווען איבעריגס פריש, אבער פרישער וויא אין

מיין קאטוך, און איך האָב זיך פערטראַכט. איך האָב אָנגעהויבען צו פילאָזאָפירען:

מען זאָגט, אַז צו דענקען איז אומעטום פריי, און אַז לופט איז אומעטום וואָלוועל — איז דאָס אמת? יעדער מענש, לאָמיר רעכענען, קען דענקען אפילו אין אסטראָג. דאָס איז גאַנץ ריכטיג. אָבער צושטערט ניט דער אָסטראָג די געדאַנקען? ווען איך עס ניט גענוג און דערצו נאָך שלעכט; ווען איך שלאָף ווייניג און דערצו נאָך אויף אַ היילע באַנק; ווען איך קום צום טיר פון מיין צימער און בלייב שטעהן, ווייל איך קען ניט געהן ווייטער — זיינען מיינע געדאַנקען פריי? זיינען זיי ניט צושטערט? קען איך דענקען אַזוי פריי, און מיט אַזאַ קלאָרע קאָפּ, ווי איינער וואָס איהם איז גוט אויפ׳ן הארצען? ווי דענקט זיך, למשל, דעם אָרעמאַן אפילו אין אַ פרייע מדינה? — היינט נעהמט די לופט . . . אָט איז די לופט . . . איך האָב אָנגעהויבען אַ לאַנגע פילאָזאָפיע וועגען די לופט, ווען איך האָב מיט אַ מאָל דערהערט אַ געשריי פון אַ דראָשקאָווניק און האָב געפיהלט אַ מאָרדע פון אַ פערד איבער מיין קאָפּ און האָב דערזעהן מיין היטעל אין בלאָטע נעבען מיינע פיס. בקיצור, מען האָט מיך שיעור ניט אריבערגעפאָהרען, און אַלץ ווייל איך האָב מיך אריינגעלאָזען אין פוסטע רעיונות און האָב אָנגעהויבען . . . אָנגעהויבען צו פילאָזאָפירען. אָנהויבען, זעהט איהר, איז צייטענווייז אַ געפעהרליכע זאַך און רערפאַר —

בלייבט עס דערביי, איך הויב גאָר ניט אָן! נאָר איך זעה אַז איהר ווילט וויסען וואָס פאַר געדאַנקען איך האָב געהאַט וועגען די פרישע לופט. איהר מעגט דאָס וויסען. פרישע לופט, זאָגט מען, איז וואָלוועל. איך האָב גענומען די זאַך גוט בעטראַכטען, האָב בעטראַכט און האָב בעשלאָסען, אַז דאָס איז אַ ליגען. ווארום אַ ליגען? אָט הערט: צווייטענס ווייל אין גרויסע שטעדט איז איבערהויפּט ניטאָ קיין פרישע לופט; דריטענס, ווייל דער אָרעמאַן קען ניט וואוינען אויסען שטאָדט, און אפילו ווען ער וואָלט דאָס קענען, איז יעדער אָרעמאַן אַן ארבייטער,

וואס ארבעט פון אויפשטעהן אין דער פריה ביז'ן לייגען־זיך שלאַ־פען ביי נאכט און האט קיין צייט ניט צו געניסען די פרישע לופט ; פיערטענס, ווען אַן אָרעמאַן געניעסט אַ ביסעל פרישע לופט, קריעגט ער אפעטיט צום עסען, און עסען קאָסט געלד ; פינפטענס . . . נור גענוג ! איהר זעהט גאנץ קלאָהר, אַז פרישע לופט קען גאָר ניט יעדער מענש אזוי לייכט האָבען, ווי מען מיינט, און אַז איך בין גערעכט. איצט, פרעגט איהר אָבער, ווארום איך האָב אָנגעהויבען פון „צווייטענס". בהמות ! אַז איך וואָלט געזאָגט : ערסטענס, וואָלט דאָך דאָס געווען אַ מין אָנהויב, און איך וויל בשום אופן היינט קיין זאַך ניט אָנהויבען. יע, עס בלייבט דערביי ! איך הויב גאָר ניט אָן.

## III.

# א ויכוח מיט די וועלט.

ווי איך זעה, רופט מיך די וועלט, „משוגענער פילאָזאָף". וועלט, איך לאַך פון דיין קאָפּ! וועלט, איך שעהם זיך דערמיט ניט א ברעקעל! וועלט, דו ביזט א קלאָרער נאַר, אויב איך בין א משוגענער פילאָזאָף! וועלט, איך וועל דיר דאָס בעווייזען. הער נור גוט צו.

פאַרוואָס רופסטו מיך משוגע? משמעות, ווייל איך רעד ניט סקלאַדנע, ווייל איך פיהר ניט אויס, וואָס איך הויב אָן, אָדער אפשר, ווייל איך זאָג צו ניט אָנצוהויבען, גאָר ניט אָנצור־הויבען, און פיהר אויס. דאָס רופסטו משוגע, וועלט? דו רופסט א מענשען משוגע ווייל ער טוט ניט ווי „אַלע" טוען — הא? זאָג־זשע מיר, וועלט־קרוין־לעבען, איז דאָס גוט וואָס אַלע טוען? איז עס רעכט, אָט דאָס וואָס דיינע „אַלע" טוען? איז עס קלוג, וואָס דיינע ליעבהאַרציגע „אַלע" טוען? זאָג, זאָג! איך גיב דיר צוויי מינוט צייט צו איבערלעגען. בעטראַכט מיין פראַגע גוט און גיב מיר אַן ענטפער. דערוויל קען איך רעדען מיט מיינע לעזער.

* * *

ליעבע לעזער, ווי האָט איהר צוגעבראַכט פּסח? וואָס זאָגט איהר? מיר זיינען אָרעמע לייט, זאָגט איהר, און מיר ברענגען צו פּסח ווי א גאַנץ יאָהר? איהר זייט גערעכט: כהאָ לחמאָ עניאָ דאכלאָ אבהתנאָ בארעאָ דמצרים — די אָרעמע ברויט עסען מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג, און אנדערע האָבען דאָס אויך ניט. ווייסט איהר, ליעבע לעזער, אז איהר זייט גרויסע בהמות?

מיט וואָס ? פרעגט איהר. גוט, איך וועל אייך ערקלערען. די צוויי ערשטע נעכט פון פסח זיינען געזעסען א סך רייכע פרומע אידען אויף היסב־בעטען און האָבען געזאָגט : כל דכפין ייתי וייכול, כל דצריך ייתי ויפסח. ווארום זייט איהר ניט געגאַנגען צו זיי עסען ? איהר זאָגט, איהר ווילט זיך ניט אַראָפּוואַרפען — אייך פּאַסט ניט ביי זיי צו בעטלען. גאַנץ רעכט. בני מלכים דארפען זיין שטאָלץ. אָבער אויספּרובירען האָט איהר זיי געמעגט. איהר וואָלט דאַן געזעהן, ווי פאַלש זיי זיינען. איהר וואָלט דאַן פערשטאַנען, אַז זייער אמונה איז א שקר, א בעטרוג. איהר וואָלט דאַן איינגעזעהן, דאָס וואָס איך האָב שוין איינגעזעהן מיט דריי־און־פערציג יאָהר צוריק, דאָס איז : — אַז זיי עפענען די טיר פאַר אליהו הנביא נישט מעהר ווייל זיי ווייסען, אַז ער וועט ניט קומען ; אַז זיי גרייטען איהם אָן א כוס, א גרויסען כוס וויין, נישט מעהר ווייל זיי ווייסען, אַז ער וועט ניט טרינקען . . . לאָז צו זיי קומען אַן אָרעמאַן, וועלען זיי איהם אפילו א קליינע גלאָז וואסער ניט געבען. דאָס וואָלט איהר איינזעהן, ווען איהר וואָלט געקומען, ווען זיי האָבען אייך איינגעלאַדען מיט די ווערטער : כל דכפין ייתי וייכול. און נאָך וואָס וועל איך אייך זאָגען . . . נאָר ווארט. די צוויי מינוט צייט זיינען פארביי, און איך מוז זיך אומקעהרען צו די וועלט און הערען וואָס זי האָט מיר צו ענטפערען. איין ווייליגקע, ליעבער לעזער, מיר וועלען באַלד ווידער שמועסען.

* * *

דו שווייגסט, וועלט ? דו ענטפערסט ניט ? גאָה לעג צריין דיין קאָפּ אין א קעסטיל זאַמד, דו ביזט אויסגעוועבט און אָפּגעלעבט. אָבער איך וועל ענטפערען פאַר דיר. הער מיך אויס : וואָס דיינע „אַלע" טוען איז ניט גוט, איז ניט רעכט, איז ניט קלוג, און איך וועל זיי ניט נאָכטאָן — דו מעגסט מיך רופען משוגענער, ביז דו וועסט הייזעריג ווערען רעדענדיג. דיינע „אַלע" האָבען פיעל נעמען, זיי בעשטעהען פון פיעל קלאַסען, זיי געהערען צו פערשיעדענע נאַציאָנען און רעדען אַלערליי שפּראַ־

כען. איך אָבער טהייל זיי איין אין צוויי קלאַסען. די צוויי קלאַסען רוף איך נאַררען און שופטען. דו דאַרפסט ניט מיינען אַז איך האָב פּאַר זיי קיין פיינערען נאָמען ניט געקענט געפינען. ווען איך וואָלט נור געוואָלט, וואָלט איך זיי געקענט רופען: שעפּסען און וועלף, אָקסען און שוחטים, אַרבייטער און מייסטער, בוימער און העק, בעטראָגענע און בעטריגער, קנעכט און הער־שער, בלוט און פּיאַווקעס, נעגעל און האַמערס, בלאַסע און רויטע, שוואַכע און שטאַרקע, אונשולדיגע און הינטערליסטיגע און טויזענד אַנדערע אַזעלכע מליצה׳דיגע נעמען, אָבער איך וויל ניט; איך רוף זיי גאַנץ איינפאַך נאַררען און שופטען.

היינט איז אַזוי, די גאַנצע מאַסע נאַררען און שופטען וואָס דו, וועלט, רופסט זיי „אַלע“ וואָס, בעטראַכט נור, טוען זיי? די נאַררען אַרבייטען און שמאַכטען, די שופטען געהען אַרום ליידיג און געניסען! — איז דאָס גוט? די נאַררען געהען פּאַר דער צייט אין ד׳ערד אַריין, אום די שופטען זאָלען לעבען פער־גניגט — איז דאָס רעכט?ביידע צוזאַמען ווייסען ניט פון קיין ריכטיגען, פערנינפטיגען לעבען: די שופטען, ווייל זיי איז צו גוט, די נאַררען, ווייל זיי איז צו שלעכט — איז דאָס קלוג? און אויב דאָס, וואָס זיי טוען איז ניט קלוג, ניט רעכט און ניט גוט, וואָרום זאָל איך זיי — דיינע ליעבהאַרציגע „אַלע“ נאָכטאָן? און אויב איך דאַרף זיי טאַקע ניט נאָכטאָן, פאַר וואָס־זשע רופסטו מיך משוגע, האַ?

וועלט, דו ביזט אַ בהמה! לאָמיך זיך אומקעהרען צו מיינע לעזער . . .

* * *

יאַ, ליעבע לעזער, איך וויל אייך נאָך וואָס זאָגען. צוויי מאָל צוויי איז פינף. איהר גלויבט ניט? איבער דריי הונדערט־און־פונפציג מיליאָנען מענשען גלויבען אַז דריי מאָל איינס איז איינס, און איהר גלויבט ניט, אַז צוויי מאָל צוויי איז פינף? אפשר זייט איהר אויך גערעכט. איבריגענס האָב איך אַרום דעם גאָר ניט געוואָלט רעדען. איך האָב עפּעס געהאַט אַנאַנדער ענין

אין קאָפּ . . . די וועלט האָט מיר צושלאָגען מיינע רעיונות . . . נור איך בין איהר קיין שונא ניט. איך וואָלט נור וועלען, אז זי זאָל זיך פיהרען מיט מעהר שכל און זאָל האַלטען איהר צונג אביסעל מעהר אין צוויק און זאָל ניט בעליידיגען מענשען, וואָס זיינען מענשען און ניט אָבעזיאַנעס און ווילען ניט אלץ נאָכטאָן, וואָס „אַלע" טוען. און דאָס ברענגט מיר אויף א געדאַנקען, אויף א גאַנץ נייעם געדאַנקען. אָט איז ער: מען זאָגט אז מענשען קומען ארויס פון אבעזיאַנעס; דאָס קען זיין. ווארום זעלט עס אַנדערש זיין, אז מענשען קומען ניט ארויס פון אָבעזיאַנעס — טאָ ווי שיקט זיך אז ניין־און־ניינציג פון יעדע הונדערט קוקען נור אויף „אַלע" און טאַנצען זיי נאָך? אויף דעם געדאַנקען וואָלט געלוינט צו נעהמען א פּאַטענט, וואָס זאָגט איהר? און איצט זייט געזונדערהייט, ליעבע לעזער, איך האָב נאָך א פּאָר ווערטער צו זאָגען צו די וועלט. מיט אייך וועל איך נאָך רעדען אנאַנדערס מאָל.

* * *

זאָג מיר, וועלט, וואָס האַלסטו פון יענע וועלט? איך וויים ניט פון איהר און וועל געוויס ניט וויסען, ביז איך וועל איהר בעזוכען. די, וויעדער, וואָס זיינען צו איהר אוועקגעגאַנגען, שווייגען. ווער איז זי און וואָס איז זי? פיהרט זי זיך אויך אזוי ווי די? האָט זי אויך דעספּאָטען מיט אונטערדריקטע, נאַררען און שופטען? אָדער ווערען ביי איהר די נאַררען קלוג און די שופטען עהרליך? אויב אזוי וואָלט אפשר געלוינט . . . ניין! איך האָב זיך שיער אויסגערעדט א נאַררישקייט. זאָג מיר נאָך עטוואָס. טראָגען די מלאָכי־חבלה אוניפאָרמס ווי טשינאָווניקעס אין רוסלאַנד, אָדער . . . אה! מיין אייניקעל איז דאָ! ער וועט שוין ניט לאָזען רעדען. זייט־זשע געזונד.

## IV.

## משה בוך — זיין בריעף.

נעכטען, ארום אכט א זייגער פאר־נאכט קריעג איך אייך פער פאסט אזא מין בריעף:

„הערר פילאזאף!

„כ'לעבען, איהר זייט מטורף! איהר רופט אונז אר־
„בייטער נאררען מחמת מיר לעבען ניט גוט. ווי קענען מיר
„זיך העלפען? די שופטען זיינען קלוג און מיר זיינען נאר־
„רען — ווי־זשע זאלען מיר זיך מיט זיי ספראווענען? אויב
„איהר זייט אליין ניט קיין שופט — ענטפערט מיר.
„ממני ידידכם משה בוך."

ווי געפעלט אייך אזא חוצפה! איך האב די גאנצע נאכט אן אויג ניט צוגעטאן טראכטענדיג, און קלערענדיג, און קלערענ־דיג און טראכטענדיג, און ווידער און אבער, און נאך א מאל און ווידער נאך א מאל און דאן פון דאס ניי — ווער דער משה בוך קען זיין. וואס איז דאס פאר א מין בוך? אה ווי מיר האט זיך געוואלט זיין עפעס א שטיקעל רוסישער קייזער, א מענש וואס האט ביי זיך מעהר שפיאנען ווי האאר אין קאפ, ווי רענדלעך אין קאסע! אט וואלט איך זיי א ביסעל א שיק געטאן איבער דער מדינה אויסצליעדעווען ווער דער משה בוך איז; און טאמער איז ער גאר א סאציאליסטישער בוך וואלט איך איהם גלייך אויפ'ן שטעל אונטערדריקט, אדער נאך בעסער, איך וואלט איהם איבערגעענטפערט צום צענזאר און ער וואלט שוין ביי איהם פער־

שוואַרצע גענוואָרען ווי גרויס ער איז. „כ'לעבען, איהר זייט מטורף!" שרייבט ער. כ'לעבען, בוך, איהר זייט א חצוף!

איך האָב שוין אין מיין לעבען אַ סך איבערגעטראָגען — דריי און זעכציג יאָהר אַלט זיין און בלייבען פון דער זייט קבר איז קיין גלייכוועָרטעל ניט! — אָבער דאָס טראָג איך ניט איבער! מען האָט מיר בלוט געלאָזען ווען איך בין אַכט טאָג אַלט געווען און איך האָב אַ וואָרט ניט גערעדט; מען האָט מיך געמוטשעט איבער'ן קליינעם אלף פון ויקרא, איבער'ן גרויסען בית פון בראשית, איבער דעם ארויסגעשפרונגענעם נון פון מנשה, איבער'ן דיקען ואו פון גחון איידער איך האָב געקענט אנטאָן אַ פּאָר האַלבע פּלודורקעס ווי אַלע קינדער פון פינף־זעקס יאָהר — איך האָב דאָס אַריבערגעטראָגען; מען האָט מיר נאָך אַ האָאַר פער'שדכנ'ט צו פונפצעהן יאָהר — דאָס האָט מיך אויך ניט גע־ריהרט; איך האָב דורכגעליִיענט דעם גאַנצען קב־הישר מיט אַלע זיינע שקרים און בין לעבען געבליעבען; דער קעלמער מגיד האָט מיך געריהמט — דאָס האָב איך אויך אַריבערגעטראָגען; מען האָט ביי מיר אוועקגע'גנב'עט אַ פּאָר נייע תפילין און עס האָט מיר ניט געצעפּעט; איך האָב געגעסען פלייש פון לאַנדאָנער שוחטים'ס שחיטה און בין געזונד; איך האָב געשלאָפען אין הייזער אָהן מזוזות — מיר האָט דער טייוועל ניט גענומען; האָב פּרובירט אוועקזאָגען המן'ס אַלע צעהן קינדער — דער שוואַרץ־יאָהר האָט איהם געריסען אנצופלאָדענען אזא סך בנים! — זיי אַלע צעהן אין איין אָטהעם און בין ניט דערשטיקט געוואָרען; האָב געהערט אז דער דייטשער קייזער איז געשטאָרבען — האָב דאָס אויך אַרי־בערגעטראָגען און מיר דאַכט זיך אז אפילו די בשורה פון ביס־מאַרק'ס טויט וואָלט מיך ניט קאָסטען זעהר פיעל געזונד; אַלעס האָב איך רוהיג און געלאַסען אַריבערגעטראָגען, אָבער דער משה בוך מיט זיין בריוועל... ניין, דאָס האַלט איך ניט אויס!!!

ווי דערגעהט מען וועַר דער בוך איז, וואָס און וואו ער איז? אַ מחבר קען ער ניט זיין — אַ אידישער מחבר קען ניט שרייבען אזוי קורץ; אַ רב'ס אַ זון קען ער ניט זיין — אַ רב'ס אַ זון

רופט זיך ניט אין לאָנדאָן מיט אַ אידישען נאָמען; אַ חזן קען ער ניט זיין, ווארום אַן ארבייטער וואָס איז אַ חזן וואָלט זיין אַ דאָפּעלטער נאַר און דאָס זעהט מען פון זיין בריעף ניט ארויס? אַ אידישער משכיל קען ער ניט זיין, פאַר אַ משכיל שרייבט ער צו דייטליך און אָהן צוקעס; ער קען ניט זיין אַ מיסיאָנער — דערצו ווייזט ער מיר אויס עפּעס צו עהרליך; ער קען ניט זיין קיין ווילנער — ער וואָלט זיך דערמיט בעריהמט; ער קען ניט זיין קיין מינסקער — דאָס וואָלט איך געוואוסט ווייל איך קום אליין פון מינסק; ער קען ניט זיין קיין מיטגליעד פון אַ היגען קלוב — דערצו זידעלט ער זיך צו ווייניג, הגם ער איז קיין קליינער חצוף ניט; ער קען ניט זיין דער „משורר" משה חאַשקעס ווארום ער איז משה בוך; ער קען ניט זיין קיין וואָטער־פּרוֹאוּוער ווארום ער לערענט זיך ניט די שחיטה, הגם איך וויים דאָס ניט, אפשר טאַקע יאַ...

אָה, ווי דערגעהט מען ווער ער איז? איך וואָלט אָפּגעשאָ־טען דעם מענשען וואָס ברייגנט מיר איהם מיט... גאָלד? נו, דאָס האָב איך ניט, אָבער מיט פילאָזאָפישע געדאַנקען; איך וואָלט איהם איבערגעגעבען מיין חלק שור הבר, כאָטש איך האָב רינדפלייש העלטער ווי אַלץ אין דער וועלט, אפילו ווי לידזער מצה; איך וואָלט איהם געקומען צו חלום נאָכ'ן טויט; איך וואָלט איהם געלערענט עברי אויב ער איז אַ גבאי אין אַ היגען מנין און איך וואָלט איהם געמאַכט פאַר אַ גבאי אויב ער איז נאָך ניט; איך וואָלט איהם די' פיס געוואַשען און די וואַסער געטרונקען, ווען אויך דאָס וואָלט מיר אפשר ניט וואויל בעקומען; איך וואָלט איהם געמאַכט פאַר אַ סעקרעטער פון אַ פילאַנטראָ־פישע סאָסייטע און ער וואָלט געהאַט צוויי דריטעל פון די גאַנצע הכנסה חוץ דעם כבוד דערפון; איך וואָלט איהם בעקאַנט גע־מאַכט מיט מיין אייניקעל און אויב ער האָט פיינט קשיות וואָלט איך איהם אויסגעהיט פון איהם; איך וואָלט איהם געבענשט...

נאַר וואָס איז דאָ צו רעדען? משה בוך, איהם וועט קיינער אזוי לייכט ניט ארויסגעפינען אפילו די לאָנדאָנער פּאָליציי ניט,

וואָס זיי האָבען איין דזשעק־דער־ריפּער אפשר צוואַנציג מאָל גע־כאַפּט און איהם איז זעהר שווער געווען צו כאַפּען. טאָמער אָבער טרעפט איהם (משה׳ן, ניט דזשעק!) ווער עס איז פון אייך זאָגט איהם אַז — די נאַררען דאַרפען נור מאַכען יד אחת געגען די שופטען, וועלען די שופטען קיין שופטען ניט זיין און די נאַררען קיין נאַררען ניט.

(אַרום יענע צייט זיינען אין לאָנדאָן פאָרגעקומען עטליכע שרעק־ליכע מאָרדען געגען אונגליקליכע פרויען; מען האָט זיי געפונען מיט אויפגעשניטענע לייבער (אויף ענגליש הייסט דאָס ריפּט אַפּ) און דעם מערדער האָט מען ניט געפונען. דיעזען אונבעקאַנטען מערדער האָט דער עולם אַ נאָמען געגעבען „דזשעק דער ריפּער.“)

## V.

## פראָסט געפלאַפּערט.

עסט ניט פיעל איידער איהר לעגט זיך שלאָפען! טאָמער זייט איהר — ניט פאר קיין אידען געדאכט! — דענקענדע מענ־שען, דאן עסט גאר ניט פאר'ן שלאָף! הערט וואָס מען זאָגט אייך און פאָלגט אַז עלטער'ן. און אויב איהר ווילט מיר ניט פאָלגען בלינד, הערט אוים א מעשה:

פאר־אכט־טאָגען דאָנערסטאָג האָב איך געקראָגען צו וויסען, אַז מיינע א שכנ'טע, אַן אלמנה, האַלט ביי'ן שטארבען. איך האָב אָנגעטהאָן מיינע ספאקולען, מיין קאָפּעלוש און מיין אויבער־ראָק און בין אוועקגעגאַנגען זעהן וואָס דאָרטען הערט זיך. בין געקומען צו יציאת־הנפש — — —

האַלט! א פּאָר ווערטער וועגען יציאת־הנפש. איהר הערט זעהר אָפט מענשען זאָגענדיג, אַז זיי זיינען געווען ביי'ן יציאת־הנפש פון איינעם וואָס איז ניט לאַנג געשטאָרבען. האָט שוין ווער געזעהן, פרעג איך אייך, ווי די נשמה איז אויסגעגאַנגען? איך ניט. איך האָב געזעהן מענשען וואָס זיי איז „ארויסגעגאַנגען די נשמה פון קאָפּ פאר א גראָשען", אָבער דאָס איז געווען פאר'ן לעבען, ניט פאר'ן טויט. איבערהויפּט וואָלט איך וועלען וויסען ווי די נשמה געהט אוים, אויף וואָס פאר אַן אופן זי געהט אוים? אויסגעהן קען מען אויף פערשיעדענע אופנים אפילו שמונה־עשרה. א ליכט געהט אויך ניט אוים אלע מאָל גלייך און ניט אלע קליידער געהען אוים אויף דעמזעלביגען אופן פון דער מאָדע. מענשען געהען אוים שפּאציערען, מענשען געהען אוים פון די כחות, מענשען געהען אוים'ן הויט, מענשען געהען אוים פאר א זאך וואָס זיי

ווילט זיך, מענשען געהען אוים פאר הונגער און אין לאָנדאָן געהען מענשען אוים „טרעוולען”. אָבער אויסגעהן און אויסגעהן איז ניט גלייך. איך האָב געזעהען ווי ביי מענשען איז אויסגעגאַנ־גען דער פייער ווייל ביי זיי איז אויסגעגאַנגען געלד, אָבערביידע אַרטיקלען געהען ניט אוים ביי אַלעמען גלייך. זייגערס, געהען אויך אוים אָבער ניט אַלע זייגערס געהען אוים איינער ווי דער אַנ־דערער — מיין זייגער, למשל, געהט אימער אוים אויף מאָרגען נאָכ'ן פערזעצען. ווי־זשע געהט אוים די נשמה, פרעג איך?

עס קען זיין אַז די נשמה געהט גאָר ניט אוים. עס איז דאָ א סך זאַכען וואָס מען הערט פון זיי און מען זעהט זיי ניט. מען זאָגט: יענער קאַיט די ערד. האָט שוין ווער עס איז געזעהען מענשען קאַיענדיג ערד? אין טערקישען קריעג האָבען די רוסישע סאָלדאַטען געקאַיט גיפּס, וואָרום די פּאָדריאַדטשיקעס האָבען ארויסגעפונען אַז גיפּסענע מעהל איז וועלוועלער ווי ווייצענע און אַז א מענש געהט שוין יאָ שטאַרבען, מאַכט איהם ניט שטאַרק אוים צו ער שטאַרבט פון טערקישע קוילען אָדער פון בויכוועהטאָג. דאָס איז אמת, אָבער גיפּס איז גיפּס און ערד איז ערד, און ערד קאַיט קיינער ניט, דער עולם מעג זיך זאָגען וואָס ער וויל. איצט נעהמט אַנאַנדער זאַך... ניט א דבר־אחר, איך מיין איינפאַך אַנאַנדער פערדמעט. אָט איז... וואָרט א ווייַלינקע. איהר מעגט הערען א גוט וואָרט פון מיין אייניקעל:

היינט אין דער פריה האָב איך גערעדט מיט איהם וועגען פּראָצענטניקעס. אין גרוים היץ האָב איך אָנגערופען א געוויסען פּראָצענטניק — דבר־אחר. „זיידע, זאָגט ער, איך וואָלט א פּראָ־צענטניק ניט פערגליכען מיט א דבר־אחר”. „פאַרוואָס ניט?” פרעג איך. „פאַרוואָס? זאָגט ער, מחמת דאָס איז א בעליידיגונג פיר די שווינע...”

ניט שלעכט פאר א אינגעל פון אכט יאָהר, הא? נאָר לאָמיך זיך ניט צופיעל פאַנאַנדערלאָזען וועגען דברים־אחרים, דאָס איז א געפעהרליכער געגענשטאַנד. איך האָב א מאָל אָנגעגריפען (דאָס איז געווען אין א בייזע שעה!) איינעם, וואָס איך האָב איהם

געהאַלטען פאר אַ בהמת, אָבער אַ כשר'ע בהמה'לע; עס האָט זיך אָבער ארויסגעשטעלט אַז ער איז אַ דבר־אחר. די מעשה האָט מיר געקאָסט געזונד און צייט און געלד... געלד? דאַכט זיך דאָס גראָד ניט. ווארום איך האָב ניט געהאַט. בקיצור איך וועל איצט אַ צעהנטען פערזאָגען מיט אַזעלכען זיך אָנצוהויבען. משה רבינו איז קיין נארר ניט געוועזן; ניט נור נאָך די דעה נאָך פון די וואָס זאָגען אַז משה לא היה ולא נברא, אפילו נאָך די וואָס גלויבען אין דער תורה מיט אַלע מפרשים. צו ער איז ווירקליך געוועזן דער גרעסטער ענו פון אַלע מענשען און האָט דאָס אליין אויף זיך געשריבען — דאָס ווייס איך ניט, אָבער קיין נארר איז ער ניט געוועזן און ווען ער האָט אידען אָנגעזאָגט אַז זיי זאָלען מיט אַ דבר־אחר ניט האָבען צו טאָן איז ער געווען גערעכט. איך וועל דערפאַר ארום דעם געגענשטאַנד ניט מעהר רעדען. נחזור לענייננו.

איצט נעהמט אַנאַנדער... אַנאַנדער פּרעדמעט. מען זאָגט: יענער איז אַ גנב, אַ ווייסעל פון אויג. וואָר, פרעג איך ווייעדער, האָט אַ ווייסעל פון אויג געזעהען גנב'ענדיג? ווי קומט אַ גנב צו אַ ווייסעל פון אויג? איך קען פערשטעהן ווי אַ גנב קומט צו אַ ווייסעל פון אוי, אָבער די שייכות פון אַ ווייסעל פון אויג מיט אַ גנב איז ניט גרעסער ווי די שייכות פון אַ פּאַטש צו גוט־שבת. דער אמת איז, מענשען רעדען ארום זאַכען וואָס זיי פערשטעהען ניט.

אָט איז נאָך אַ ביישפּיעל: מען זאָגט היער אין ענגלאַנד: די און די מיידעל „געהט" חתונה האָבען. דאָס איז אויך ניט מעהר ווי געזאָגט; קיין אידישע מיידעל געהט ניט חתונה האָבען, זי פּאָהרט; אַנדערע ווילען זאָגאַר ניט אַנדערש פּאָהרען ווי אין אַ קאַרעטע. רופט איהר דאָס געהן? מענשען רעדען ווי עס פּאַלט זיי אַריין אין מויל; אַזוי רעדען זיי ארום אַלץ און עס קען זיין אַז דאָס וואָס מען זאָגט: ביי יענעם איז די נשמה ארויסגעגאַנגען איז אויך ניט מעהר ווי געזאָגט און אַז אין אמת'ן געהט גאָר ביי קיינעם די נשמה ניט ארויס.

ווי אזוי בין איך ארויפגעקומען אויף די רייד? אה, ריכטיג! רעדענדיג וועגען מיין שכנ׳טע די אלמנה, צו וועלכע איך בין געקומען קורץ פאר איהר טויט. די מעשה איז זעהר אינטערעסאנט. ווען איהר וועט איהר הערען וועט איהר פערשטעהן פאר וואס עס איז ניט כדאי צו עסען פאר׳ן שלאף. נאר היינט קענט איהר די מעשה ניט הערען, ווארום איך האב דערצו קיין צייט ניט. אנאנדערס מאל.

VI.

## אלץ ניט דאָס.

אויב איהר געדענקט בין איך פאַר־אַכט־טאָגען דאָנערשטאג געוועזן ביי מיין שכנ׳טעס טויט. פרייטאָג איז געווען די לויה און ביי דער לויה בין איך אויך געוועזן. נאָך דער לויה בין איך א צייט ארומגעגאַנגען אין גאַס און בין געקומען אהיים פערמאַטערט און הונגעריג...

ווער עס וויל זיין ביי א ריכטיגע אמת׳ע לויה, און וויל זעהן ריינע עהרליכע טרערען, און וויל הערען אַן ערנסטען, הערצליכען קלאָג — זאָל געהן מלוה זיין אַן אָרימאַן וואָס לאָזט איבער קינ־דער, אָרעמע קינדער. רייכע קינדער, זיי מעגען זייער פאָטער ווער ווייס ווי ליעבען, קענען קיינמאָל ניט גאַנץ אויפריכטיג וויינען, ווייל דעם פאָטער׳ס טויט מאַכט דאָך פון געצוואונגענע קינדער־פרייע מענשען און עס לעבט זיך נאַכהער עפּעס גאַר אַנדערש ווען מען האָט אויף זיך קיין אויבערהאַר ניט מעהר און מען קען פער־שפּיעלען צעהן מאָל אַזוי פיעל אין קאָרטען און קיינער זידעלט זיך ניט. אָרעמע קינדער וויינען ניט וואָס זייער פאָטער איז ניט גע־שטאָרבען מיט צעהן יאָהר צוריק און רייסען זיך ניט גלייך נאָכ׳ן טויט איבער די ירושה.

גלויבט ניט די שבועה פון א קרעמער, די גוט־האַרציגקייט פון א „פעטער״, די מענשענליעבע פון א גענעראַל, די פאָלקס־פריינדשאַפט פון א קייזער, די עהרליכקייט פון א דיפּלאָמאַט, די פאָטער־ליעבע פון א קרוינפּרינץ, די צניעות פון א יונגע קע־ניגליכע אלמנה, די שעהנהייט פון א שוישפּיעלערין, די יוגענד־ליכקייט פון א שוישפּיעלער און דעם „מיר״ פון א צייטונג־שריי־

בער. דעם צייטונג־שרייבער׳ס מיר איז איך, דער שווישפּיעלער איז ניט אזוי יונג ווי ער זעהט אויס, די שווישפּיעלערין אויף דער ביהנע איז געשטאָרבען, די קעניגליכע יונגע אלמנה האָט ארום זיך פאַלקאָווניקעס, דעם קרוינפּרינץ ווילט זיך די קרוין, דער קייזער ליעבט זיין פאָלק ווי דער ישובניק זיין קוה, דער גענעראל איז בטבע א מערדער, דער פעטער — א שטיינערנער רך־לב און דער קרעמער — א ליעגנער. איהר זאָלט דערפאר קיינעם פון זיי ניט גלויבען, אָבער נאָך פיעל וועניגער ווי זיי אַלעמען זאָלט איהר גלויבען די טרערען פון א יונגען יורש ווען איהר זעהט איהם אויף דער לויה פון זיין רייכען פאָטער.

דארום זאָג איך: אויב איהר ווילט זעהן אמת׳ע טרערען געהט מלוה זיין אָרעמע־לייט. אזעלכע טרערען האָב איך געזעהן אויף מיין שכנ׳טעס לויה, פון וועלכע איך בין צוריק געקומען מיעד און הונגעריג אהיים...

הונגעריג — אהיים! מיין אייניקעל (זאָל זיך האָדעווען אויף לאנגע יאָהר!) קומט אַלע טאָג הונגעריג אהיים, אָבער ער האָט א היים וואוהין צו קומען און ער געפינט עטוואָס מיט וואָס צו שטילען דעם הונגער. ווער וויים צו פערשטעהען די זאטע מענשען, וואָס וואוינען אין גרויסע הייזער, וואָס דאָס הייסט אזוינס זיין הונגעריג און ניט האָבען קיין היים? ווער וויים צו קענען זיי בעגרייפען ווי א מענשען איז צו מוטה, ווען ער געהט ארום ביי נאכט אין גאס, ווייל ער האָט ניט וואו די קאָפּ אוועקצולעגען און ער איז דערצו נאָך הונגעריג? וועט ווען עס איז קומען א צייט ווען מען וועט זיי געבען צו פערזוכען א פּאָאר מעת־לעת ניט עסען מיט א נאכטלעגער אין גאס? איך וויל אויף זיי קיין נקמה ניט זעהן — ניט איך: איך בין פילאָזאָף גענוג אום צו פערשטעהן אז עס איז ניט דעם מענשען׳ס שולד, וואָס ער ווערט געבאָרען אין א העמ־דעלע. וואס קען אן „אָרעמער“ גביר נעבעך טאָן, ווען זיין פאָטער איז רייך געוואָרען פון אָרעמע לייט׳ס ארבייט און האָט איהם געלאָזען א גרויסע ירושה? איז דאָס זיין שולד? געוויס ניט און איך האָב צו איהם גאָר נישט. אָבער וועלען וואָלט איך

דערלעבען די צייט ווען די רייכע לייט וועלען קריעגען צו וויסען וואס א תענית אהן אנצובייסען האט צו בעדייטען, לאזען זיי וויסען „פא טשעמו פונט ליכא”.

א תענית אהן אן אנצובייסען מיט א נאכטלעגער אונטער א בריק! מיין פעדער שרייבט דאס געלאסען און רוהיג א שטייגער אזוי ווי זי וואלט געשריבען א תנאים פאר א חתן־כלה וואס פער־הייראטהען זיך ווייל ער איז אן אלמן און זי א גרושה און איך וויל דא פערדיענען שדכנות און מעהר גאר נישט. ווייס מיין פע־דער די ריכטיגע בעדייטונג פון די שרעקליכע ווערטער? ניט מעהר ווי דער „רייכער מאן, נעבאך” וואס ווערט משוגע טראכ־טענדיג ווי אזוי צו פערספענדען דעם טאטען'ס ירושה. און פון וואנען זאל אזא דומע פעדער מיט אן אייזערנער הארץ וויסען אזעלכע זאכען? פארצייטיגע פעדערען פלעגען ארויסקומען פון געגנז, פון לעבעדיגע בעשעפעניסען און אפילו זיי האבען מיט זיך געלאזען שרייבען טויט־אורטהיילע פון געקרוינטע און ניט געקרוינ־טע מערדער און פיעלע אנדערע שענדליכע זאכען. וואס־זשע קען מען פערלאנגען פון א שטאלענע פעדער, וואס קומט ארויס פון דעמזעלביגען מעטאל פון וועלכען מען מאכט הארמאטען און ביקסען, חלפים פאר פיער־פיסיגע בהמות און שווערדען פאר צוויי־פיסיגע, נארישע נעגעל וואס קריכען אומעטום אריין ביז'ן האלז, אזוי גיך ווי זיי קריגען א טראסק אין קאפ פון אנאנדער דומע שטיק אייזען אין דער האנד פון א מענשען, גראדע אזוי ווי דער נאגעל וואלט גע־ווען אן ארבייטער וואס ווערט געשלאגען פון א ווערק־פיהרער, וואס ער איז אליין א גערונגענער שקלאף ביי א פאבריקאנט. אט פון אזא משפחה קומט מיין פעדער — קומען אלע היינטיגע פעדערען — ארויס, היינט געה פערלאנג פון איהר געפיהל!

נאר ניט ארום דעם האב איך געוואלט רעדען. איך האב אייך געוואלט דערצעהלען א העכסט אינטערעסאנטע מעשה, א חלום וואס מיר האט זיך געחלום'ט קומענדיג אהיים נאך מיין שכנה'טעס לויה. איך האב געוואלט בעווייזען ווי געפעהרליך עס איז צו עסען פאר'ן שלאף, איבערהויפט ווען מען איז א דענ־

קענדער מענש. דאָס האָב איך געוואָלט, נור מיינע געדאַנקען זיינען אזוי צושלאָגען אַז איך קען קיינמאָל ניט אויפשרייבען וואָס איך וויל, אַ גוטער שרייבער דאַרף אייגענטליך גאָר ניט דענקען, אָדער ער דאַרף קענען האַלטען זיינע געדאַנקען אין צוויק. ווען ער קען דאָס ניט, דאַרף ער ווייניגסטענס קענען איינהאַלטען די געפעהרליכע געדאַנקען, זיי זאָלען ניט שטערען דעם גאַנג פון די מעשה וואָס ער בעשרייבט, אָדער זיי גאָר בעהאַלטען, בעהאַלטען אונטער אַ באַרג פראַזען, פוסטע לייכטע פראַזען, וואָס קענען דעם קלענסטען געדאַנקען ניט צוקוועטשען און בעהאַלטען איהם דאָך... ווי אידישע מחברים טוען זעהר אָפט מיט זייערע געדאַנקען. איך וועל קיינמאָל קיין גוטער שרייבער ניט זיין. דאָס וויים איך. דאָס האָב איך געוואוסט מיט עטליכע און פערציג יאָהר צוריק, ווען... נור וואָס איז דאָ צו רעדען? וואָס איז געווען, איז געווען — האָט אַ קלוגע ישובניצע אַמאָל געזאָגט ווען זי האָט דעם ערשטען מאָל געהערט פון חורבן בית המקדש. אויב זי לעבט נאָך, זאָל זי לאַנג לעבען.

VII.

## אויגען.

ווי איך האָב אייך שוין עטליכע מאָל געזאָגט בין איך געקומען מיעד און הונגעריג אהיים פון מיין שכנ'טעס לויה. איך האָב אָפּגע־געסען וועטשערע און האָב מיך גלייך געלעגט שלאָפען. אזוי ווי איך האָב געוואָלט זיין זיכער, אז איך וועל איינשלאָפען, האָב איך גענומען לעזען „די לעצטע נאכריכטען" אין א אידישע צייטונג — ווי זי הייסט זאָג איך ניט, בכדי אז דער רעדאקטאָר זאָל זיך ניט איבערנעהמען מיט דעם וואָס איך לעז זיין בלאט — און ביי די ערשטע ווערטער פון די ערשטע פון דיעזע לעצטע נאכריכטען בין איך איינגעשלאָפען. דאָס איז געווען א שטיקעל נייעס, ארויסגענומען פון דעם פאר־אכט־טאָגען־פרייטאָגדיגען „לאָנדאָנער הערראַלד", וועלכער האָט דאָס געהאט ארויסגענומען פון דעם מאָנטאָגדיגען „דיילי טעלעגראף", וועלכער האָט דאָס געקראָגען צו וויסען דורך א קאָררעספּאָנדענץ אין די „קעלנישע צייטונג", וועלכע האָט דאָס געהאט איבערזעצט פון די „נאָוואָיע ווּרעמיא" פון א פּאָאר טעג פריהער, און וועלכע האָט נאטירליך דאָס געקראָגען צוגעשיקט פון א זייטיגען קאָררעספּאָנדענט, וואָס ער איז וואהרשיינליך א ליגנער. יעדענפאלס האָב איך ניט אומ־זיסט די צייטונג געלעזען: איך האָב איינגעשלאָפען.

און אזוי ווי מיר רעדען פון איינשלאָפען, מעג איך אייך, מיינע ליעבע לעזער, געבען אן עצה. אויב איהר זייט פרום און איהר האָפט צו זעהן ווי דער הימעל עפענט זיך, אָדער איהר ווארט אויף אייער חתימה — לעזט קיין שום אידישע צייטונג ניט די ערשטע נאכט שבועות און די נאכט פון הושענא־רבה; טאָמער

אבער זייט איהר ניט פרום, דאן לעזט זיי גאר ניט, סיידען איהר ליידט פון צאהנוועהטאג און אפילו דאן איז אפשר אויך כדאי׳ער צו נעהמען א פאר־צוויי־יאהריגען לוח, אדער די אינגעווייט פון פון אן אלטע קמיע, אדער „פיכטע׳ס רעדען אן די דייטשע נאציאן“ (אויב איהר זייט מבין בלשון אשכנז; אויב ניט איז אודאי גוט!) אדער א קאטאלאג פון א מוכר־ספרים, אדער די יוצרות פון פרשת־פרה — אלץ אזעלכע זאכען, וואס ווירקען אזוי גוט וויא א שלאפטרונק, אדער ווי א אידישע צייטונג און זיי האבען די מעלה וואס נאך זיי חלומט זיך ניט פון מלחמות, סטרייקס, פון גלעדסטאן, פון ביסמארק, פון בולאנזשע, פון דעם אקארשט געבארענעם פרינץ באטטענבערג, פון דעם קעניגעל פון שפאניען, וועלכער געהט נאך אהן פלודערקעס און נאך אנדערע גרויסע און וויכטיגע פערזאנען און זאכען.

רעדענדיג פון דעם קליינעם שפאנישען קעניגעל פאלט מיר איין אזא מין געדאנקען: — צו לאזט זיך זיין מאיעסטעטעלע ווישען דעם קעניגליכען נעזעלע, אהנע צו בריקען מיט זיינע אללערהעכסטע פיסעלעך? גערוהט זיינע מאיעסטעטעלע צו עסען מיט א פארטוכעל, אדער קאמאנדירט ער זיינע אלעראונטערטהעניגסטע ניאניא איהם צו לאזען זיך איינריכטען די קעניגליכע קליידעלעך? גערוהט ער שוין צו רעדען שארף? האט, ווער ווייס, זיינע מאיעסטעטעלע שוין געפאקט און געמאזעלט? זיינען איהם לייכט אנגעקומען דיא אלערהעכסטע ציינדעלאך? וואס מאכען זיינע קעניגליכע אויגען?...

אה, די אויגען! דאס עראינערט מיך אן דעם, ארום וואס איך האב געוואלט רעדען. לאמיך זיך צוריקקעהרען צו מיין ערצעהלונג. ווי געזאגט, האב איך איינגעשלאפען. מיט אמאל איז ביי מיר אין צימער געווארען ליכטיג און א רגע שפעטער גלייך וויעדער פינסטער. פאר מיר איז געשטאנען א שוידערהאפטע געשטאלט מיט אונגעהייער פיעל אויגען, מיט מעהר אויגען ווי שטערען אין הימעל, ווי מיקראסקאפישע חיה׳לעך אין א לאנדאנער גלאז וואסער, ווי נאררישקייטען אין א יאהרגאנג „בערלינער

טאגעבלאט", ווי ליגענס אין אלע מדרשים; מעהר ווי אָרעמע לייט אין ענגלאנד, ווי פאנאטיקער אין שפּאניען, ווי שפּיאָנען אין רוסלאנד, ווי בעריהמערס אין אמעריקא, ווי דועליסטען אין פראנק־רייך, ווי בעטלער אין איטאליען, ווי קייזער־געצענדינער אין עסט־רייך, ווי לאפּקע־נעהמערס אין דער טירקיי און ווי קארטאָפעל אין אירלאנד. אָט אזא שרעקליכע געשטאלט מיט אזוי פיעל אויגען איז איצט געשטאַנען פאר מיר. איך האָב, נאטירליך, גלייך פערשטאַנען ווער דער בעל־דבר איז; דאָס איז געווען דער... דער מלאך־המות אליין.

איידער איך מאך אייך בעקאַנט מיט'ן מלאך־המות (איהר האָלט זיך דאָס געווים ניט זעהר שטארק זיין בעקאנטשאפט צו מאכען!) לאָמיך אייך עטוואס זאָגען וועגען זיינע אויגען.

איך האָב אלץ געמיינט, אז דאָס וואס מען זאָגט, אז ער (דער ניט־גוטער) האָט אזוי פיעל אויגען, האָבען דאָס נור אונזערע אידען אויסגעטראכט. אפשר מיינען זיי דערמיט — האָב איך גערעכענט — אז ווען דער מלאך־המות וואָלט ניט געהאַט אזוי פיעל אויגען, וואָלטען זיך פיעלע אידעלאך ארויסגעדרעהט פון זיינע הענד, א פּנים ווי זיי דרעהען זיך ארויס פון דעם רוסישען קיסר'ס הענד, וואָס ער האָט אויך א סך אויגען (הגם צו יעדע פּאָאר פון זיינע אויגען איז דאָ א בעזונדערע בייכעל, וואָס אויף איהר קוקען די אויגען מעהר ווי אויף אלץ אין דער וועלט!). קורץ און גוט, אזוי האָב איך אלץ גערעכענט, אָבער, ווי איך זעה איצטער איין, האָב איך געלעבט אין טעות. דער מלאך־המות האָט באמת אונגעהויער פיעל אויגען, אויגען אָהן א צאָהל, אָהן א שעור און אָהן אן ערך. אפילו ר' טרייטעל באלבירישקער איז לגבי איהם ווי דער געוועזענער קעניג מילאן פון סערביען געגען אלכסנדר מוקדן, אָדער ווי דער שמש פון איינעם פון די טויזענ־דער מנינים אין ווילנא לגבי ביסמארק. מינסקער אידען וועלען גלייך וויסען ארום וועמען איך רעד, אָבער אזוי ווי עס זיינען דאָ ניט־מינסקער אידען אויך אין דער וועלט, מוז איך זאָגען, אז ר' טרייטעל באלבירישקער האַלט מען ביי אונז אין מינסק

פאר א מענשען מיט מעהר אויגען ווי יעדער אנדער מענש. מען זאָגט אז ער האָט חוץ די געוועהנליכע צוויי אויגען, אַן אויג ביי׳ן רב (דער רב קריגט פון איהם א רויטע אסיגנאציע יעדען יום־טוב), און אויג וויעדער ביי׳ן גובערנאַטאָר להבדיל (ר׳ טרייטעל איז א משכיל, רעדט רוסיש און האָט א בילד־שעהנע יונגע דריטע ווייב, וועלכע רעדט רוסיש נאָך בעסער פאר איהם) און א סך הינעראויגען.

„די אָרעמע לייט איז גוט״ — האָט ר׳ טרייטעל צו מיר אמאָל געזאָגט — „זיי געהען ענטוועדער אין אַלטע שיך, אָדער גאָר אָהן שיך און ליידען דערפאר ניט פון הינעראויגען.״

„דעם מיטעל צו הינעראויגען״ — האָב איך איהם געענטפערט — „וואָלט איך געהייסען די קצינים אויך פּרובירען. אפשר וואָלט זיי אפּעטיט אויך ניט פעהלען, ווען זיי וואָלטען דערצו געטאָן וואָס די אָרעמע לייט טוען — אונטערהונגערען צייטענווייז.״

## VIII.

## דער מלאך המות.

בקיצור, דער מלאך המות אליין איז געשטאנען פאר מיינע אויגען. „קומסטו נאך מיר?“ האב איך איהם געפרעגט, ציטערענדיג אין אלע מיינע אברים, ווארום יא פילאזאף, ניט פילאזאף — גראדע דאן האב איך קיין חשק ניט געהאט צו שטארבען.

„ניין אלטינקער, איך קום צו דיר,“ האט ער געענטפערט און האט אזוי פארטגעזעצט: איך קום צו דיר, ווייל איך וויל מיך מיט דיר אביסעל דורכרעדען. דיין טויט בעדארף איך ניט, אים געגענטהייל, איך וויל, אז דו זאלסט נאך לעבען, בכדי אז דו זאלסט איבערגעבען אנדערע, וואס איך וועל דיר זאגען.“

„רעד־זשע, רעד, איך הער“ האב איך געזאגט. „דו ווייסט“ האט ער זיך אבגערופען, אז איך האב א נאמען פאר א שלעכטען אין דער וועלט ביי אייך; מענשען מיינען, אז איך בין א געדונגענער קאט, וואס טויטעט, ווייל ער האט קיין אנדער בעשעפטיגונג ניט. האלב איז דאס אמת און וואלט מען אויף מיר געזאגט ניט מעהר, ווי דאס, וואלט איך שוין געשוויגען. אבער זיי בענוגענען זיך ניט דערמיט: זיי זאגען, אז איך האב גאר הנאה פון הרג'ענען מענשען — דאס, זעהסטו, פערדריסט מיך. זאג מיר, דו ביזט דאך עפעס א שטיקעל פילאזאף, וואס האב איך געקענט האבען פאר א שנאה געגען דיין שכנ'טע, וואס איז היינט געשטארבען? וואס האט זי מיר געטאן? וואס, למשל, קען איך האבען צו די מיליאנען עופ'עלעך, ארעמע קליינע קינדער, פון א טאג ביז פינף יאהר אלט וואס איך ברייננ זיי אלע יאהר דעם טויט?“

„אדרבה, פאר וואס טוסטו דאס?“

„פארוואס ? פארוואס קוילעט דער חלף דיא הוהן ? פארוואס שנייט די זעג דעם בוים ? פארוואס שיסט דער ביקס דעם סאלדאט ? דער ביקס, די זעג, דער חלף זיי זיינען ניט שולדיג, זיי טוען, וואס דעם מענשען'ס האנד הייסט, זיי זיינען ווערקצייג צום מארדען און דאס געמליכע בין איך אויך."

„קען זיין, ווי קומט עס אבער, אז מען האט אויף דיר אויס־געטראכט אזא שם־רע ?"

„אט דאס, זעהסטו, וויל איך דיר ערקלערען. דאס איז זעהר איינפאך, ביי אייך מענשען איז דער פיהרונג אזוי, אז איינער האט צופיעל און דער אנדערער גאר ניט. ביי אייך זיינען דא עטליכע רייכע לייט און אהן א שיעור אביונים. די אביונים הארעווען פאר די רייכע און האבען אליין ניט פון וואנען צו לעבען. די אביונים שטארבען טויזענדערוייז פאר דער צייט. די רייכע האבען מורא, טאמער וועלען די אביונים דאס איינזעהן און מאכען א געוואלט. וואס טוען זיי ? דינגען זיי געלערנטע פרומע גנבים, אז זיי זאלען ארומגעהען און זאגען, אז דאס, וואס די ארעמע לייט שטארבען אזוי פיעל, איז דאס מיין שולד..."

„וואס איך הער !"

„געוויס. הער ווייטער. ווען א מענש לעבט שלעכט, ווען ער וואוינט אין שמוץ, אין איין חדר מיט נאך פינף־זעקס נפשות, און עסט ניט גענוג און שלאפט ניט פון דאגות, ווערט ער נאטירליך קראנק. ער געהט ארום, ער רעדט, ער טוט און זעהט אויס אויפ'ן פנים געזונד, אבער אינערליך איז ער א קראנקער מענש. אזעלכער האט חתונה מיט א מיידעל, וואס איז נ'יט געזונטער פאר איהם אליין. זיי לעבען און האבען קראנקע קינדער. די קראנקע קינדער האבען ניט קיין גוטע אויפפאסונג, קיין ריינע לופט, אפילו ניט קיין געזונדע מוטער־מילך. זיי שטארבען טויזענדוויי. דאס קרענקט די אביונים. זיי האבען אפילו ניט וואס די קינדער צו געבען עסען, אבער זיי ליעבען זיי דאך. אום זיי זאלען ניט מאכען יד־אחת געגען די, וואס נעהמען פון זיי אלץ אוועק זאגען די געדונגענע פרומע ליגנערס, אז דער בייזער מלאך־המות איז אין דעם שולדיג."

„אי, אי, אי !"

„הער ווייטער. די רייכע בויען שיפען צום זינקען, ווייל זיי פערזיכערען די שיפען מיט די סחורה אין מעהר געלד, ווי זיי זיינען ווערטה, און אביונים ווערען דערטרונקען; זיי ווערען רייך פון קילענגרובען, וואס די גרעבער אין זיי פעדלירען הונדערטערוויז דאס לעבען; זיי מאכען שרעקליכע מלחמות און הרג'ענען צו מיים־טענס ארעמע לייט; זיי בויען פאבריקען אויף אזא מין אופן, אז עס זאלען קענען פלאטצען קעסלען, אדער אנדערע אונגליקען זאלען מעגליך זיין, אבי זיי זאל אלץ קאסטען וועלוועלער דער מאכען; זיי האנדלען מיט ברויט און העכערען דעם פרייז פון עסענווארג, אום רייכער צו ווערען, און די אביונים שטארבען דערווייל פאר הונגער. זיי טוען דאס און טויזענד אנדערע זאכען און אזוי ווי זיי האבען אין גרונד הארצען מורא פאר די אביונים, ווייל די אביונים זיינען פיעל און זיי זיינען ווייניג — ווארפען זייערע געדונגענע פרומע ליגנערס דעם בלבול אויף מיר.“

„דאס איז זעהר לייכט מעגליך.“

„מעגליך? אזוי איז דאס. אט וועל איך דיר אין קורצע ווערטער דערצעהלען א מעשה:

פאר א יאהרען האבען חתונה געהאט צוויי יונגע מענשען. ער האט געארבייט אין פאבריק, זי ביי א נייטערקע. זיי האבען זיך גע־ליעבט, חיים געליעבט! ער האט אבער שוין אונטער דער חופה געהאט א לונגען־פעהלער און א פאאר חדשים נאך דער חתונה האב איך געקראגען דעם אויפטראג צו געהן צו איהם. איך בין געקומען. ער איז געלעגען אהן כוחות, אהן לעבען, כמעט, אויף אן ארעמען געלעגער. זיין יונגע ווייב האט געוויינט מיט בלוטיגע טרערען און ער איז געשטארבען... זי איז געבליעבען אהן ברויט. זי האט ניט געקענט קריגען קיין ארבייט און איז געווען צו שטאלץ ביי זיך אום צו בעטלען. איהר הארץ האט זי מיטגעגעבען דעם מאן אין קבר אריין, אבער אין איהר לייב איז געוואקסען די פרוכט פון איהר ליעבע. אין צרות, אין הונגער, אין נויט — אבער געוואקסען איז עס. זעקס, זיעבען מאנאט זיינען אזוי פערגאנגען. ווי זי האט געלעבט, ווייס איך ניט. ענדליך האט זי געהאט א קינד און א טאג

שפעטער האט מען מיך געשיקט איהר בעפרייען פון דלות. זי האט אליין געוואלט שטארבען, אבער זי האט געטראכט ארום איהר עופ'עלע און האט געוויינט. איך האב איהר געלאזען א קוק טאן, א לעצטען קוק טאן אויף איהר קינד און האב איהר דאן אוועקגענומען פון דער וועלט.

„נעכטען האב איך צוגענומען איהר קינד."

„אונגליקליכע פאמיליע!" האב איך אויסגערופען.

„און איצט — האט דער מלאך־המות געזאגט — וועלען די געדונגענע ליגנערס זאגען, אז דאס איז מיין ארבייט, א שטייגער ווי מיר וואלט עפעס דערפון ארויסקומען."

„און וואס זאגט גאט דערצו?"

„ארום איהם האב איך קיין שליטא ניט צו רעדען. זאגען מעג איך דיר, אז איך פערשטעה אליין נים ווי ער לאזט דאס צו."

IX.

## דוד גאָרדאָן, צעהנדליגע, פליגען און שפינען.

צייט דוד המלך האָט מיט אַ שטיינדעל צוגע'הרג'עט גלית הפלשתי, האָבען אַלע דוד'ס שרעקליך פיעל חוצפה. איהר וועט קיינמאָל ניט זעהן אַ פייטעל, אַ טרייטעל, אַ זונדעל, אַ שעפּסיל, אַ מענדיל, אַ נח, וואָס האַלט זיך גרויס, וואָס שפּרינגט אין די אויגען און אַכטעט ניט אַן עלטער'ן. דוד'ס אָבער, זיינען גרויסע בעלי־העזה.

איינער פון זיי איז, ווי עס שיינט, אין פּאַריז און אזוי ווי ער איז ניט נור אַ דוד, אין פּאַריז, נור ער הייסט נאָך דערצו גאָרדאָן, איז ער אַ דרייפּאַכער בעל־חוצפה און ער אונטערשטעהט זיך צו רופען אַן אַלטען מאַן, וואָס ער קען ניט און וויים ניט, משוגע. טאָמער איז דאָס נאָך ניט גענוג, פרעגט ער נאָך קשיות אויך, און נאָך ניט גענוג וואָס ער פרעגט קשיות, וויל ער אַז מען זאָל איהם ענטפערן, און ווער זאָל איהם ענטפערען? ווע‏מען ער רופט משוגע?

דוד גאָרדאָן, איך וועל אייך ניט ענטפערען — פון צעהן טעמים וועגען: ערשטענס האָב איך גענוג קשיות פון מיין אייניקעל (זאָל לעבען, כאָטש ער פרעגט זיי!) און איך בעדאַרף קיין פרעמדע מקשנים ניט. צווייטענס ווייל איהר זייט ניט מיינער אַ זון און איצט איז ניט פּסח און מיר ביידע זיצען ניט ביי'ן סדר און אייערע קשיות זיינען ניט פיער; דריטענס, ווייל אויב איך וועל אייך ענטפערן, וועלען זיך געפינען אַ סך אַנדערע פרעגערס, און דאָס לוינט פאַר מיר ניט; פיערטענס, ווייל איהר זייט ניט קיין רוסישער סליעדאָוואַטעל און איך בין ניט אין מינסק און איהר קענט מיר גאָר נישט טאָן; פינפטענס, ווייל עס לוינט ניט פאַר אייך אליין

צופיעל צו וויסען, ווארום איהר וועט גיך אלט ווערען; זעקסטענס, ווייל איהר פרעגט מיט צופיעל העזה; זיעבעטענס, ווייל איהר דער־מאהנט מיין נאמען מיט זשול סימאן — און זאגט ניט להבדיל; אכטענס, ווייל איהר ווילט מיר איינרעדען, אז איך בין טויט, וועה־רענד דער מלאך־המות אליין קען אייך זאגען, אז איך לעב נאך; ניינטענס, ווייל איהר אליין זייט ווירקליך טויט: איהר פלעגט אמאל ארויסגעבען אין ליק דעם „המגיד", נאר איהר זייט געשטאר־בען מיט א יאהר אדער צוויי צוריק; ליגט אין אייער רוה! צעהנ־טענס, ענטפער איך אייך ניט, ווייל איך וויל ניט.—

דיא צאהל צעהן איז א מערקווירדיגע. חוץ פרעה'ס צעהן מכות און המן'ס צעהן זין... האלט! מיר דאכט זיך, אז דיא מכה חשך און המן'ס זוהן דלפון זיינען געבליעבען ביז היינטיגען טאג אין דער וועלט, און מען זעהט געוועהנליך, אז דער חשך און דער דלפון זיי־נען צוזאמען, ווארום דעם ארימאן איז פינסטער און ביטער... חוץ, זאג איך, המן'ס צעהן זין און פרעה'ס צעהן מכות זיינען געוועזען דיא צעהן מאמרות, דורך וועלכע די וועלט איז בעשאפען געווארען, וועלכעס בעווייזט וויא כשר דער רבש"ע האט פארדיענט זיין רוה דעם זיבעטען טאג און וויא כשר מאנכע דירעקטארס פון אייזענ־באהנען, מאנכע מיניסטערס פערדיענען זייער שבת, ווייל זיי גיבען אין דער וואך מעהר וויא הונדערט מאמרות און בעפעהלען, און ווערען נאך מעהר פערמאטערט וויא ער, כביכול, אליין; דאן זיינען ווידער געוועזען צעהן אייזלען וואס האבען אוועקגעטראגען וויא עס שטעהט אין דער תורה, „מטוב מצרים" אלע גוטע זאכען, אייזלען, וואס דיא ענגלענדער שעהמען זיך ניט זיי נאכצוטאן נאך היינטיגען טאג, הגם דיא וועלט האלט ניט זעהר שטארק פון דעם אייזעל'ס שכל.... דאן, ווידער, ווייסען אלע פון דיא צעהן גראד, אדער שטונדען (עשר מעלות אחרנית) וואס דיא זון איז צוריק גע־גאנגען אין חזקיהו'ס צייטען, וואס דאס איז א פאטש אין פנים פאר דיא לומפיגע אסטראנאמיע, וועלכע בעהויפטעט, אז דיא זון געהט גאר ניט, און אז דיא ערד, וואס געהט יא, מוז אימער געהן דעמזעלבען גאנג... חוץ דעם געפינען מיר אין דער תורה דוד'ם

(דוד המלך'ס, ניט דוד גאָרדאָן'ס) צעהן קעבס־ווייבער, וואָס זיין זוהן אבשלום האָט ניט אנערקענט פאר מאַמעס, און האָט זיי בע־האַנדעלט, וויא דוד אליין האָט בעהאַנדעלט בת־שבע'ן, איידער ער האָט געלאָזען צו'הרג'ענען אוריה החתי (עליו השלום) וואָס ביי דיעזער געלעגענהייט האָט נתן הנביא געזאָגט דוד'ן דעם שעהנעם משל פון דעם קצין מיט'ן ארעמאַן מיט דיא איינציגע שעפסעלע, וואָס דאָס, וויעדער, בעווייזט, אז דיא קצינים האָבען פון אייביג אָן האַלט געהאַט פרעמדע. . . דאָן זיינען געוועזען דיא צעהן שבטים וואָס זיינען מעהר ניטאָ, מחמת זיי זיינען פערלאָרען געגאַנגען, און דיא צעהן טעג תשובה, וואָס זיינען נאָך דאָ אלע יאָהר ביי אידען, ווייל זיי זיינען ניט פערלאָרען געגאַנגען, הגם דיא תשובה וואָס ווערט געטאָן יענע צעהן טעג איז ניט איבריג גרויס, ווארום דער קרעמער נאַרהט דאָן אָב זיינע קונדען וויא געוועהנליך, און דער פאַבריקאַנט בערויבט זיינע ארבייטער וויא אַ גאַנץ יאָהר, און דער מלוה רעכענט זיינע פראָצענט וויא אימער, און דער צייטונג־שריי־בער זאָגט זיינע ליגענס וויא אלע מאָל, און דער גנב (איך מיין, דער אונגעזעצליכער גנב, ווייל עס זיינען דאָ געזעצליך־פּריווילעגיר־טע גנבים) דער גנב גנב'ט אין דיא עשרת ימי תשובה ניט וועניגער וויא אין דיא איבריגע דריי הונדערט־עטליכע־און־פופציג טעג פון יאָהר.

געוואלד! וואָס טוט מען מיט דיא פליגען? היינט פאַרנאַכט האָב איך מיך אויף אַ ווײַלע צוגעלעגט האָב געוואָלט איינדרעמלען, אָבער דיא פליגען האָבען ניט געלאָזען. דיא פליגען זיינען וואהרע פּאַראַזיטען, פוסט־און־פּאַסטניקעס, לעדיגגעהערס, גאָרנישט־טוערס, טעלער־לעקערס, בטלנים, האבונעס און קריכערס. זיי קומען צו אייך ווען די זון שיינט, ווען עס איז דאָ וואָס צו נאַשען, ווען אויפ'ן טיש ליגט עסענוואַרג און דאָס וואָס זיי קענען ניט עסען אליין, מאַכען זיי, אז איהר זאָלט אויך ניט קענען עסען. זיי בעפאַלען אַ שטיקעל צוקער, וויא קאַפּיטאַליסטען בעפאַלען אַ נייע שטיקעל לאַנד, און דער שטרייט צווישען זיי איז אַזוי גרויס, אז זיי פער־שמירען דיא שטיקעל צוקער און קענען דערנאָך אליין פון איהר

קיין הנאה ניט האָבען. וויא זיי אליין רופען דאָס, ווייס איך ניט, נאָר איך רוף דאָס פּאַראַזיטען־קאָנקורענץ. זיי מיינען אז אלץ וואָס איז זיס געהערט צו זיי, און זיי פערגיפטען זיך זעהר אָפט דורך זייער פערפלוכטע נאַש־לוסט, דורך זייערע פּאַראַזיטישע געוואָהנהייט צו לעבען פון פרעמדע האָרעוואַניע. דורך זייער קלעטערען צו הויך פאַלען זיי זעהר אָפט אריין אין דיא הענד פון נאָך גרעסערע און קליגערע פּאַראַזיטען, וויא זיי אליין זיינען, אין די הענד פון דיא שפּינען — א שעהנע ריינע כפרה אויף זיי!

און דיא שפּינען! אָה, זיי זיינען א קלוגע נאַציאָן! זייער געוועב איז ניט איבריגס שטאַרק, אָבער גענוג שטאַרק פאַר דיא, וועלכע זיי ווילען פאַנגען. זיי דרעהען די קעפּ אויף טויזענד אופנים און מאַכען די פיינסטע געוועב אין דער וועלט און פאַנגען זייערע נארישע פליגען, וועלכע לעבען אליין פון רויב, אין פוילקייט און אין בטלנות. . .

„א שטייגער — זאָגט מיין איינִיקעל צו מיר — ווי די קליינע שווינדלערס לעבען פון די ארבייטער און די גרויסע שווינדלערס לעבען ווידער פון זיי, פון די קליינע."

„דו ביזט גערעכט — ענטפער איך איהם — גערעכט מיין קינד, און די שפּינען ווערען וואָס פון טאָג קליגער און וועבען זייערע נעצען פאַר די פליגען אלץ פיינער; אפשר וועט קומען א צייט, ווען מיר וועלען דורך די שפּינען פטור ווערען פון די פליגען, פון אלע פליגען. . ."

„און דיא שפּינען?"

„אויף זיי וועט קומען א בעזים. . . מיט איין קעהר וועט דער בעזים פערניכטען זייער גאַנצע קלוגע וועבעריי. . ."

„זיידע, ווען?"

„אָה, דו הויבסט שוין אָן צו פרעגען צופיעל, מיין ליבער אייניקעל. דו ביזט ערגער פאַר דוד גאָרדאָן."

* * *

(דיעזע משוגעת בעציעהט זיך אויף א קאָרעספּאָנדענץ פון דוד גאָרדאָן אין דעם „ארבייטער פריינד", געדרוקט ארום דיזעלביגע צייט.— גאָרדאָן'ס קריטיק איז געווען א פריינדליכע און דער כעס דאָ נאַטירליך ־ז געמאַכטער.)

## X.

## ארום אלץ קען מען ניט טראכטען.

איך האָב בשום אופן ניט געקענט בעגרייפען, וואָס די אורזאַך דערפון קען זיין, וואָס ער האָט מיך ניט בעזוכט. אָפּצוזיין אַ וואָך אין לאָנדאָן און ניט אריינצוקומען צו מיר! ער, נאַסר־עד־דין, זאָל מיך אויסווייכען? איהר וועט זאָגען, ער האָט ניט געוואָלט קומען צו מיר, ווייל ער איז א בעיאָהרענדער מאַן. דאָס איז אמת: ער איז 59 יאָהר אַלט, אָבער איך בין מיט פיער יאָהר עלטער פאר איהם. נאַטירליך, ער איז אַ קעניג און איך ניט. אָבער דאָס האָרי ניט צו מיר. איז דאָס מיין שולד וואָס איך בין ניט קיין קעניג? איז דאָס מיין שולד וואָס ער איז יאָ אַ קעניג? איהר קענט פרעגען ביי וועמען איהר ווילט, וועט יעדער איינציגער אייך זאָגען, אַז אין אָקטאָבער 1848, ווען נאַסר־עד־דין איז געוואָרען פערזישער שאַך, בין איך צומאָל אין טעהעראַן ניט געוועזען. איך בין איבערהויפּט קיין קעניג־מאַכער ניט: ניט איז דאָס מיין פּראָפּעסיאָן, ניט האַלט איך דאָס פיר נויטהיג, ניט האָב איך חשק דערצו. איך ווייס אפילו ניט, אויב איך האָב ווען עם איז געהאַט פיעל משא־ומתן מיט קעניגע. געזעהן האָב איך א קעניג — קעניג אסקאר פון שוועדען — אָבער איך האָב מיט איהם קיין דריי ווערטער ניט גערעדט און מכוח דיא פיער קעניגע אין קאָרטען, זיי זעה איך אויך צייטענווייז, אָבער זיי רעדען מיט מיר ניט. . . בקצור, איך האָב אויף קיין שום אופן ניט געקענט פערשטעהן, וואַרום נאַסר־עד־דין האָט זיך פון מיר בעהאַלטען.

ווי מיין אייניקעל רעכענט, האַלט ער זיך פאַרט גרויס. אויב אַזוי, וואָלט איך וועלען וויסען מיט וואָס. אַז ער איז ניט עלטער

פאַר מיר, ווייסען אַלע. קליגער פאַר מיר איז ער געווים ניט, וואָ־
רום דיא גאוה זיינע (וואָס צוליעב איהר קומט ער צו מיר ניט) —
די גאוה זיינע אליין בעווייזט שוין, אז ער איז א נאַרר, ווערהענד
איך בין גאָר קיין בעל־גאוה ניט, והראיה — אַט פאָהרט ער אוועק,
זיך ניט זעהענדיג מיט מיר, און איך שעהם זיך גאָר ניט דאָס אויס־
צוזאָגען. איי וועט איהר אפשר זאָגען, אז ווען איך וואָלט קיין בעל־
גאוה ניט געווען, וואָלט מיר ניט פערדראָסען זיין ניט קומען צו
מיר, זאָג איך אייך, אז איהר זייט נאַררען און פאַרוואָס איהר זייט
נאַררען וועל איך אייך אויך זאָגען, אָבער ניט היינט. . . מיט דאָס,
וואָס ער האָט פיערצעהן הונדערט ווייבער, גלויב איך ניט, אז ער
האַלט זיך גרויס, וואָרום אין אייראָפּאַ איז דאָס קיין כבוד ניט:
אייראָפּעאישע קעניגע האָבען געוועהנליך אויך מעהר, ווי איין ווייב,
אָבער זיי שטאָלצירען דערמיט ניט, אדרבה, זיי האַלטען דאָס גע־
היים, ווי, למשל, דער צווייטער סענדער האָט געלעבט מיט דער
דאָלגאָרוקי, איידער זיין ווייב האָט געהאַט די פריינדליכקייט
צו שטאַרבען . . זאָל איך ווידער זאָגען, אז ער האַלט זיך גרויס
מיט דעם אינגעלע, וואָס ער פיהרט אַרום מיט זיך — דאָס לעגט
זיך מיר עפּעס אויך ניט אויפ׳ן שכל. מיין אייניקעל איז ווערטה
פינף אזעלכע אינגעלעך און איך בלאָז זיך, דאַכט זיך, גאָר ניט, ווי
אַן ענדיג, פון זיינטוועגען. אין וואָס דען קען בעשטעהן זיין גאוה?
אין דעם, וואָס ער טראָגט אויף זיך אזוי פיעל בריליאַנטען, דיאַמאַנ־
טען, פּערלען, רובינען, זאַפּהירען און אַנדערע קאָסטבאַרקייטען?
דערמיט דאַרף ער, דאַכט זיך, ניט איבריגס שטאָלצירען, וואָרום
דיא וועלט זאָגט, אז דאָס וואַסער אין זיינע דיאַמאַנטען איז ניט
געוועהנליכע דימענט־וואַסער, זאָנדערן מענשליכע טרערען, טרע־
רען פון מיליאָנען אָרעמע־לייט, וועלכע דעם פערזישען שאַך׳ס רע־
גיערונג בערויבט און בע׳גזל׳ט פון יאָהר צו יאָהר, — טרערען פון
אלמנות און יתומים, וועלכע דער קעניג פון אַלע קעניגע (ווי דער
שאַך רופט זיך) מאַכט דאָס טאַקע פאַר יתומים און אלמנות.

וואָרום, פרעג איך נאָך אמאָל, איז ער צו מיר ניט געקומען?
קען מיר ניט ווער עס איז דאָס זאָגען? די קעניגין וויקטאָריא

האָט ער בעזוכט, לאָרד סאָליסבורי האָט ער בעזוכט, מיט גלעדסטאָ־נען האָט ער זיך געזעהען, דעם לאָרד מייאָר האָט ער בעעהרט מיט א וויזיט, מיט אלעמען האָט ער זיך בעגריסט, מיט אלעמען — חוץ מיט מיר. זיי אלע זיינען ניט קיין אריענטאלען — איך בין; זיי זייר־נען גוים, וואָס ניט ער, ניט קיין שום אנדערער פון אלע פערזישע קעניגע האָט מיט זיי קיין מאָל — קיין ברעקעל התקרבות ניט געהאט, וועהרענד איך בין פון אסתר המלכה'ס משפחה, וואָס זי איז געוועזן די געליעבטע פרוי פון אחשורוש, וואָס ער איז געוועזן דער קעניג פון פרס, וואָס דאָס איז פערזיען. א בעוויז, אז איך קום ווירקליך ארוים פון אסתר המלכה, קענט איהר האָבען דערפון, וואָס איך בין גרינלעך אויפ'ן פנים, בין אימער געוועזן גרינלעך און די גמרא וויל האָבען, אז אסתר איך אויך געוועזן ירקרקת, הגם צווישען זיך רעדענדיג, ווייס איך ניט פון וואנען די גמרא ווייס דאָס. . .
חוץ די אלע מעשיות, האָט ער מיט די קווין געהאט סכסוכים און מיט מיר ניט; סאָליסבערי, וויעדער, און גלעדסטאָן האָבען איהם גענאַרט און ועלען איהם נאָך נאַרען, וועהרענד איך וואָלט מיט איהם האנדלען עהרליך, ווען ער זאָל נור וועלען האנדלען מיט מיר; וואָס אָנבעטריפט דעם לאָרד מייאָר, — ער איז אפילו קיין לאָרד ניט, דער טיטעל לאָרד קריעגט ער אויף צוועלף חדשים, ווי איינער קריעגט דעם טיטעל טורמעניק אויף א יאָהר; נאָך'ן יאָהר איז דער לאָרד־מייאָר א מיסטער מיט אלעמען צוגלייך, ווי דער טורמעניק איז א מענש ווי אלע מענשען.

איך קען פערשטעהען, וואָרום ער האָט בעזוכט דיא ראָט־שילד'ס: ער מוז רעכענען ביי זיי צו קריגען א גמילות־חסד ווען עס איז, אָבער פון וואנען ווייס ער, אז איך בין אן אָרעמאַן ? איז עס מעגליך, אז אין דעם זאָל שטעקען משה בוך'ס קאָפּ ? און מיט וואָס, וויעדער, איז אן אָרעמאַן קיין מענש ניט ? איהר וועט זאָגען, אז ווען דער אָרעמאַן וואָלט געוועזן א מענש, וואָלט ער קיין אָרעמאַן ניט געוועזן, ווען אלע אָרעמע לייט וואָלטען געוועזן מענשען, וואָלטען זיי אלע ניט געוועזן ארעם, דאָס קען זיין, אָבער דאָס ווייסט איהר נור, ווייל אייך האָב איך דאָס געזאָגט, אָבער ער — פון וואנען

זאָל ער דאָס וויסען ? ער וואָלט דאָס אפשר געקענט וויסען, ווען ער וואָלט געלעזען די שריפטען פון אמר־קהאיאם, דעם פערזישען דיכטער, אָבער א מענש, וואָס האָט 1400 ווייבער, קען ניט האָבען פיעל צייט צום לעזען, אפילו ווען ער זאָל זיך מיט יעדערע פון זיי קריעגען נור איינמאָל אין דריי יאָהר און איך האָב שוין אין מיין לעבען געזעהען מענשען, וואָס האָבען אין זייער לעבען קיינמאָל ניט אריינגענומען א ספר אין האנד דורך דעם, וואָס זיי האָבען געהאַט מחלוקת נישט מעהר ווי מיט איין ווייב און דאָס א געשטור־פעלטע. ווען אלזאָ ער לעזט ניט, פון וואנען וויים ער, אז אן ארע־מאַן איז קיין מענש ניט, און אויב אַן אָרעמאַן איז יא א מענש, מיט וואָס בין איך ערגער, פאר אַנאַנדער'ן און אויב איך בין ניט ערגער, פאר וואָס בעזוכט ער אנדערע און מיך ניט ? און טאַמער זאָגט. . . ווארט א ווייליגקע, מען שלעפט מיר פאר'ן פאָלע. . . אָה, מיין אייניקעל. . . דאָס איז ער. . .

„וואָס ווילסטו ?"

„זיידע, דו וואונדערסט זיך, וואָס דער שאף איז צו דיר ניט געקומען, — זאָג מיר, וויים ער וואו דו וואוינסט ?"

„אט־אט־אט ! גערעכט, ווי איהר זעהט מיך א אידען, ארום דעם האָב איך גאָר אין גאנצען פערגעסען."

## XI.

## וואָס פרומע אידען טאָרען ניט לייענען.

יא, איך גלויב, אז צום ווערען משוגע פעהלט מיר נור דער גוטער ווילען — די געלעגענהייט דערצו האָב איך. . . און זאָגט מיר ניט, איך בעט אייך, אז איך בין אלע מאָל מטורף, ווייל דאָס איז אזוי אמת, ווי עס איז אמת — אז דער רבונו־של־עולם לעגט תפלין; אז דוד המלך לעבט נאָך ביז היינטיגען טאָג; אז פנחס בן־יאיר'ס עזעל האָט ניט געגעסען אָהן מעשר; אז עוג מלך הבשן האָט געהאַלטען אַ באַרג אויפ'ן קאָפּ; אז פון דער סליונע פון קלויזניקעס בייִ'ן דרעמלען ווערען בעשאַפען רשעים; אז ר' לוי האָט אָפּגענאַרט דעם מלאך־המות; אז ר' יצחק איז געווען אַ שוסטער און האָט זיך דערמיט ניט געשעהמט; אז דער נאָמען פון משיח איז בעשאַפען געוואָרען פריהער ווי די וועלט; אז די אידישע ווייבער אין מצרים פלעגען האָבען זעקסטלינגס; אז ר' אליהו ווילנער האָט געמאַכט אַ גולם; אז פאַר אידען איז שעהן דלות, אז אדם הראשון האָט געזינדיגט מיט לילית'ן; אז דער בית־המקדש פלעגט זיך פאַנאַנדערציהען צוליעב די עולי־רגל; אז מנשה האָט אינוויינינג אַריינגעשטעלט אַ צלם; אז דעם טעלעגראַף האָט אויסגעטראַכט אַ חסידישער רבי; אז דער שטן האָט מורא פאַר שופר בלאָזען; אז דיא עשרה הרוגי מלכות זיינען גע'הרג'עט געוואָרען אין איין צייט; אז משה רבינו איז רייך געוואָרען פון די שברי־לוחות; אז אברהם האָט ניט געהאַט געזעהן שרה'ן ביז זיי זיינען געקומען קיין מצרים; אז רבקה האָט חתונה געהאַט צו דריי יאָהר; אז עשו האָט זיך שוין ביי די מאַמען אין בויך געריסען צו תיפלות; אז אברהם האָט צובראָכען דעם טאַטע תרח'ס געצען; אז דער רשב"ם האָט שוין אלס

קינד חולק געווען אויף רש"י'ס תפלין; אז בלעם האָט ניט געקענט שילטען בלק'ן, ווייל ער איז ניט געווען אין בעדריטשעוו; אז יעקב אבינו האָט געהאַט קפיצת־הדרך; אז נטילת־ידים פּערהיט פון אָרעמקייט; אז דורך תהלים־זאָגען קומט מען אריין אין גן־עדן; אז בוימער זינגען שירה; אז שלמה המלך האָט פערשטאַנען די שפּראַכען פון בהמות (פּיער פיסיגע); אז יעקב אבינו האָט געוואוסט דעם קץ; אז משה רבינו איז געווען צעהן עלען הויך, אז ער האָט געהאַט צעהן נעמען און זיין שווער יתרו זיעבען; אז דעם ספר־עוזיאל המלאך האָט געמאַכט אדם הראשון; אז דער דאָזיגער ספר איז א סגולה געגען שרפות; אז דער שטן האָט זיך געטשעפּעט מיט ר' מאיר'ן; אז רבקה האָט געטראָגען וואסער א יאָהר נאָך'ן ענטוואוינט ווערען; אז קוגעל עסען איז א געזונדע מצוה; אז פאר יעקב'ס צייטען זיינען מענשען ניט קראַנק געווען; אז די ווערטער: ולא קם נביא עוד בישראל כמשה" האָט ער אליין (וויינענדיג) געשריעבען; אז דורך יוסף'ס שעהנהייט האָבען זיך עגיפּטישע דאַמען צושניטען די הענט; אז אין די גרוב, אין וועלכע זיינע ברידער האָבען איהם אריינגעוואָרפען, זיינען געווען שלאַנגען; אז מרדכי האָט פערשטאַנען זיעבציג לשונות; אז דער מלאך מיכאל נעהמט זיך אָן פאר אידען; אז פרומע פּאָדריאַטשיקעס טראַכטען שבת ניט ארום געלט; אז די אבות האָבען מקיים געווען אלע תרי"ג מצות; אז פרעה'ס טאָכטער האָט געהאַט א לאַנגע האנד; אז ער אליין האָט זיך געמאַכט פאר א גאָט; אז אין מדבר זיינען די אידישע קליידער ניט אַלט געוואָרען; אז דער מן האָט געהאַט אלע טעמים; אז שלמה איז אויף די עלטערע יאָהרען ארומגעגאַנגען מיט א טאָרבע איבער דער וועלט; אז נבוכדנצר איז זיעבען יאָהר געווען א ווילדע בהמה און האָט געגעסען גראָז; אז עס זיינען דאָ זיעבען הימלען; אז גאָט פערשטעהט ניט דעם בעטרוג פון קונה־שביתה זיין; אז די מלאכים, וועלכע האָבען בעזוכט אברהם'ן האָבען זיך געמאַכט עסענדיג מצה; אז המן האָט געהאַט א גוטע קאָפּ; אז ער האָט געליעבט אסתר המלכה; אז אויף זיינע קליידער זיינען געווען אויסגעמאָלט געצקעס, וואָס דערפאר האָט זיך מרדכי פאר איהם ניט

געוואָלט בוקען; אז נפתלי איז געווען א לאַפער; אז יצחק פלעגט דאַוונען מנחה; אז אין זיין טאַטע׳ס הויז זיינען געווען פיעל טירען; אז די דייטשען קומען ארויס פון עמלק; אז שדים האָבען מורא פאַר מזוזות; אז דער אויסגעהאַקטער „ם" אין דיא לוחות האָט זיך גע־האַלטען על פי נס; אז שיר־השירים איז די הייליגסטע פון אלע הייליגע ליעדער; אז רבה בן־בר חנה׳ס ציעגען פלעגען ברענגען בערען אויף די הערנער, אז שמואל הנביא איז געווען א רעפּוב־ליקאַנער; אז אחשורוש האָט פערלאַנגט פון ושתי, זי זאָל קומען צום באַנקעט אין חוה׳ס קאָסטיום; אז די שכינה געהט אין טרויער נאָך׳ן חורבן בית־המקדש; אז אפיקורסים וועלען אויף יענער וועלט עסען הייסע קוילען (גחלי רתמים); אז די ענגלענדער שטאַמען ארויס פון עשרת השבטים אז. . . נו געגוג!

איך האָב אייך נור געוואָלט זאָגען, אז אזוי ווי דאָס אלץ איז אמת, אזוי איז אמת אז איך בין מטורף. דאָס זאָגען מענשען, וועל־כע פערשטעהען ניט, ווי אזוי א פילאָזאָף קען רעדען ארום וועלט־ליכע ענינים; ווי אזוי אן אלטער מאַן קען האָבען א געפיהל פאַר אנדערע, ווי אזוי א קלאָהרער קען רעדען די וואַרהייט; ווי אזוי א אידישער שרייבער קען שרייבען פאַר ארעמע לייט; וויא אזוי — בקיצור, איך קען זיין איך. אלזאָ, מטורף בין איך דערווייל נאָך ניט, אָבער ווען איך זאָל וועלען ווערען האָב איך איצט די פיינס־טע געלעגענהייט דערצו. [illegible]ארף נור. . . וואַרט א ווייליכקע, מיר פאַלט איין א געדאַנק וואָס איך מוז פערצייכענען, א ניט וועל איך איהם פערגעסען:

צווישען דעם רויבער און דעם גנב האָב איך מעהר אכטונג פאַר׳ן רויבער; צווישען דעם גנב און דעם בעטלער, האָב איך מעהר אכטונג פאַר׳ן גנב; צווישען דעם בעטלער און דעם אביון וואָס פערהונגערט, האָב איך מעהר אכטונג פאַר׳ן בעטלער. אָט איז מיין ערקלעהרונג דערפון: יעדער פון דיעזע ארבעה בנים זעהט, אז אנ־דערע האָבען פיעל און ער גאָר ניט. דער אביון זאָגט: איך שווייג; דער בעטלער זאָגט: איך בעט; דער גנב זאָגט: איך כאַפּ; דער רויבער זאָגט: איך נעהם.

צום רויבען איז נויטיג מעהר מוטה, ווי צום גנב'ענען; צום גנב'ענען דארף מען האבען מעהר מוטה, ווי צום בעטלען; צום בעטלען מעהר ווי צום הונגערן. דערפאר איז דער רויבער מיט א קאפ העכער פאר'ן גנב, דער גנב פאר'ן בעטלער, דער בעטלער פאר'ן אביון. דעננאך וואלט איך וועלען, אז די וועלט זאל פטור ווערען פון זיי אלעמען, ווארום דאן וואלט זיך ניט נור בעסער לעבען. זאנדערן זיי וואלטען מיר ניט דרעהען די קאפ און איך וואלט אייך קענען דערצעהלען, ווי אזוי איך קען איצט משוגע ווערען.

XII.

## תמוז.

בלוט, בלוט, בלוט! אָה, עס איז צום משוגע ווערען! איך זאָג אייך מען דארף ניט קיין תמוז; מען דארף ניט גלויבען אין די בעשרייבונגען, די שרעקליכע בעשרייבונגען פון גיהנם; מען דארף ניט זיצען פיער־פינף יאָהר, אלס פּאָליטישער ארעסטאַנט (פאר׳ן משפּט), אין א רוסישע טורמע; מען דארף ניט לייענען קבלה־ספרים און זיי וועלען פערשטעהן; מען דארף ניט זיין גאַנצע חדשים איינגעשפּארט אין גאַטשינא, זייענדיג א בעל־הבית איבער 100 מיליאָן נפשות; מען דארף ניט דורכ׳ן טויט פערלירען א געליעבטע אונטער דער חופּה; מען דארף ניט שטודירען די עסט־רייכישע פּאָליטיק; מען דארף ניט פערשפּיעלען א מיליאָנער׳ס איינגענס אין איין טאָג אויף דער בערזע; מען דארף ניט מיט הארץ בעטראַכטען די געמיינהייטען פון דיפּלאָמאַטען; מען דארף ניט זיין א באַיערישער קעניג — אום משוגע צו ווערען. מען דארף דאָס אַלץ ניט, עס איז נור נויטיג צו האָבען אזא געלעגענהייט דערצו, ווי איך האָב, און דאן אדיע פערנונפט! אדיע שכל!

בלוט, בלוט, בלוט! אָה ווי בלייבט מען ביי׳ן קלאָרען זינען! בלוט אין מזרח און אין מערב, בלוט אין צפון און אין דרום — אומעטום גיסט זיך בלוט, אָבער ניט ארום אזעלכע בלוט רעד איך איצט: די בלוט זעה איך ניט. איך רעד ארום אנדערע שפיכות דמים... איך וועל אייך זאָגען ארום וועלכע, אויב איהר וועט נור האָבען געדולד צו וואַרטען. פריהער מוזט איהר וויסען, אז עס איז דאָ א זאַך, וואָס איהר בעטראַכטענדיג, ווערט מיר אָפּט פינס־טער אין די אויגען, עס נעהמט מיר שווינדלען די קאָפּ און איך פיהל אז די מאַרך אינווייניג ריהרט זיך און בורעט זיך... איך

פאַל דאָן אויף די קניע, לעג צוזאַמען די הענד, הויב אויף די אויגען צום הימעל און בעט זיך ביי'ן „הנותן לשכוי בינה" ער זאָל מיט מיר אַלץ טאָן, וואָס ער וויל, נור מיך ניט משוגע מאַכען... ווען איהר וואָלט געקענט הערען מיין תפילה, די תפילה, וואָס איך טו אין אַזעלכע אויגענבליקע, וואָלט איהר אויף מיר רחמנות גע־האַט. איהר וואָלט געזאָגט, דעם אָרעמען פילאָזאָף מוז זיין זעהר, זעהר, זעהר שלעכט! און איהר וואָלט יעדען פון דיא דריי „זעהר" אויסגערעדט מיט אַזוי פיעל הארץ, ווי אַ פרומער איד רעדט אויס דעם „אחד" פון שמע ישראל יום־כפור נאָך נעילה, וואָס דאָס הע־רענדיג, האָט אַמאָל אַן אפיקורוס ביי אונז אין מינסק געזאָגט, אַז זיי קוועטשען דעם אחד, אַזוי ווי זיי וואָלטען געוואָלט פון איהם ארויסקוועטשען דריי, ווי די קריסטען האָבען געטאָן... אָה, ווען איהר וואָלט געקענט הערען מיין תפילה! איבריגענס... אָט איז זי; איך האָב פאַר אייך קיין סודות ניט.

„באַרמהאַרציגער פאָטער!" זאָג איך, ווען דער טירוף שטעהט מיר פאַר די אויגען (ווען איך בין ביי'ן פולען זינען, דאַווען איך ניט, פון פיעל טעמים וועגען) — „באַרמהאַרציגער פאָטער! דיינע וועגען זיינען וואונדערבאַר און קיינער פערשטעהט זיי ניט. איך ווייס, אַז דיין הארץ איז גוט צו אַלע דיינע קינדער, נאָר דו, שיקסט אַמאָל אויף מענשען אַרויף יסורים — פאַרוואָס, ווייסטו אַליין. למשל: דו לאָזט פון די ערשטע צוויי ברידער קין'ען צוהרג'נען הבל'ן און בעשטראָפסט דערנאָך דעם מערדער; דו לאָזט די אנשי־סדום זיין שלעכט און שיקסט אויף זיי אַרויף פייער, שוועבעל און פעך; דו לאָזט (מיט עטליכע הונדערט יאָהר פריהער) די מענשען ווערען זינדיג און דו ברענגסט נאָכדעם אַ מבול, וואָס פערניכטעט ניט נור די זינדיגע מענשען, זאָנדערן אויך די אונשולדיגע קינ־דער און די נאָך אונשולדיגערע בהמות, חיות, עופות, שרצים און פלאַנצען; דו מאַכסט פרעה'ס הארץ שווער, ער זאָל פייניגען דיינע אידען און זיי ניט אַרויסלאָזען פון שקלאַפעריי, און נאָכדעם ניסטו צעהן שרעקליכע מכות און אַ געזאַלצענעם וואַסער־טויט אין ים ניט נור דעם הארט־הארציגען פרעה'ן אַליין, זאָנדערן אויך

אַלע זיינע אונטערטהאַנען, פערגעסענדיג אָן זייערע יתומים און אלמנות; דו לאָזט אידען זינדיגען און ווילסט זיי נאָכהער פיער מָאָל אויסראַטען, וואָס דו וואָלסט געוויס געטאָן, ווען דיין קנעכט משה וואָלט זיך ניט אריינגעמישט; דו בעשאַפסט מענשען ווי נעראָ, קאַליגולאַ, איוואַן דעם גרויזאַמען, לודוויג (נומער עלף) פון פראַנקרייך, חיינריך (נומער אַכט) פון ענגלאַנד, דיזבאַרד דעם דריטען, נאַפּאָלעאָן דעם ערסטען און דעם דריטען, (אַ דאַנק דיין הייליגען נאָמען פאַר דאָס, וואָס עס איז ניט געווען קיין צווייטער!) און הונדערט אַנדערע אַזעלכע ליודאָיעדען און לאָזט זיי ליודאָ־יעדסטוואָוען ווי פיעל זייער האַרץ געלוסט.. דו לאָזט די שוואַכע צוטרעטען ווערען פון די שטאַרקע, די אָרעמע בערויבט ווערען פון די רייכע, די עלענדע בעהערשט ווערען פון די מעכטיגע און דו ווייסט געוויס וואָס דו טוסט."

„באַרמהאַרציגער פאָטער! איך ווייס — איך בין זינדיג. טאָמער ווילסטו מיך בעשטראָפען, זעה, מאַך מיך ניט משוגע. מאַך מיך אויף די אַלטע יאָהרען פאַר אַ רוּיבער און ברענג מיך אַריין אין טוּרמע; (און טאָקע דו אַליין ברענג מיך אַהין, וואָרום די פּאָליציי וואָלט מיך וואַהרשיינליך ניט אַרויסגעפינען...) מאַך מיך פאַר אַ צבוע און לאָז דעם וואָרעם, וואָס מען דופט געוויסען, מיך נאָגען ביז'ן טויט; מאַך מיך פאַר אַ סאָציאַליסט און ענט־פער מיך איבער צו ביסמאַרק'ן; מאַך מיך פאַר אַן אפּיקורוס, וואָס איז „געצוואונגען" צו זיין אַ בעל־תפלה; מאַך פון מיר אַ באַרג זאַלץ, ווי פון לוט'ס ווייב; אַ שטיין, ווי פון משה'ס האַלז, ווען פרעה האָט איהם געכאַפּט; לאָז מיך אַריין אין אַ לייבען־גרוב, ווי דניאל'ן, אין אַ קאַלך־אויווען, ווי אברהם'ן, און היט מיר ניט, ווי דו האָסט זיי געהיט; עפען אויף די ערד און לאָז זי מיך איינשלינגען, ווי זי האָט איינגעשלונגען קורח'ן מיט זיין געמיינדע; מאַך מיך פאַר אַן אַדוואָקאַט, אַ בעטלער, אַ פּאָליציייסקען, אַ גנב, אַ צייטונגסשרייבער, אַ דיענסטמיידעל, אַ פּראָקוראָר, אַ ישיבה־בחור, אַ מאַרק־אידענע, אַ לומפּ, אַ הונד, אַ... אַ... אַלץ, וואָס דו ווילסט, נור פערהיט מיך פון משוגעת!"

אַט דאָס איז מיין תפילה. איצט וויל איך אייך דערצעהלען, וואָס פאַר א געלעגענהייט איך האָב משוגע צו ווערען.

מיט עטליכע וואָכען צוריק.... לאָמיך דאָס דערצעהלען כסדר... מיט עטליכע... ליעבע לעזער, דער טירוף קומט אָן, איך קען מעהר ניט שרייבען...

## XIII.

# דזשעק דער ריפּפּער.

מיט עטליכע וואָכען צוריק האָב איך געהאַט אַ קורצע אונטערהאַלטונג מיט מיין אייניקעל. איך וועל אייך איבערגעבען אונזער געשפּרעך וואָרט פאַר וואָרט, אַזוי ווייט וויא איך געדענק עס. היער איז עס:

**ער:** — זיידע, ווער איז דזשעק דער ריפּפּער?

**איך:** — אַ נאָמען, מיין קינד, אַ נאָמען. ווען מענשען זעהן עטוואס, וועלכעס זיי ווייסען ניט, וויא אַזוי צו ערקלעהרען, טראַכטען זיי אויס דערפאַר אַ נאָמען און זיינען צופריעדען.

**ער:** — איך פערשטעה דיך ניט.

**איך:** — קען זיין. ווער פערשטעהט מיך יאָ? מאַנכע קענען מיך פערשטעהן און ווילען ניט, מאַנכע ווילען מיך פערשטעהן און קענען ניט. דיא וואָס ווילען און קענען ניט, רופען מיך פּילאָזאָף, אַ שטייגער, איך רעד פאַר זיי צו הויך; דיא, ווידער, וואָס קענען און ווילען מיך ניט פערשטעהן, רופען מיך משוגע, וואָס דערמיט ווילען זיי זאָגען, אַז עס לוינט ניט זיך צו נעהמען דיא מיה. איך בין דערצו געוואוינט, — וויא דיא ערד צום רעגען, וויא אַ רייכער צו חניפה, וויא אַן אָרעמאַן צום דלות, ווי אַ הונד צו אַ שטעקען, וויא...

**ער:** — גענוג. דו צולאָזט זיך, זיידע־לעבען, ווייסטו ניט ווען אויפצוהערען. איך וויל דיך יאָ פערשטעהען; מאַך, אַז איך זאָל עס קענען. ערקלער מיר, וואָס דו האָסט געזאָגט וועגען דעם נאָמען.

**איך:** — גוט, הער־זשע צו מיט קאָפּ.

**ער:** — וואַרט אַ מינוט, איך וועל זיך זעצען אויפ'ן טשערבעט. שוין. נו?

**איך:** — מענשען, פערשטעהסטו מיין קינד, זעהען אַ גרויסע

מדינה מיט מיליאָנען נפשות, וואָס איבער דיא מיליאָנען הערשט איין איינציגער מענש. דאָס איז אין פּלוג א וואונדער. ערשטענס וויא אזוי קען דער איינער מאַכען דיא מיליאָנען פאַר ווילענלאָזע אונטערטהאַנען; צווייטענס, וויא אזוי לאָזען זיי זיך מאַכען פאַר אזעלכע ברואים, און דולדען אזא דעספּאָט איבער זיך? מערקוויר־דיג, וואָס־זשע טהוט מען? רופט מען דעם מענשען אויטאָקראַט און דיא מדינה, לאָמיך זאָגען, רוסלאַנד. און אזוי גיך וויא מען האָט דיא צוויי נעמען הערט מען זיך אויף צו וואונדערן און דיא מעשה איז פאַר יעדערן קלאָהר און גלאַט און מען איז צופריעדען.

**ער** : — האַלב פערשטעה איך דיך, אָבער וויא קומט דאָס צו דזשעק דעם ריפּפּער?

**איך** : — האָב נאָר געדולד. הער ווייטער: מענשען זעהן, וויא איינער קומט און עפּענט אויף א טאַבאַק געשעפט לעבען אַן אנדער טאַבאַק־הענדלער; דערפון קומט ארויס א גרויסע קאָנקורענץ, פון דיא קאָנקורענץ א קריג, פון דיא מחלוקה א געשלעג — א צובראָ־כענער ריפּ ביי איינעם און א געשוואָלענע אויג ביים אנדערן. מענ־שען זעהן דאָס און זאָגען: באַרבאַרען, ווילדע, אונציוויליזירטע האַ־בונעם — זיך צו שלאָגען איבער קאָנקורענץ! דאָס זאָל פּאַסירען אין דעם נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט! שאַנדע, בנאמנות! — נון, זעהן די זעלביגע מענשען אַן אנדער פאַל: צוויי אייראָפּעאישע גרויסע מדינות גרינדען קאָלאָניען אין אפריקאַ אום צו האַנדלען מיט די אפריקאַנער; זיי ווערען צו נאָהענטע שכנים, צווישען זיי ווערט א קאָנקורענץ, פון דער קאָנקורענץ א קריעג, פון דער קריעג א גע־שלעג, פון דעם געשלעג צעהן טויזענד מתים און קאַליקעס ביי איינעם און אכט טויזענד גע'הרגעטע און פערוואונדעטע ביים צוויי־טען, בסך הכל אכטצעהן טויזענד טויטע און ערגער וויא טויטע מיט צעהן טויזענד אלמנות און א שטיקלעך פערציג טויזענד יתומים. וואונדערט זיך ווער עס איז דאַריבער? שרייט ווער עס איז: שאַנדע פאַר די ציוויליזאַציאָן, פאַר דעם נייַנצעהנטען יאהרהונדערט? כמעט קיינער ניט. וואָרום? ווייל זיי האָבען דערפאַר א נאָמען — דער נאָמען איז „פּאָליטיק“, און די מעשה איז איינפאַך און פּראָסט.

**ער:** — גאַנץ גוט. איך פערשטעה אפילו ניט אַלץ, וואָס דו זאָגסט, נור איך רעכען, אַז דו מוזט זיין גערעכט. אָבער וואָס מכוח דזשעק?

**איך:** — איך קום צו איהם. מענשען זעהען ביי אַ פּאַטער פיער זיהן. זיי זעהן אַז דער מאַן האָט אַ שטיקעל לאַנד פון וועלכע ער מאַכט אַ לעבען, איין יאָהר מעהר, אַן אַנדער יאָהר ווייניגער, אָבער אַ לעבען מאַכט ער. גוט. נון אָבער, זעהען די מענשען, אַז פון די פיער זיהן בעאַרבייטען דיא שטיקעל לאַנד נור צוויי, וועהרענד פון די אַנדערע צוויי טהוט דער עלטערער גאָר ניט און דער אַנדערער פיהרט די תבואה אין שטאָדט צום פערקויפען. דו וואָלסט דאָך געווים מיינען, מיין ליעבער איינִיקעל, אַז דער גאָר־נישט־טהוער קריגט גאָר נישט, דער פערקויפער, וועלכער אַרבייט ניט אַזוי שווער, ווי די אַנדערע צוויי, קריגט אפילו יאָ אַ חלק, אָבער ניט אַזוי פיעל ווי זיי, וועהרענד זיי ביידע קריגען די בעסטע חלקים. דאָס איז אָבער אַקוראַט פערקעהרט, און מענשען זעהען, אַז דער גאָר־נישט־טהוער, ווייל ער מאַכט זיך כלומרשט פאַר אַ בעל הבית, קריגט דעם פעטסטען חלק, דער צווייטער, דער הענדלער, אויך אַ פעטען חלק און דאָס ביסעל, וואָס בלייבט איבריג (ווען עס בלייבט איבריג) וואַרפט מען צו די אינגערע צוויי זיהן, אָבגלייך אָהן זייערע שווערע אַרבייט וואָלט דער עלטסטער ניט האָבען איבער וואָס צו זיין בעל הבית און דער אַנדערער — מיט וואָס צו האַנדלען. ווען מענשען זעהען אַזאַ פיהרונג ביי אַ ישובניק, האַלטען זיי דאָס פאַר אַ שרעקליכע אונגערעכטיגקייט. סטייטש? זאָגען זיי, דער ישובניק איז קיין פאַטער ניט, ער מוז קיין הארץ ניט האָבען צוצולאָזען אַזאַ פאַראַנדיק! סטייטש? דער פוילער און דער שווינדלער זאָלען האָבען מעהר ווי די אַרבייטס־לייט? מעהר ווי זיי? שאַנדע, בנאמנות! — ווען אָבער די זעלביגע מענשען זעהען גענוי דעם זעלביגען פיהרונג אין דער גאַנצער וועלט, ווען זיי זעהען, אַז אומעטום האָט דעם פעטסטען חלק פון די משמני הארץ דער פריץ, וואָס איז אַ גאָר־נישט־טהוער, דאַן דעם צווייטען חלק דער קויפמאַן און דער פאַבריקאַנט, וועהרענד די ביינער פון די פלייש

ווארפט מען צו די ארבייטער, וואָס אָהן זיי וואָלט דער „לאָרד“ ניט געהאט איבער וואָס צו לאָרדעווען, דער קויפמאַן — מיט וואָס צו שאַכערען, און דער פאַבריקאַנט — וואָס צו (לאָזען) פאַבריצירען, — ווען די זעלביגע מענשען, זאָג איך, זעהען דאָס, שרייען זיי גאָר ניט: סטייטש! זיי וואונדערן זיך גאָר ניט. ווארום? ווייל זיי האָבען פאר דעם מין פיהרונג ערפונדען א נאָמען. זיי רופען דאָס „וועלט אָרדנונג“ און האָבענדיג דערפאר א נאָמען זיינען זיי צופריעדען — היינט, מיין קינד, קום איך צו דזשעק דעם ריפּפּער... וואָס שווייגסטו?

---

איך האָב מיך אומגעקעהרט צו מיין אייניקעל. ער האָט געכראַפּעט ווי א שכור'ער סאָלדאַט. מיין פילאָזאָפיע האָט איהם איינגעשלעפערט. אייך אויך, ליעבע לעזער? אויב יא — שלאָפט געזונדערהייט. האלב האָב איך הנאה געהאט דערפון, ווארום איהם אלעם צו ערקלעהרען וועגען דזשעק דעם ריפּפּער וואָלט אפשר ניט געלוינט. איידער איך לאָז אייך אין רוה, מוז איך אייך זאָגען, אז דיא געלעגענהייט, וועלכע איך האָב געהאט משוגע צו ווערן, איז אוועק. איצט מוז איך שוין ווארטען, ביז עס וועט זיך מאכען אן אנדער געלעגענהייט. שילער איז גערעכט ווען ער זאָגט:

„וואָס מאַן פאָן דער מינוטע אויסגעשלאגען
גיבט קיינע עוויגקייט צוריק“.

## XIV.

# אָה, ווי ווערט מען אַ דיכטער!

אָה, ווי ווערט מען אַ דיכטער!

קענט איהר מיר ניט ערקלערען, ליעבע לעזער, ווי אַזוי דאָס קומט, אַז איך קען בשום אופן ניט אויפשרייבען אַ געדיכט? אָפּלעבען דריי־און־זעכציג יאָהר און ניט צוזאַמען־פּאַרטאָלענען כאָטש אַ קליין געדיכטעלע איז איינפאַך מיאוס פאַר זיך אליין! און איהר מוזט וויסען, אַז גראַמען וואָלטען מיר ניט פעהלען. איך וואָלט, למשל, קענען צוזאַמענפּאָרען „יונגע הערצען" מיט „ליעבעס־שמערצען"; „דאַמען־קליידער" מיט „טייער־לידער!"; „יונגע פרויען" מיט „זאָלט ניט טרויען"; „געלט" מיט „פעהלט"; „פּאַרטעפּיאַנעס" מיט „באַראַבאַנעס"; „זילבער און גאָלד" מיט „האָט ער האָלד"; „תכשיטין און צירונג" מיט „דעם אידישען פיהרונג"; „דונער און בליץ" מיט „קללות און וויץ"; „היפּאָ־קריטען" מיט „פּאַראַזיטען"; „חרשנים" מיט „בטלנים"; „העברע־אישע שרייבערס" מיט „נדבה־קלייבערס"; „ווייטשעפּל" מיט „קוגעל טעפּיל"; „דעם פערד דעם איינגעשפּאַנטען" מיט „דעם אַרבייטער ביי פאַבריקאַנטען"; „וואָטש־ענד־טשיין" מיט „פּעטטי־קאוט־ליין"; „פּאַלעסטינצעס" מיט „קאַלטע בלינצעס"; „פּאָלי־טיקער ליבעראַלע" מיט „איך צו ערסט, נאָכדעם אַלע"; „צייטונג־שרייבער" מיט „רכילות־טרייבער"; „דעם רוסישען קנוט" מיט „מענשליכע בלוט"; „אַ קרוין פון אַ מאָנאַרך" מיט „אַ קאָפּ, וואָס האָט אַ פּ..ך"; „נאַרישער שטאָלץ" מיט „אַ קאָפּ, פון האָלץ"; „בלבולים" מיט „זלזולים"; „שפּיאָנען" מיט „סקאָרפּיאָנען"; „אויס־סאָציאַליסט" מיט „איין־עגאָאיסט"; „באַנקיר" מיט „וואַמפּיר"; „גרויסע דאַמע" מיט „ניט הייסע

מאמע״ ; „אַ מענש, וואָס איז גרין״ מיט „ניט אהער און ניט אהין״ ; דעם „אבערגלויבען״ מיט „אַ מיטעל צו רויבען״ ; „סאָל־דאַטען״ מיט „מאָרד־טהאַטען״ ; „פּאַרלאַמענטאַריש״ מיט „העפ־ליך און נאַריש״; „פּאָליטיק״ מיט „האַלט אין צוויק״ ; „אונאַייני־גע סאָציאַליסטען״ מיט „די צופּריעדענע קאַפּיטאַליסטען״ ; „די רייד פון אַן אַדוואָקאַט״ מיט „אַ צונג אויף פּראָקאַט״; „די ימים־נוראים״ מיט „אַ בייטש פאַר נאַראים״ „האָבען געלד אויף פּראָ־צענט״ מיט „די פּרוכט פון ארבייטער־הענט״ ; „פּיהרען פאַר׳ן נאָז״ מיט „די וואָס עסען גראָז״ ; „אויסהאַלטען אַ קייזער״ מיט „געהן איבער די הייזער״ ; „פון דרויסען פּוץ״ מיט „איגע־װעניג שמוץ״ א. ז. וו... א. ז. וו.

איך ווייז אייך מעהר ניט, אַז וועגען גראַמען וואָלט ביי מיר קיין אָפּהאַלט ניט געדאַרפט זיין. לאָזט מיך נור דריי שעה פריי פון דאַגות, פון שברי־לב, פון מיין איינִיקעל׳ס קשיות און פון וועלען עסען, מאַך איך אייך גראַמען, וואָס וואָלטען זיין גענוג פאַר פינף בענדער געדיכטע, און דאַך לאָמיך צוזאַמענשטע־לען פיער שורות, אום צו מאַכען דאָס מינדעסטע ליעדעלע, בלייב איך שטעהן גלייך אין אָנהויב, ווי אַ האָהן אין בני־אָדם. אָט נעהמט למשל אַזאַ פּאָאַר שעהנע גראַמען ווי „דאַמען־קליידער״ און „טייער־ליידער!״ לאָמיך פון זיי וואָס מאַכען... גוט, איך פּרוביר, איך הויב אָן... איך זאָג:

„אָה, איהר פּרויענצירונג, דאַמען־קליידער!
„איהר מאַכט שעהן אַ העסליכעס געזיכט,
„אָבער... אָבער איהר זייט טייער, ליידער!
„און. . .״

און דאָ בלייב איך אין מיטען : איך ווייס ניט, וואָס ווייטער צו זאָגען, און ווען איך זאָל למשל שוין יאָ וויסען וואָס, ווייס איך ניט ווי, ווייל געזיכט איז אַ דייטשער וואָרט און איך וואָלט נור קענען ענדיגען : —

„און איהר טויגט ניט צו קיין שום געדיכט.״

אָבער וואָס האָט דאָס פאַר אַ טעם? אמת די מעהרסטע

פון אידישע דיכטער דאנה'נען ניט פיעל וועגען דעם זין פון זייערע שירים, אָבער איך האָב פון קינד־וויַיז־אויף פיינט געהאַט נאָכצוטאַנצען אנדערע.

געהמט, ווייעדער, די ווערטער „זילבער און גאָלד", וואָס איך קען מזווג זיין מיט „האָט ער האָלד." אזא פּאָאר גראַמען וואָל־גערן זיך אויך ניט אַרום אויפ'ן גאָס און שעקספּיר אליין וואָלט זיך מיט זיי ניט געדאַרפט שעהמען. וואָס מאַך איך אָבער מיט זיי? איך קען, למשל, זאָגען:

„מאַנכע מענשען האָבען האָלד
„קאָסטבאַרקייטען, זילבער, גאָלד,
„אָבער זיי האָב איך ניט האָלד."

נו? וואָס ווייטער? וואָס טויג א געדיכט פון דריי שורות? ווען איך זאָל נעהמען שרייבען אזעלכע קורצע שירים, וועל איך מוזען אראָפּברייגגען פון'ם מינסקער קאזיאָנעם רב מיין מעטריקע, אום צו בעווייזען, אז איך בין א איד, א ניט וועט מיר קיינער דאָס ניט גלויבען; אפילו מיין הייקעררדיגער נאָז וועט מיר ניט העלפען. האָט דען שוין ווער עס איז געזעהען א אידישען דיכטער, וואָס זאָל שרייבען אזוי קורץ? דאָס קען אפילו א געטויפטער איד ניט, א פשיטא שוין א כשר'ער אונבענעצטער, אַלטער איד, ווי איך... האַלט! א רייד ברייננגט אויף א רייד. מען זאָגט, אז די קאַנדידאַטען אויף שמד אין דער מיסיאָן ווילען מאַכען א סטרייק, ווייל זיי האָבען זיך ארומגעזעהען, אז די מיסיאָנערען זיינען סוועטערס און נעהמען די פלייש פאַר זיך, ווערהענד די שמד־קאַנדידאַטען קריעגען די היילע ביינער. ווער וויים, צו דאָס איז אמת?

זינט איך געדענק האָט נור איין איד געמאַכט א קליינעם שיר און דאָס אויף דייטש. דער דיכטער איז געווען א מינסקער און דער שיר א בערלינער און זעהר גוט. צום אונגליק האָט היינריך היינע שוין געהאַט בענוצט די זעלביגע ווערטער (וואָרט פאַר וואָרט) פאַר די זעלביגע געדאַנקען. איך געדענק נאָך, ווי היינט, אז איך האָב דעם מאַן געראַטהען ניט צו לאָזען דרוקען דאָס גע־

דיכט, אום ניט מבייש צו זיין דעם לומפ היינע, וואס האט געהאט די חוצפה צו גנב'נען מיין פריינד'ס געדאנקען צוזאמען מיט די ווערטער, — זיינע קינדער אין זיינע העמדעלעך, ווי זיין ווייב האט זיך דאמאלס אויסגעדריקט.

צוריק מיט עטליכע וואכען האב איך געלעזען אין א צייטונג א לאנגען ארטיקעל וועגען ענגלישע פרייהייט און וועגען דעם דלות פון ענגלישע ארבייטער. האלט, טראכט איך, אט איז א געלעגענהייט צו מאכען א געדיכט, איך האב אנגעהויבען אזוי: (דאס זאגט, פערשטעהט איהר, דער ארבייטער:)

„איהר האט מיר געגעבען
דיא פרייהייט צו שטערבען;
די פרייהייט צו לעבען
וועל איך מיר ערווערבען."

דאכט זיך דארף מען בעסער? איך האב גענומען שרייבען וויטער, איך האב געשריבען און געמעקט און געמעקט און געשריבען אבער עס איז דערפון גארנישט ארויסגעקומען... פאר כעס האב איך צוריסען די שטיקעל פאפיער און האב אויסגעטאן די ספאקולען און בין ארויסגעגאנגען אין גאס. אין גאס האב איך מיך פער־קיהלט און בין געקומען הוסטענדיג און הונגעריג אהיים. „איך מוז פארט פרובירען וואס אויפשרייבען!" האב איך געטראכט. האב מיך אוועקגעזעצט און האב אזוי אנגעהויבען:

„מיין מאגען איז לעדיג, מיין קעשענע פוסט,
„מיין קאפ איז אנגעפילט מיט זארגען;
„מיין קערפער איז שוואך און קראנק איז מיין ברוסט —
„איך לעג מיך שלאפען ביי נאכט מיט א הוסט,
„און שטעה אויף הוסטענדיג אויף מארגען"

און דערביי בין איך געבליעבען ביז היינטיגען טאג.

אח, ווי ווערט מען א דיכטער!

## XV.

### נאָך אמאָל: ווי ווערט מען אַ דיכטער!

ביי מיר איז אייביג געווען אַ ספק וועגען גאָט'ס קומען צו שלמה־המלך און זיין פרעגען איהם, וואָס ער וויל. מען זאָל ניט זינדיגען מיט די רייד — אָבער די מעשה קומט מיר פּאָר עפּעס צו האַמעטנע: עס ווילט זיך גלויבען און עס גלויבט זיך ניט. נאָר אַזוי פיעל מעג איך אייך זאָגען: לאָז היינטיגען טאָג צו מיר קומען גאָט און מיך פרעגען, וואָס איך וויל, וואָלט איך ביי איהם נור געבעטען, אַז ער זאָל מיך מאַכען פאַר אַ פּאָעט. שלמה האָט געוואָלט זיין אַ חכם, אַ פילאָזאָף, ווייל אַ דיכטער איז ער פון קינדהווייז אויף געווען; גאָט האָט ערפילט זיין וואונש און האָט איהם געמאַכט פאַר אַ פילאָזאָף: דער דיכטער פון שיר־השירים איז געוואָרען דער מחבר פון קהלת. ביי מיר איז די מעשה פערקעהרט: איך בין אַ פילאָזאָף געווען פון קינד־ווייז אויף (והראיה, איך האָב שוין צו דרייצעהן יאָהר פּרובירט ניט דאַוונען!) און מיר וואָלט זיך וועלען ווערען פון אַ פילאָזאָף אַ פּאָעט. איך וואָלט זיך פאַר'ן רבונו של עולם גאַר ניט געשעהמט און וואָלט איהם געזאָגט: פאָטער, בארמהארציגער, קלוג בין איך גענוג, מאַך אַז איך זאָל קענען זינגען; פילאָזאָפיע האָב איך, גיב מיר פּאָעזיע!

און ווען ער וואָלט ערפילט מיין וואונש ווי מען זאָגט אַז ער האָט ערפילט שלמה'ס בקשה, דאַן... אָה, דאַן וואָלט איך מיט מיינע לידער געטרייסט די צובראָכענע הערצער און וואָלט געשטאַרקט די אויסגעמאַטערטע הענד; מיין שטימע וואָלט אויפגעהויבען די געפאַלענע און וואָלט גלייך געמאַכט די גע־בויגענע; איך וואָלט דערפרעהט די פערצאַגטע און וואָלט בע־

לויכטען די פערשווארצטע; איך וואלט פערזיסט דעם לעבען פון די פערביטערטע און וואלט אויפגעמונטערט די מוטהלאזע!

איך וואלט מיט מיינע ליעדער די אונטערדריקטע איינגע־נעבען מוטה און די פערשמאכטע לעבענסלוסט; איך וואלט די עלענדע בעפריינדעט און די פערלאזענע געשיצט; איך וואלט געטרויסט אלמנות און וואלט יתומים געשטעלט אויף די פיס; איך וואלט מיין ליעד געמאכט פאר א יובעל־שאלל און מיין פעדער פאר א מעכטיגען דעגען און וואלט מיט מיין געזאנג איינגעבראכען די פעסטונגען פון די טיראניי, ווי אונזערע עלטערן האבען מיט זייערע שופרות געשטירצט די מויערען פון ירחו — אויב דאס איז אמת.

די גריכישע לעגענדע דערצעהלט אז דער טראקישער זינ־גער ארפעאוס האט געהאט אזא געוואלטיגען כוח אין מוזיק, אז ער פלעגט צאהם מאכען ווילדע חיות און פלעגט איינגעהמען לייבען און טיגערען מיט זיין זיסען געזאנג. די לעגענדע איז וואהרשיינליך מגזם, אפשר איז זי גאר א ליגנערקע, אבער אזא זינגער צו זיין מוז זיין הימליש! איך וואלט זיך בענוגענען מיט ווייניגער, איך וואלט צופריעדען געווען מיט א קלענערע מאכט אין דער פאעזיע און וואלט אויך אויפגעטאן וואונדער־בארע טהאטען.

איך וואלט געזונגען פאר די וואס זיינען געשמידט אין געלד־קייטען און פון די קייטען וואלט געווארען שפינוועבס ווי פון די שטריק אויף שמשון הגבור; איך וואלט ערהויבען מיין קול פאר די פערקויפטע און פערדונגענע, די אויסגעהארעוועטע און אויסגעמוטשעטע און זיי וואלטען געווארען פריי, מונטער און שטארק; איך וואלט זיי אלעמען איינגעגעבען מיט מיין געזאנג מוטה און האפנונג אויפ'ן זיעג. איך וואלט זיי ניט איינגעלולט צום שלאפען, ווי אנדערע דיכטער טוען, איך וואלט זיי מיט מיינע ליעדער אויפגעמונטערט צום בעפרייאונגס־שטרייט.

אָה, ווי ווערט מען א דיכטער! בעטראכט נור היינט, בע־טראכט וואס עס טוהט זיך אין לאנדאן. ענגלישע און אידישע

אַרבייטער — פּערדומטע, פּערקרוממטע, פּערשטומטע אַרבייטס־לייט עפענען די מיילער, גלייכען זיך אויס און קומען צום־שכל. ברען־מאַטעריאַל אָהן אַ שיעור און אָהן אַן ערך. וואָס פעהלט? אַ פונק. איין איינציגער קליינער פונק קען אָנצינדען הונדערט טויזענד הערצער, וועלכע זיינען וואַרעם אָבער נאָך ניט הייס גענוג. ווער זאָל דעם פונק ברענגען? קיין פּראָזאאישער מענש! דאָ פעהלט אַ בעגייסטערטער דיכטער, וועלכער זאָל קענען בע־גייסטערען.

ווי ווער איך ער? זאָגט מיר, גוטע, קלוגע, ליעבע לעזער: ווי ווער איך ער? נור אויף איינע פיער־און־צוואַנציג שטונדען וואָלט איך וועלען אַזאַ דיכטער זיין, דעם פונק ברייגגען, דאָס היילינע פייער אָנצינדען, און דאַן, ווען נויטיג, אין דעם פייער אליין פערברענט ווערען.

שעהן לעבען קען יעדער לומפּ; בעניידענסווערטה איז — שעהן צו שטאַרבען. ווער עס מאַכט אַ מאַרסיילעזע און שטאַרבט ווי רוזשע־דע־ליל, שטאַרבט שענער, ווי אַ דזשיי גולד, וועלכער „מאַכט" מיליאָנען דאָלאַר און לעבט. און דאַן... וואַרט אַ ווייליגקע, איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה:

היינט פאַר־נאַכט בין איך געקומען פון גאַס זעהר דורשטיג און מיעד. „וואָס טרינקט מען?" זאָג איך צו מיין אייניקעל. „לאָמיר מאַכען טהע", זאָגט ער, און געהט און ברייננט מיר די שפּירימוס־מאַשינקע און דעם קעסעלע מיט די שוועבעלעך. איך האָב צוגעשטעלט וואַסער אָנוואַרעמען און האָב געוואַרט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, אַז עס זאָל אָנהויבען צו קאָכען... דאָס בעווייזט, לאָמיך פאַרבייגעהענדיג בעמערקען, אַז ביי הונגער אָדער דורשט פערלירט אפילו אַ פילאָזאָף די געדולד... בקיצור, איך האָב געוואַרט זעהר אונגעדולדיג. עס זיינען פערגאַנגען פינף מינוט.

„וואָס הערט זיך מיט דיא וואַסער?"
„עס איז שוין וואַרם", זאָגט מיין אייניקעל.
„וואַרם? וואַרם איז ניט גענוג."

איך האָב געוואָרט: קיינמאָל איז מיר די צייט ניט אזוי לאַנג געווען ווי איצט. נאָך פיער־פינף מינוט זיינען פערגאַנגען.

„וואָס איצט?“

„עס איז שוין היים“, זאָגט מיין אייניקעל.

„היים? היים איז ניט גענוג.“

איך האָב געוואָרט. א פּאָאר מינוטען שפּעטער האָב איך פאר אונגעדולד ארייגענומען אן אָבענד־בלאַט אין דער האַנד און האָב גענומען לייענען די לעצטע נאַכריכטען וועגען דעם גרויסען סטרייק.

„זיידע די וואַסער הוזשעט שוין“, זאָגט מיין אייניקעל.

„הוזשעט? הוזשענען איז ניט גענוג, עס מוז קאָכען. זעהסטו, מיין קינד, וואָס דאָ טהוט זיך אין לאָנדאָן היינט?“

„וואָס ביי די דאָק סטרייקערס?“ פרעגט ער.

„יאָ — זאָג איך — ביי די ארבייטער. די בעוועגונג איז, ווי אונזער קעסעלע וואַסער, אין אָנהויב גאָר קאַלט געווען, נאָכ־הער וואַרעם געוואָרען, דאַן היים, איצטער הוזשעט עס... אָבער עס קאָכט נאָך אַלץ ניט.“

„עס הוזשעט, אָבער עס קאָכט ניט,“ האָט דער קליינער ווידערהאָלט פערטראַכטערהייט. ער האָט ניט פערשטאַנען, וואָס איך מיין. פערשטעהט איהר?

## XVI.

# ווארום איך קען ניט ווערען א סאציאליסט.

איך וואלט שוין לאנג געווארען, נאר איך וועל אייך זאגען וואס מיר האלט דערפון אפ. איך האב דאס מיט עטליכע וואכען צוריק געזאגט מיינעם א גוטען פריינד (וואס ער איז אביסעל פערכאפט). ער זאגט, ער איז געווארען א סאציאליסט נישט מעהר, ווייל א געוויסע זשארגאן־צייטונג זידעלט אימער דיא סאציאליסטען און ער רעכענט דערפאר, אז דער רעדאקטאר פון יענע צייטונג טוט עס ניט אומזיסט. זיי מוזען פארט זיין עפעס בעסערע מענשען וויא אנדערע, אניט וואלט ער שוויגען. לערך וויא מען זאגט, אז דיא לבנה מוז פארט שטעהן העכער פאר'ן הונד, אניט וואלט ער אויף איהר ניט בילען. בקיצור, דעם דאזיגען גוטען פריינד מיינעם האב איך אויסגערעכענט גאנצע דרייצעהן טעמים, ווארום איך קען ניט ווערען א סאציאליסט. אויב איך געדענק זיי נאך, קענט איהר זיי האבען שווארץ אויף וויים אלע דרייצעהן.ווארט, לאמיך זעהען, צו האב איך זיי נישט פערגעסען... ערשטענס, ניין, אזוי טויג ניט. איך וועל אנהויבען פון אויסלאז, ווארום דיא לעצטע רייד דערמאנט מען זיך אימער גיכער וויא דיא ערשטע. כסדר אזוי.

דרייצעהנטעס, ווייל סאציאליסטען רעדען רק ארום ארבייטער, אבער ארבייטער און ווידער ארבייטער און פערגעסען אן דיא צרות, וואס די רייכע לייט האבען אין דיא היינטיגע געזעלשאפט. למשל, וואס העלפט דיא קצינים זייערע עשירות ווען זיי קענען ניט איינשלאפען אויף זייערע פעדער־בעטען צוליעב דיא דאגות פון מסחר; ווען זיי מוזען, נעבעך, אייביג הארעווען און גראבעווען, לויפען, קויפען, כאפען, פאטשען, מאכען, רייסען און שווינדלען; ווען זיי געהט קיין זאך ניט איין — ניט דיא גלאז שאמפאניער

ניט דיא לאָזשע פון טהעאַטער, ניט דיא חניפה פון דער ציימונג, ניט דער נייער טיטעל, ניט די שעהנע באַלעט־טענצערין, אפילו ניט דעם קאָנקורענטס באַנקראָט — קורץ און גוט, ווען זיי געהט קיין שום זאַך ניט איין צוליעב דעם, וואָס זיי ווילען רק ווערען רייכער און רייכער? און זאָגט מיר ניט: פאַר וואָס ווילען זיי דאָס? זיי מוזען דאָס ווּעלען, עס ליגט אין דער נאַטור פון עשירות (זאָל מען דערמיט ניט געפּרובט ווערען!) און זיי קענען זיך, נעבעך, ניט העלפען. רופט מען דאָס אַ לעהרע פון ברידערליכקייט, ווען דיא פּרעדיגער פון ברודערשאַפט פערגעסען גאָר אין גאַנצען אָן דיא צרות פון זייערע אונגליקליכע רייכע ברידער?

צוועלפטענס, וויל איך ניט ווערן קיין סאָציאַליסט, ווייל סאָציאַליסטען אַליין שטעלען זיך פאַר זייער אידעאַל אַזוי וויא דאָס וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס דאָס דאַרף קומען — וויא דער קץ — ווען עס איז אין דער צוקונפט, וועהרענד איך קען אייך בעווייזען, אַז דער סאָציאַליזמוס ווערט שוין ביסלעכווייז פערווירקליכט, שוין, איצט, היינט! פערשטעהט איהר מיך? אויב ניט, וועל איך אייך דאָס אַנאַנדערס מאָהל בעסער ערקלעהרען.

עלפטענס, ווייל סאָציאַליסטען זידלען אַזאַ מאַן, וויא ביסמאַרק, וואָס ער ווירקט היינטיגען טאָג מעהר פאַר דיא פריהייט און אַרבעט טיכטיגער פאַר דיא רעוואָלוציאָן, וויא טויזענד היציגע אַגיטאַטאָרען.

צעהנטעס, ווייל אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט וועל איך ניט פיעל האָבען איבער וואָס צו פילאָזאָפירען און פילאָזאָפירען מוז איך — הרגל נעשה טבע — האָט דער גנב פון מינסק געזאָגט צום סליעדאָוואַטעל, ווען ער האָט איהם געפרעגט, וואָרום ער איז אונעהרליך!

ניינטעס, ווייל אויף דיא אַלטע יאָהרען צו ווערען אַ סאָציאַליסט שיקט זיך עפּעס ניט. אָפּגעלעבט אַ גאַנצען לעבען פאַר זיך, מיט אַמאָל נאַ־דיר! געה לעב פאַר אַנדערע.

אַכטענס, קען איך ניט ווערען קיין סאָציאַליסט, ווייל זיי, דיא סאָציאַליסטען, ריידען צופיעל וועגען הונגער, קאַליענען,

שטאַרבען פאַר הונגער און קעלט און נאָך אַזעלכע קליינינקייטען. דיא הויפּט עולה איז ניט, וואָס מאַנכע מענשען שטאַרבען היינט פאַר הונגער, דער עיקר איז, וואָס אַלע לעבען שלעכט! דער עיקר איז, וואָס אַלע (סאַי דיא, וואָס עסען צו וועניג, סאַי דיא וואָס עסען צופיעל; אי דיא וואָס... נאַר לאָמיך זיך ניט פערדרעהען) דער עיקר איז, וואָס אַלע וואָלטען געלעבט פיעל בעסער, ווען דיא וועלט וואָלט אָנגענומען דעם כלל: „יעדער פאַר אַלעמען, און אַלע פאַר יעדען".

זיעבעטענס, ווייל איך האָב מורא, אַז אויב איך זאָל ווערען אַ סאָציאַליסט, קען איך נאָך אַמאָל מגולגל ווערען אין אַ פאַלעסטינעץ, וואָס אַזעלכע גלגולים האָב איך צווישען אידען געזעהען פיעל, און פון וואַנען ווייס איך אַז אַזאַ מפּלה קען ניט קומען אויף מיר אויך? איידער צו לעבען אין ציטערנים פון רק צו טראַכטען: אָט־אָט נעהם איך שרייען „ובא לציון גואל", בין איך בעסער ניט קיין סאָציאַליסט.

זעקסטענס, ווייל מיין אייניקעל שניידט זיך אויף אַ רב — אויף אַן ענגלישען רב, דערצו דאַרף ער קיין גאון ניט זיין — און קיינער וועט מיר ניט איינרעדען, אַז ער וועט אין אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט גיך קריגען אַ שטעדטעל. לאָז ער זיין אַן אַנדער זאַך? אַלע לייכט צו רעדען, ער איז געבאָרען צו רבנות: בטבע אַ גאָר־נישט.

פינפטענס, וואָלט איך קיין סאָציאַליסט ניט ווערען, אום ניט צו האָבען אידישע רעדאַקטאָרם פאַר געגנער; פיעלע פון זיי זיינען אַזוי געמיין, אַז איך וואָלט מיט זיי אפילו קעמפפען ניט וועלען.

פיערטענס, ווייל צו זיין אַ סאָציאַליסט איז שוין אפילו אין ענגלאַנד ניט זיכער. דער סאָציאַליזמוס געהט נאָר וואָס אַרויס פון דיא ווינדעלעך און מען ווייקט שוין פאַר איהם ריטער. מיין ראַטה איז, אַז אַלע אַלטע מענער און יונגע טרוסען זאָלען אויסוויי־כען אַזעלכע אידעען לקיים מה שנאמר: „מי האיש הירא ורך־הלבב ילך וישוב לביתו, ולא ימס את לבב אחיו כלבבו".

דריטענס... געדענק איך שוין ניט וואָס איך האָב מיין פריינד געזאָגט פאַר אַ גרונד.

צווייטענס, ווייל איך האלט אַ לאָטעריע צעטעל (אַ לייפּציגער, אַ האַלבען אכטעלע, אויף מיין אייניקעל'ס נאָמען; דער קאָלעקטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס איז מזל'דיגער) און איך האָב בדעה צו געווינען עפּעס גאָר אַן אייגענס מיט געלד. איהר דאַרפט וויסען, אַז געווינען מוז איך, ווייל איך זעה ניט איין ווי אַזוי איך קען רייד ווערען אויף אַן אנדער אופן. מיין פילאָזאָפיע (צווישען אונז זאָל דאָס בלייבען) טראָגט מיר ווייניג וואָס איין, אויסער אמאָל אַ בעליידיגונג אין „אַפּפער־אַלטאַר"*), וואָס דאָס איז פאַר מיר וויא, להבדיל, אַ קרבן עולה אויפ'ן מזבח איז פאַרצייטען געווען פאַר דיא כהנים. אַ שטייגער מען האָט דערפון הנאה, אָבער דאָס איז ניט צום פעט ווערען.

ערשטענס, קען איך אַ סאָציאַליסט ניט ווערען, ווייל... ווייל מיר דאכט זיך, אַז איך בין.

*) דער „אָפּפער־אַלטאַר„ איז אין דעם לאָנדאָנער „ארבייטער פריינד", וואו דער דאָזיגער פעליעטאָן איז צום ערשטען מאָל געדרוקט געוואָרען, געווען אַן אָבטהיילונג פאַר נדבות פאַר די צייטונג, וועלכע פלעגען זיין בעגלייטעט פון אַלערליי פּראָזאַאישע און געגראַמטע ווערטלאך און סענטענצען. צווישען זיי פלעגט זיך אָפט געפינען זעהר ביטערע קריטיק.

XVII.

## דער רעגען און מיינע שטיוועל.

ווען איך זאָל היינטיגען טאָג ווערען אַ לוח־מאַכער, וואָלט מיר איין זאַך אָנקומען גאַנץ לייכט. איך וואָלט נעמליך קענען גאַנץ ריכטיג אויסרעכענען, אין וועלכען חדש פון יאָהר עס וועט זעהר שטארק רעגענען. איך דארף דערצו נית זיין קיין שטערן־זעהער, קיין גרויסער בעל־חשבון און קיין ווילנער — ווי אַלע אַנדערע לוח־מאַכערס זיינען. איך דארף נית קוקען ארויף (ווי זיי אויפ'ן הימעל) איך דארף נור קוקען אראָפּ און אנשטאָט די שטערן, דארף איך נור בעטראַכטען מיינע שטיוועל. איהר וואונדערט זיך? דאָס איז זעהר איינפאַך, ליעבע לעזער. למשל: אָט לאָז איך היינט פעררינכטען מיינע שטיוועל (נייע קויף איך זעלטען, זעלטען ווען, מחמת איך האלט, ווי דער מאַן־דאָמר, וואָס זאָגט: „סטאַרי דרוג, לוטשע נאָוויך דוואָך".)

און איצט טו איך אַזוי: איך זאָג היינט איז אלול, אַ פּאָאר פערלאַטעטע שטיוועל דארפען האַלטען גאַנץ ביז שבט. אין שבט וועלען זיי עפּענען די מיילער און ביז אָדר וועל איך נית האָבען קיין געלד זיי צו לאָזען פעררינכטען, דערפאר מוז דעם גאַנצען חדש שבט רעגענען. דער רעגען, פערשטעהט איהר, וואַרט גע־וואוינליך אָפּ, ביז מיינע שטיוועל ווערען צוריסען, און לאָזט זיך דאַן אריין אויף אַ חדש, ביז איך האָב נייע פּאָדעשוועס.

וואָס האָב איך געוואָלט ארויסברייגגען דערמיט? ליעבע לעזער, מיר דאַכט זיך, אַז איך רעד נאַרעשקייטען... יאָ, איך רעד גאַנץ געוויס נאַרעשקייטען... וואָס זאָגט איהר? ניין? דאַנק אייך פאַר אייער גוטע מיינונג, אָבער איך וויים בעסער פאַר אייך און איך זאָג אייך: איך רעד נאַרעשקייטען. „אויב

אזוי — זאָגט איהר — וואָלט דאָך זיין גלייכער צו צורייסען די שטיקעל פאַפּיער און א סוף.” איהר זייט אפילו גערעכט, אָבער איהר פערגעסט, אז די דרוקערס און די זעצערס האָבען מאַגענס און דארפען עסען, און ווען יעדער שרייבער זאָל לאָזען דרוקען ניט מעהר, ווי חכמות, וואָלטען די אָרעמע זעצערס שוין לאַנג געדארפט לעגען די ציינער אויפ׳ן פּאָליצע. אָבער ניט דאָס אליין האַלט מיך אָפּ פון צורייסען די שטיקעל פּאַפּיער. איך האָב דערצו נאָך צוויי גרינדע, ערשטענס, ווייל איך וויל אז עס זאָל ווייניגסטענס עטוואָס פון מיינע שרייבעריי ניט פערגעסען ווערן און „א נארעשקייט געדענקט זיך”, ווי דער בעל־דבר האָט זיך פערענטפערט, ווען מען האָט איהם געכאַפּט זאָגענדיג אויסווייניג דעם גרויסען און דעם קליינעם יקום־פורקן, צוואַנציג יאָהר נאָך זיין לעצטען מאָל דאַווגען. צווייטענס, דאַרף א פילאָזאָף קענען מאַכען א שטיקעל חכמה אפילו פון א נארעשקייט. וואַרט, ליע־בע לעזער, א פּאָאר מינוט וועט באַלד הערפון וואָס ווערען. . . .

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

שטיוועל, רעגען, פּאַדעשוועס, שבט. . . שבט, פּאַדעשוועס, רעג־גען, שטיוועל. . . עס געהט ניט. . . שטיל, מען קלאַפּט. אהא! מיין אייניקעל! אַן אומגליק אַ־ביסעל! איך האָב שוין געהאַל־טען גאָר אויף א דרך, קומט ער און צושלאָגט מיר די רעיונות. זיי רוהיג. . . שטיוועל, רעגען. . . רעגען, שטיוועל. . .

„זיידע, לאָז טאַקע פּערריכטען דיינע שטיוועל, וואָרום עס רעגענט, און דו וועסט זיך געוויס פערקיהלען.”

„ארום דעם טראַכט איך טאַקע; זאָג מיר, אפשר פער־שטעהסטו ווי אזוי דאָס קומט, אז עס הויבט רק אָן צו רעגענען אויף גאַנצע וואָכען נאָך־אַנאַנד, אזוי גיך ווי מיינע שטיוועל ווערען צוריסען”.

„א טעות, זיידע! דיינע שטיוועל זיינען כמעט אַלע מאָל צוריסען, נאָר איך רעכען אז דו מערקסט דאָס נור ווען עס הויבט אָן שטאַרק צו רעגענען.”

* * *

איצט דערמאָן איך זיך! דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט אויסברענגען. . . געזונד זאָל זיין מיין אייניקעל, ער האָט מיר די אויגען געעפענט. ריכטיג! און בעטראַכטענדיג, וואָס מיר פּאַסירט מיט מיינע שטיוועל, קענט איהר פערשטעהן א גרויסען טהייל וועלט־געשיכטע. אַלע רעוואָלוציאָנען קומען דורך דעם, וואָס דער רעגען מאַכט די מענשען אויפמערקזאַם אויף זייערע צוריסענע שטיוועל; וואָס א צופעליגע עקסטראַ־צרה פערגרעסערט די אונערטרעגליכקייט פון די געוואוינליכע לײדען.

אַזוי וויא איך בין צוגעוואוינט צו צוריסענע שטיוועל, אַזוי זיינע מיליאָנען מענשען, וועלכע האַרעווען און פּראַצעווען און פינסטערן און חושך'ען, צוגעוואוינט צו זייערע ליידען און צו זייער מאַנגעל. מיט אַמאָל קומט צו אַן אונגעוועהנליכער קלאַפּ, א נייע גזירה, א מלחמה, א קראַנקהייט און דאַן זעהען זיך דיעזע מיליאָנען מענשען אַרום, אַז זיי איז אימער געווען שלעכט און ביטער און פינסטער, און זיי דערלאַנגען זיך א הויב, גערעדע ווי איך נעהם טראַכטען אַרום פערלאַטענען די שטיוועל, ווען עס נעהמט שטאַרק רעגענען.

יאָ, זיי דערלאַנגען זיך א ריהר. צייטענווייז א הויב, אָבער, צום אונגליק, טוען זיי ווי איך; זיי טראַכטען ניט אַרום נייע, גאָר נייע — זיי טראַכטען אַרום לאַטעס. און מען לאַטעט נאָך־אַנאַנד דיא אויסגעטראָטענע, אויסגעפוילטע, אויסגעדרעהטע מענשליכע געזעלשאַפט. א קאָנסטיטוציאָנעלע לאַטע פון זייט, א רעפּובליקאַנישען קנאָפּעל, א פּאַדעשווע פון אַלגעמיינע שטימרעכט. . . מען לאַטעט, מען פערלאַטעט און עס האַלט זיך כלומר'שט א טאָג־צוויי, און דאַן זעהט זיך דאָס פאָלק אַרום, אַז עס איז ניט בעסער, ווי פריהער, און שלאָפט איין ווי געוועהנליך, שלאָפט אָהן אַן אויפהער, ביז א נייער שטורם קומט.... און ווען ער קומט, גיט זיך דער אַרבייטער ווידער א הויב און דאָס זעלבע ווידערהאָלט זיך נאָך אַמאָל.

מען לאַטעט פון דאָס ניי. — איין וואָרט מען לאַטעט און מען פערשטעהט ניט, אז פריהער אָדער שפּעטער וועט מוזען ווע־רען א סוף. . .

פערשטעהט מען דאָס ווירקליך ניט? וויא ווער: מאַנכע פער־שטעהען און מאַכען זיך ניט פערשטעהענדיג, ווייל דאָס פּאַסט ניט צו זייער רוממעל; אנדערע ווידער פערשטעהען דאָס ניט, אָבער זיי פיהלען דאָס. אלע שווייגען.

עס איז צום משוגע ווערען.

XVIII.

## טאַשענאוהר פילאָזאָפיע.

מיין אוהר שטעהט. זי האָט זיך נעכטען ביי־נאַכט אָבגע־שטעלט און ווי עס ווייזט אויס, איז די שפּרינג־פעדער פערדאָר־בען. פאַר'ן שלאָף האָב איך איהר געוואָלט אָנציהען און האָב ניט געקענט. אָה, ליעבע לעזער! לייהט מיר ווער עס איז א האלבע קרוין, ניט א העלפט פון א קעניגליכע קרוין, דאָס האָט איהר אליין ניט כאָטש איהר זייט בני־מלכים, און אפילו ווען איהר וואָלט געהאַט, וואָלט איך אויך ניט גענומען מחמת. . . איהר וואָלט ניט געגעבען? ארום דעם טראַכט איך ניט, ווייל קרוינען האלטען ביי'ן אויסגעהן פון דער מאָדע און — ווער ווייס? אפשר ווערט אין עטליכע יאָהר ארום ניט זיין זעהר זיכער צו טראָגען אזא תכשיט אויפ'ן קאָפּ. . . אלזאָ ניט א העלפט פון א קעניגליכע קרוין בעט איך ביי אייך, איך בעט נור א האלבע קרוין וואָס בע־טרעפט אין גאַנצען דרייסיג פענעס, וואָס דאָס וואָלט מיר איצט צו־נוטץ געקומען צום לאָזען פעררוכטען מיין אוהר, מיין ליעבע אוהר, וואָס איך האָב א ירושה פון א זיידען און וואָס האָט מיר בעקאַנט געמאַכט מיט אזעלכע פעטערס, *) פון וועלכע אונ־זער גאנצע משפחה האָט קיינמאָל ניט געוואוסט.

אָבגלייך זי שטעהט, האָב איך איהר דאָך אויפגעהאַנגען ביי'ן צוקאָפּענס אויפ'ן וואַנד, און זיך לעגענדיג אין בעט, האָב איך איהר מיט ליעבע אין הארצען און (כמעט) מיט טרערען אין דיא אויגען אָנגעקוקט, א שטייגער ווי א מלוה בעטראַכט א בעל־חוב'ס א וועקסעל, ווען דער בעל־חוב האָט באַנקראָטירט, ער ווייס גאַנץ גוט, אז דאָס, וואָס איז נעכטען געווען א גרויסע סומע געלד,

*) פעטער רופט מען דאָרטען דעם וואָס לייהט געלד אויף פּראָצענט.

איז היינט ניט מעהר ווי א שטיקעל פאפיער, אבער ער ליעבט דעם ווערסעל דאך און היט איהם ווי פריהער און קוקט איהם מיט ליעבע אָן און. . . . נאָר לאָמיך ניט פערקריכען אין צו ווייטע דרכים, יא, איך האָב מיין אוהר אויפגעהאנגען אויפ'ן וואנד, הגם זי איז איצט א שברי־כלי, און איין גאט אין הימעל ווייס, אז איך האָב ניט די האלבע קרוין, איהר צו לאָזען פעררינכטען.

קוקענדיג אויף איהר האָב איך געטראכט:

ליעבע, טייערע (טייער ביי מיר, די פעטערס האָבען אלע מאָל געהאט פון איהר אַן אנדער מיינונג — ימח שמם!) טייערע, אלטע אוהר! נאָר וואָס האָט זי געלעבט; דער דופק האָט געקלאפט, די רעדלעך האָבען זיך געדרעהט, די ווייזערס זיינען געגאנגען, די צייט האָט געוואוסט, וואו זי איז אין דער וועלט, — מיט אמאָל הערט אויף די ספּראַנדזשינע צו ווירקען און פון די גאנצע מאכינאציע ווערט א תל־עולם. די ספּראַנדזשינע, אה, די ספּראַנד־זשינע! וואָס איז דער גאנצער זייגער־אָרגאניזמוס אָהן דיר און דאך, וואו ליגסטו? בעגראָבען אין א ווינקעלע, וואו מען זעהט דיר ניט און מען ווייס דיר ניט. די שוואכע, דוממע ווייזערלעך, וועלכע קענען אָהן דיר זיך ניט געבען א ריהר, געהען שטאָלץ ארום אויפ'ן ציפער־בלאט און מיינען, אז זיי פיהרען די גרענדע און זעהען ניט די קראפט, וואָס גיט זיי לעבען און בעוועגונג, און ווי־לען פון איהר ניט וויסען.

איך האָב ניט געקענט איינשלאָפען און האָב ווייטער גע־טראכט: וואָס די שפּרינג־פעדער איז אין דער אוהר — האָב איך פילאָזאָפירט — דאָס איז די ארבייט אין דער מענשליכער גע־זעלשאפט. . . די גאנצע מאכינאציע, וואָס מען רופט „שטאאט“ בלייבט שטעהן, ווי אַן אוהר, ווען די ארבייט־ספּראַנדזשינע פּלאַטצט; דער האנדעל מיט אלע זיינע רעדעלעך קונציג ארייג־געפאסט איינער אין דעם אנדערן; די רעגיערונגס־ווייזערס מיט זייער גאנצען שטאָלץ אויבען אויפ'ן ציפער־בלאט דער וועלט; דער דופק, וואָס מען רופט היער עפענטליכע מיינונג (געמאכט דורך צייטונגען, וועלכע זיינען געדרוקט אויף לומפען־פאפּיער

און ווערען ארויסגעגעבען פון לומפען־שרייבער,) ווערט שטיל, שטיל ווי דער פולם ביי א טויטען, אזוי גיך ווי די מעכטיגע אר־בייט־ספראנדזשינע דערלאנגט זיך א שטעל און זאגט: „איך שלעפ ניט מעהר — אומזיסט אייער אנציהען און דרעהען!“

און דאך האט זיך מיר געוואלט איינשלאפען. איך האב גע־נומען לעזען א צייטונג. וואס איז דאס? די בעקער ארבייטער ווילען מאכען א סטרייק! איך האב ניט געטרויט מיינע אויגען, האב אנגעטאן דיא ספאקולען און האב איבערגעלייענט די שטי־קעל נייעס. וואס? די בעקערס? דער בעקער איז דער שליסעל, וואס ציהט אלע טאג אן די ספראנדזשינע... ווען דער שליסעל זאל ניט וועלען ציהען. . . . וואס פאר א טומעל דא קען ווערען! וואס וועט פיקאדיללי זאגען? וואס וועט בייזוואטער טאן, ווען עס וועט קריגען צו פערזוכען דעם טעם פון תענית? וואס וועט דער לאנדאנער וועסט־ענד זאגען, ווען ער וועט נעהמען בעגריי־פען דאס, וואס דער אסט־ענד פיהלט זעהר אפט? ווארום דער בעקער־ארבייטער׳ס סטרייק האט צו בעדייטען עפעס מעהר ווי „קנאפ ווארעמע זעמעלעך צום פריהשטיק“ — ער קען אוועקשטע־לען דעם גאנצען מסחר, דעם גאנצען האנדעל און וואנדעל, און 24 שעה תענית וואלט הייסען רעוואלוציאן. . .

מיט אמאל איז מיר געקומען אויף די געדאנקען דער מויל־ווארף און איך האב געענדערט מיין מיינונג. דער מויל־ווארף (יאזש) איז א קליינע חיה׳לע, וואס זיין הויט איז פול מיט נאדלען, וואס זיי הייסען „שטאכעלן“ אויף דייטש. דיעזע קליינע חיה׳לע האט א נאטור זיך צוזאמען צו ראלען ווי א קנויל פון באוועל אזוי גיך ווי איינער וויל איהר אנגרייפען. דאס האט א דאפעלטען צוועק. ערשטענס, שטעלען זיך דאן אוועק איהרע נאדלען ווי טשוועקעס, און צווייטענס ווייסט איהר ניט מעהר, וואו די קאפ, וואו די פיס און וואו דער קערפער פון דעם מויל־ווארף איז. די הויפטזאך אבער איז, וואס דיעזע חיה׳לע, ציטערנ־דיג פאר איהר הויט לאזט דאן מיט זיך אלעס טאן, חוץ איהר הויט אנריהרען, און איהר קענט איהר דריקען און ווארפען און

קייקלען און עס הארט איהר ניט. מען קריעגט אויף איהר רחמנות און מען לאָזט איהר לעבען.

אזא מין חיה איז די ענגלישע געלד־פּארטיי. ווען זי דער־שמעקט געפאהר, שטעלט זי אפילו אויס איהרע נאָדלען, אָבער זי לאָזט מיט זיך טאָן, וואָס מען וויל. זי איז ניט אזא ווילדע בעסטיע, ווי די פראנצויזישע, למשל, און קומט געוועהנליך אָפּ מיט א קלייניגקייט. זי קייקעלט זיך צוזאַמען און איהר זעהט ניט מעהר וואו איהר אָנצוגרייפען; דער ארבייטער שרעקט איהר אביסעל אָן און לאָזט איהר דאן צופריעדען.— פון די בעקער — האָב איך ביי זיך בעשלאָסען —וועט נאָך אויך קיין סכנה ניט קומען פאר די בייכער. עס וועט פאָרלויפיג בלייבען ווי געוועזן: די הענד וועלען ארבייטען און די בייכער וועלען זיך שטאָפּען, מאָרגען פריה וועט דער שליסעל אָנציהען די ספּראָנדזשינע און די קאַפּיטאַליסטישע אוהר וועט זיך געהן פון דאָס נייע ביז. . . ביז די ספּראָנדזשינע וועט ווירקליך פּלאַצען.

* * *

מיין אוהר שטעהט נאָך אלץ, ליעבע לעזער, האָט ניט ווער עס איז פון אייך אן איבריגע האלבע קרוין?

## XIX.

### נאַטור געשיכטע: א דרשה פאר פערד.

איך האָב אייך געזאָגט אז יאָזש הייסט אויף דייטש א מויל־וואורף. דאָס איז א ליגען. יאָזש הייסט גאָר א איגעל און וואָס דיא דייטשען רופען מוילוואורף איז א קראָט. איצט פערשטעהט איך, ווי לייכט עס איז צו בעטריגען אידישע לעזער, און איך רעכען, אז מיט אביסעלע חוצפה און מיט א פעדער אין האנד וואָלט איך נאָך אפשר אמאָל קענען ווערען א שרייבער מיט א פולק לעזער ארום זיך, וואָס...

ווער ווייס צו דער קראָט האָט זיך ניט געפונען בעליידיגט דורך דעם, וואָס איך האָב איהם גערופען יאָזש. איהר דארפט וויסען אז דער קראָט איז דער ערפינדער פון אונטער דער־ערדיגע סטראָיע־ניעס. ער האָט געמאכט קליינע טונעלען אין דער ערד, ווען מען האָט נאָך ארום אייזענבאהנען גאָר ניט געטראכט און ווען דיא פערד (אין מאנכע לענדער די אָקסען און עזלען) האָבען נאָך געמיינט אז די וועלט קען זיך אָהן זיי ניט ריהרען פון דאנען אהין... דער קראָט האָט פיינט דאָס ליכט, ער האָט פיינט די זון און ער מיינט אז עס איז פינסטער און וועט אימער בלייבען פינסטער, ווייל ער ליעגט אימער בעהאלטען אין זיין נאָרע, א שטייגער ווי סענדער דער „אני־ואפסי־אין־קייזער" פון מלכות רייסען מיינט אז עס הערשט אין זיין מדינה די גרעסטע פינסטערניס, ווייל ער ליגט אין א נאָרע אין גאטשינא, וואו עס שיינט קיינמאָל ניט אריין די זון פון אויפקלערונג... האלט! אפשר האָב איך דעם קראָט נאָך אמאָל בעליידיגט, מיט דעם, וואָס איך האָב איהם פערגליכען מיט...

ווארום איז אייגענטליך דער פערד אזא יחסן ביי זיך? עזלען זעהט מען אָפט אויך, וואָס האָל־

טען זיך גרויס, אבגליידך זיי געהען מיט אראפ־געלאזענע קעפ. ביי זיי אבער איז דאס ניט אייגענע גאוה. אזעלכע עזלען האלטען זיך פאר מיוחסים: איינער, ווייל שמשון האט בע־נוצט זיינעם אן אור־אור־אור־אור־אור־אור עלטער זיידע'ס א באק צו בעקעמפען די פלשתים; אנאנדערער ווייל זיינע א אור־אור־אור־אור־אור־אור עלטער־באבע האט, טראגענדיג אויף זיך בלעם'ען, גערעדט לשון־קודש; וויעדער אנאנדערער, מחמת ער קומט ארויס פון דעם עזעל, וואס דער קריסטליכער משיח איז אויף איהם געריטען און וואס אונזער משיח וועט אויף איהם קומען (איך גלויב, נעמליך, אז דאס איז דער זעלביגער עזעל ביי זיי ביניהם און ביי אונז); אנדערע עזלען קענט איהר געפינען, וואס האבען אנאנדער מין יחוס, איבערהויפט צווישען די צוויי־פיסיגע חמורים... דאס איז אבער אלץ ניט קיין אייגענע גאוה. ביין פערד אבער איז די מעשה אנדערש. ער איז טאקע שטאלץ מיט זיך אליין. איך פרעג נאך אמאל: ווארום איז דער פערד אזא יחסן ביי זיך?

עס קען זיין, אז הער פערדישער שטאלץ איז אזוי ווי דער מענשליכער. מיט וואס, למשל, שטאלצירען די פעלקער? מעהרס־טענס מיט דעם, וואס זיי האלטען זיך פאר גרויסע קריגער, מיט דעם, וואס זיי האבען בעזיעגט אנדערע פעלקער, פערגיסענדיג טייכען בלוט, האפענדיג אז זיי וועלען דאס זעלבע וויעדער טאן אין דער צוקונפט. אזוי ווי דער פערד ווייס אז ער שפיעלט אין א מלחמה זעהר א גרויסע ראלע, האלט ער זיך דערמיט אזוי גרויס, ווי דער מענש. איז דאס א וואונדער? אט געהען פארביי טויזענדע ארעמע ארבייטער, פעק טרעגער, הונגער־ליידער, מכות־האבער פערביי א מאנומענט פון גענעראל וועלינגטאן. ביטער ווי זיי איז, שטאלצירען זיי דענקענדיג דערמיט, וואס דער גרויסער בלוטפער־גיסער, דער בעריהמטער מענשען שוחט איז געווען זייערער א לאנדסמאן. קען איך דען פערדענקען דעם ארעמען פערד, וואס געהט אויף פערביי, שלעפענדיג א וואגען מיט משא, — ווען ער קוקט אויף זיין לאנדסמאן (וועלינגטאן'ס פערד) און פיהלט זיך אויך שטאלץ? א פערד איז א פערד און א מענש איז ציימענוויז

אויך נישט מעהר...

און דאָך, ווען מען זאָל די זאַך גענוי איבערלעגען, איז די פערד, וויינינגסטענס די ארבייטער־פערד, גאָר ניט אזוי גוט, אז זיי זאָלען, אנשטאָט צו זוכען א פערבעסערונג אין זייער לאגע, זיך איי־בערנעהמען מיט זייערע ברידער'ס זיעגע אין דער מלחמה. ווען איך זעה די פערד, וואָס זיינען משא־פיהרער (ליעבער זעצער, מאכט ניט קיין טעות־הדפוס אין דעם וואָרט; דרוקט משא־פיהרער און ניט מאַסען־פיהרער, ווייל דיעזע זיינען ניט קיין פערד, זיי זיינען געוואוינליך פוקסען; איהר האָט מעהר ווי איין וואָרט מיינעם פערדרעהט און איך האָב געשוויגען, דאָס אָבער מוזט איהר דרוקען ריכטיג..) אלזאָ, נאָך אמאָל, ווען איך זעה פערד, וואָס זיינען משא־פיהרער, וועלכע ווערען — ווי די ענגלענדער דריקען זיך אויס — איבערגעארבייט און אונטערגעפיטערט, וואונדער איך מיך: וואָרום זיי טוען ניט נאָך די מענשען אין דעם פרט פון סטרייקס, ווי זיי טוען זיי נאָך אין נאציאָנאל־שטאָלץ. אָה, ווי אינטערעסאנט עס וואָלט געווען צו זעהן אזא סטרייק! איך וואָלט זיי גערן געהאַל־טען אזא דרשה, ווי די פאָלגענדע, גלייך ביין ערשטען מיטינג. איך וואָלט געזאָגט:

„געעהרטע פערד און קליאטשעס!

„ענטשולדיגט מיר, וואָס איך אונטערשטעה זיך צו קומען „אייך האַלטען א רעדע, זייענדיג א פרעמדער. איך וויים אז ביי „מענשען, למשל, איז א פרעמהער לעסטיג, אפילו ווען ער איז „פריינדליך, און אזוי ווי איך בין ניט פון אייער נאציאָנאַליטעט „(ווער הירזשעט דאָרטען?) קען זיין, אז איהר וועט אויף מיר „קוקען קרום. איך זאָג אייך, איך מיין אייער טובה. בעטראַכט, „וואָס דאָ טוט זיך. איהר, ענגלישע פערד, האַלט זיך פאר א „גרויסע נאציאָן. איהר האָט ארויסגעגעבען אזעלכע בעריהמטהיי־„טען, ווי דאָנאָוואן, דעם צעסאַרעוויטש, יושאַנט און הונדערט „אנדערע, וועלכע האָבען זיך ערוואָרבען אונשטערבליכען רוהם „אויף דיא רייסעס. פון אייער ראַסע ווערען שטאַמען די גרעסטע „קריעגסהעלדען און איהר זייט שטאָלץ דערמיט. איך פרעג אייך

„אָבער: איז דאָס רעכט, אז צוליעב דעם, וואָס איין דאָנאָוואָן זאָל
„זיך מאַכען אַ נאָמען און שטעהן אין די צייטונגען און לעבען אַ
„גוטען טאָג, אָדער צוליעב אַנאַנדערן, וואָס ער ווערט בעריהמט
„אין דער וועלט־געשיכטע, אלס גרויסער שלאַכט־פערד — אַז צו־
„ליעב דעם, זאָג איך, זאָלט איהר, איהר, דער גרעסטער טהייל פון
„די נאַציאָן, לעבען איינגעשפּאַנט אין יאָך אונטער אַ בייטש, אין
„שמוציגע שטאַלען, אויף קנאַפּ האָבער און פערפוילטע היי? וואו
„איז דער דאָקטאָר, וועלכער היילט אייך, ווען איהר זייט קראַנק?
„וואו איז דער שטאַלקנעכט, וואָס פּוצט אייך? געעהרטע פערד און
„קליאַטשעס — איך זאָג אייך, איהר זייט שקלאַפען! יאַ, שקלאַ־
„פען! צו איהר דיענט אַלס יאַגד־פערד אָדער אַלס וועגען־פערד;
„צו איהר זייט רייט־פערד אָדער לאַסט־פערד, שקלאַפען זייט איהר
„אימער, איהר, אייערע קליאַטשעס און אייערע זשערעבצעס! און
„ווער האַלט אייך אין יאָך? ניט דער מענש: איהר זייט שטאַרקער
„פאַר איהם — אייערע ווירקליכע אונטערדריקער זיינען אייערע
„אייגענע אַריסטאָקראַטישע ברידער, די זעלביגע בעריהמטע רייט־
„פערד און שלאַכט־פערד, מיט וועלכע איהר נעהמט זיך איבער.
„זיי פערבלענדען אייך די אויגען מיט זייער רוהם און איהר זעהט
„ניט אייער שלעכטע לאַגע און דאַדורך העלפען זיי דעם שוואַכען
„מענשען אייך האַלטען אין יאָך. ביי די מענשען איז אויך דאָס
„נעמליכע, אָבער זייערע לאַסט־טרעגער הייבען אָן זיך צו פעראייני־
„גען, זיי קומען צום שכל. זייט־זשע איהר אויך קיין פערד ניט.
„אמן.“

## XX.

## אנדערע קענען — איך ניט.

א מענש — א מענש איז ניט גלייך. עס זיינען דאָ מענשען, וואָס האָבען אייך אזא מין גבורה אין שרייבען, אז זיי קענען מאכען (ווי די ווייבער זאָגען) פון א וואָרט א קוואָרט. איך האָב געקענט מחברים וואָס האָבען זאטערהייט און הונגעריגערהייט, אין היץ און אין קעלט, מיט א פרעהליכען הארצען און אין די גרעסטע מרה־שחורה — געשריעבען ארטיקלען וועגען אלערליי ענינים און אויף אלערליי אופנים, רעגולער פון וואָך צו וואָך, פון טאָג צו טאָג, רעגולער, ווי א גוטע הוהן לעגט אייער, ווי א גוטער איד לעגט תפילין, ווי א ישיבה־בחור געהט עסען טעג; רעגולער ווי מחלוקות אין דעם אידישען טהעאטער נאָך יעדע פאָרשטעלונג, ווי די לאָנדאָנער פאָגעס יעדען יעסען און יעדען ווינטער, ווי אונגליקספעלע אין קוילענגריבער, ווי פוסטע דרשות אין ענגלישע קירכען, ווי רעגענוועטער בשעת איך געה אוים שפּאצירען, ווי מיין אייניקעל׳ס קשיות, ווען איך האָב ניט קיין צייט, ווי ביזע אין סטרעטפאָרד (אויפ׳ן בית עולם), ווען עס איז סלעק אין בעטהנאל־גרין*), ווי אונטערדריקונגס־געזעצע אין רוסלאנד, יעדעסמאָל ווען דער קייזער האָט א בייזען חלום, ווי פוסטע וויצען אין קאָמישע זשורנאלען, ווי געמאַכטע טרערען ביין עמוד ראש־השנה... גענוג! איך וויל אייך נור זאָגען אז גאנץ גענוי אזוי רעגולער, ווי אָט די אלע זאכען, זיינען די שרייבערייען פון געוויסע שרייבערס, וועלכע איך האָב אין מיין לעבען געקענט, און איך טראכט זעהר אָפט ווי אזוי דאָס קומט אז איך קען אזוי ניט שרייבען. יא, ליעבע לעזער, א מענש — א מענש איז ניט גלייך.

---

*) דער אָרעמסטער לאָנדאָנער קווארטאל.

בײ מיר טרעפט זעהר אָפט אַז איך טו אָן די ספּאַקולען...
ווײסט איהר, אַז מיט אַ שטיקעל סאַפיאַן פון אַן אַלטע הענטשקע איז זעהר גוט צו פּוצען ספּאַקולען? מײן אײניקעל האָט נעכטען געפונען אַזאַ הענטשקע (האַנדשוה, בלע"ז) אין קלערקענוועל, און האָט זי מיר געבראַכט, און מײן בלויע פּאַצײלקע וועט איהם דאַנקען, וואָרום זי האָט ביז איצט געדיענט אױ דעם נאָז אי די אויגען, און דאָס האָט איהר ניט געפּאַסט, וואָרום ווער עס געוועהנט זיך אײן צו טאָן זויבערע אַרבײט, האָט פײנט שמוציגע, ווי, למשל, אַ קופּאָנעס־שנײדער וואָלט ניט קענען זײן קײן קירזשנער און אַ באַנקדירעקטאָר וואָלט ניט האָבען קײן חשק צו ווערען אַ שטיוועל־פּוצער אין ווײטשעפּעל, הגם דאָס וואָלט פאַר זײ בײדען געווען געזונד און זײ וואָלטען געהאַט מעהר אַפּעטיט צום עסען, וועהרענד דער קירזשנער, וועלכען אַפּעטיט פעהלט זעלטען ווען, וואָלט זיך אונטער דער צײט אַמוזירט מיט שנײדען קופּאָנעס, וואָס דערפון וואָלט איהם אַרויסגעקומען אַ דאָפּעלטע טובה: ער וואָלט, ערש־טענס, ניט געדאַרפט אַזוי אָפט פערזעצען זײן זײגער מיט די קײט, און, צווײטענס, וואָלט ער, שנײדענדיג די קופּאָנעס, געקראָגען אַ ידיעה פון די גרויסע חובות, וואָס אײראָפּעאישע מלוכות מאַכען אויף זײן חשבון, און אויף דעם חשבון פון אַלע אַנדערע אַרבײטער, זײערע קינדער און קינדס־קינדער, און קינדס־קינדס־קינדער ביז אין אלף הששי אַרײן, וואָס דאָס, קען זײן, פערשטעהען ניט אַלע פון אײך, אָבער וואָס דאָ איז ניט דער אָרט אײך דאָס צו ערקלערען און איצט — ניט די צײט הערצו, ווײל איך האָב זיך שוין אָהן דעם אויך אַזוי פערפּלאָנטערט, אַז אײן קנײלכעל פּאָדים ווײס ווי איך וועל זיך אויסדרײען, סײדען איך הער די לאָגיק ווי די קאַץ, און קעהר זיך אום, מיט אײן שפּרונג אַהינטער, צוריק צו מײנע ספּאַקולען, און זאָג:

בײ מיר טרעפט זעהר אָפט, אַז איך טו אָן מײנע ספּאַקולען און... און... מחשבות'ן, וואָס האָב איך אײגענטליך געוואָלט אויסברײנגען? אַי, אַי, אַי, ווי מײנע רעיות זײנען צושלאָגען! וואַרט... אָט איז עס, יאָ! איך טו אָן מײנע ספּאַקולען און נים

צו א פינגער־הוט וואסער צו די אויסגעטרוקענטע טינט, און מאַך ריין די פעדער, און רייס אויס די ניט געדרוקטע בלאַט, וואָס איז פאר'ן פאָרדער־בלאט אין אַן אלטען מחזור, אָדער א קרבן־מנחה סידור (אמשטערדאַמער דרוק — א ירושה פון א זיידען פון מיין מאַמעס צד) און זעץ זיך אוועק צו שרייבען און זעה, אז איך האָב ניט וואָס אַנצוהויבען און וואָס אויסצולאָזען.

איהר ווייסט ניט ליעבע לעזער, ווי איך בין דאָן מקנא אונזערע אידישע מחברים, וואָס זיי פעהלט קיינמאָל ניט קיין מאַטעריאַל, וואָס זיי קענען אויפטאָן א חבור פון גאָר ניט און בעשאפען, כביכול, ווי דער רבונו של עולם, א יש מאַין, וואָס זיי — דאכט זיך מיר— וואָלטען געשריבען ארטיקלען אפילו ווען מען וואָלט זיי אָב־געשניטען די פינגער פון די הענד (וואָס מאַנכע פון זיי פערדיענען דאָס) א שטייגער ווי מען זאָגט אז ראַפאַעל וואָלט געוואָרען א גרויסער מאַהלער, אפילו ווען ער וואָלט געבאָרען געוואָרען גאָר אָהן הענט, און ווען איך זאָג הענט, מיין איך הענט, וואָס געוועהנלי־כע מענשען האָבען און ניט אידישע מייסטערס אליין, וואָרום מיט געדונגענע הענט וואָלט ראַפאַעל אפשר געקענט אויסנעהען א סך קנאָפּלעכער, אָבער גרויסע בילדער וואָלט ער ניט געמאכט, וואָס דאָס וואָלט געווען אַן אומגליק פאר אַלע לעדיג־געהער, וואָס זיי בענוצען זייערע אויגען צום קוקען אויף אַנדערע מענשען'ס ארבייט און ניט צו זעהען, וואָס זיי וואָלטען אליין קענען טאָן, ווען... נאָר איך בין ווידער פערקראַכען אין האַצע־פּלאַצע אריין.

בקיצור, איך בין דאַן שטאַרק מקנא אונזערע כשוף־מאַכערס... חבור־מאַכערס, האָב איך געוואָלט זאָגען, וועלכע האָבען אזא גרויסע גבורה אין שרייבען און הגם פיעלע פון זיי האָבען פאר „גע־עהרטע לעזער" ניט מעהר ווי דריי פּאַרשוין, נעמליך זיך אַליין, דעם זעצער און דעם בעל־מגיה, (און דאָ לאָזט מיר דערלאַנגען א גרויסען, טיעפען חורבן־בית־המקדש־זיפץ פאר'ן שריפטזעצער און זיין ברודער, דעם קאָרעקטאָר, וועלכע מוזען טאָן, וואָס קיין אַנדער מענש מוז ניט, וואָרום דער ערגסטער טיראַן קען אייך נור צווינגען ניט צו לעזען, קען פערבאָטען צו לעזען, אָבער

ער קען דאָך קיינעם ניט צווינגען צו לעזען, וואָס מען וויל ניט, וועהרענד די זעצער — אָה, אונגליקליכע פערשאָלטענע ראַסע, אָרעמע, אָרעמע זעצער! — מוזען אַלעס לעזען, זיי און די ברידער זייערע, די קאָרעקטאָרס, נעבאָך! איצט א קירעווע צוריק. וואו בין איך געבליעבען? יא...) הגם זאָג איך, זיי האָבען וועניג לעזער, זיינען זיי דאָך מחברים און שרייבען טאַקע זעהר פיעל און טאַקע פון גאָר נישט, אָבער ווי זיי קענען דאָס, ווייס זיי דער גוטער יאָהר, מיין שכל בענעהמט דאָס ניט.

אפשר איז די מעשה אזוי: דער אויבערשטער, וועלכער איז — מען זאָל ניט זינדיגען מיט די רייד! — דער גאָט פון די רייכע, דער העלפער פון די גבירים, גיט זיי געלד און אַלדעס גוטס און גיט אויך די, וואָס שרייבען פאַר זיי (אונזערע מחברים שרייבען, נעמ־ליך, נור פאַר זיי) דעם כוח צו קענען פיעל שרייבען: דער וואָס העלפט זיי, העלפט זייערע טעלער־לעקערס אויך. דעם, אָבער, וואָס שרייבט פאַר די אָרעמע, בעהאַנדעלט ער ווי די אָרעמע לייט אליין... דאָס לאָזט זיך הערען, ניין? יעדענפאַלס... גענוג! איך בלייב ביי דאָס מייניגע: אַ מענש — אַ מענש איז ניט גלייך.

XXI.

## חומש מיט א נייעם פירוש.

איך האָב פאַר אייך א גריכישע מעשה. איך האָב זיי זעהר ליעב, די גריכישע מעשיות: זיי זיינען זעהר אנגענעהם צו הערען און זיי פערלאַנגען ניט אז מען זאָל אין זיי גלויבען; ניט ווי די מעשות, למשל, וועלכע מיר האָבען אַלע געהערט ביים רבי'ן אין חדר. אָט נעהמט אַזאַ שעהנע ערצעהלונג ווי די מעשה מיט קין און הבל. וואָס דאַרף מען בעסער? קין איז א לאַנד־בעזיצער אין א צייט ווען מען האָט ארום די ערד וועניג וואָס צו טאָן, ווייל די ערד גיט איהרע פּרוכט כמעט אליין. ער האָט פון דער ערד אַלעס און שיינט דערביי גאָר־נישט צו טאָן (ליינענדיג בראשית, וואָלט מען מיינען אז קין איז א לענדלאָרד ערגעץ וואו אין אירלאַנד, אָדער אין פּאָדאָלסקער גובערניע ביי אונז אין רוסלאַנד). קין ברענגט א קרבן צו גאָט. הבל, וועלכער איז א פּאַסטוך און פערדיענט זיין שטיקעל ברויט מיט שווערע האַרעוואַניע, ברייננגט אויך אן אָפּפער. דער רבונו של עולם, וועלכער איז קיין נושא פנים ניט, גיט קין'ען אָנצוהערענעם אז זיין קרבן איז איהם ניט אזוי ליעב, ווי הבל'ס, מחמת הבל'ן איז דער קרבן אָנגעקומען מיט שוויים, ווערענד ער, דער עלטערער ברודער, האָט דעם אויבערשטען נור געגעבען דאָס, וואָס ער האָט פון איהם אליין געהאַט במתנה, א שטייגער ווי א פאַבריקאַנט גיט היינט זיינע ארבייטער א געשענק פון די געלד, וועלכע ער האָט „געמאַכט" פון די ארבייטער'ס פּראַצע. קין דער לענדלאָרד ווערט איצט אין כעס און הרג'עט זיין ברודער הבל דעם פּאַסטוך. דערפאַר ווערט ער בעשטראָפט און די שטראָף, וועלכע גאָט גיט איהם, איז זעהר א קלוגע. אָנשטאָט איהם צו הענגען (ווי מענשליכע, אפשר איז בעסער צו זאָגען: אונמענש־

ליבע ריכטער וואַלטען היינט געטאָן), לאָזט איהם גאָט ארומגעהען איבער דער וועלט געפּלאָגט און געמוטשעט פון זיין אייגענעם געוויסען. גאָט זעצט איהם אפילו אין טורמע ניט אריין, ווייל ער (יתברך) ווייס, אז קין וועט האָבען פיעל מעהר געוויסענסביסע, ווען ער וועט זיין פריי, ווי אין א טורמע, וואו ער וועט אָבקומען פאַר זיינע זינד, — וואו ער וועט זיך האַלטען פיר בעשטראָפט.

דיא מעשה איז זעהר א שעהנע, ווען איהר בעטראַכט איהר אַלס פאַבעל, און אין איהר ליעגט א גרויסער מוסר־השכל, ווי איהר זעהט, אָבער דער אומגליק איז, וואָס די מעשה וויל, אז מען זאָל אין איהר גלויבען באמונה שלמה און איך זעה בשום אופן ניט איין, ווי דאָס איז מעגליך. בעטראַכט נור אליין: די בעפעל־קערונג פון גאַנץ אזיא, אפריקא און אייראָפּא (אמעריקא און אויסטראַליע זיינען נאָך ניט געווען ענטדעקט, ווען די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען...) איז דענסטמאָל בעשטאַנען פון פיער פּארשוין. ווען קין האָט ערמאָרדעט זיין ברודער הבל, זיינען גע־בליעבען דריי: אדם, חוה און זייער זוהן קין. צו וואָס האָט גאָט איהם געמאַכט דעם צייכען אויפ'ן שטערען? ווער וועט קין'ען צעפּענען? און נאָך דעם חומש'ס רייד קומט אויס, אז דאָס קען ווירקליך פּאַסירען, א שטייגער עס זיינען דאָ אויף דער ערד א סך פרעמדע פּערזאָנען, וועלכע לעבען (ווי היינט גענעראַלען, פּאָלקאָווניקעס, אדוואָקאַטען, ריכטער, קברות־לייט און אנדערע...) פון מענשען־מאָרד. היינט גלויבט דארין! אמת, רש"י מוז עפּעס וואָס מאַכען דארויף, אָבער מיט וואָס איז דאָס רש"י אזא בעל־בטוח ביי מיר? עס איז לייכט צו זאָגען: גלויב, דאָס מוז מען קענען און איך קען עס ניט.

נעהמט ווייעדער אזא פאַבעל, ווי די מעשה מיט'ן עץ־הדעת. זי איז ווערטה אז מען זאָל איהר איינקריצען מיט גילדערנע אותיות אויף א מאַרמאָרנעם שטיין. דער זין דערפון איז אזוי שעהן, אז צייטענווייז ווילט זיך מיר אליין גלויבען דארין. שטעלט זיך נור פאָר: אָט ווערט א מענש אריינגעלאָזען אין א פּאַראַדיעז צוזא־מען מיט זיין פרוי, וועלכע איז (און וואָרום זאָל זיא ניט זיין?)

בילדרשעהן, זיי ליעבען זיך, מחמת קיין אנדער ארבייט האבען זיי ניט, און זיי לעבען א גוטען טאג צווישען אלערליי דופטיגע בלומען, פרוכטטראגענדע בוימער, צווישען טרויבען און אפריקאזען, מיט א בלויען הימעל און א שעהנע ערד — שעהן און רייצענד ארום זיך, איבער זיך, אונטער זיך און פאר זיך! אלעס מעג דער מאן געניסען צוזאמען מיט זיין הערצענסגעליעבטע פרוי (ווי דער בריעפשטעלער זאגט) און נור איין זאך איז איהם פערבאטען: מען לאזט איהם האבען אלץ, חוץ אויפקלערונג. „פון דעם בוים דער וויזהייט, פון עץ־הדעת,“ — זאגט מען איהם — „טארסטו ניט עסען.“ „ווארום?“ פרעגט ער און גאט ערקלערט איהם, אז דאס קען פערקירצען זיינע יאהרען. אה, ווי איהם ווילט זיך זיין קלוג! אה, ווי איהם ווילט זיך זיין אויפגעקלערט! וויסען, וויסען! וויסען אלץ, וואס טוט זיך אין דער וועלט, פערשטעהן די שעהנע נאטור, דענקען, קלערען, טראכטען, ערפינדען! דאס וויל אדם, אבער עס פעהלט מוטה און חוה קומט איהם צו הילף. פרויען זיינען לייכטזיניגער, אונפארזיכטיגער, אבער זייער נייגיער איז גרעסער, ווי ביי די מענער, און זיי זיינען אפט עדעלער. עס ווערט ביי זיי בעשלאסען, ליעבער צו לעבען פון פראצע און שוויים, ליעבער צו שטארבען זאגאר איידער צו בלייבען כשר׳ע בהמה׳לעך. אדם און חוה מאכען איצט א רעוואלוציע און עסען פון עץ־הדעת. וואס דערפון קומט ארויס, ווייסט איהר, אבער זיי ערדייכען זייער וואונש און זיי ווערען פון אונשטערבליכע בהמות אהן שכל, — שטערבליכע אבער פערנינפטיגע מענשען.

דארף מען א שעהנערע מעשה? ווי נאטירליך, ווי ריכטיג, ווי שעהן! אבער מען הייסט אייך גלויבען, אז דאס, וואס איהר קענט האלטען פאר א שעהנע פאבעל, איז א מעשה־שהיה און דא נעהמט אייך אב העגט און פיס. אין גן־עדן, אין אדם׳ן און חוה׳ן וואלט איהר שוין אפשר גלויבען, אבער דער שלאנג? דער שלאנג, וואס דרעהט זיך דא אריין אין מיטען? אין איהם אויך גלויבען? עפעס האמאטנע.

אזעלכע אמונה פערלאנגען דיא גריכישע לעגענדען פון אייך

ניט. זיי פערלאַנגען ניט קיין קרעדיט. דערפאַר האָב איך זיי האַלט. איך האָב אייך דערצעהלט עטליכע פון זיי? און איצט האָב איך פאַר אייך נאָך איינע און מיט דער צייט קענען זיך אפשר געפינען אַנדערע... לאָמיך אייך דערצעהלען דיאַ איינע צוערשט. און...

האַלט! ניט צו פערגעסען. איך האָב נעכטען געקראָגען אַ בריעף פון אַ פּאָלאַק־אַ־אידען, וועלכער האָט משמעות שוין געלעבט זעהר אַ לאַנגע צייט אין ענגלאַנד, וואָרום ער שרייבט אַ לשון, וואָס מען קען עס רופען האַלב ענגליש פּאָלאַווינע פּוילישדייטש. היער איז זיין בריעף:

„דיר סער, אָף־קאָס יאָך בין נישט ראָך, באַט יאָך קען „דזשעסט ספּיירען אַ האַף־ע־קרוין פאַר אָך צי מענדען אינס „וואָטש. אי דער סעיי איהר ברויכט מעיין וויאַ דוס, באַט יאָך אָב „אַנט געספּענט אַפּילע געלד, ען אוב, יו נאָו, נישט פּיעל ספּייר „קעש. טומער פעהלט אָך נוך וואוס, שראַבט אַראַן אינס בלעטיל, „וועל יאָך פּרעפּס זעהן צי קריגען פאַר אָך. ממני ידידכם שלמה.

„איי־סעיי! באַ נינז זוגט מען יענער איז פּרעש אין געזינט „אין משיגע. דוס זאַנט איהר, חלעבען! באַט יאָך גלאָך אַרע „שראַבאַכץ. דער דוזינגער“.

דאַנק פאַר'ן קאָמפּלימענט און צוויי דאַנקען פאַר די האַלבע קרוין: הורראַה! מיין זייגער וועט געהן! אָבער אויף די גריכישע לעגענדע מוזט איהר נאָך וואַרטען.

XXII.

## מ י ד א ס.

יא, איך וועל אייך דערצעהלען א שעהנע לעגענדע. אט איז זי: אין פריגיען איז פארצייטען געווען א קעניג מיט'ן נאמען מידאס. דיעזער קעניג האט אמאל געטאן א טובה דעם לוסטיגען גאט באקכוס, דעם גאט פון וויין און שכרות. „בעט זיך עטוואס אוים פון מיר — האט דער גאט געזאגט צום קעניג — און איך וועל דיין וואונש, אוים דאנקבארקייט, ערפילען, אבער פערלאנג ניט מעהר, ווי איין איינציגע זאך." מידאס איז געווען מלא שמחה. „מאך, גרויסער באקכוס — האט ער געבעטען — אז פון אלץ, וואס מיין קערפער וועט בעריהרען, זאל ווערען גאלד." דער לוס־טיגער גאט האט ערפילט זיין וואונש, אבער ער האט איהם גלייך געזאגט, אז עס וואלט גלייכער געווען פאר'ן קעניג אליין צו פער־לאנגען אן אנדער זאך. מידאס אבער האט מיט א פרעהליכען הארצען אבשיעד גענומען פון באקכוס, באקכוס וויעדער איז פער־שוואונדען צוזאמען מיט זיינע געזעללען און נימפען (געטליכע יונגפרויען) אין וואלד: וואהרשיינליך איז ער אוועג מאכען א שנאפס. איצט האט מידאס געוואלט פרובירען זעהן, אויב באקכוס האט איהם ניט אפגענארט (מענשען האבען ניט אימער געהאט א בלינדען גלויבען אין געטער) און אזוי גיך ווי ער איז אריינגעקומען צוריק אין וואלד, האט ער אבגעבראכען א צווייגעל פון א בוים. אה, וואונדערבאר! דער צווייגעל אין זיינע הענד ווערט א גילדע־נער! לעבען זיינע פים ליגט א שטיין, מידאס הויבט איהם אויף און דער שטיין איז א שטיק גאלד; ער קומט צו א פעלד און רייסט אוים עטליכע קארן־זאנגען, די זאנגען ווערען אין זיינע הענד גאלד זאנגען. ער דערזעהט, געהענדיג א שטיקעל ווייטער, אן עפעל־

בוים: ער שאָקעלט איהם און פון'ם בוים פאַלען אַראָפּ גילדערנע עפּעל. וואָס נור מידאַס נעהמט אַריין אין די הענד — פון אַלץ ווערט גאָלד, אַפילו פון די וואַסער, אין וועלכע ער וואַשט זיינע הענט, ווערט צושמאָלצענע גאָלד! מידאַס...

היער פאַלט מיר עטוואָס איין: אין די צייט פון די ערשטע כאָלעריע, וועלכע איז געקומען אַרום די צייט פון דעם ערשטען פוילישען מיאַטעזש, וועלכער האָט אויסגעבראָכען אין דער צייט פון דעם (איך ווייס ניט וויפיעלטען) טערקישען קריעג, וואָס דאַמאָלסט האָט ניקאָלאַי אָנגעהויבען צו נעהמען אידישע סאָל־דאַטען — בין איך אַלט געווען אַ יאָהר פינף. צו יענער צייט, געדענק איך, פלעגען מיר קינדער האָבען אַזאַ מין ניגולע:

„אַך וואונדער, איבער וואונדער
„דאָס איז מיר אַ וואונדער!
„אַז די אָקסען קאָכען לאָקשען —
„דאָס איז דאָך אַ וואונדער".

איך רעכען אַז מידאַס וואָלט זיך געוויס אַזוי אויסגעדריקט ווען ער וואָלט ניט געלעבט מיט אַ פּאָאַר טויזענד יאָהר פריהער, ווי איך, בשעת ער האָט געזעהן, ווי... ניט „ווי אָקסען קאָכען לאָקשען", זאָנדערן ווי עפּעל, וואַסער, שטיינער, זאַנגען און צווייגען פערוואַנדלען זיך אין גאָלד, אַזוי באַלד ווי ער בעריהרט זיי מיט זיינע הענד. איצט ווייטער. מידאַס...

היער אָבער פאַלט מיר ווידער עטוואָס איין: זייענדיג פינף יאָהר אַלט, האָב איך געהאַלטען פאַר אַ וואונדער איבער וואונדער, אַז אָקסען זאָלען קאָכען לאָקשען. איצט ווען איך בין שוין איבער ששים זעה איך, ווי אָקסען רייניגען די פעלדער, אַקערן, בראָנעווען, זייען, שניידען, זאַמלען, פיהרען אין מיל און מאָלען און זיפּען די מעהל און קאָכען דערפון אַזעלכע לאָקשען, וואָס קומען קיינמאָל ניט אַריין אין זייערע אייגענע מיילער, אימער אין פרעמדע — און איך וואונדער מיך גאָר ניט, ווייל איך ווייס אַז אָקסען זיינען אָקסען... צייטענווייז איז אַ גרויסע וויגאָדע צו זיין אַ פילאָזאָף, אַ באַיאָהרענטער איד, אַן ערפאַהרענער מענש, וואָס האָט געזעהן

א וועלט. מען וואונדערט זיך ניט מעהר איבער קיין זאך און מען איז צופריעדען מיט אַלץ, ווען אויך מען איז ניט רייך און מען קען גיט ניט נור פון שטיינער, אפילו פון דיא בעסטע געדאנקען ניט מאַכען קיין גאָלד, ווי מידאס האָט געמאַכט, וואָס צו איהם קעהר איך מיך איצטער אום... (בעטראַכט נור, ווי קונציג איך האָב מיך דאָ ארויסגעדרעהט!) און דערצעהל ווייטער:

גאָלד, גאָלד, גאָלד! מידאס איז געווען אונגליקליך. קיין ברויט, קיין פלייש, קיין וויין, קיין שלאָף — קיין זאך געהט איהם ניט איין. גאָלד איז גוט, אָבער דאָס גאָלד לאָזט איהם ניט לעבען... וואָס „צו" איז אונגעזונד און מידאָס בעט ביי דעם לוסטיגען וויינגאָט, אז ער זאָל איהם בעפרייען פון זיין גלענצענדען אונגליק... ליעבע לעזער, מיר שלעפערט זיך. גוט נאַכט!

* * *

אוים פילאָזאָף! איך בין רייך געוואָרען. א מיליאָנער. ווער רייכער אַלע טאָג. מאַך גרויסע געשעפטען אין אַלע פינף וועלט־טהיילע. פון אַלצדינג, צו וואָס מיין האנד ריהרט זיך צו, ווערט גאָלד: סאָווערען'ס, לואידאָרס, רענדלעך! איך האַלט דעם בעסטען קוכער אין איירָאָפּא, דיא פיינסטע ווייסע פערד, די טייערסטע לאָזשע אין די טהעאַטערען, האָב דיענער אָהן א צאָהל און דיענסט־מיידלעך, וויפיעל איך וויל. מיר איז גוט. גוט? איך האָב מורא, אז ניין. מיינע געשעפטען דרעהען מיר די קאָפּ ביי'ן טיש, אין בעט, אין טהעאַטער. מיין גאָלד לאָזט מיך ניט שלאָפען און מיר דאַכט זיך, אז איך אָטהעם איין גאָלד אין מיין לוסטגאַרטען און איך באָד זיך אין גאָלדוואַסער אין ים. איך געה זעהען מיינע נייע בילדער אין דער גאַלעריע און זעה גאָלד, געלד, גאָלד געלד, וואָרום אפילו מיין מאַרך איז פול דערמיט. איך לעז אן אינטערעסאַנטען בוך און דאָס בוך זעהט מיר איים ווי א קונטרס פון שטאַאַטס־פּאַפּי־רען איינגעבונדען אין מאַראָקאָ־לעדער. דער באַלעט אין אָפּעראַ־הויז איז זעהר שעהן, אָבער איך זעה ניט טענצערינען, איך זעה בלויז גאָלד, געלד — געלד, גאָלד. שרעקליך! איז דאָס לעבען? הייסט

דאָס גענייעסען ? רופט מען דאָס גליק ? וועלען געניסען און גאָר־
נישט האָבען איז שלעכט ; אַלעס האָבען און ניט קענען גענייעסען
איז ערגער... פערפלוכטעס געלד, ווי ווער איך פטור דערפון ?

איך האָב מיך אויפגעכאַפּט און בין דערפון פטור געוואָרען.
אָבער אַזעלכע חלומות וואָלט איך ניט וועלען האָבען אַלע נאַכט.
אין דעם איז געווען שולדיג די לעגענדע פון מידאַס.

XXIII.

## אלערליי בעטראכטונגען.

„אז ארעמאן טאר קיין פריי מוטה ניט ווייזען" — זאגט מען ביי אונז אין מינסק. איך לייקען ניט, אז איך לאך מאנכעסמאל אבער וואו שטעהט עס דען געשריבען, אז איך טאר ניט לאכען? און אפילו אויב עס שטעהט יא ערגעץ־וואו געשריבען, בין איך דען מחויב צו פאלגען אלץ, וואס שטעהט געשריבען? זאל איך שבת ניט שפאציען אין זאמד? און וואס טו איך, ווען איך לייען שבת א היפאקריטישען ארטיקעל אין א צבוע'אקישע צייטונג און איך וויל (אום צו בעווייזען מיין פעראכטונג פאר'ן היפאקריט, וועלכער האט דאס געשריבען) פארט אויסשפאיען? זאל איך אראפשלינגען מיין פעראכטונג צוליעב דעם, וואס איך טאר ניט שפאיען אין זאמד, און עס איז שבת, און דעם צבועק זעה איך ניט, און קען ניט דאס זעלבע טאן דירעקט איהם אין פנים אריין? געהט, געהט, דאס איז צו־פיעל פערלאנגט. מאלע, וואס שטעהט געשריבען? זאל איך ניט עסען א מילכיגע בלינצע, וויל מיט פינף שעה, ניין־און־פופציג מינוט, ניין־און־פופציג סעקונדען צוריק האב איך געגריזעט א ביין פון א מאגערע ענטעל? אמת א סעקונדע צייט איז ניט פיעל און א סעקונדע צו ווארטען איז א קלייניגקייט, אבער ווארום זאל איך ווארטען? וויל עס שטעהט געשריבען אז מען מוז ווארטען זעקס שעה פון פליישיגע ביז מילכיגע? און מיינט ניט אז א סעקונדע איז גאר נישט. עס דויערט ניט מעהר ווי א סעקונדע, צו ווערען פון לעבעדיג טויט, צו שיקען א ווארט פון לאנדאן קיין ניו־יארק, צו פערדארבען א גרויסען נאמען דורך א געמיינעם אויסדרוק. ווען א בראווער מאן, א פרייהייטס־קעמפפער ווערט א לומפ, א ניעדער־טרעכטיגער מענש, דאס דויערט נאטירליך וואכען, חדשים, ביי

אַנדערע יאָהרען, אָבער דאָס, וואָס דויערט, איז ניט דער ווערען אַ לומפּ, זאָנדערן דער אויכוואַקסען. ווערען ווערט מען דורך דעם ערשטען שריט, דעם ערשטען פאַלשען שריט, און דאָס דויערט נור איין סעקונדע, די איבריגע צייט נעהמט די ענטוויקלונג, אָבגלייך מיר בעמערקען נור די לומפּעריי, ווען זי איז שוין ארויס פון איי.

איך זאָג אייך, אַ סעקונדע האָט מעהר צו בעדייטען ווי אַנדערע מיינען: זייט נור איין איינציגע רגע פּילאָזאָפען, וועט איהר דאָס פערשטעהן. און איך וויל ניט וואַרטען איין איבריגע סעקונדע אויף מיין בלינצע, וואָרום איך בין גאָר ניט מחויב צו פאָלגען אַלץ, וואָס שטעהט געשריבען.

איך מעג לאַכען, ווען איך וויל, און איך לאַך; אָבער זייט מיר ניט קיין נאַררען און רעדט זיך ניט איין, אַז איך לאַך, ווייל איך האָב ניט קיין וואונדען אין הארצען, אָדער ווייל איך פיהל ניט אַנאַנדערענס וואונדען. אָה, איך פיהל זעהר שטאַרק און איך פיהל זעהר אָפט און צייטענווייז קומען מיר אריין טרערען אין די אויגען, ווען איך בעטראַכט צו לאַנג די וואונדען וואָס איך קען ניט היילען! מיינע אייגענע ליידען וועלען לאַנג ניט דויערען. איך בין אַ מענש און אַ מענש מוז פריהער אָדער שפּעטער (אָרעמע לייט, געוועהנליך, פריהער) שטאַרבען. די וואונדען אָבער פון די „אַנדערע" קענען אזוי גיך ניט געהיילט ווערען: די אַנדערע זיינען די מענשהייט און די מענשהייט שטאַרבט ניט, די מענשהייט לעבט אויביג, ווי דאָס בלומענרייך לעבט בשעת די ליליע פערוועלקט. איך וויים אַז די מענשהייט קען זיך העלפען, קען איהרע וואונדען היילען, אָבער די מענשהייט איז לאַנגזאַם אין איהר גאַנג און דערווייל לייד איך, דערווייל ליידט יעדער צווזעהער.

* * *

היינט אין דער פריה האָט זיך מיר געוואָלט אויסגעהן אַ וויילע שפּאַצירען. איך האָב מיך געפיהלט שוואַכער, ווי געוואוינליך, און האָב גענומען מיין שטעקען. ער איז אַן אַלטער, עהרליכער, געזונטער שטעקען, איינער פון יענע שטעקענס, וועלכע די ברוטאַלע גוואַלד קען ברעכען אָבער בשום אופן ניט בויגען. אַ מין זשעליאַבאָוו. איך

ליעב איהם, מיין שטעקען: ער איז ניט ווי די אויסגעפוצטע, שעהן פאָלירטע, שלאַפינקע שטעקעלאַך מיט די גלענצענדע און דענגלאַך פּסטע קעפּ. ער איז, ווי דאָס פרייע וואָרט, אַ שטיצע פאַר די שוואַכע לייט און אַ געוועהר פאַר די קרעפטיגע. אין צייטען פון ליידען קענט איהר זיך אויף איהם אָנשפּאַרען און איהר קענט ווידער מיט איהם געבען קלעפּ אין צייטען פון קאַמפף. אזא שטעקען האָט אַ ווערטה... אָבער איך פערקריך. איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען, אז איך האָב איהם היינט אין דער פריה מיטגענומען צום שפּאַצירען־געהן, מחמת איך האָב מיך געפיהלט זעהר שוואַך. איך בין אוועקגעגאַנגען זעהר ווייט. מיט אמאָל בין איך געבליבען שטעהן און האָב מיך פערטראַכט. איך האָב נעמליך דערזעהען געלע בלעטער אויף דר׳ערד. איך האָב אויפגעהויבען די אויגען און האָב דערזעהען אַ בוים. אַן בוים איז געשטאַנען אַנגעשפּאַרט אַן אַלטער מאַן מיט אַ בעזים אין דער האַנד.

דער אַלטער מאַן וואוינט ביי נאַכט אין הקדש און ביי טאָג אין גאַס. דער בוים איז אימער אין גאָרטען. ביי זיי ביידען איז איצטער יעסען. פון איינעם פאַלען געלע בלעטער, דער אַנדערער האָט די געלזוכט. אין פריהלינג האָבען זיי ביידע געבליהט, נור דעם אַלטען׳ס פריהלינג איז געווען מיט פערציג־פופציג יאָהר צוריק. זומער האָבען זיי ביידע געטראָגען פרוכט, איינער עפּעל, דער אַנדערער אַנדערע פּירות, נור דעם אַלטען׳ס זומער איז געווען מיט צוואַנציג יאָהר צוריק. איצט האָט מען פון זיי ביידען אַבגעשאָקעלט די פרוכט און ביי זיי ביידען איז יעסען, נור דעם אַלטען׳ס יעסען איז אַ הערבסט, וואָס נאָך איהם קומט אפילו אַ ווינטער, אָבער שוין קיין שום פריהלינג ניט מעהר...

און אַזוי שטעהען זיי ביידע.

דעם אַלטען׳ס עובדא איז צו קעהרען די גאַס און ער האָט פון רעגען גרויסע צרות. דער רעגען מאַכט איהם אַן בלאָטע, און די בלאָטע מאַכט איהם אַן אַרבייט, און די אַרבייט מאַכט איהם אַן יסורים, ווארום ער איז קראַנק, דער אַלטער מאַן. איך וואָלט גערן געוואוסט זיין לעבענס געשיכטע, אָבער מיט איהם אַליין האָב איך

ניט געוואָלט רעדען. איין זאַך ווייס איך: ער איז קיינמאָל ניט גע־
ווען בעווייבט.

ער אינטערעסירט מיך זעהר שטאַרק. מען זאָגט אז פון יאָהרען
און יאָהרען האָט איהם קיין מענש ניט געזעהן שמייכלענדיג. איך
קלער, אז ער האָט געמוזט ליעבען אין דער יוגענד. אפשר איז זיין
געליעבטע געשטאָרבען, איידער זי האָט איהם גליקליך געמאַכט,
און דער מאַן טראַכט פיעליכט נאָך עד היום אָרום איהר, שטע־
הענדיג מיט'ן בעזים אין דער האַנד, אָנגעשפּאַרט אָן בוים. עס קען
זיין אז ער אונטערהאַלט זיך (ווען קיינער זעהט ניט) מיט די שטיי־
נער אין ברוק און ער דערצעהלט זיי זיינע ליידען, וואָרום ער האַלט
רק די אויגען אריינגעלאָזען אין'ם ברוק. אפשר הערען די שטיינער
זיינע ווערטער און ווערען דערוויינט פון מיט־געפיהל. — וואהר־
שיינליך ניט. ווער ווייס צו זעהט ער אמאָל אין חלום די געשטאַלט
פון זיין געליעבטע?

ווערהענד איך האָב אזוי געטראַכט, האָט דער אַלטער מאַן
דערלאַנגט א זיפץ. איינער, א פיינגעקליידעטער יונגער מאַן, איז
פאַרבייגעגאַנגען, ניט זעהענדיג דעם מאַן און ניט הערענדיג דעם
זיפץ. אַנאַנדערער האָט איהם דערלאַנגט א קופּערנע מטבעה. דער
אַלטער האָט א ריהר געטאָן די ליפּען. משמעות ער האָט געוואָלט
דאַנקען און האָט קיין כח ניט געהאַט.

* * *

דעם ארבייטער'ס יעסען איז א שרעקליכער.

XXIV.

## דער קנעפּעל פון מיין וועסט.

איך האָב פערלאָרען אַ קנעפּעל פון מיין נייע וויסטעל. דאָס איז געווען מיט שעהנע עטליכע וואָכען צוריק און אין אַ קורצע צייט איז פון די נייע וועסטעל געוואָרען אַ תל־עולם. ווען דער קנעפּעל איז ארויסגעפאלען, האָב איך געוואָלט צוקויפען אַ אַנ־דערען פון דעמזעלביגען סאָרט, האָב איך אָנהויב ניט גע־קראָגען און נאכהער איז גאנצען אַז דעם פערגעסען; דערווייליע האָט זיך אויסגעריסען נאָך אַ קנעפּעל און ווידער איינער און דאַן האָט די וועסטעל פערלאָרען איהר געשטאַלט; זי איז בים־לעכווייז אין מיינע אויגען וועלוועלער געוואָרען און איך האָב איהר אויפגעהערט צו היטען און היינט איז זי אַלט, אויסגעריבען און פערפלעקט. און די זעלביגע וועסטעל, דארפט איהר וויסען זיין, איז נאָך מיט דריי חדשים צוריק געווען מיין שעהנסטער מלבוש.

איהר וואונדערט זיך, צו וואָס איך דערצעהל דאָס אייך? איך אויך. גאָר אומזיסט, דאכט זיך, האָב איך ארום דעם ניט אָנגעהויבען צו רעדען, נאָר וויסען זאָלען מיר אַלע אזוי פון בייז. ווי איך וויים, וואָס מיך האָט ארויפגעבראכט אויף דעם פער־לאָרענעם קנעפּעל פון מיין נייע וועסטעל... וואָס האָב איך געוואָלט זאָגען? ווי דערמאָנט מען זיך? איך וואָלט זיך דער־לאַנגט אַ פּאַטש אין שטערען, נאָר איך זשאַלעווע אוועקצולעגען די פעדער, וואָרום ביי מיר איז אַ כלל: שרייב אזוי לאַנג, ווי עס שרייבט זיך, ווייל צוקלאַפּטע רעיונות זיינען בעסער ווי גאָר קיין רעיונות ניט. נאָר, וואָס האָב איך פּאַרט געוואָלט זאָגען? מסתמא וועל איך זיך נאָך דערמאָנען. לאָמיר אינצווישען רעדען פון אַן אנדער זאַך!

* * *

נעכטען איז געשטאנען אין די ציימונגען, אז דער בראזי־לישער קייזער דאָם־פעדרא האָט געקראָגען א טשיסטע־אָטסטאוו־קע, מחמת זיי האָבען זיך ארומגעזעהן אז מען קען אויסקומען אָהן א קייזער. מיר האָט די מעשה פערדראָסען. דאָם־פעדראָ איז מיט מיר אין איינע יאָהרען, נאָר דאָס איז א קלייניגקייט. וואָס מיר ערגערט יעדעס מאָל, ווען א פאָלק שאפט אָב א הערשער, איז דאָס: דער ליארעם איז גרויס און דער פערדיענסט קליין. וואָס מאכט דאָס אויס דעם אָרעמאַן, צי א קייזער בעראַבעוועט איהם, אָדער א רעפובליק נעהמט ארויס ביי איהם דעם לעצטען ביסען פון מויל? א שפאנישע פליעג איז איידעלער פאר א פיאווקע, אָבער צאפען זיי דען ניט ביידע גלייך בלוט? ווען מען פלעגט פארצייטען שטעלען באנקעס, פלעגט מען אייך שניידען די פלייש מיט א מעסער, היינט מאכט מען דאָס פיינער און מען שנייט אייך מיט א מאשינקע; אמאָל איז געווען איין גרויסער מעסער אין א שמאָלען שייד, היינט זיינען דאָ עטליכע קליינע מעסער־לאַך אין א ברייטען שייד. דער שניידען איז דער זעלביגער. וואָס, פרעג איך, האָבען די פעלקער דערפון, וואָס זיי שאפען אָפּ זייערע הערשער, ווען מען הערשט פאָרט איבער זיי? נאטירליך, ווען זיי וואָלטען זיך ניט בענוגענען דערמיט אליין און וואָלטען פטור ווערען צו דער זעלבער צייט פון געלד־הערשאפט און לויך־ארבייט און וואָלטען ארויסטרייבען צוזאמען מיט דעם קעניג... האַלט! אָט איז מיין קנעפּעל! איך זאָג, איך האָב ניט אומזיסט ארום איהם אָנגעהויבען צו ריידען.

* * *

אין די זעלבע ציימונג האָב איך געלייענט, *) אז ליעבקנעכט, איינער פון די הויפּט־פיהרער פון די דייטשע ארבייטער־פּארטיי,

*) מיט יאָהרען שפּעטער האָב איך ארויסגעפונען, אז די מעשה איז געווען אן אויסגעטראכטע.— איך לאָז דעם ארטיקעל — מיט א קליינע פערקירצונג אונפערענדערט, ווייל אויב דאָס פּאסט ניט אויף ליעבקנעכט'ען פּאַסט עס אויף פיעל אנדערע.

האט ערקלערט אין פארלאמענט, אז סאציאליזמוס און קעניג קענען לעבען אין אחדות, א שטייגער ווי ישעיה הנביא זאגט: „וגר זאב עם כבש, ונמר עם גדי ירבץ,“ דאס הייסט, ווען די גאולה וועט קומען, וואס נאך ליעבקנעכט'ס דעה נאך הייסט דאס, ווען די וועלט וועט ווערען סאציאליסטיש. דאס האב איך פריהער ניט געוואוסט... וויל ליעבקנעכט, ווער ווייס, נושא־חן זיין ביי'ן קייזער? איז „דער אלטער רעוואלוציאנס־סאלדאט“ אזוי טיעף אראפגעזונקען? ניין, קינדער, ניט פלוצלונג, ניט מיט איין פאל. ער האט געהאט א אידעאל פארצייטען, א בלאנקען, נייעם, שעה־נעם אידעאל, — ווי איך מיט דריי חדשים צוריק א נייע, שעהנע, גאנצע וועסטעל. איין טאג האט ער פון זיין אידעאל פערלארען א קליין ברעקעלע, א קטנית, א גאר־נישט — א קנעפעל... ביס־לעכווייז איז דאס אידעאל אין זיינע אויגען אלץ וועלוועלער און וועלוועלער געווארען...

זיין אידעאל מיט מיין וועסטעל האבען היינט איין פנים.

* * *

צייטענווייז בין איך צופריעדען, וואס איך בין שוין אלט און קראנק און שוואך... מאנכע מענשען האבען פון זייער על־טער נור פיעל יאהרען, און ווייניג כבוד. מיך האט אימער גע־קריינקט, וואס שלמה־המלך איז אויף דער עלטער געווארען א שטיקעל געצען־דיענער. שלמה האט ניט מעהר געלעבט ווי צוויי־און־פופציג יאהר (א שעהנער עלטער פאר א קעניג — אין רוס־לאנד זאגאר א הויכער עלטער, ווארום דארטען האבען זיך ביז איצטער ניט פיעל צארען געהארעוועט אויף לאנגע יאהר), אבער שלמה האט געלעבט צו לאנג. איך ווינש קיין מענשען ניט דעם טויט פאר דער צייט, אבער איך האלט, אז שאנדע איז ערגער ווי שטארבען, און אז געוויסע מענשען לעבען אזוי לאנג, אז זיי לעבען ארויס פון זייער עהרע אין זייער שאנדע אריין, און דאס קרענקט מיך... דער רוסישער דיכטער זשוקאווסקי איז אויף דער עלטער געווארען א קייזערליכער געצען־דיענער; נעקראסאוו

האט געלעבט אזוי לאנג, ביז ער האט פערשמיערט זיין נאמען דורך א גערדיכט געגען קאראקאזאוו און פאר אלכסנדר השני; פריילינגראטה'ן האט דער טויט געקאנט ראטעווען פון זיין „הור־ראה גערמאניא“; ראזעטטי וואלט ניט געשריעבען זיין סאנעט אויף דעם 13טען מערץ 1881, ווען ער וואלט אביסעל פריהער געשטארבען, און סווינבערן וואלט זיך ניט פעראייניגט מיט די „טיימס“ געגען אירלאנד.

אה, ווען זיי וואלטען זיך נור אלע אין דער צייט געכאפט, אז זיי פעהלט א קנעפעל אין וועסט.

XXV.

## קאַפּ־שמערצען און איבעלקייט.

איך בין פאַראַכטאָגען מיטוואָך געווען — לא עליכם! — שטאַרק ניט געזונד. איך האָב געליטען פון קאָפּ־וועהטאָג, וועלכעס איז מיר געקומען (אַזוי רעכען איך) פון צופיעל טראַכטען; חוץ דעם האָב איך געהאַט אַ גרויסע איבעלקייט אין מויל, וואָס דאָס איז מיר געקומען פון אַן אַרטיקעל אין אַ ליבעראַלע ענגלישע צייטונג... לאָמיך אייך פאַרבייגעהענדיג זאָגען, אַז פון קאָנסער־וואַטיווע אַרטיקלען ווער איך אָפּט זעהר אויפגערעגט. איך זעה אין זיי אַ נאַררישען פּאַטריאָטיזמוס, שופּטעריי, פאָלקס־פיינד־שאַפט פערברייטעט דורך צייטונגען, וועלכע האָבען מיליאָנען לעזער, און דאָס ערגערט מיך, אָבער דיעזע אַרטיקלען עקלען מיך ניט אָן. איבעל ווערט מיר פון די ליבעראַלע צייטונגען, פון די אַרטיקלען, וואו מען מאַכט זיך צו צום פאָלק, צום אַרבייטער; וואו מען וואַרפט זיך און מען דרעהט זיך און מען חנפ'עט זיך צו איהם צו; וואו מען איז פרעך גענוג דעם אַרבייטער צו מוסר'ן, פייג גענוג פאַר איהם צו ציטערן, און דום גענוג דאָס אַרויסצו־ווייזען... (טאָמער זיינען דאָ אַזעלכע לעזער, וואָס פאַרשטעהען ניט דעם טייטש פון די דייטשע ווערטער: „פרעך“ און „פייג“ — מעג איך זיי זאָגען, אַז פרעכהייט איז חוצפה און פייגהייט איז טרוסאָסט; די לעזער וועלכע האָבען די ווערטער יאָ פערשטאַנען, מעגען בעטראַכטען די לעצטע עטליכע שורות ווי איבערגעהופּט, וואָרום צום ווירקליך איבערהופּען איז שוין איצטער צו שפּעט.... איך מאַך אַזוי מיט'ן מיטעל־אַלטער אין דער וועלטגעשיכטע: איך נעהם די טויזענד יאָהר און בעטראַכט זיי ווי איבערגעהופּט.)

ווען איך זעה, זאָג איך ווי מען וואַרפט זיך ווי אַ קדחת פון

דער קווינס נייעם אנצוג צום ארבייטער און פון איהם צוריק צו די קווין; ווען איך זעה, ווי מען זוכט צו בלייבען גוטע פריינד מיט גאָט און מיט'ן טייוועל, מיט'ן גביר און מיט'ן אָרימאַן, מיט'ן האָבער (ניט דעם האָבער וואָס דער פערד עסט, איך מיין דעם האָבער וואָס האָט אַלץ, אפילו ווען ער איז דער פערד אליין) און מיט'ן טוער; ווען איך זעה, ווי מען קריכט אביסעל, און מען לויפט אביסעל, און מען דרעהט ווי דער הונד מיט'ן עק, דאָ פאר דעם און דאָ פאר יענעם — דאַן, זאָג איך, ווערט מיר איבעל. אָה, ווי איבעל מיר ווערט! איהר קענט דאָס גאָר ניט בעגרייפען, סאידען איהר האָט ווען עס איז געדאַווענט אין געציל'ס מנין ביי אונז אין מינסק דעם צווייטען טאָג ראש־השנה, אָדער איהר האָט פערזוכט אַ שטיקעל באַאַהרענטע פריי־פיש אין בריק ליין, אָדער איהר האָט געהערט אַ לאָנדאָנער מגיד, אָדער איהר האָט גע־זעהן דעם ווילנער שול־הויף, אָדער איהר זייט געווען אין אַ שטורמווינד אויפ'ן ים, אָדער איהר האָט... גענוג! איך זאָג, אַז איהר קענט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, ווי איבעל מיר ווערט פון אזעלכע ליבעראַלע ארטיקלען, און איך זאָג נאָך עטוואָס: גע־דאנקט איז זיין הייליגער נאָמען, וואָס מיין אייניקעל האָט צור־בראָכען מיט אַ מינוט צוריק אַ גלאָז, וואָס דאָס האָט מיך אויפ־געוועקט ווי פון אַ חלום און איך האָב זיך דערמאָנט אַז עס איז צייט אויפצוהערען צו רעדען פון איבעלקייט, אום די אָרעמע לע־זער זאָל חלילה ניט איבעל ווערען פון מיינע שרייבערייען אליין.

בקיצור, איך בין פאראכטאָגען מיטוואָך געווען האלב קראנק און ווען איך בין האלב קראנק, בין איך אויף זיך אין כעס. אַ מענש מיט אַ פעסטען כאראקטער דארף מאכען ענטוועדער־אָדער; ענטוועדער געזונד און שטארק זיין, אָדער קרענקען אויף אַן אופן, וויא עס בעדארף צו זיין. ווען איך בין ניט אין גאנצען געזונד, קום איך מיר פאָר וויא דיא היינטיגע געזעלשאַפט מיט איהרע בילדונג, מיט איהר רעליגיאָן, מיט איהר פאָליטיק. עס איז ניט אהין און ניט אהער, ניט קיין פיש און ניט קיין פלייש. אַמאָל איז דער עם־הארץ געווען אַ הדיוט (אידיאָט) און ער איז ווייניג־

סטענס געוועזן פריש און שטארק, היינט קען ער לייענען און שרייבען, אָבער ניט פיעל. דאָס איז היינטיגע בילדונג. אמאָל איז די רעליגיאָן געווען שטארק גענוג צו ברענגען מענשען לעבעדיגערהייט, — דער יושר דערפון איז ניט געווען זעהר גרויס, אָבער דאָס האָט געהאט א פנים; היינט, בעשעפטיגט זיך די זעלביגע רעליגיאָן מיט דרשות, מיט מיסיאָנערסטווע, מיט שווינדעל, מיט גענעראל בוטה'ס גלענצענדע זיגע איבער פעקלעך טאבאק און קריגעלעך ביער — דאָס איז היינט רעליגיאָן. וואָס היינטיגע פּאָליטיק איז, ווייסט איהר אליין: הימעל, ערד און שווינדעל — מיט פּולווער און בליי צווישען הימעל און ערד און מיט צייטונגען אין דעם שווינדעל. איז אזא צושטאנד געזונד? ניין. קראנק? אויך ניט. וואָס דען? האלב קראנק. האלב און האלב, ניט געזונד גענוג אום צו זיין וויא געוועזען, און ניט קראנק גענוג אום צו ברענגען אויף זיך א קריזיס, וואָס זאָל ענטשיידען איינמאָל פאר אלע מאָל צווישען לעבען און טויט. יאָ, האלב־קראנק איז די היינטיגע געזעלשאפט איצט, האלב קראנק, וויא איך אליין. און דאָ קום איך ווידער צו זיך...

יא, איך בין יענעם טאָג געווען ניט שטארק געזונד און האָב געליטען פון קאָפּרוועהטאָג, ווען מיין אייניקעל איז געקומען פון שול, האָבען מיר געטרונקען טהעע און מיר איז די איבעלקייט פערגאנגען און די קאָפּ האָט מיר ניט מעהר אזוי וועה געטאָן.

„זיידע — האָט ער צו מיר געזאָגט — וואָס דארפסטו אזוי פיעל טראכטען?"

איך האָב איהם געענטפערט; מען מוז איהם אמאָל ענטפערן אויף זיין קשיות:

„מיין קינד, קאָפּרוועהטאָג איז שלעכט אָבער הארץ־וועהטאָג איז ערגער. ווען איך טראכט ארום געוויסע זאכען, טוט מיר וועה די קאָפּ; ווען איך טראכט ניט, און איך קוק זיך נור צו, טוט מיר וועה די הארץ, וואָס דאָס איז ערגער. — וואָס הערט זיך אין גאַס?"

„אויף דיא פּלאַקאַטען פון דיא צייטונגען שטעהט: אַן אונגליקספאַל אין אַ קוילענגרוב — פיעל מענשען בעגראַבען...“

„זעהסטו, מיין קינד — האָב איך צו איהם געזאָגט — אַט דאָס דאַרף מען בעטראַכטען וויא אַ פילאָזאָף, אָהן געפיהל. הויב אָן מיט־צופיהלען, וועט דיר דיא האַרץ נאָך פּלאַטצען.“

---

מאָרגען וועט ער טרינקען טהעע פון אַ בלעכענע קעסטעל פון נעסטל'ס מילך. ער האָט צובראָכען דיא גלאָז און דאָס איז געווען זיינע. רעכט אויף איהם.

## XXVI.

## פענסטער — פינסטער.

ארום נײן אַ זײגער הײנט אין דער פריה בין איך געזעסען בײ'ן פענסטער אין מײן צימער... איז אײך װען עס איז אײנגעפאַלען, אַז פענסטער און פינסטער זײנען כמעט דיא זעלביגע װערטער? אַ פענסטער איז געמאַכט געװאָרען אום אַרײנצולאָזען דיא ליכט, און דאָך הײסט עס כמעט דעמזעלביגען נאָמען, װיא פינסטער, װאָס דאָס איז דער היפך פון ליכט! װען איהר װעט אביסעל נאָכדענקען, װעט איהר געפינען אַז דיא פערװאַנדשאַפט צװישען פענסטער און פינסטער איז אויך דאָ בײ דיא װערטער: בילדונג און (פער־)װילדונג. מערקװירדיג — נײן? איך װאָלט דאָס געקענט בעגרײפען, װען דיא װערטער װאָלטען געװען גײע. דאַן װאָלט דאָס געשטימט, װאָרום אין דיא הײנטיגע געזעלשאַפט מאַכט דיא בילדונג װילד און דיא פענסטער מאַכען פינסטער. איהר פערשטעהט ניט, װאָס איך מײן? דאָס איז דאַכט זיך אײנפאַך. אמאָל האָבען מענשען — אָרעמע מענשען — געלעבט אין הײזער אָהן פענסטער און מיט מוחות אָהן פענסטער. אין דיא הײזער און דיא מוחות איז געװען פינסטער און דער חשך איז געװען אַ נאַטירליכער, הײנט האָט יעדער אָרעמאַן אַ פענסטער אין זײן חדר (אַכיבע ער האָט קײן חדר ניט) און אַ שול אין דער קינדהײט. אָבער דאָס ליכט, װאָס קומט אַרײן דורכ'ן פענסטער פון הויז, װײזט איהם נור זײן דלות, אַזוי װיא דיא בילדונג מאַכט איהם נור װילדער און דאָס ביסעל ליכט װאָס קומט אַרײן דורך דעם פענסטער פון זײן מוח, װײזט איהם נור זײנע אונװיסענהײט און פון בײדע װערט איהם נור פינסטער און ביטער!. אַלזאָ, הײנט שטימט דאָס, אָבער דיא װערטער

זיינען ניט פון היינט און ניט פון נעכטען... מערקווירדיג! נאר ניט דאס האב איך געוואלט אויספיהרען.

כסדר אזוי... ארום ניין א זייגער היינט אין דער פריה בין איך געזעסען ביי'ן פענסטער מיט מיין פיפקע אין מויל, מיט א ספר אין האנד, און מיט דיא ספאקולען אויפ'ן נאז... וואס א יאהר לענגער, רוקען זיך דיא ספאקולען אראפ רק ניעדריגער און ניעדרי־גער אויפ'ן נאז, ווארום דיא אויגען ווערען רק שוואכער און שוואכער, און דיא האאר גרויער און גרויער, און דיא ציינער ווייניגער און וועניגער — קורץ און גוט, מען ווערט אלץ עלטער און עלטער און... יא, מיר ווערען עלטער, אלע עלטער, אפילו דער גראבער יונג ווערט אלט און דאס, וואס דיא וועלט רופט איהם אויף דער עלטער „גראבער־יונג" אנשטאט: „אלטער גראביאן" איז נישט מעהר, ווייל דיא וועלט, וויא יעדע אנדערע מאמע, מערקט ניט, וויא איהרע קינדער וואקסען אויס... וואו בין איך? לאמיך אנהייבען פון דאס ניי.

כסדר אזוי... ארום ניין א זייגער היינט אין דער פריה, בין איך געזעסען ביי'ן פענסטער מיט מיין פיפקע אין מויל, מיט א ספר אין דער האנד און מיט דיא ספאקולען אויפ'ן נאז און האב מיך מכין געווען צו לייענען עטליכע שעה. מיין אייניקעל איז געווען נאר וואס אוועק אין שול און גאס איז געווען שטיל און אין צימער ביי מיר שטיל און פריהשטיק האב איך געהאט געגעסען מיט אפע־טיט, וואס דאס טרעפט זיך ביי מיר זעלטען, ווארום איך בין, ניט פאר אייך געדאכט, איינער פון יענע, וואס זיי פעהלט ענטוועדער דער אפעטיט צום פריהשטיק, אדער דער פריהשטיק צום אפע־טיט... בקיצור, איך האב זיך געזעצט לייענען מיט גרויס כונה, ווען איך האב פלוצלונג דערהערט עטליכע קינדערשע שטימען. דאס זיינען געווען פינף אינגעלעך מיט צוויי מיידעלעך אין מיינע יאה־רען (איך מיין אלע זיבען צוזאמען אין מיינע יאהרען, דאס הייסט צוזאמען א יאהר פיער־און־זעכציג אלט) געהענדיג אין שול. וויא איהר ווייסט געהען קינדער אין שול אריין ניט אזוי גיך, וויא זיי געהען צוריק (וואס דאס בעווייזט, וויא קלוג היינטיגע קינדער זייר־

נען) און איך האָב זיי גאַנץ גענוי בעטראַכט. דיא אינגסטע פון זיי זיינען נאָך געווען וויא עס איז אָנגעטהאָן, דיא עלטערע אָבער האָבען כמעט גאָר קיין קליידער אויף זיך ניט געהאַט, דאָס הייסט ווען מען רופט קליידער קליידער און ניט טראַנטעס מיט לעבער און לאַטעס. און זיי זיינען געגאַנגען. איך האָב בעטראַכט זייערע צורות און האָב אַזוי פילאָזאָפירט:

צו וואָס האָדעוועט זיך די פינף אינגעלעך? זיי קומען געוויס ארויס פון אָרעמע ארבייטער. סיידען עפּעס א צופאַל וועט איינעם פון זיי אַרויסשלעפּען פון זייער מדרגה, וועלען זיי ווערען מיט דער צייט דאָס, וואָס זייערע טאַטעס זיינען היינט. איינער פון זיי וועט וואהרשיינליך ווערען א גאַס־מענש, א מענש וואָס שטעהט א גאַנצען טאָג אין גאַס און שרייט (אָהן ווערטער): „ווער קויפט א פּאָאר הענד? ווער דינגט א פּאָאר פיס? קויפט, דינגט — זעקס מאָגענס בעטען ברויט!“ דאָס קען ווערען איינער פון זיי. דער אנדערער מעג מיט דער צייט ווערען א פאַבריק־ארבייטער און פערגרעסערען ענגלאַנד'ס „נאַציאָנאַל־רייכטהום“ און ארבייטען פאר די ציוויליזאַציע און פיעלייכט ווערען א קאַליקע צו דרייסיג יאָהר, אָדער א בר־מינן צו פערציג. דער דריטער האָדעוועט זיך פיעלייכט פאַר אַן אייזענבאַהן־דיענער, מיט דער אויסזיכט זיך צו דערדיענען צום ראַנג פון א קאָנדוקטאָר מיט אַכטצעהן שעה טעגליכע ארבייט און צוויי־דריי מאָל אַכטצעהן פענניעס טעגליכע געהאַלט, חוץ ווען אַן אונפאָרזיכטיגער לאָקאָמאָטיוו זאָל איהם פון דער סלוזשבע בעפרייען פאַר דער צייט. דער פיערטער קען אַמאָל ווערען א מאַטראָז אין די הערליכע ענגלישע פלאָטע און האָבען די אויסזיכט צו פערלאָזען די וועלט „פער וואַסער“, נאָך א קורצען לעבען פון סובאַרעס, ליימענע פּיפּקעס, שטורמווינד און שקלאַפעריי. דער פינפטער מעג זיך פיעלייכט ווערען א גנב, ד. ה. א מענש וואָס אַרבייט שווער און ביטער ביז ער פערדיענט זיין שטיקעל ברויט, און וואָס אַרבייט נאָך שווערער און נאָך ביטערער נאַכהער (אין טורמע).

דאָס קען פון זיי ווערען. און איצט געהען זיי מיט מאָגענס האַלב לעדיג און מיט לייבער האַלב בעדעקט אין דיא שול, וועלכע

איז כלומר'שט האלב־אומזיסט, הגם זייערע טאטעס צאָהלען דער־פאר, אליין ניט וויסענדיג אז זיי צאָהלען... און וואָס לערנען זיי דאָרטען? דאָס וואָס מען לערענט זיי, דאָס איז ניט מעהר, ווי צו קענען אמאָל שרייבען בעטעל־בריעף, ווען זיי וועלען ניט האָבען קיין ארבייט און ניט קענען מאכען קיין שלך־שלי... מען עפענט זיי דאָרטען א פענסטערל אין מוח, אום צו האָבען אזוי פיעל ליכט, ווי־פיעל א מענש בעדארף, אום צו זעהן ווי פינסטער איהם איז.

* * *

מיט דיעזען געדאנקען האָב איך איינגעדרעמעלט. די ספאקו־לען זיינען מיר אראָפגעפאלען פון נאָז, דאָס בוך איז מיר ארויסגע־פאלען פון האנד, דיא פיפקע פון מויל. אין קאָפ האָבען זיך גע־דרעהט די ווערטער: פענסטער — פינסטער; בילדונג — פערוויל־דונג.

# צושלאָגענע גערדאנקען
# 1890

XXVII.

## ווערטער.

אינפלוענזא? ניין; ניט אלע קענען ליידען פון אינפלוענזא. איך גלויב איבערהויפט ניט אין אינפלוענזא, איך האלט די גאנצע מעשה פאר א שווינדעל, פאר א קאנספיראציע צווישען די דאָקטוירים און די צייטונגען. איך האלט אז כאלערא איז בויך־וועהטאג, און אינפלוענזא — קאטער, און דאס וואס א וויענער דאָקטאָר זאָגט, אז ער האט זאגאר אויסגעפונען דעם סוד דערפון, איז ביי מיר א גרויסע סברא, אז דער הערר דאָקטאָר האט געמאכט א אידישע המצאה — א שפאס. ער זאָגט, נעמליך, אז עס איז דא א מין חיה׳לע, א קליינינקע, אזעלכע, וואס א מילב איז אן עלעפאנט לגבי איהר, און זי פערשפרייט דאס די אינפלוענזא. די חיה׳לע רופט ער מיקראָבע (און דאס נעהמט ער ניט פון „מקרא־דרדקי“, וועלכעס בעדייט א קליינער מלמד׳על, ער נעהמט דאס פון דעם גריכישען ווארט מיקראָס, וועלכעס הייסט קליין) און פון די קליינע חיה׳לע מאכט ער א גרויסען פאראד. נאר ער מעג טאן, וואס ער וויל, איך גלויב אין דעם גאנצען שווינדעל ניט. איך גלויב אז מענשען ליידען פון קאפ־וועהטאג, פון בייזע ווייבער, פון מייסטערס, פון רוסישע זאקאנעס, פון וועלען־עסען־און־ניט־האבען, פון רענט, פון סלעק און פון אנדערע אזעלכע פגעים רעים ונאמנים, אָבער ניט פון אינפלוענזא.

אנטקעגען וואס דערצעהל איך דאס אייך? יא. מיין אייניקעל נעבעך האט דעם נייעם שווינדעל אויף זיך, דאס הייסט דעם אלטען קאטער, וועלכען מענשען האבען געהאט פון יעקב אבינו׳ס צייטען אָן און אפשר נאך פריהער, הגם די גמרא וויל האבען (די גמרא איז

אזוי ווי וואנדערבילט: איין ווארט, זי וויל האבען) אז פאר לבן׳ס איידים׳ס צייטען זיינען מענשען ניט קראנק געוועןֹ. ער, מיין אייניקעל איז שטארק ניט געזונד און איך לייד דערפון, מחמת ער איז א גאנצען טאג אין דערהיים און פרעגט קשיות ווי דער אלשיך הקדוש — אהן אן אויפהער. היינט אין דער פריה האב איך געלעזען די צייטונג, ווייל מיך האט אינטערעסירט דער חלושק אין פנים, וואס ביסמארק האט זיך אליין געגעבען אין דעם דייטשען רייכסטאג (וואס ארום דעם וועל איך שפעטער רעדען) און אזוי ווי איך האב א טבע צו רעדען מיט זיך אליין, בשעת איך בין שטארק פעראינטערעסירט אין א זאך, האב איך זיך גדארפט אויסרעדען „אה, די פרייזיניגע פארטיי!" דאס האט דעם אייניקעל מיינעם א נעהם געטאן.

— „וואס איז דאס פאר א פארטיי?" האט ער געפרעגט.

— „א פאליטישע פארטיי אין דייטשלאנד; שארלאטאנעם פון א געוויסען סארט".

— „פאר וואס, זאגט ער, רופען זיי זיך פרייזיניג?"

— „ווייל... ווייל, נו, ווייל זיי האבען ניט קיין זין פאר פרייהייט", האב איך געענטפערט און מיר דאכט זיך, אז ער האט פערשטאנען, דער גנב, וואס איך האב געמיינט, מחמת ער האט געשמייכעלט.

מכות ביסמארק׳ס פאטש, איז דיא מעשה אין קורצע ווערטער אזוי: ער ארבעט שוין א יאהר צוועלף מיט אלע זיינע כוחות אום צו האלטען דיא דייטשע סאציאליסטען, (אן ערך פון פינף מיליאן נפשות — ניט מעהר) אין זיינע אייזערנע לאפעס. דאס איז נאטירליך ניט לייכט. נון פלעגט ער ביז איצט קומען צום רייכסטאג און לאזען שמידען נייע קייטען, וועלכע זאלען האלטען דיא סאציאליסטען אין צוויק אויף איינינע יאהר, און פלעגט זיי נאכהער לאזען איבערשמידען ענטוועדער אין גאנצען, אדער איבערשמידען עטליכע רינגען אין זיי, אדער צושמידען נייע. אבער ביסמארק ווערט אלט און ער וויל שטארבען מיט א רוהיגען געוויסען, ער וויל וויסען, אז אפילו ווען ער וועט ליגען אין קבר וועט אין דייטשלאנד

אויך זיין אַ מוילקאָרב פאַר סאָציאַליסטען. קומט ער איצט און פערלאַנגט אייבּיגע קייטען. דאָס וואָלט איהם זיין אונטערטהעניגער רייכסטאַג נאַטירליך געגעבען מיט שמחה, אָבער דערמיט אַליין איז אָטטאָ ניט צופריעדען: ער וויל האָבען אַזאַ מין רינג אין דיא נייע אייבּיגע קייטען, וועלכע זאָל איהם (און זיין יורשרעצר נאָך זיין טויט) געבען דעם כוח ארויסצוטרייבען מענשען פון זייער פאַטערלאַנד. דאָס איז ניט געגאַנגען; דאָס איז שווער געווען צו קריעגען אַפילו פון דעם דייטשען לומפּען־מאַגאזין, וואָס מען רופט פּאַרלאַמענט. ווען ער, ביסמאַרק, האָט געזעהן אַז דער נייער רינג וועט ניט געשמידט ווערען, האָט ער געהייסען זיינע אייגענע קאָנסערוואַטאָרס שטימען געגען זיך און זיי האָבען דאָס געטאָן. אויף דעם אופן האָט דער בלוטראָון־אייזען מענש, זיך אַליין געגעבען אַ חלושק אין געזיכט. זאָל איהם וואויל בעקומען!

איך וויים ניט, אויב יעדער לעזער האָט ריכטיג פערשטאַנען מיינע רייד, נאָר איך קען אָרום ביסמאַרק'ן ניט פיעל ריידען. געוואוינליך, ווען איך טראַכט אַרום איהם, מאַך איך וויא בלעם האָט געמאַכט מיט בלק'ן: איך קום שילטען און איך בענש איהם. איך האָב אייך שוין אַמאָל געזאָגט, אַז איך האַלט איהם פאַר אַ פערשטעלטען סאָציאַליסטישען אַגיטאַטאָר: פאַר אַ מענשענפריינד בצורת שד. וואָרום וואָס טוט ער? ער מאַכט דיא לאַסטען פון זיינע דייטשען שווערער אַלע יאָהר און דערפון וועט אַרויסקומען, אַז ווען דער קעמעל וועט דערפיהלען, אַז נאָך אַ שטרוי מעהר ברעכט זיין הויקערדיגען רוקען, וועט דער דאָזיגער קעמעל זיך דערלאַנגען אַ הויב און וועט אַראָפּוואַרפען דיא גאַנצע לאַסט פון רוקען מיט איין מאָל. וואָס נאָך טוט ביסמאַרק? ער פערשטאַרקט דיא אַרמיי? אָבער סאָציאַליסטישע קינדער דיענען אויך און ער גיט גאַנץ איינפאַך דעם קומענדיגען דור אַרבייטער וואַפען אין דיא הענד. און ער טוט ניט דאָס אַליין. ער אַרבעט נאָכאַנאַנד אום אַרויסצונעהמען דיא אייזענבאַהנען און פערשיעדענע אינדוסטריען פון פּריוואַט־הענד, אום זיי צו געבען דעם שטאַאַט (וויא ער רופט דאָס); ער טוט דאָס, וויל ער דאַרף געלד, אָבער דערווייל סאָ־

ציאליזירט ער די אינדוסטריע און העלפט פערניכטען פריוואט־אייגענטהום. ווי קענט איהר אזא מענשען שילטען?

---

איך האב געזעהן נאך א מערקווירדיגע ערשיינונג נעכטען ביי נאכט, אבער איהר מוזט האבען געדולד... מען זאגט אז א אפעלזינען זיינען גוט פאר אינפלוענזא. א ליגען! דאס שטאמט פון די פרוכט־קרעמער. וואונדערבאר ווי די געלטניקעס מאכען פון אלץ א פראפיט!

## XXVIII.

## נאָך ווערטער — אָהן אַ טאָלק.

צו ער צו איך — קען איך אייך ניט זאָגען, אָבער פון אונז ביי דען איז איינער משוגע. דאָס איז קלאָר.

דער דריטער סענדער פון רוסלאַנד פערשטעהט מיך ניט און איך פערשטעה איהם ניט און דערפאַר מיין איך, אז איינער פון אונז איז (רחמנא ליצלן) מטורף. איך וואָלט אפשר שוין קענען פערשטעהן, פאַר וואָס ער פערשטעהט מיך ניט, אָבער פאַר וואָס איך פערשטעה איהם ניט, דאָס קען איך ניט פערשטעהן.

ער פערשטעהט מיך ניט, ווייל ער לייענט ניט קיין אידיש (וועלכער פאָניע לייענט יאָ?) ווייל ער לייענט ניט קיין לינקע צייטונגען (איך וואָלט היער געקענט זאָגען, אז איך שרייב פאַר לינקע צייטונגען אום צו פערטהיידיגען דעם פאָלק'ס רעכטע, אָבער דער וויץ איז אַלט, מיט מיר אין איינע יאָהרען, און אַן אַלטער וויץ איז ניט קיין אַלטער וויין) אַלזאָ, ער פערשטעהט מיך ניט, ווייל ער לייענט ניט קיין אידיש, ווייל ער לייענט ניט קיין לינקע צייטונגען און ווייל ער לייענט בכלל ניט. ווארום — וועט איהר פרעגען — לייענט ער קיין זאַך ניט? וועל איך אייך זאָגען; דערצו זיינען אויך דאָ דריי טעמים. ערשטענס, מחמת ער האָט מורא פאַר סם אין די דרוקטינט; צווייטענס, ווייל ער היט זיך פון דעם אמת. און אַ שטיקעל אמת פערוואַלגערט זיך אמאָל אפילו אין דיא „נאָוואָיע ווראעמיא“, וואָס דאָרטען קען זיך אייגענט־ליך נור דאַן געפינען אמת, ווען עס איז אמת אַז „אמת מארץ תצמח“ — ווי דער תהלים זאָגט; דריטענס, לייענט ער ניט, ווייל ער קען ניט. ער איז עלטער פאַר דעם שפּאַנישען קעניגעל, אָבער ניט געבילדעטער, — אַזוי האָב איך געהערט און ווי איך קויף אַזוי פערקויף איך.

עס איז, ווי איהר זעהט, קיין וואונדער ניט, וואָס ער פערשטעהט מיך ניט, אָבער וואָרום פערשטעה איך איהם ניט? בין איך משוגע? אויב יאָ — טו ווען בין איך אַראָפּ פון זינען און דורך וואָס? די וועלט זאָגט? די וועלט איז אַ ליגנערקע, די וועלט איז פון די „נאָוואָיע ווּרעמיאַ'ס" חדר. וואָס זי זאָגט איז ניט ווערטה אַז אויסגעריבענעם, פערשימעלטען, צושלאָגענעם האַלבען גראָשען. איך גלויב ניט אַז איך בין אַראָפּ פון זינען און איך וועל אייך זאָגען וואָרום. אין מיינע יונגע יאָהרען האָב איך אַמאָל געוויעזען אַ ציגיינערקע מיין האַנד. דאַמאָלס האָב איך נאָך געגלויבט אין ציגיינערקעס, אין טאָטערס, אין דעם מהרם־שיף'ס גאונות און אין אַלע עשרה נסים. די ציגיינערקע האָט אויף מיר נביאות געזאָגט, אַז איך וועל לעבען און שטאַרבען אַ דענקער, וואָס דאָס האָט מיך געבראַכט אויף דעם שרעקליכען רעיון, אַז איך וועל ענדיגען מיינע יאָהרען אין אַ דולהויז, אין שטריק און אונטער טשעבערס פון קאַלטע וואַסער.

ווען איך בין אַריין אין די פופציגער און האָב אָנגעפאַנגען צו טראַכטען אַרום מיין סוף, פלעג איך אָפט קלערען, ווי אַזוי צו קענען וויסען, אַז איך ווער אויס־בר־דעת. דאַמאָלס האָב איך געמאַכט אַ צעהנדליג סמנים. גלייך ווי איך וועל מטורף ווערן — האָב איך גערעכענט — וועל איך נעהמען לעגען תפלין שבתים, ימים טובים און תשעה־באב אין דער־פריה. איך קען ניט זאָגען אַז איך טו דאָס.

דאַן וועל איך מסתמא אָנהייבען צו געהן הערען מגידים, — האָב איך דאַמאָלס געטראַכט. אויף די מדרגה בין איך פאָרלויפיג אויך נאָך ניט געקומען; איך געה אפילו אין די „קדימה" ניט און די קדימה'דיגע דרשנים איז ווערטה צו זעהען, (וואָרום הערען הער איך זיי אין טראַק) ווייל זיי זיינען אַלע אנטלאָפענע סאָציאַליסטען, דאָס הייסט אַנטלאָפען פון סאָציאַליזמוס, ניט פון סאָלדאַטען, חלילה.

פאַר אַ דריטען סימפּטאָם פון משוגעת האָב איך געהאַלטען

צו וועלען ווערען אויף די אלטע יאהרען א פאבריקאנט פון וואלענע ציצית, ווארום ביי'ן קלארען זינען וואלט איך גיכער געקליבען אויף ארץ־ישראל, וואס דאס איז אן עסק, וועלכער טראגט איין א סך מעהר ווי ציצית־מאכען, און דערביי איז מען זיכערער פון מאַ־רידען אויך.

סימן נומער פיער מיינער איז געווען: א חשק זיך צו שמד'ן. דערצו האב איך די פיינסטע געלעגענהייט איצט (פון מיין דירה צו פעלעסטין־פליים איז א האזענשפרונג) און מיר הויבט זיך גאר ניט אן צו וועלען ווערן א מי־שהיה־איד. אפילו דער ראנג פון א פאלקאווניק אין די סאלוויישען־ארמיי וואלט מיך דערצו ניט קענען בעוועגען, אבגלייך איך בין א ליעבהאבער פון מוזיקאלישע אמונות און צום דאוונען אין א טומעל בין איך געוועהנט פון מינסקער חסידישען מנין.

פאר'ן פינפטען סימן האב איך גערעכענט, אז איך וועל אנ־הויבען צו גלויבען, אז מען קען ווערען א מיליאנער פון אויסנייען קנאפלעכער ביי א לאנדאנער שניידער. נאך האב איך דעם גלויבען ניט; וואס קען קומען מיט דער צייט ווייס איך ניט. נייגיעריגע לע־זער קענען א פרעג טאן מיין אייניקעל — אין א יאהר צוואנציג ארום. ווער עס וויל פרובירען טרעפען, מעג, נור וויסען מוז ער, ער טוט דאס „פיר אייגינע רעכנונג און געפאהר.“

מיין זעקסטער סימן פון קומעדיגע משוגעת איז געווען — א פערוועלענעס צו מאכען א פירוש אויף שיר־השירים. אזוי ווי איך האלט, אז א סטאטוע פון די ליעבעס־געטין (טאמער וויל א פרומער לעזער זאגען: געצקע, וועהר איך איהם ניט) ווענוס דארף ניט איינגעוויקעלט ווערען אין א טאמבאוור ראגאזשע, וואלט איך זייענדיג ביי'ן זינען, אויך ניט אנטאן שלמה'ס ליעבעס־געזאנג אין א העמד פון פוסטע פראזען.

א זיעבעטער סימפטאם וועט זיין, ווען איך וועל מיט א מאל נעהמען גלויבען — אזוי האב איך גערעכענט — אז פרומע מיי־סטערס האלטען פון „לא תלין פעולת שכיר“.

**דעם אכטען און דעם נײנטען געדענק איך ניט, אבער מיין**

צעהנטער (זיבערער) סימן פון טירוף איז געווען דיעזער: איך וועל ווערן, איז מיר פאָרגעקומען, פון אַ סאָציאַליסט אַ ראַדי־קאַל, פון אַ ראַדיקאַל אַ ליבעראַלער, פון אַ ליבעראַלען אַ קאָנ־סערוואַטיווער, פון אַ קאָנסערוואַטיווען אַ פּראָסטער נאַרר, און פון אַ נאַרר אַן אַבעזיאַנאַ, ווי די היינטיגע ווילען האָבען, אַז אונזערע אבות־אבותינו זיינען עס געווען. אַזוי ווי איך האַלט נאָך פאָרלויפיג ניט אַזוי ווייט רעכען איך, אַז איך בין ניט משוגע.

וואָרום אַלזאָ פערשטעהט איך ניט סענדער דעם דריטען?

„אין וועלכען פּרט?" פרעגט איהר.

דאָס וועל איך אייך ערקלערען אַנאַנדערס מאָל. מיין טאַ־באַק־פּושקע איז לעדיג און איך מוז געהן זעהן צו קריגען אַ שמעק טאַבאַק ערגעץ־וואו.

## XXIX.

## ביסמארקיזמוס.

דאָס איז אַלזאָ אמת. מיין אַלטער פריינד ביסמארק האָט געקראָגען אַ טשיסטע־אָטסטאַוקע און ער איז אוים קאַפּעלוש־מאַכער! אויף דעם אופן קען שוין אַלץ מעגליך זיין. איהר קענט איצט קומען און מיר דערצעהלען, אַז אלכסנדר דער דריטער איז אַ מענש; אַז די ערד איז פלאַציג; אַז משה האָט געשריבען די ווערטער „לא יחדל אביון מקרב הארץ" איידער ער איז רייך געוואָרען; אַז מרור איז אַ מיטעל געגען אינפלוענזאַ; אַז קליין־וועלוועלע פון דייטשלאַנד (ירום הודו) איז אַ סאָציאַליסט; אַז מען קען זאָגען „אָץ קוציץ בן קוציץ" צעהן מאָל נאָך־אַנאַנד און בלייבען מיט אַלע ציינער אין מויל; אַז רייכע פרומע אידען האַלטען פון „יאה עניותא לישראל"; אַז טייערע מצה איז אָרעמע ברויט; אַז די וועלט וואָלט זיך ניט קענען האַלטען אָהן תליות; אַז אַ דייטשער ראַבינער קען פסק'ענען אַ שאלה; אַז צום רעגיערען אַ לאַנד דאַרף מען שכל און ניט סאָלדאַטען; אַז מען וויים ניט, וואָס „לאַפּקע" איז ניט אין ניו־יאָרק און ניט אין בערדיטשעוו; אַז מען קען ווערען דיק און גראָב פון זאָגען יוצרות; אַז מיין אייניקעל איז אַ נאַרר — בקיצור איהר קענט קומען און מיר דערצעהלען, וואָס איהר ווילט, איך וועל איצט אַלץ, אַלץ גלויבען.

די גמרא זאָגט, (און זאָגט ניט אומזיסט; אַ מגיד אויך ניט) אַז הינט הויבען אָן צו סקאַוואַטשען, ווען דער מלאך־המות קומט אָן. איך האָב דערהערט דעם קול פון די בערלינער צייטונג שרייבער — זיי וואָס פלעגען אימער שטעהן פאַר ביסמארק'ן אויף די הינטערשטע לאַפּקעס, און לעקען זיינע פּאַלעס, און איהם שפּרינ־

גען אין די אויגען — איך האָב דערהערט זייער קול, און האָב א געשריי געטאָן: „ברוך דיין אמת! ביסמארק איז טויט.“ אָבער איך האָב געלעבט אין טעות און ניט לאַנג. דאָס וואָס איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, איז ארויסגעקומען וואהר און זיכער: ביסמארק האָט פערלאָרען זיין סלוזשבע און זיין זון הערבערט אויך — המן און ויזתא האָבען די זעלביגע מפלה און זייער אחשורש איז, ווי דער אחשורש פון דער מגילה, אויך א מלך טפש... ווען אויך ניט אזא תהרים אויף ווייבער. די „וועלט געשיכטע ווידערהאָלט זיך“, האָט עפּעס ערגעץ אַן אשכנזי געזאָגט, און דער מאַן איז מיר א גאַנצען אָווענד ניט ארויסגעגאַנגען פון די געדאַנקען.

אין מינסק, געדענק איך, איז צו מיין צייט געווען א מלמד א מורא'דיגער מאַדים אויף אינגלאך. ער האָט געהייסען מיט'ן כשר'ן נאָמען ר' פייטעל דער קאַט און שטיעפּמאַמעס פלעגען צו איהם אוועקגעבען אזעלכע קינדער, וואָס א הייקער אויפ'ן רוקען איז פאַר זיי קיין בראַק ניט געווען און זאָגאר נאָך א מעלה אין דער צייט פון נעהמען רעקרוטען. דער ר' פייטעל (טאָמער איז ער טויט — זאָל ער האָבען א ליכטיגען גן־עדן: אין א פינסטערן וואָלט ער ניט זעהן, ווי גוט איהם איז, מחמת ער האָט אויביג געהאַט א שוואַכע ראיה) דער ר' פייטעל, זאָג איך, האָט אמאָל אריינגענומען אין די הענד א יונגען יתום'ל און אין צייט פון עטליכע זמנים האָט ער איהם געשלאָגען מכות רצח. אונטער ר' פייטעל'ס קלעפּ אָבער איז דער אינגעל אויסגעוואַקסען גרויס און שטאַרק און דער סוף איז געווען, אז ר' פייטעל איז פון זיין תלמיד שיער—שיער ניט אוועג פון דער וועלט ניט נור אָהן וידוי, אָהן באָרד און פאות אויך, ווייל דער תלמיד האָט אויסגעצופּט א שעהן ביסעל האָר פון זיי. אנטקעגען וואָס דערצעהל איך דאָס אייך? יא, רעדענדיג וועגען ביסמאַרק'ן. איך האָב אָפּט געדענקט, אז ביסמאַרק קען האָבען פון דייטשלאַנד'ס שטיעפקינד (דעם אר־בייטער) די זעלביגע מפּלה, וואָס ר' פייטעל (להבדיל) האָט געהאַט אין מינסק. איך האָב געמיינט, אז ביסמאַרק וועט ניט פאַלען,

וואו ער וועט ניט געשטרויכעלט ווערן איבער׳ן ארבייטער, וואס איהם האט ער גרויס און שטארק געמאכט דורך קלעפּ. אבער מיר וואלט קיינמאל ניט ארויפגעקומען אויף די רעיונות, אז ער וועט נכשל ווערען דורך א יונגען־מאנטשיק, וועלכען ער האט ארומגע־טראגען אויף די הענד. אז מילך און בליי זאלען גובר זיין בלוט און אייזען — דאס וואלט קיינער ניט געגלויבט, אפילו ניט מיין עלטער באבע, וואס זי האט געגלויבט, אז נבוכדנצר עליו השלום איז אויף דער עלטער געווארען א מין וועגעטאריאנער, דאס הייסט, אז ער האט געגעסען גראז מיט אלע בהמות צוגלייך.

וואס וועט ער איצטער טאן? א מלמד, ווען ער ווערט אן א קנעלונג, קען ביי אונז ווערן א שדכן. איך רעכען אז ביי א גע־וועזענעם דיפלאמאט דארף פון ליגען־זאגען קיין מניעה ניט זיין, אבער ער וועט דערצו ניט טויגען. פערדארבען א שדוך האט ער, (איהר געדענקט דאך געוויס די מעשה מיט אלכסנדר באטענבערג, דעם מי־שהיה־פירסט פון בולגאריע און דעם איצטיגען קייזער׳ס שוועסטער) אבער צוזאמענברענגען א שידוך האט איהם קיינער ניט געזעהן און מען ווערט ניט א שדכן איינס־צוויי־דריי, ווען מען איז ניט פון דער נאטור פעהיג דערצו, הגם פון ליגען זאגען וואלט קיין מניעה ניט געווען. א צירולניק וואלט ער אפשר יא געקענט ווערן: בלוט לאזען, פיאווקעס שטעלען — אויף דערויף איז ער א מעטער, אבער דאס וועט איהם ניט פאסען. וואס דען? א סרסר? אמת, ער האט זיך ביי׳ן בערלינער קאנגרעס אליין גערופען „דער עהרליכער מעקלער“, אבער מען האט דאמאלס געהאט ווייניג אמונה אין זיין מעקלעריי, און אין די עהרליכקייט. א שרייבער צו ווערן וואלט איך איהם ניט געראטהען: צו ווערען א בעריהמטער שרייבער איז אין זיינע יאהרען שוין צו שפעט, און פון זיין א קליינער שרייבער׳ל האט מען גאר־נישט פאר זיך אזוי לאנג ווי מען לעבט, און גאר־נישט פאר די ווערים, ווען מען קומט אין קבר אריין.

דא אין לאנדאן יואלט ער געקענט מאכען א שטיק גאלד מיט עטליכע חרשים צוריק, בשעת דער אמעריקאנער צירק מענש באר־

נום איז דאָ געווען. בארנום וואָלט איהם געווים געגעבען שעהנע שכירות, ווען ער (ביסמארק) וואָלט זיך געלאָזען ווייזען אין זיין קוריאָזיטעטען־מוזעאום אויף עטליכע שעה א טאָג. איצט איז בארנום צוריק אין אמעריקא און נאָך אמעריקא וועט מיין פריינד אָטטאָ ניט רייזען, דייטש ווי ער איז, אָבגלייך זיינע לאנדסלייט האלטען פון יענקי־לאַנד. ביי אונז, פראָסטע מענשען, איז דער ים גאָר־נישט, אָבער א מאַן ווי ביסמארק, וואָס האָט זיך צוגעוואוינט צו בלוט, האָט ניט האַלט קיין וואַכער...

נאָר וואָס איז דאָ צו דאגה'נען ארום איהם? ער איז אפילו אראָפּ פון זיין שטעלע, אָבער פון וואַנען צו לעבען האָט ער; חוץ זיין שאָדען אויף מיר געזאָגט געוואָרען! ער האָט צוויי גרויסע שלעסער און שעהנע עטליכע טאַלער אין באנק און וואָס דאַרף אַן אַלטער מאַן מעהר?

---

ניט צו פערגעסען. איך האָב אייך אמאָל געזאָגט, אַז איך גלויב ניט, אַז נטילת־ידים פארהיט אַ מענשען פון דלות. איצט גלויב איך, נור איך טייטש די ווערטער אנדערש. נטילת־ידים הייסט ניט וואַשען די הענד, זאָנדערן נעהמען מיט די הענד. אויף דאָס איז נעבויט דער גאַנצער קאַפּיטאַל־פּאַראַנדאָקס... האָט אייך אַ כשר'ן פסח!

XXX.

## א בריעף צו מיין פעדער.

ליעבסטע, געטרייע פעדער!

דו וועסט זיך גאנץ געוויס וואונדערן, וואס איך שרייב מיט דיר צו דיר. דו וועסט אפשר אנהויבען צו גלויבען, דאס וואס אנ־דערע זאגען, נעמליך, אז דיין בעל הבית איז מטורף; ווען ניט דאס וועסטו זיך אפשר איינבילדען, אז מיין שרייבען צו דיר איז ניט מעהר, ווי א ווילדער איינפאל פון א מענשען, וועלכער וויל אלץ טאן, וואס קיין אנדערער טוט ניט (עס וואלט געווען קירצער צו זאגען, וועלכער וויל זיין אריגינעל, אבער ניט אלע שטאלענע פעדערן, וואס דיענען ביי אידישע שרייבערס, פערשטעהען פרעמדע ווערטער, א בעוויז קענסטו האבען דערפון, ווי זיי פערדרעהען זיי, — ווער וועמען, דארף איך דיר ניט זאגען. אלזא,) דו וועסט פיעלייכט גלויבען, אז איך שרייב צו דיר, ווייל איך וויל עפעס טאן, וואס קיין אנדערער טוט ניט.

ווידער קענסטו רעכענען, אז איך שרייב צו דיר, ווייל אנאנ־דערער וועט ניט לייענען מיינע שרייבעריי, וועהרענד דו מוזט לייענען, ווייל דו ביזט ביי מיר אין האנד. א טעות, ליעבע פעדער! אלע דיינע חשבונות זיינען פאלש. עס קען זיין, אז חוץ דיר לייענט קיינער ניט מיינע שרייבעריי; עס קען זיין, אז מיר ווילט זיך אמאל געהן א נייעם וועג, א ניט אויסגעטראטענעם; עס איז אויך מעגליך, אז איך בין ווירקליך ניט אין גאנצען ביי'ן זינען, איבער־הויפט אויב עס איז אמת, אז „ווען מען קלינגט, איז א חגא". דאס אלעס קען זיין, אבער גלויב מיר, ליעבע פעדער, דאס איז ניט דער גרונד דערפון, וואס איך שרייב איצט צו דיר.

איך שרייב צו דיר, ווייל דו ביזט ניט א פערדער ווי אנדערע פערדערן, ווייל דו ביזט צו מיר אנגעקומען ניט ווי זיי, ווייל דיך האב איך געפונען אין נאס און האב דיך אריינגענומען אין מיין סלוזשבע, ניט וויסענדיג פון וואנען דו קומסט און ווער דו ביזט און וועמען דו האסט פריהער געדיענט. איצט האב איך חרטה, אבער עס איז שוין צו שפעט. דו ביזט שוין אלט און אויסגעדיענט און איך רעכען דיר צו לאזען רעזיגנירען (פערשטעהסטו, וואס דאס הייסט? אויב ניט, וועל איך דיר גלייך זאגען. דאס הייסט: זיך אבזאגען פון סלוזשבע. היינטיגע צייטען ווערט מען ניט ארויס־געווארפען, מען רעזיגנירט, אזוי איידעל איז די וועלט געווארען און דעם בעסטען בעוויז האסטו פון ביסמארק'ן... נחזור לענייננו), איך רעכען דיר צו לאזען רעזיגנירען, גלייך ווי דו וועסט האבען געענדיגט אט דיזען בריעף צו זיך אליין. מיין חרטה האבען קומט, אויף דעם אופן, צו שפעט, אבער חרטה האב איך דאך אויף מיין גאנצען משא־ומתן מיט דיר.

וואס וויים איך, ליעבע פעדער, אין וועמעס הענד דו ביזט געוועזען, איידער דו ביזט פערלארען געגאנגען! אפשר האסטו גע־דיענט א מיניסטער, צום אונטערשרייבען א טויט־אורטהייל פון א פערמשפט'ען מענשען, וואס דאן וואלט פאר דיר גלייכער געוועזען איינצונעהמען יונגערהייט א מיתה־משונה אין דער פאבריק. אפשר האסטו זיך בעשעפטיגט מיט שרייבען א מסירה אויף אן עהרליכען פריוואטס־קעמפפער וועלכער איז אוועגגעפאהרען אין אזא לאנד, ווי למשל רוסלאנד, און עס קען זיין אז דער מאן איז היינט שוין אין תפיסה; אויב דו האסט דאס געטאן, וואלט פאר דיר אויך גלייכער געוועזען ניט געבארען צו ווערען. טאמער ביזטו געוועזען אין די הענד פון א מענשען, וועלכער פערדיענט זיין ברויט דורך דעם, וואס ער שרייבט היסטארישע ליגענס פאר דעם ארעמען ארבייטער, וועלכער פערבלענדעט די אויגען פון דעם פאלק מיט דומהייט און אבערגלויבען און וועלכער זאגט צו הרים וגבעות אין א וועלט, וועלכע מוז נאך ערשט געפינען א קאלומבוס, וואס זאל איהר ענטדעקען.

וואָס ווייס איך? פיעליכט, ליעבע פעדער, האָסטו געהאָלפען א מענשען, וואָס איז אבטרינניג געוואָרען פון זיין אידעאל (אידעאל קומט ניט ארויס פון דעם וואָרט איד, אָבגלייך דאָס דאַרף אזוי זיין, ווייל דער איד האָט נענוג נעליטען, אום צו שטרעבען צו א אידעאל; דו, פעדער, האָב קיין טעות ניט... אויף דעם אופן קענסטו זיך נאָך איינבילדען, אז ליבעראל קומט ארויס פון די ווערטער „ליעבער אלל"-עמען ווי זיך, און דער אמת איז גראָדע דער היפך דערפון. אייך פעדערן, לאָז איך מיט פרעמדע ווערטער ניט אליין, איהר מאַכט געוואוינליך אָן צרות... נאָר וואו האָב איך געלאָזען? יא, איך האָב געזאָגט, אז דו האָסט פיעלייכט געהאָלפען אן אָבטריניגען אידעאליסט — ברוך שפטרני פון דעם לאַנגען מאמר המוסגר!) שרייבען א בוך געגען זיינע אמאָליגע קאמעראַדען און מען האָט דיך פיעלייכט געטונקט אין גיפטיגע טינט, אום צו מאָרדען יונגע געדאַנקען, פון וועלכע מען האָט אָבגעקעהרט דעם רוקען.

דעם אמת גערעדט, ליעבע פעדער, האָב איך אייך שטאָלענע שרייב-אינסטרומענטען איבערהויפט ניט זעהר האָלט. מיר האָט זעהר אָפט פאסירט, אז איך האָב אריינגענומען דיינע א שוועסטער אין דער האנד, אום עטוואָס צו שרייבען, און מיינע געדאַנקען זיינען גלייך צושלאָגען געוואָרען, ווייל מיר איז איינגעפאַלען אזא מין חשבון. ווער ווייס — האָב איך געטראַכט — צו האָט די געבורט פון די שטאָלענע פעדער ניט געקאָסט א מענשען-לעבען אין דער פאבריק, ווי די גענזענע פעדער קאָסט אימער א גענזען-לעבען! ווער קען מיר פערזיכערען, אז נאָך איינעם פון איהרע מאַכערס וויינען ניט היינטיגען טאָג אן אלמנה מיט פינף יתומים. דאָס האָב איך געטראַכט און דאָס האָט מיר אָפט מבלבל געוועזן די רעיונות און טאקע דאַן, ווען מיר האָט זיך געוואָלט עפּעס אזוינס שרייבען, וואָס וואָלט אפשר געלוינט צו לייענען.

פון דעסטוועגען... נו די נויט ברענגט צו אלץ! איך קען מיר ניט העלפען און בעריען זיך מיט שטאָלענע פעדערן, אָבער איך נוץ געוואוינליך נייע. לכל הפחות ווייס איך, אז זיי זיינען ניט

געוועזן אין ערגערע הענד, ווי מיינע (בייזע צינגער זאָגען אפילו, אז ביי מיר ווערט א פעדער אויך פערשוואַרצט!) און האָב ניט די בייזע מחשבות, וואָס איך האָב איצט.

מעהר האָב איך דיר ניט וואָס צו שרייבען. זיי געזונד און פערגעס ניט דיין אלטען בעל־הבית —

הפילוסוף מק"ס מינסק.

## XXXI.

# וואָס האָב איך געוואָלט שרייבען?

עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס אידען זיינען גרעסערע בעלי־חשבונות, ווי אנדערע פעלקער. רייכע אידען צעהלען געלד (רייכע גוים טוען דאָס אפילו אויך, אָבער ניט אזוי אָפט) און אָרעמע אידען צעהלען די ציינער אין מויל; פרומע אידען צעהלען ספירה, צווישען פסח און שבועות, מלקות ערב יום־כפור, די מכות צום סדר און המן׳ס קינדער אין דער מגילה; זיי צעהלען די ווערטער אין דער תורה און די אותיות אין די ווערטער און מאכען גרויסע און קליינע פרטים אויפ׳ן יאָהר; זיי צעהלען די שטונדען צווישען די מילכיגע און פליישיגע און די מינוטען צווישען זאלצען פלייש און כשר׳ן; זיי האָבען אין די געדאנקען די דריי וואָכען פון שבעה־עשר בתמוז ביז תשעה־באב, און אין די דריי וואָכען די ניין טעג און דאָן די עשרת ימי־תשובה; זיי צעהלען שבת די סעודות און צום סדר די מצות און מהדרים צעהלען אפילו די קדושות, וואָס זיי הערען, און וויפיעל מאָל זיי שפרינגען קדוש; זיי צעהלען די טריט ביי׳ן אויסגעהן שמונה־עשרה און די קולות און די תקיעות און די הונדערט ברכות, וואָס זיי גיבען דעם רבש״ע אלע טאָג; די כוסות צום סדר ווערען געטרונקען מיט א צאָהל אוי די בנים אין דער הגדה זיינען נומערירט און די מצוות אין דער תורה זיינען אויסגעצעהלט אזוי פיעל און אזוי פיעל פון איין סאָרט און אזוי פיעל און אזוי פיעל פון דעם אנדערן סאָרט — אלץ אויף קלאָר. יעדער חדר־אינגעל ווייס פון די פינף חומשים, די פינף מגילות, די צוועלף קליינע נביאים; פון דוד׳ס אכטצעהן ווייבער, פון שלמה׳ס טויזענד, פון די זעקס סדרים ש״ס און פון די טויזענד יאָהר וואָס זיינען ביי׳ן בורא־עולם א טאָג; די מיתות

בית־דין האָבען אַ צאָהל און די מלכים, וואָס יהושע האָט איינגע־נומען, זיינען אויסגעצעהלט, די שטריק מיט וועלכע מען האָט גע־בונדען שמשון הגבור, און די פלשתים, וואָס דוד האָט מאוס בע־האנדעלט, ווען ער האָט געדאַרפט ווערן אַ קעניגליכער איידעם ביי שאול המלך; די רצועה פון של יד (פון תפלין) ווערט אַרומגעוויי־קעלט אַרום די לינקע האַנד מיט אַ חשבון און די פרשות אינוועניג זיינען געצעהלט; יעדער איד ווייס פון די צוועלף שבטים, פון אברהם'ס קעפּס־ווייבער, וויפיעל זיי זיינען, פון די זיבען הימלען, פון די זיבען מדורי גיהנם, פון די ארבע אמות דאָ און פון צעהן טפחים דאָרטען — אַלץ ריכטיג אויסגערעכענט און אויסגעצעהלט.

ביי זיי ביניהם דאַרף אַ אינגעל זיין דורכגעגאַנגען שעהנע עטליכע קלאַסען גימנאַזיע, איידער ער קען בערעכענען, אַז ווען מען צינט אָן חנוכה פון ערשטען ביז'ן אַכטען טאָג רק מיט איין ליכטעל מעהר — אַז דאָס מאַכט אויס בסך־הכל 36 ליכטלעך, חוץ די איין גרויסע ליכט, מיט וועלכע מען צינט זיי אָן; זיי זאָגען אויך תהלים (איבערהויפּט די ענגלענדער), אָבער פרעגט זיי בחרם ווי פיעל קאַפּיטלאך זיי האָבען אויסגעזאָגט אַ טאָג — מעהר ווי אַ איד קען דאָס ניט בערעכענען. ביי זיי שטאַרבט מען אויך, אָבער צו וויסען זיי גאָר ווי פיעל טעג זיי זיצען אין טרויער, ווי פיעל טעג די נשמה בלאָנדזעט אַרום אין שטוב, ווי פיעל חדשים מען זאָגט קדיש? ווי קומען זיי דערצו? ביי אונז ווייס דאָס די גרעבסטע קאָפּ.

און איצט, ליעבע לעזער, שטעה איך ווי אַ האָהן אין בני־אדם און קען בשום אופן ניט פערשטעהן, וואָס אייגענטליך מיך האָט געבראַכט אויף דיעזע אַלע חשבונות און חקירות? גאָר אומזיסט האָב איך דאָס ניט געטאָן, גאָר אומזיסט ליידט מען אפילו קיין הונגער ניט. אויסער די קאָפּע אין די וואָלוועלע קאָפּע־הייזער, האָט אַלץ אין דער וועלט אַ גרונד, און חוץ די דרשות פון לאָנדאָנער מגידים, האָט אַלץ אַ טעם; פון עלערהויט ווערט קיין זאַך ניט, אפילו ניט אַ קאַזיאָנער רב, און חוץ די אינגעווייט פון אַ קמיע קען אַלעס ערקלערט ווערן. דער דומסטער געדאַנקען קומט אַרויס

פון עפּעס, האָט אַ טאַטען מיט אַ מאַמען און געוואוינליך האָט אַזאַ שוטה פון אַ רעיון אַ לאַנגען שלשלת־היוחסין, פּונקט ווי אַ אידי־שער מיוחס, אָדער ווי אַן אַדעליגער ביי די אומות העולם. פון דיר נישט — מיר נישט ווערט קיין זאַך ניט, און וויסענדיג אַז דאָס איז אַזוי, פרעג איך ביי אייך ווי אַזוי איך בין געקומען דערצו צו פערגיסען אַזוי פיעל טינט אַרום דעם, וואָס אידען זיינען אַזעלכע בעלי־חשבונות? כ'לעבען, טינט איז ניט בלוט און איך בין ניט קיין טיראַן און ווען איך גיס, מוז דערצו זיין אַ גרונד! רעדען אַזוי גלאַט... סתם אין דער וועלט אַריין... דאָס פּאַסט פאַר אַ אידי־שען אַקטיאָר, וואָס לערנט קיין מאָל ניט אויס זיין ראָלע, אָבער ניט פאַר אַ פילאָזאָף, אַפילו ניט פאַר אַ משוגענעם דיטאָ, הגם איך וויים ביי זיך, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ בלבול און אַ שם רע. אַרום וואָס אַלזאָ האָב איך געקענט טראַכטען, בשעת מיר זיינען אָט די אַלע חשבונות אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען? דאַכט זיך, ניט אַרום געלד. ווען איך וואָלט געטראַכט אַרום געלד און וואָלט גענומען פיהרען מיין פעדער פון די רעכטע האַנד צו די לינקע, דאָס הייסט שרייבען אידעש (דאָס וואָס דאָס הייסט האָב איך נאַטירליך געקענט גלייך זאָגען, אָהן די פראַזע וועגען רעכטס און לינקס, אָבער אין מיר קלאַפּט נאָך אַן אָדער פון השכלה און צייטענווייז ווילט זיך מיר שרייבען מיט מליצה; דערפאַר זאָג איך, ווי איך האָב געזאָגט, אַז ווען איך וואָלט געטראַכט אַרום געלד און וואָלט דערנאָך גענומען פיהרען די פעדער פון רעכטס צו לינקס), וואָלט איך ווירקליך געווען משוגע. אַלזאָ דער רעיון פון געלד האָט מיך דערצו ניט געבראַכט. וואָס־זשע דען? דער צעהלען ספירה? אויך ניט. איך צעהל אַליין ניט, איך פערלאָז זיך אויף אַנדערע פרומע אידען און אין אַזעלכע חשבונות וויים איך, אַז איך קען זיי טרויען, וואָרום זיי מאַכען נור אַ טעות אין חשבון, ווען עס קומט זיי דערפון אַרויס אַ נוץ: ספירה איז ניט ווידזשעס און... און אַ סוף, אָט איז מיין אייניקעל צוריק פון שול.

XXXII.

## א בריעף פון פירסט ביסמארק.

איך האָב געקראָגען מיט עטליכע טעג צוריק א בריעף אין הויך־טייטש, וועלכען איך איבערזעץ, כדי אז מיך „זאָלען פער־שטעהן גרויס און קליין”, ווי עס שטעהט אויפ’ן טיטעל־בלאט פון אלע ווייבערשע מחזורים. אָט איז דער בריעף אין מיין אידעשע העמדעלע:

„פריעדריכסרוהע, דעם 10טען מאַי, 1890.

„געעהרטער הערר פילאָזאָף!

„ברוך שפטרני! ענדליך בין איך פריי פון דאגות און קען מיר נעהמען צייט אייך צו שרייבען עטליכע שורות. איך וויים ניט צו איהר וועט דאָס אָננעהמען פאר א קאָמפלימענט, אָבער זאָגען מוז איך אייך, אז איך האָב צוליעב אייך גענומען א מלמד און איך קען איצט לייענען אייערע פילאָזאָפיע, וועלכע איהר שרייבט מיט אידעשע אותיות. לאָמיך אייך אגב־אורחא בעמערקען אז לערנענדיג דעם אידעשען אלף־בית, איז מיר קלאָר געוואָרען דאָס, וואָס יאָהאַן יאַקאָבי האָט אמאָל געזאָגט, נעמליך: איך בין אימער געגאַנגען פאָרווערטס, אימער פון רעכטס צו לינקס. איך האָב דאמאָלס ניט פערשטאַנען, וואָרום אזוי פיעל אידען ווערען לינק און דערגעהען ביז’ן סאָציאַליזמוס. איצט פערשטעה איך: זייער שפראַך ברענגט זיי דערצו, זיי לערנען זיך דאָס איין מיט’ן אלף־בית. אָבער, ווייטער.

„מיך פרעהט צו זעהן, אז איהר פערשטעהט זיך אויף מיין פאָליטיק. איהר שיינט מיר צו האָבען א טיעפערן בליק ווי פיעלע אנדערע פילאָזאָפען, איהר זעהט פיעל קלערער און דייטליכער, צו וואָס עס האָט זיך געציעלט מיין גאַנצע ארבייט אין די לעצטע פינף־און־צוואַנציג יאָהר. יאָ, איך בין אימער געווען, בין נאָך

איצט און בלייב א סאָציאַליסט, ווענינגסטענס אין גרונד האַרצען, ווען אויך ניט לפנים. נאָך מעהר, מיין זיין א סאָציאַליסט האָט מיר געקאָסט מיין שטעלע, ווייל — אייך דאַרף איך דאָס אייגענטליך ניט ערקלערען — ווייל ווילהעלם האָט מיר מקנא געווען, וואָס איך האָב פערברייטעט די דאָזיגע אידעע, און האָט פון קנאה מיר אָבּ־געזאָגט, אום אַליין צו פיהרען דעם רעדעל; ער וויל זיך איינקויפען חן ביי'ן ארבייטער.

„איהר קענט מיינע טייטשען אזוי גוט ווי איך אַליין. איהר ווייסט, אז זיי בעוועגען זיך זעהר לאַנגזאַם און אז זיי פערטיעפען זיך געוואוינליך אזוי שטאַרק אין א זאַך, אז זיי פערגעסען, וואָס די זאַך איז. ווען זיי ווילען, למשל, פאָהרען ערגעץ־וואו, געהען זיי ניט דירעקט צום באַהנהויף; זיי ווישען ערשט די ברילען, טוען זיי אָן, שטודירען א האַלב שעה דעם פאָהר־פּלאַן און פערזאַמען געוואוינליך דעם צוג. ווען לאַסאַל איז געשטאָרבען, האָט ער נאָכ־געלאָזען א סך קליינע שריפטען. די שריפטען האָבען זיך נאָך זיין טויט שרעקליך פערמעהרט. איך האָב גלייך געזעהן, אז אין די שריפטען ליעגט א סכנה פאַר'ן סאָציאַליזמוס. מיכעל — האָב איך צו זיך אַליין געזאָגט — וועט זיך צו זיי נעהמען. ער וועט זיי לעזען, שטודירען, פאַרלעזען; ער וועט איבער זיי דיספּוטירען, דיסקוטירען, שרייבען אנדערע ביכער; מיט יענע וועט ער ווידער אזוי מאַכען און דער סוף וועט זיין, אז ער וועט אזוי לאַנג רעדען וועגען סאָציאַליזמוס, ביז ער וועט ווערען א מין סאָציאַליסטישער פּאַפּאַגאַי און וועט גאָר אין גאַנצען פערגעסען, אז דער צוועק פון די שריפטען איז געווען, איהם אויפצומונטערן עטוואָס צו טאָן.

„א לאַנגע צייט האָב איך זיך געהאַלטען פון ווייטען. דער דענישער קריעג, דאַן דער עסטרייכישער, דאַן ווידער דער פראַנ־צויזישער האָבען מיך בעשעפטיגט ביז אין די זיבעציגער יאָהרען אריין און נאָכהער אויך, ווייל איך האָב געמוזט אימער זעהן און פערהיטען, אז די פראַנצויזען זאָלען אונז ניט געבען א קלאַפּ פאַר א קלאַפּ. אין 1878 איז געקומען די צייט עפּעס צו טאָן פאַר'ן סאָציאַליזמוס. דער בערלינער קאָנגרעס האָט אייראָפּא בערוהיגט

אויף עטליכע יאָהר; דער פראַנצויז האָט זיך דעם יאָהר אַמוזירט מיט אַ וויסטאַוואָקע; רוסלאַנד איז געווען מיעד פון דער מלחמה מיט דער טירקיי. מיין קאָפּ איז געווען רוהיג און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבייט.

„איך האָב מיט איין קלאַפּ אַ סוף געמאַכט פון אַלע ריידעריי און שרייבעריי. די רעדנער און די שרייבער האָב איך אין האַרצען ליעב געהאַט, אָבער איך האָב דאָס ניט אַרויסגעוויזען און איך האָב זיי גענומען לערנען צו ווערען טוערס. פיעלייכט ווערט איהר מיך פרעגען די זעלביגע פראַגע, וואָס יענער ליעבהאָבער האָט גע־פרעגט זיין כלה, ווען ער האָט צו איהר געזאָגט: פערשטעלען זיך מעג זיין גוט אין ליעבע, אָבער צו וואָס האָסטו מיך געדאַרפט אַרונטערוואַרפען פון די טרעפּ?" איך וויים אַז פון אַזאַ פער־שטעלטע ליעבע קען מען ברעכען האַלז און געניק, אָבער דאָס איז נייטיג געווען. ריידען און שרייבען האָט געמוזט געהן צו אַלע שוואַרץ־יאָהר, אום צו פערהיטען, אַז דער סאָציאַליזמוס זאָל אַזוי ניט אָוועקגעהן. איך האָב דאָס געטאָן. די סאָציאַליסטען האָבען מיר געשאָלטען. מאַכט ניט אויס, די צייט וועט קומען, ווען זיי וועלען מיך בענטשען.

„די אידעע איז געלעגען אויף די אַרבייטערס ליפּען, איך האָב איהר אַריינגעבראַכט אין זייערע הערצער. אַרום וואָס זיי האָ־בען פריהער ניט מעהר ווי גערעדט, האָבען זיי אָנגעפאַנגען צו טראַכטען. ביי'ן רעדען קען מען בלייבען; ווען מען דענקט, קומט מען צום טאָן. דאָס איז געווען מיין פּאָליטיק, הערר פילאָזאָף.

„ווי איך האָב ביסלעכווייז אַרויסגענומען דעם מאָנאָפּאָל פון די הענד פון די פּאַבריקאַנטען, האָט איהר געזעהן; אַנדערע אויך, אָבער זיי האָבען ניט פערשטאַנען מיין ריכטיגען אויסקוק. די מענשליכע געזעלשאַפט מוז ענטוועדער געהן צו־גרונד, אָדער קומען צום סאָציאַליזמוס. דאָס וועט פריהער אָדער שפּעטער קומען פון זיך אַליין; מיר קענען נור טאָן אַזוי פיעל, אַז דאָס זאָל קומען פריהער און ניט שפּעטער. איך האָב געטאָן דאָס מייניגע.

„למשל, איך האָב געוואוסט, אַז די אַרבייטער פון אייראָפּאַ

שרעקען זיך פאר זייערע אייגענע ברידער די סאָלדאטען. זעהר גוט. איך האָב פערגרעסערט די ארמיי אין דייטשלאנד, די אנדערע מדינות האָבען מיר געמוזט נאָכטאָן און וואָס איז דער פועל־יוצא דערפון? די ארבייטער אליין ווערען סאָלדאטען און אין א קורצע צייט וועלען זיי אויפהערען מורא צו האָבען פאר'ן ביקס מיט די פולווער, און וועלען ווערען מענשען, און וועלען זיך א שטעל טאָן און פערלאנגען זייערע רעכטע.

„איך האָב אייך נאָך פיעל צו שרייבען, אָבער איך בין מיד. בין ניט געוואוינט דערצו. זייט געזונד, הערר פילאָזאָף, און פערגעסט ניט אייער אויפריכטיגען פריינד

אָטטאָ ביסמארק פאָן שענהויזען.״

„נ. ב. טאָמער גיט איהר ווען עס איז ארוים אייערע פילאָזאָפיע, שיקט מיר צו אן עקזעמפלאר. מיין זוהן הערבערט לאָזט אייך גריסען אונבעקאנטער־ווייזע.״

XXXIII.

## אלץ הייסט פילאָזאָפיע!

עם זיינען דאָ פיער סאָרטען שרייבער, ואילו הן: אזעלכע וואָס קענען און ווילען ניט; וואָס ווילען און קענען ניט: וואָס ווילען און קענען; וואָס ווילען ניט און קענען ניט. איהר וועט פיעלייכט זאָגען, אז די שרייבער פון דעם לעצטען מין, נעמליך די וואָס אי זיי ווילען ניט, אי זיי קענען ניט, זיינען גאָר קיין שרייבער ניט, — זאָלט איהר דאָס בעסער ניט זאָגען, ווארום איהר וועט דערמיט נור בעווייזען, אז איהר האָט קיין שכל ניט, און דער בעווייז איז איבעריג, ווייל מען ווייס דאָס: ווען איהר וואָלט גע־האָט שכל, וואָלט איהר קיין אָרעמע לייט ניט געווען — און מאַכט מיר ניט קיין זויערע מינעס, איך בעט אייך! ווי לייכט איהר גע־פינט זיך בעליידיגט! און פון וואָס? פון אַ וואָרט. וואונדערבאַרע מענשען! ארבייטען שווער און האָבען אַ (שוויגער? — איך מאָך אזעלכע פוסטע וויצען ניט; איך זאָג ארבייטען שווער און האָבען) מכות — איז ביי אייך רעכט; זיך לאָזען רייסען, צופּען, שינדען, בעטריגען, פּערנאַרען, פּערבלענדען, טיראַנעווען — דאָס איז ביי אייך אַ קלייניגקייט; לאָזען מענשען, וואָס ביי זיי קריכט שוין פון האַלז, ארויסנעהמען דעם לעצטען ביסען פון מויל — דאָס איז גאָר נישט; מקריב זיין אונשולדיגע עופה׳לעך אויף דעם מזבח פון דעם עגל־הזהב — דאָס לאָזט איהר זיך געפאַלען; צו האָדעווען קינ־דער פאַר׳ן טייוועל, צו זעהן, למשל ווי אַ זוהן ווערט אַ ציעל אויף צוויי פיס פאַר אַ ביקס, מיט די איינציגע נחמה דערביי, וואָס ער האָט ביכולת צו ערמאָרדען דעם. וואָס ציעלעוועט זיך אין איהם — דאָס קומט ביי אייך אויס „ווי עס בעדאַרף צו זיין". דאָס אַלעס איז רעכט און כשר, איהר דערלאַנגט זיך אפילו ניט אַ קרים דערביי.

לאָז אָבער קומען אַ מענש וויא איך, און איך זאָגען אין גוטען מוטה — ניט מיינענדיג חלילה קיין שום בייז — „רבותי, איהר האָט ניט קיין שכל“, מאכט איהר אַ בייזע מינע און שרייט: „טי מענע רוגאל“ (וויא מען זאָגט אין דער ליטא, ריידענדיג רוסיש מיט אַ אידישען אקצענט), אַ שטייגער וויא הערען דעם אמת וואָלט ערגער געווען וויא אַלץ אין דער וועלט.

נאָר דיא גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, מיר ניט צו זאָגען קיין דעות און, ווען איך רעכען אונטער דיא פיער מינים שרייבערס אַזעלכע, וואָס אַי זיי קענען ניט, אַי זיי ווילען ניט שרייבען, מיר ניט צו בורבלען אונטערן נאָז: „די זיינען גאָר קיין שרייבער ניט“, זיי זיינען יאָ. זיי זיינען דער גרעסטער טהייל פון אַלע שרייבער און זייערע שרייבעריי ווערט אָם מעהרסטען געלעזען. זיי פיללען אויס אַלע טאָג אַ וויכטיגען טהייל פון אַלע גרויסע צייטונגען און דער גרונד דערפון וואָס זיי טהוען דאָס, איז, ווייל זיי ווילען און קענען עסען. און דאָס, זעהט איהר, איז איינע פון דיא שוואַכע זייטען פון די געטליכע געזעלשאַפט־אָרדנונג, אין וועלכע מיר לע־בען, איינער פון דיא חסרונות פון אונזער הערליכע ציוויליזאַציאָן. אנשטאַט וואָס יעדער מענש זאָל זיין אויף זיין אָרט, איז ער אימער אויף אַן אַנדערנס אָרט און אנשטאַט וואָס ער זאָל טהאָן דאָס, וואָס ער קען, טהוט ער געוויינליך דאָס, וואָס זיין שכן קען. נעהמט, למשל, אַ היפּאָקריט צווישען אייערע בעקאַנטע. אויפן ערשטען בליק איז דער מאַן אַ פּאָלקאָמענער היפּאָקריט, מיט אַלע קליפּערלעך. קוקט זיך אָבער אין איהם גוט איין, בעטראַכט איהם געגוי, וועט איהר געפינען, אַז דער מאַן טויג אייגענטליך גאָר ניט צו זיין ראָלע, ער קען ניט צבועאַקעווען און וויל ניט. און דאָס וואָס ער צבועאַקעוועט דאָך, איז ניט מעהר, ווייל ער וויל נעבעך לעבען. ער איז ניט אַ קינסטלער־היפּאָקריט, ניט אַ מייסטער אין זיין פאַך, ער איז נור אַ מאַגען־היפּאָקריט; ער פאַסט יום־כפור, בכדי ער זאָל האָבען וואָס צו עסען דיא ערשטע טעג סוכות; ער עסט ניט פאַר׳ן דאַווענען, אום צו האָבען וואָס צו עסען נאָך׳ן דאַווענען, ער לייענט קריאת־שמע, ווייל אַ ניט וואָלט מען איהם ניט געגעבען קיין בעט וואו צו שלאָ־

פען. אזוינער פערנעהמט נור דעם ריכטיגען היפּאָקריטס אָרט, וועל־כער וואָלט מאַכען גאָלד, וואו דער פּאַרטאַץ־היפּאָקריט פערקויפט זיין „נשמה" פּאַר אַ טאָפּ רויטע לינזען. ער קען ניט און וויל ניט און טהוט, וויל — נו, איהר פערשטעהט וואָס איך מיין.

יאָ קיין זאַך און קיין מענש איז ניט אויף דעם ריכטיגען אָרט — דאָס האָב איך אָפּט דעם שטאָלצען נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט געזאָגט, וועלכער (דאָס מעג איך אייך זאָגען אונטער פיער אויגען) איז כמעט שוין עובר בטל, וויא יעדער אַנדערער, וואָס קומט אַריין אין די נײַנציגער.

נאָך אַ ביישפּיעל, מיין אייניקעל (זאָל לעבען) האָט אַ חבר (זאָל ער אויך לעבען), מיט איהם אין איינע יאָהרען. דער אינגעל האָט אין זיינע יונגע יאָהרען — דאָס הייסט אַ יאָהר אָדער צוויי נאָך זיין אַריינקריכען אין פלודורקעס — געהאַנדעלט מיט שוועדי־שע שוועבעלעך. ער האָט צו דעם מסחר ניט געטויגט. ער האָט דאָס ניט געוואָלט און האָט דאָס ניט געקענט. ער איז ניט געווען אויף זיין אָרט. ער האָט אויך ניט געמאַכט קיין זעהר גלענצענדע געשעפטען און דער סוף איז געווען אַז ער האָט איין שעהנעם פריהמאָרגען געמאַכט באַנקראָט, אָנזעצענדיג אַ פּענניעס דרייצעהן, אויב ניט מעהר. היינט פּוצט ער שטיוועל און דאָס אויך ניט ווי־לענדיג און ניט קענענדיג. ער טויג דערצו אויך ניט. צו וואָס טויג ער? צום זינגען. ער האָט אַ קול'בעלע וויא אַ קאַנאַריק און מען דאַרף איהם נור אויסבילדען. מיין אייניקעל פערשטעהט דאָס, אָבער ער קען זיין חבר ניט העלפען. איך אויך ניט. און וואָס וועט פון איהם ווערען? אַ בעטהאָווען פּיעלייכט, וואָס באַקט בייגעל, אַ פריעדריך שילער, וואָס שרייבט מזוזות ביי אַ סופר סת"ם.

* * *

איך האָב אייך געזאָגט, אַז עס זיינען דאָ פיער מינים שרייבער: אַזעלכע, וואָס ווילען און קענען ניט; אַנדערע, וואָס קענען און ווי־לען ניט; וויעדער אַנדערע, וואָס קענען און ווילען, און דאַן וויעדער

אַנדערע, וואָס קענען ניט און ווילען ניט. אייך צו געבען אַ שטיקעלע ידיעה דערפון, ווי מען שרייבט, ווי מען קען ניט און מען וויל ניט — האָב איך געמאכט אַט דיעזע היינטיגע פילאָזאָפיע. זייט געזונד.

XXXIV.

## א צוויי פיסיגע קאַטערינקע.

אויב איהר ווייסט ניט, וואָס א קאַטערינקע איז, ווייסט איהר געוויס, וואָס א שאַרמאַנקע איז; אויב איהר ווייסט דאָס אויך ניט, ווייסט איהר וואהרשיינליך, וואָס א לייערקאַסטען איז; טאָמער זייט איהר אָבער אַזעלכע עמי־הארצים, אז איהר ווייסט דאָס אויך ניט, זאָג איך אייך, אז איך מיין א באַררעל־אָרגאַן, א לאַנגווייליגען מוזיק אינסטרומענט, וואָס שפּיעלט אימער די זעלביגע ניגונים פון פסח ביז סוכות און פון סוכות ביז פסח, ביז עס ווערט פערדאָרבען און שפּיעלט דאַן גאָר ניט מעהר.

דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס א היגער מגיד איז, נור אַנגענעהמער צו הערען און ניט אזוי שווער אויסצוהאַלטען. דער מגיד הילכט אייך אויך אין דיא אויערען אימער און אָבער די זעלביגע פּאַגודקע, אָבער ער ווערט (ליידער) ניט אזוי גיך פערראָסט, ווייל ער ווערט בעסער געשמיערט, און אַפילו ווען עס טרעפט זיך א נס און ער שמד'ט זיך, ווערט איהר פון איהם אויך ניט פּטור, מחמת ער דרשה'נט פון דאָס נייע, נור אָהן א היטעל.

---

ווען איך האָב מיך אוועקגעזעצט שרייבען, איז געקומען א קאַטערינשטשיק און האָט גענומען דרעהען זיין מוזיק. איך וואָלט איהם געוויס געשאָלטען קללות נמרצות, ווען איך וואָלט געווען א שמעי בן־גרא, א קעלמער מגיד, א אידענע, אָדער פּאַפּסט פּיוס דער נייינטער, עליו השלום; איך וואָלט איהם געשאָלטען, ווען איך וואָלט ניט בערעכענט, אז ער דרעהט דיא קאַטערינקע, ווייל איהם דרעהט דער מוח, און אז ער שפּיעלט אייגענטליך ניט אזוי פיעל אום מיך צו ערגערען, וויא אום צו פערדיענען א פּאָר קופּערנע מטבעות.

איך האָב איהם, וויא איהר זעהט, ניט געשאָלטען, אָבער אין כעס בין איך געווען: איך האָב געהאט א האלבע טוץ שעהנע נייע, גוטע געדאַנקען און דער מאן האָט זיי פאנאנדערגעיאָגט צו אַלע ווינדען, און איצט איז מיין קאָפּ פּוסט וויא א קלוב, וואו מען קריעגט זיך ניט, ווי דער מאָגען פון א מאשינער אין סלעק צייט, וויא אן אויס־געבלאָזענע איי.... וואָס טו איך איצט? איך וועל רע־ען ארום קאַטערינקעס, דאָס הייסט שארמאַנקעס — איך פערטייטש דאָס בכיון, מחמת מיר פאַללט איין, אז א רוסישער לעזער קען פערגעסען מיין הקדמה און קען מיינען, אז איך רעד דאָ ארום די צוויי קאטערינקעס וועלכע האָבען געקיניגט איבער רוסלאנד, וועהרענד איך רעד דאָ ניט אפילו ארום ע ה ר ל י כ ע פרויען: איך רעד בלויז ארום לייער קאסטענס. אלזאָ! (מיסטער, דאָ בעט זיך א שטריכעלע)

א קאַטערינקע, ווען מען זאָל איהר גוט בעטראכטען, איז אזוי ווי — א קאטערינקע —

```
 2354
   12
-----
 4708
2354
-----
28248
```

האללאָ! איהר מיינט דאָך אז איך בין משוגע געוואָרען . . . אָה, דער שיינגעץ! דאָס איז מיין אייניקעל׳ס ארבייט. ליעבע לעזער! איהר פערשטעהט, וואָס דאָ איז געווען? — ניין? הערט־זשע! ווען איך האָב געהאט אויפגעשריבען דיא ווערטער: א קאטערינקע, ווען מען זאָל איהר גוט בעטראכטען, א. ז. וו., האָט מיר אָנגעהויבען צו קיצלען אין נאָז. איך האָב א זוך געטאָן אין בוזעם, האָב ארויסגענומען מיין טאַבאַק־פּושקע, אום צו נעהמען א שמעק טאַבאַק און דיא פּושקע איז געווען פּוסט, וויא מיין מוח אליין. איך בין ארויס אין גאס נאָך טאבאק. קוים איז ער געבליעבען אליין אין צימער איז געוואָרען אָט דער כפל אין מיין פילאָזאָפיע.

כסדר אזוי . . . ווען מען זאָל אַ קאַטערינקע גוט בעטראַכטען, קען מען בעגרייפען וואָס דער קאַפּיטאַליזמוס האָט געמאַכט פון דעם מענשען. אַמאָל איז יעדער ארבייטער געווען אַ שטיקעל קינסטלער. ווען זיין ארבייט איז געווען נאָך אזוי אונאַנגענעהם און נאָך אזוי שווער, האָט ער פון דעסטוועגען געהאַט אַ ביסעל פערגניגען, ווען ער האָט געענדיגט אַ שטיק ארבייט און זי איז געווען גוט געמאַכט. ער האָט אין די ארבייט אריינגעלעגט שכל (ווען ער האָט געהאַט) און האָט דערביי געווירקט ניט נור מיט די הענד, זאָנדערן מיט דעם פערשטאַנד אויך. דאָס אַלעס איז איצט אויס מאָדע. היינט דרעהט ער אַ הענטעל און עס שפּיעלט זיך, עס נייהט זיך, עס מאַכט זיך. דער אַמאָליגער פידלער איז היינט אַ קאַטערינשטשיק און ער בעדאַרף צו זיין ארבייט ניט מעהר שכל, ווי צו זיין אַ פּרעזידענט ביי אַ פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפט, אָדער אַ קאָלעקטאָר ביי די הכנסת־כלה חברה, אָדער אַ חזן אין אַ קליי־נעם מנין, אָדער אַ שמש אין אַ גרויסען.

דער קאַפּיטאַליסט וואָלט געהאַט צו טראָגען אַ סך אויף זיין געוויסען, ווען ער וואָלט געהאַט אַ געוויסען.

---

אין לאָנדאָן איז געגרינדעט געוואָרען אַ „הייראַטה־אַגענטור“, דאָס הייסט אויף מינסקיש — אַ חברה שדכנים. מיין אייניקעל האָט מיר געבראַכט זייערן אַ צירקוליאַר. איהר ווערט פרעגען, ווי ער קומט דערצו. נו, דאָס האָב איך אויך געפרעגט, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איהם האָט דאָס אין שול געגעבען אַ חבר זיינער, וואָס זיין טאַטע איז בעקאַנט מיט איינעם פון די ניי־מאָדישע מזווגי־זיווגים. דער אונטערשיעד צווישען זיי און אונזערע זאָ־מוטער שדכנים שיינט מיר צו זיין נור אָט־וואָס: זיי האָבען ניט קיין שלומפּערס; ליגען זאָגען זיי אויך — און ניט נור זיי זאָגען, זיי שרייבען און דרוקען זאָגאָר ליגענס. איין זאַך פערשטעה איך ניט: וואָס טוען זיי, ווען זיי ווילען זאָגען אויף ענגליש — דער בחור איז אַ צאַצקע?

**מוסר השכל:** פריוואט בעלי מלאכות ווערען ביסלעכ־וויז אויסגעראָט היינטיגע צייטען. אויף אלץ גרינדען זיך געזעל־שאַפטען מיט אַגענטססטוואָס אפילו אויף שדכנות. ווער עס וויל פיהרען אַן אונגליקליכען לעבען מיט אַ ווייב מוז היינט אַנקומען צו אַ הייראַטה־אַגענטור.

## XXXV.

## מורא פאר די באבען.

האבען א נאמען אין דער וועלט, מעג זיין א גוטע זאך, אבער דאס איז צייטענוייז אונבעקוועם. איהר וועט באלד זעהן, אז איך רעד פון סידור.

פאראכטאגען דאנערשטאג ארום צוויי אזייגער ביי נאכט בין איך געווען גוטע עטליכע וויארסט אין שלאף אריין. אזוי ווי איך בין ניט קיין בעקער, ניט קיין גנב און ניט קיין פאליצייסקער, און אזוי ווי איך בין אן אלטער מאן ניט קיין גביר און האב, חוץ שלאף, ווייניג אנדערע תענוגים, — איז עס געווען גאנץ נאטיר־ליך, אז איך זאל שלאפען ארום צוויי אזייגער ביי נאכט. און איך האב געשלאפען גאנץ געשמאק. מיט אמאל האב איך זיך אויפגעכאפט. אין די געסעל וואו איך וואוין איז מיט א גרויסען גערויש אריינגעפאהרען א דראשקע און האט זיך אבגעשטעלט לע־בען מיין טיר.

„ווער זאל האבען געקומען צו מיר אזוי שפעט אין דער נאכט ?" האב איך געקלערט. „א קרוב פון מינסק קען דאס ניט זיין, מען וויים, אז איך האב קיין געלד ניט ; איינער, פער־קעהרט, וואס טראגט מיר אב א חוב, קען דאס ניט זיין — דאכט זיך די דול־הייזער זיינען פערמאכט און גוט פערריגעלט ; זאל דאס זיין א שכן, וואס רופט מיך משנה־שם זיין ביי א גוסס'ן, אדער אבשפרעכען אן עין־הרע, אדער פערריידען א בייזען צאהן ? די שכנים האלטען, דאכט זיך, גאר ניט אזוי שטארק פון מיין פרומקייט ; זאל דאס . . ."

דא זיינען מיינע חשבונות צוקלאפט געווארען דורך א כפול־

שמונה׳דיגען סלאַף אין טיר. איך האָב זיך שנעל אָנגעטאָן, האָב אָנגעצונדען אַ ליכט און האָב געעפענט די טיר.

„ענטשולדיגט מיין קומען אַזוי שפּעט, אָבער איך האָב זיך אָבגע׳גנב׳עט אויף עטליכע שעה פון די באַבען און איך מוז אום דריי צוריקפאָהרען."

דאָס האָט צו מיר געזאָגט מיין גאַסט, אַ מאַן פון אַ יאָהר צוויי־דריי און דרייסיג, שעהן געבויט הגם קליין־געוואַקסען אָנ־שטענדיג געקליידעט און אַ דייטש נאָכ׳ן לשון נאָך. לאָמיך אייך גלייך דאָ זאָגען, אַז די ווערטער, וואָס איך האָב אייך איבער־געגעבען און וואָס איך וועל אייך נאָך איבערגעבען, זיינען פון זיין מויל אַרויסגעקומען אין הויך־טייטש, נור איך האָב זיי אַי־בערדיסטיללירט אויף אידיש בכדי אַז זיי זאָלען האָבען מעהר טעם.

„ווער זייט איהר, ר׳ קרוב ?" האָב איך געפרעגט.

ער האָט מיך אַוועקגעפיהרט אָן אַ זייט און האָט מיר אַריינ־געשושקעט אַ פּאָאר ווערטער אין אויער. איך בין נשתומם גע־וואָרען.

„אָה ! !" האָב איך אויסגערופען.

„אום־הום !" האָט ער צוגעשמייכעלט.

„און אייער באָבע איז . . . ?" האָב איך געפרעגט.

„אום־הום !" האָט ער געענטפערט.

„און איהר קומט טאַקע צו מיר בשתיקה פון די באַבען ?" האָב איך ווידער געפרעגט.

„אום־הום !" האָט ער ווידער געענטפערט.

„אַי־אַי־אַי !" האָב איך אויסגערופען, זעהר נתפּעל׳דיג, און האָב גענומען מאַכען טהע. ער האָט זיך דערווייל אַוועקגעזעצט. וועהרענד די טהע האָט זיך געקאָכט, האָבען מיר זיך אונטערהאַל־טען און, טרינקענדיג זיינען געפאַלען די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע ווערטער צווישען אונז :

איך : — אַלזאָ איהר מוזט פאַרלויפיג דעם פּלאַן אויפגע־בען ?

ער : — שטאַרק מורא. ניט אַהין ניט אַהער. געמיינט זיי

וועלען זיך אנכאפּען אָן דעם, ווי אָן א מציאה. טעות. געבליבען קאלט.

איך: — מען גלויבט משמעות ניט אין א סאָציאַליסטישען קייזער אויפ׳ן טייטשעשען בוידעם?

ער: — שיינט אזוי. מיינען, איך מוליר, מורא פאר א קרוין. איך זיי האָלד, זיי מיך קנאפּ־וואָס.

איך: — ווארום אייגענטליך?

ער: —קלערען, וויל זיי בענוצען געגען געלד־לייט, וויל אליין זיין געלד־מענש. האָבען פאבריקען און מאשינען, פאָלק זיין סאָלדאַטען — ארבייטער. ווילען דאָס ניט ליידען. זיינען נאררען.

איך: — איהר אליין שיינט אויך קעלטער צו דער זאך!

ער: — אביסעל. משפחה פייער און פלאם דאגעגען. איבער־הויפּט באָבע וויקטאָריא. אלט. פעטער סענדער זאָגט איך געפעהר־ליכער מענש. קענט פעטער סענדערן. אויביג מורא פאר באָמבען און נייע אידעען. גלויבט אין קנוט, קאזאצקע נאגאיקע, פיינט טייטשען. איבערהויפּט קארל מארקס און ביסמארק. איז א נארר.

איך: — מחשבות׳ן! האט איהר געלייענט ביסמארק׳ס בריעף צו מיר?

ער: — ניט געלייענט, געהערט דערפון, קום צוליעב דעם צו אייך. ווייניג צייט צום לייענען. רעד זעהר פיעל. ביסמארק ברוגז. פאלשער מענש. רעדט מיט אייך אזוי, מיט אנדערע אנדערש. האָב איהם פיינט.

איך: — גלויבט איהר ניט, אז ער איז א פערשטעלטער סאָ־ציאליסט?

ער: — פערשטעלט — יא, סאָציאליסט — ניין. ביסמארק אויסגעוועבט. זיידע ווילהעלם געוועזען אין איהם פערנארט. קען איהם. ער מיך אויך. אמת׳ער סאָציאליסט איך, ניט ער. נור מורא פאר באָבען, באָבע מורא פאר גלעדסטאָנען. גלעדסטאָן צבועק. נארט פאָלק, פאָלק נאררען. קען זיי. בין סאָציאליסט,

וואָלט נור וועלען מעגען טראָגען קרוין. קרוין שעהנער תכשיט. האָלד.

איך: — וואָס קען אייך אייער באָבע טאָן? זי האָט אַ סך געלד, אָבער ווייניג דעה.

ער: — קען אָנרייצען פראַנצויז. שוועסטער־קינד אלבערט עדוואַרד בעליעבט אין פאַריז. איבערהויפט ביי קאָקאָטקעס. אַלע איהם האָלד. גיט געלד. קאָקאָטקעס גרויסע בעלי־דעות ביי מי־ניסטערס. מיניסטערס מורא פאַר זיי. אַלבערט עדוואַרד רייצען קאָקאָטקעס, קאָקאָטקעס רייצען מיניסטערס, מיניסטערס רייצען פראַנצויזען. אַלץ זיין באָבע׳ס ארבייט. דערפאַר מורא.

איך: — בינו לבינו ווערט פון אייער סאָציאַליזמוס אַן אויס־געבלאָזענע איי.

ער: — טעות. אַלץ ביז אַ צייט. מוז וואַרטען. וועט פון מיר הערען. סאָציאַליזמוס נייטיג. אַנדערע צייטען. אַלע סאָ־ציאַליסטען. שווער זיין לאַנג קייזער אָהן דעם. זייט געזונד. שרייבען פון בערלין. מוז כאַפּען צוג צו אייל־אָף־וויים. באָבע אויפשטעהען, מיך ניט געפינען, מאַכען קולות. מורא פאַר באָ־בען. זייט געזונד. ווער דאָס? אייניקעל? זייט געזונד.

---

ער איז אַוועק. אַז דאָס איז געווען דער דייטשער קייזער, קעניגין וויקטאָריאַ׳ס אייניקעל, האָט איהר אַליין פערשטאַנען. איך האָב צוגעמאַכט די טיר, האָב מיך צוריק געלייגט שלאָפען און האָב געטרוימט פון אַ קייזערליך־סאָציאַליסטישע קאַזאַרמע.

אָט אַזוי ווערט מען אַמאָל געשטערט פון שלאָף דורך אַ גרוי־סען גאַמען. —

XXXVI.

## נאַרעשקייט.

שלמה המלך האָט געמוזט זיין אַ גרויסער נאַרר, איידער ער איז געוואָרען אַ גרויסער חכם. אַ מענש, וואָס גאָט בעווייזט זיך צו איהם און גיט איהם די ברירה צו האָבען אַלץ אין דער וועלט און ער קלייבט זיך אויס פון אַלץ אין דער וועלט חכמה, — אַזאַ מענש מוז זיין זעהר דום.

קלוג צו זיין איז שוין דום גענוג, אָבער צו וועלען זיין קלוג — דאָס איז עפּעס גאָר מעשה־פערד! אויף דער עלטער האָט דאָס שלמה אַליין פערשטאַנען; ווען ער איז געוואָרען אַ קהלת, אַ זאָגער, אַ פּרעדיגער . . . (האַלט, דאָ פאַלט מיר עטוואָס איין. יעדער מענש, וואָס זינדיגט אַ סך אין זיינע יונגע יאָהרען, שיינט מיר צו ווערען אַ פּרעדיגער אויף דער עלטער. איצט ווייטער. לאָמיך אָנהויבען פון דאָס ניי. איך זאָג:) ווען ער, שלמה, איז געוואָרען אַ קהלת, אַ פּרעדיגער, האָט ער זיך אַליין אַרומגעזעהן, אַז יוסיף דעת יוסיף מכאוב, וואָס דער טייטש מאַכט אויף דערויף: וואָס מעהר מען ווייס, קרייּנקט אַלץ מעהר די האַרץ. אָבער דאָס איז שוין געווען צו שפּעט. וואָלט ער דעמזעלביגען שכל געהאַט בשעת דער אויבערשטער האָט איהם בעזוכט אין זיין יוגענד, דאַן וואָלט ער ניט געבעטען חכמה.

אונזערע אידען האָבען פון אויביג אָן געהאַט אַ ווערטעל: „וואָס העלפט די חכמה, ווען די נאַרעשקייט גילט!" אָבער ווען אחינו בני ישראל זאָגען דאָס, טראַכטען זיי אַרום די נאַררען, וואָס זיי איז גוט. איך טראַכט אַרום די, וואָס זיי איז גוט, וויל זיי זיינען נאַררען, און די נפקא־מינה איז אַ גרויסע. דער מענש, וואָס איז אַ נאַרר און איהם איז גוט, האָט ניט מיט וואָס זיך

איבערצונעהמען, מחמת עס זיינען דאָ קלוגע, וואָס זיי איז אויך גוט. דער אָבער וואָס איהם איז נור גוט, ווייל ער איז אַ נאַרר, וואָס איהם וואָלט אָהן זיינע נאַרעשקייט אפשר גאָר שלעכט געווען, איהם, פערשטעהט איהר, איז דאָ וואָס מקנא צו זיין. ער איז גליקליך!

אָה, נאַרעשקייט אין אַ מענשען איז אַ גרויסע מעלה און אַזוי וואויל איז צו דעם, וועמען דער שומר פתאים האָט געבענשט דערמיט!

איך בין ביי זיך ניט גענאַרט. מענשען מעגען מיך רופען משוגענער פילאָזאָף, איך וויס, אַז איך בין אייגענטליך נור אַ קלאָרער נאַרר. ליידער בין איך ניט נאַרר גענוג, אום צו זיין גליק־ליך. איך בין ניט קיין פאָלקאָמענער נאַרר, איך בין ניט אַ שוטה, ווי מען בעדאַרף צו זיין. דערפון לייד איך, דאָס פערביטערט מיינע אַלטע יאָהרען.

איך קלער, איך טראַכט, איך דענק, איך וויל דאָס און יענס פערשטעהן, בעגרייפען. וואָלט איך געווען אַ ריכטיגער נאַרר, וואָלט איך דאָס אַלעס ניט געטאָן און מיר וואָלט געווען גוט.

למשל, איך עס אַ צוקער־זעמעלע. דאָס איז געשמאַק, איך דאַרף, נאָכ'ן יושר נאָך, דערפון הנאה האָבען. מיט אַמאָל קומט מיר אַריין אין די געדאַנקען אַזאַ מין בערעכענונג. אָט — טראַכט איך — איז אַ צוקער־זעמעלע; אום איהר צו האָבען דאָ אויף מיין טיש, האָט ווער עס איז געאַקערט און געבראָנעוועט די ערד, געזייט, געדאַגה'ט און געשניטען די ווייץ; אַנאַנדערער האָט עס געפיהרט צום מיל, אַ דריטער האָט עס געמאָלען, אַ פיערטער האָט עס געבראַכט אין שטאָדט, אַ פינפטער האָט עס געשלעפּט צום בעקער, אַ זעקסטער האָט עס געבאַקען. איצט עס איך די זעמעלע, וועהרענד דער אַקערער, דער בראָנעווער, דער קאָרנשניידער, דער בעל־עגלה, דער מילנער, דער בייטלער, דער זאַק־טרעגער, דער קנעכט, דער בעקער, (זיי אַלע, איך מיין די ווירקליכע טוערס, ניט זייערע בעלי־בתים) עסען שוואַרץ־ברויט און אַמאָל דאָס אויך ניט. ווי קום איך צו עסען די זעמעלע?

וואָס האָב איך געטאָן דאָס צו פערדיענען? פון דעסטוועגען פיהל איך הונגער, און אוועקלעגענדיג די פילאָזאָפיע אָן א זייט, נעהם איך זיך צו דער אכילה. וואו איז די זעמעלע? איך זעה איהר ניט. אויף דער עלטער ווערען די אויגען שוואך, מסתמא... איך טו אָן די ספּאַקולען און קוק. ניטאָ. אין א ווינקעלע שטעהט מיין אייניקעל און קאַנטשעט זי עסען. אָנגעהויבען האָט ער, גלייך ווי איך האָב זיך פערטראכט. דאָס וואָלט ניט פּאסירט, ווען איך וואָלט געווען א גאנצער נארר און ניט (ווי איך בין היינט) א האַלבער נארר, אָדער ווי מיינער א בעקאַנטער (א שרייבער) וואָלט געזאָגט: א ניט דערענטוויקעלטער נארר.

אָבער לאָמיר אפילו זאָגען, אז דער שייגעץ האָט די זעמעלע ניט אויפגעגעסען, מיינט איהר אז איך וואָלט פון איהר ריכטיג הנאה געהאַט? ניין, איך וואָלט עסענדיג רק געקלערט ארום די שווארץ־ברויט־עסערס, די ווייניג־עסערס, די גאָר־נישט־עסערס און וואָלט געטראכט און געקלערט, ווארום די וועלט איז אזוי און ניט אַנדערש, און וואָלט זיך געשטיקט מיט די זעמעלע און וואָלט איהר נאכהער ניט פערדאַיט.

די גאַנצע נאַררען איז גוט, זיי מיינען אז אַלץ איז אימער געווען, ווי עס איז, און אז אַלץ מוז אזוי בלייבען, ווי עס איז. זיי זעהען, ווי מענשען דינען איינע ביי די אַנדערע; זיי זעהען ווי אָרעמע לייט'ס קינדער ווערען געבאָרען אין נויט און וואקסען אין דלות, און לעבען אויף צרות און שטאַרבען פאר הונגער; זיי זעהען, ווי עס ווערען טאג־טעגליך גע'הרג'עט, פערמוטשעט, פער־שווארצט די וואָס האָרעווען און מאכען פאר די, וואָס שפּילען זיך און עסען, — זיי, די גאַנצע נאַררען, זעהען דאָס און זיי האַרט ניט, ווייל זיי מיינען, אז עס דאַרף דאָס אַלץ אזוי זיין, אז דאָס מוז אַלץ אזוי זיין, אז דאָס איז נאַטירליך, געטליך און אייביג. אין זייער ליעבע דומהייט זיינען זיי גליקליך און, ווען זיי האָבען א צוקער־זעמעלע, עסען זיי, שמאַקעווען זיך, פערדאַיען און קלערען נור וועגען נאָך איינע אויף שפּעטער.

הייליגע דומהייט! איך בוק זיך פאר דיר! געבענטשט איז דיין נאָמען אויף אייביג און אייביג, אמן!

XXXVII.

## קלאָר און דייטליך.

איך האָב געוואָלט זאָגען:

א פערדולטער אירלאַנדער איז אמאָל, רייטענדיג אויף א פערד איבער דער מדינה, אריינגעקראָכען אין א זומפּ און האָט בשום אופן ניט געקענט ארויסקריכען. דער זומפּ איז געווען זעהר טיעף און די בלאָטע זעהר ווייך און וואָס א מינוט לענגער, איז דער רייטער אריין אלץ טיעפער און טיעפער אין בלאָטע. צום גליק איז ווער עס איז פערבייגעפאָרען אויף די פעסטע לאַנד לעבען דעם זומפּ. זעהענדיג, אז א מענש שטעקט ביז'ן דריטען קנעפּעל פון זיין וועסט אין דעם זומפּ, האָט ער צו איהם צוגעשריען, ער זאָל אָננעהמען זיין האנד, אום איהם ארויסצושלעפּען פון זיין אונגליקליכע לאַגע. דער פערדולטער, אָבער, האָט יענעם אָנגעקוקט וויא פערריקט און האָט, האלב אין כעס גע־ענטפערט:

„איך בעדאַרף ניט אייער הילף — איך האָב אונטער זיך איינעם פון די בעסטע פערד אין אירלאַנד."

און ער איז געבליעבען אין זומפּ.

* * *

דאָס האָב איך געוואָלט זאָגען און נאָך עטוואָס דערצו. ווי איהר זעהט, האָב איך דעם „דאָס" געזאָגט און דער „נאָך עטוואָס דערצו" וועט וואהרשיינליך אויך קומען. פאָרלויפיג מוז איך זיך אָבער אויף א ווייל אָבשטעלען, ווייל איך מוז דייטליכער און קלערער און פערשטענדליכער דערצעהלען די זעלביגע מעשה מיט'ן אירלאַנדער.

וואָס זאָגט איהר? די מעשה איז קלאָר געגוג? געווים. זי האָט זאָגאר געקענט זיין נאָך קירצער און האָבען מעהר טעם. איך האָב למשל געקענט זיך אזוי אויסדריקען:

„אַ פערדרולטען אירלאנדער האָט אַמאָל איינער אַ פערביי־פאָהרער געזעהן שטעקענדיג ביז'ן דריטען קנעפעל פון וועסט אין בלאָטע. „גיב אַ האנד, איך וועל דיר ארויסשלעפען פון זומפּ" — האָט ער צו איהם געזאָגט. — „איך בעדאַרף ניט אייער הילף — האָט יענער געענטפערט — איך האָב אונטער זיך אַ פערד, וואָס האָט ניט זיין גלייכען אין אירלאַנד."

דאָס איז קירצער און בעסער, ווייל דאָס וואָס איך האָב אין דעם ערשטען נוסח דערצעהלט, אז ער איז גערייטען אויף אַ פערד און אז איינער איז צוגעפאָהרען און האָט איהם דערזעהן און האָט צו איהם געזאָגט א. ז. וו. — דאָס אלעס קומט אין דעם צווייטען נוסח אזוי, אז דער לעזער פערשטעהט דאָס, כאָטש דערצו זיינען גענוצט געוואָרען זעהר וועניג ווערטער. פון דעסט־וועגען דאַרפט איהר, ליעבער לעזער, וויסען, אז וועהרענד איהר זייט אַ חכם און פערשטעהט פון אַ וואונק אַ וואָרט און פון אַ וואָרט אַן ענין, זיינען דאַ אזעלכע לעזער (אזוי הער איך) וואָס זיי מוז מען די ווערטער גוט צוקאייען, פאַנאַנדערקוואַטשען און אריינלעגען אין מויל. פון זייערטוועגען מוז מען זיך אזוי אויס־דריקען:

אַ פערדרולטער (דאָס הייסט אַ צוטראָגענער, האַלב צומישטער) אירלאנדער (אַ מענש פון אירלאַנד, אַ מדינה, וועלכע איז אַ אינזעל וואָס געהערט צו ענגלאַנד, אָדער ריכטיגער צו גרויס־בריטאַניען, דאָס הייסט צו ענגלאַנד, שאָטלאַנד און ווילס צו־זאַמען, אַלזאָ, אַ מענש פון יענע מדינה) איז אַמאָל (אַמאָל, דאָס הייסט — ניט היינט) גערייטען אויף אַ פערד (אַ פערד איז אַ בהמה אויף פיער פיס און פיס זיינען ניט הענד) און איז אריינ־געקראָכען (מיט'ן פערד מיט אלעמען) אין אַ זומפּ (וואָס דאָס איז אַ טיעפע בלאָטע, אָפטמאָל אַ לייםענע בלאָטע) בשעת ער איז געפאָהרען (געפאָהרען רייטענדיג, נאַטירליך) איבער דער

מדינה (איבער'ן לאנד, איבער די קאַנטרי, וואָס דערמיט מיינט מען אין חער מדינה, מחמת אונטער דער מדינה פאַהרט סאַי ווי סאַי קיינער ניט, ווייל די מתים, וועלכע געפינען זיך אונטער דער מדינה, זייי פאַהרען ניט). און האָט בשום־אופן ניט געקענט ארויסקריכען (וועלכעס בעדייט, אַז ער האָט אויף קיין פאַל ניט געקענט ארויסקריכען; וואָס דאָס לעגען מיר צו פאר יענע לעזער, וועלכע פערשטעהען ניט קיין לשון־קודש און ווייסען ניט דעם טייטש פון די ווערטער בשום אופן.)

כסדר אזוי: אַ פערדולטער אירלאַנדער איז אמאָל געריטען אויף אַ פערד און איז ארייגעקראָכען אין אַ זומפּ, בשעת ער איז געפאָהרען איבער דער מדינה, און האָט בשום־אופן ניט געקענט ארויסקריכען. — פערשטעהען אַלע? אַלע! די קריטיקער אויך? אויך! נו, לאָמיר דערצעהלען ווייטער:

דער זומפּ (דאָס הייסט, דיא בלאָטע) איז געווען (פיעלייכט, דאָס הייסט, אפשר, איז זי נאָך היינט אויך) טיעף און די בלאָטע (דאָס הייסט, דער זומפּ) איז געווען זעהר ווייך (וואָס דערמיט מיינט מען, אַז זי איז ניט געווען הארט, ווייל הארט איז דער היפך, דאָס הייסט, דער געגענטהייל פון ווייך) און וואָס אַ מינוט לענגער (אַלע ווייסען, דאַכט זיך, וואָס אַ מינוט איז — 60 סע־קונדען, רגעים; וועניגסטענס זיינען אזוי אַלע מענשליכע מינוטען, ווייל דעם אויבערשטענס אַ מינוט איז 365 טויזענד מאָל אזוי פיעל, ווי ביי אונז, מחמת זיינער אַ טאָג איז אונזערע טויזענד יאָהר, — אַלזאָ, וואָס אַ מינוט לענגער) איז ער (דער פערדולטער אירלאַנדער) אריין (דאָס הייסט, ארייגעקראָכען) אַלץ טיעפער און טיעפער אין בלאָטע אריין, אָדער ווי מען זאָגט אין זעזמער: ארייגעט.

איבערגעחזר'ט: — דער זומפּ איז געווען טיעף און די בלאָטע איז געווען זעהר ווייך און וואָס אַ מינוט לענגער, איז ער ארייגעקראָכען אַלץ טיעפער און טיעפער אין בלאָטע אריין (נוסח זעזמער: ארייגעט). — פערשטעהען איצט אַלע? אַלע! דאָקטאָר אַדלער אויך? אויך! דו, מיין אייניקעל, אויך? פטור, נו! גוט, איצט געהען מיר ווייטער.

געהען מיר? ניין, ברודער. איהר מעגט זיך געהן אליין, איך האב מעהר קיין כוח ניט. שרייבען קלאר און דייטליך און פערשטענדליך מעג זיין גוט פאר געוויסע לעזער, אבער דאס קען א שרייבער ארייננבריינגען פאר דער צייט אין ד'רערד אריין. איך וויים (אה, איך וויים דאס גאנץ גוט!!), אז געוויסע לעזער (און דאס זיינען געוואוינליך די שפראך־קריטיקער, די איבערגעשפיצטע) פערשטעהען ניט, וואס איינער סיידען דער איינער איז איינער פון זיי אליין שרייבט, אוואו ער טייטשט ניט אוים יעדעס ווארט און חזר'ט עס ניט איבער ווענינסטענס צעהן מאל (כנגד די עשר מכות פון מצרים — משמעות), אבער, ליעבע לעזער, מיינע עטליכע יאהר לעבען זיינען מיר טייער און איך זעה ניט איין ווארום איך זאל מיך מוסר־נפש זיין פון זייערטוועגען, ניט ווארום איך זאל מאכען א יקרות אויף האלבע לבנות (—). פער'דאנה'נען ארגעלבראנה דעם שריפטניעסער פון ווארשא בין איך נאר ניט מחויב.

פון דעסטוועגען וועל איך אייך דערצעהלען דיא מעשה מיט'ן אירלענדער נאך אמאל, ווען אויך אין קורצען, ווייל די מעשה האט אין זיך א טיעפען מוסר־השכל. אבער ניט היינט. היינט בין איך נאך א האאר געבליבען שטעקען טיעפער אין זומפ, ווי דער פערדולטער אירלאנדער אליין.

## XXXVIII.

## פעדדי און ישראליק.

לאָמיר אָנהויבען פון דאָס ניי:

א פערדולטען אירלענדער האָט אמאָל איינער געזעהן שטע־קענדיג אין א בלאָטע ביז'ן דריטען קנעפּיל פון וועסט.

„גיב א האנד — האָט ער צום פערזונקענעם געזאָגט — איך וועל דיר ארויסשלעפּען פון זומפּ."

„איך בעדארף ניט אייער הילף — האָט דער מאן מיט גרויס כעס געענטפערט — איך האָב אונטער זיך איינעם פון די בעסטע פערד פון גאנץ אירלאנד."

אָרעמער נארר! ער האָט פערגעסען אז דער פערד איז פער־זונקען אין בלאָטע נאָך מיט א קלאפטער טיעפער פון איהם אליין, און ער איז געבליעבען אין זומפּ.

* * *

דאָס איז די מעשה, דאכט זיך סקלאדנע דערצעהלט, הא? איצט לאָמיר רעדען ארום אנאנדער זאך.

אין דיא זעלבינגע מדינה, נעמליך אין אירלאנד, איז דער עולם זיך מכין אויף א הונגער־יאָהר. ארום דעם איז שוין פיעל גערעדט און פיעל געשריבען געוואָרען. אייגענטליך האָב איך זיך ערינערט אָן דיא מעשה מיט'ן פערדולטען טאקע דורך דעם, וואָס איך האָב אין דיא לעצטע צייט געהערט און געזעהן. דער פויער זעהט מיט זיינע אויגען, אז עס ווערט וואָס פון טאָג רק פינסטערער און ביטערער. עס קומט איצט צו איהם א מענש און זאָגט:

„פעדדי דיא ערד איז דיינע און דיא פרוכט פון דיא ערד איז דיינע. איך זעה דיך פון יאָהרען זינקענדיג און זינקענדיג אלץ

טיעפער און טיעפער אין דלות און אין נויטה. הערצו, פעדרי, איך בין א פאבריק־ארבייטער; איך טראג נאך דעם קאפיטאליס־טישען יאך אויף דיא שולטערן, אבער איך האב מיך בעפרייט פון זיין לעהרע, פון זיין אמונה, בקיצור, איך בין ארויסגעקראכען פון זיין זומפ, וואו איך בין געווען פיעלייכט אזוי טיעף פער־זונקען, ווי דו אין דעם לענדלארד׳ס בלאטע. נאך האב איך ניט קיין שטיוועל אויף דיא פיס, אבער שטעה איך גראד און געה בקומה־זקופה, פעדרי, גיב מיר דיין האנד, איך וועל דיך ארויסשלעפען, און דאן וועלען מיר געהן צוזאמען, און מיר ווע־לען בעפרייען דיא וועלט פון לענדלארדס און פון געלד־לארדס און דער גרינער אינזעל וועט ניט מעהר מורא האבען פאר פערפוילטע בולבעס, ווייל דיא וועלט איז גרויס און, ווען אלע מענשען זיינען ברידער, הונגערען ניט מעהר איינצעלנע פעלקער. די האנד אהער! שנעלל! א ניט פערזינקסטו אין גאנצען!

„איך בעדארף ניט דיין הילף — שרייט דער פויער מיט כעס — איך זיץ אויף דעם בעסטען פערד פון פארנעלל׳ס סטא־דאלע. גלעדסטאן האט איהם געלויבט און הער פאבסט האט איהם געבענשט און ער וועט מיך ארויסטראגען!“

און ער פערגעסט דער נארר, אז זיין פערד איז נאך טיעפער אין זומפ, ווי ער אליין. . . און בלייבט שטעקען, וואו ער איז.—

* * *

לאמיר אוועקווארפען די אירלענדער. דיא צייטונגען שריי־בען, (און זייערע בייזע בשורות זיינען געוואוינליך אמת) אז פאניע האט זיך שטארק פארנאנדערגעראזאושעט. ווען איך זאג פאניע, מיין איך ניקאלאי׳ס ליעבען אייניקעל. ער דריקט דעם אידען וואס א טאג מעהר, אלץ ערגער, אלץ אונבארמהערציגער. אבער איז דעם אידען אליין אין רוסלאנד שלעכט? ניין. האט מען דעם אידען אליין דארטען פיינט? ניין. ווארום? ווייל ער האט געלד. ער? ווער איז ער? ער טראגט צווייערליי נעמען און צווייערליי געשטאלטען: צום מקנא זיין, צום האסען ער־

שיינט ער אלס הערר מיליאָנער איזראיל איסאַאַקאָוויטש אבראַ־מאָוו, צום פערפאַלגען אָבער און צום שלאָגען איז ער דער אַרי־מאַן, דער בעל־מלאכה, דער זאַקטרעגער — ישראל׳קע זשיד, און טאַקע ניט אין רוסלאַנד אליין, נור אומעטום. מען איז אומעטום מקנא דעם הערן אבראַמאָוו, אומעטום פערפאָלגט מען ישראל׳קען.

איצט קומט צו איהם אַ מאַן און זאָגט:

ישראַל׳יק ברודער, דיין לאַגע איז אַ שרעקליכע. דו האָסט דאָפּעלטע ליידען, אלס ארבייטער און אלס איד׳ל. אלס ארבייטער ווערסטו פערמוטשעט, און אלס איד׳ל ביזטו פערהאַסט. איז־ראיל איסאַאַקאָוויטש האָט געזינדיגט און דו ווערסט בעשטראָפט, ער ווערט רייך און דו ליידסט דערפון; ער בענוטצט צום האָבעוווען זיין שווינדעל־מוח, און קריגען קלעפּ קריעגט דיין בוקעל, ישראל׳יק. יאַ, ברודער! ווען יענער עסט זיך איבער, טהוט דיר וועה די בויך, און דיינע צעהנער ווערען האָייליג, ווייל ער שטאָפּט אָן זיין מויל מיט זיסקייטען. ניט נור דוא ארבעסט, אום אז ער זאָל אַלץ האָבען, דו ארבעסט, ברו־דער׳ל, אום אז ער זאָל אלץ האָבען און אַז מען זאָל נאָך דיר אליין דערפאַר שלאָגען. פערשטעהסטו דאָס אליין ניט? און דאָך זעה איך דיך, זינקענדיג טיעפער און טיעפער אין דעם נאַציאָנאַלען זומפּ, אין דיא הייליגע ארץ־ישראל בלאָטע און דו מערקסט ניט, אַז דו קענסט אין גיכען זיין איבער די אויערן אין קויט, ישראל׳יק גיב מיר דיין האַנד!

איך בין דיין ברודער, ווייל איך געהער צו דיין ראַסע;

איך בין דיין ברודער, ווייל איך בין דיין ליידענס־גענאָסע;

איך בין דיין ברודער, ווייל איך בין אַ ברודער צו אלע מענשען פון אלע ראַסען, ישראל׳יק!

הערצו! עס קומט אַ נייע צייט. די מענשען האַלטען ביין ווערען ווירקליך פערייניגטע פאַמיליען; די פאַמיליען פעראיי־ניגען זיך אין ווירקליכע פעלקער; די פעלקער גיבען זיך דיא הענד און זיי ווערען אַ פעראייניגטע מענשהייט. מען הויבט אָן צו

פערשטעהען, אז דער גרונד פון אלע קנאות־שנאות צווישען מענ־שען, פאמיליען און פעלקער איז דאס געלד און דיא ארבייטער פון אלע לענדער נעהמען זיך אבצושאפען דאס, וואס מען רופט איי־גענטהום.

ישראליק, גיב מיר דיין האנד, איך וועל דיר ארויסשלעפען פון דיעזען זומפ, ווייל דו וועסט אין איהם דערשטיקט ווערען.

„איך בעדארף ניט דיין הילף" — זאגט דער פערדולטער איד'ל — „איך זיץ אויף א פערד, וועלכער איז גרויס און שטארק, א פערד, וואס קיין ארבער האט אזעלכען ניט, און מיין פערד הייסט פאלעסטיניזמוס און ער וועט מיך ארויסטראגען.

— אבער, זאגט דער מאן צו איהם, דיין פערד ליעגט נאך מיט א קלאפטער טיעפער אין שמוץ, ווי דו אליין. דיין פערד איז אויסערדעם א גלגול פון יענעם אכטצעהן־הונדערט־יאהריגען אייזעל, וועלכער בריינגט רק משיח'ן, דיין ערלעזער, און משיח איז פון דעסטוועגען רק ניטא און ניטא. דיין געבילדעטער פערד איז ניט בעסער, ווי דיין עלטער־זיידענס פרומער אייזעל, און ווי יענער האט ניט געבראכט דעם גואל, אזוי וועט דיעזער ניט בריינגען די גאולה. גיב מיר די האנד, ישראל'יק! ארויס פון זומפ!

ער הערט ניט און בלייבט אין זומפ, אבער בלייבען טאר ער דארטען ניט, אזוי ווי פעדדי טאר דארטען ניט בלייבען.

מען מוז זיי ארויסשלעפען איבער געוואלד, — זיי און אלע אונגליקליכע, וועלכע האבען חוץ די ארבייטער־ליידען, ספעציעלע ראסען־ליידען.

XXXIX.

## ג ע ל ד.

פאַר געלד קען מען קריגען אַ סך זאַכען: אַן אָרעמאַן קען קריגען פאַר געלד אַ טאַסע וואַרעמע, מוטנע, האַלב־פּערזיסטע וואַסער אין פילאַנטראָפּישע קאַפּיינעס; פאַר געלד קען אַ אידישער מייסטער קריגען אַ גאַנץ יאָהר הענד און שמחת־תורה אַ פּסוק פון אתה־הראית; פאַר געלד קען אַ רייכער ענגלענדער קריגען אַ שטאָט אין פּאַרלאַמענט און אַ מוח, וואָס זאָל פאַר איהם אויסקלערען אַ ספּיטש; פאַר געלד קען דער טיראַן פון רוסלאַנד קריגען אַ פערטהיידיגער פאַר זיין גרענדע־פיהרען און אַ בעוואונדערער פאַר'ן קנוט; פאַר געלד קען ביסמאַרק קריגען אַן אַלטען רעוואָלוציאָנער פון 1848, וואָס זאָל שרייבען אַ לויב־געדיכט אויף זיין הונד און אַ לאַנגען אַרטיקעל איבער זיין לאַנגע פּיפּקע; פאַר געלד קען דער שאָוויניזמוס קריגען ענטהוזיאַסטען און די פּעראייניגטע פאַטריאָטען אַ סעקרעטער; פאַר געלד קען אַן ענגלישער ראַבינער קריגען אַ מלמד, וואָס זאָל איהם לערנען עברי, און ער קען דאַרין קומען אַזוי ווייט, אַז ער זאָל זאָגען וחלקלקות און ניט דערוואָרגען ווערען; פאַר געלד קען אַ רייכער עם־הארץ קריגען אַ ווינקעלע אין די גרעסטע צייטונג, וואו מען לאָזט איהם בעווייזען שוואַרץ אויף ווייס, אַז ער איז אַ „גאָט־פערדאַמטער־נאַרר“; פאַר געלד קען אַ רייכע פרוי קריגען אַ פּרומאַק, וואָס זאָל פּסק'ענען, אַז כאָטש דער קאָסטיום פון אַ באַלעט־טענצערין איז טריף איז דעננאָך די רייכע פרוי'ס באַלל־קלייד — רי קלייד, וואָס איז אָהן אַרבעל, אָהן אַ קראַגען, חוץ וואָס עס פעהלט אין איהר דריי־פערטעל אַרשין שטאָף ביי'ן ברוסט — כשר; פאַר געלד קען אַ רייכער עפּעל־קרעמער ווערען אַ לאָרד־מייער אין לאַנ־

דאָן, פּסק'ענען שאלות אין גילדהאָלל אלס ריכטער, און קען געבען מענשען פיער וואָכען „האַרד לייבאָר", זייענדיג א מבין אויף אייפּס; פאר געלד קען א מערדער קריעגען אן אדוואָקאַט און דיא מענשליכע געזעלשאַפט א מערדער, וואָס זאָל נאכהער ערמאָרדען דעם מערדער; פאר געלד קען מען קריעגען א ביסעלע כינין און צוויי קוואַטירלאָך ריינע וואַסער פון יעדען ענגלישען אַפּטייקער אלס מיטעל צו אלע חלאַים רעים ונאמנים, פון א קאַטער ביז א לונגען פעהלער; פאר געלד קען א רייכער זון קריעגען פון א מגיד א פייערדיגען הספד אויף א טאַטען, וועלכער, האָט פון די גאנצע אידישקייט נור אָבגעהיט די דריי מצוות: — גוט עסען ערב יום־כפור, ניט לעגען קיין תפלין תשעה־באב אין דער פריה, און ניט לייענען־קריאת־שמע די ערשטע נאַכט פון פסח; פאר געלד קענען די סוועטערס קריעגען א דרשן, וואָס זאָל בעקעמפען די סאָציאַליסטען, וועלכע זאָגען, אז „הענד" זיינען געמאַכט געוואָרען אי צום ארבייטען, אי צום קלאַפּען, ווען מען דאַרף; פאר געלד קענען די ענגלישע אידען האָבען צייטונגען, וועלכע בעווייזען אז פערקויפען איבערגעניצעוועטע קליידער, פּראָצענט נעהמען, בעד־זענשווינדעל און געהן אין שול — זיינען דער אידעאַל פון'ם יודענטהום; פאר געלד קען דער קאַפּיטאַליזמוס קריעגען וואַסער־דיגע פילאָזאָפען, וועלכע זאָלען ערקלערען דעם פאָלק, אז ניט שכרות קומט פון נויט, זאָנדערן נויט פון שכרות; פאר געלד קען די אלטע פיהרערקע פון ענגלאַנד קריעגען שרייבערס, וועלכע זאָלען בעווייזען, אז א פרוי, וואָס טראָגט אויפ'ן קאָפּ א קרוין, אנשטאָט א ציפּיק, איז א תכשיט פאר א מדינה, — א תכשיט, וואָס איז ווערטה א מיליאָן א יאָהר, ווען ניט מעהר; פאר געלד קען א מענש אָהן איין איינציגען געדאַנקען אין קאָפּ, אָהן א צונג אין מויל, קריעגען אויפמערקזאַמע צוהערערס פאר זיינע רייד און לאָבערס פאר זיינע טעמפּע, פלאַכע וויצען; פאר געלד קען א נפש, ווי פּאָליאַקאָוו אין רוסלאַנד, קריעגען געלעהרטע, וואָס זאָלען ברייינגען ראיות אותות ומופתים, אז ער איז א מענש; פאר געלד קען יעדערער קריעגען פעדערן, טינט, פּאַפּיער, אום צו

שרייבען אלץ, וואס זיין הארץ געלוסט, און קען דאן קריגען צ דרוקער, וואס זאל דאס אלץ אבדרוקען, און זאגאר לעזער, וואס זאלען דאס לעזען; פאר געלד קען זיך יעדער לומפ פערשאפען דעם טיטעל פילאנטראפ, הגם דאס ווארט פילאנטראפ קומט ארויס פון די צוויי גריכישע ווערטער — פהילאס (ליעבענד) און אנטראפאס (מענש) און ער איז ניט דאס און ניט יענעס; פאר געלד קען זיך א מענש פערשאפען א ווערטערבוך, אום צו וויסען פון וואנען פילאנטראפ קומט ארויס, אבגלייך ער (דער מענש) האט אויף זיין לעבען ניט געלערנט קיין גריכיש, ווי איך, למשל; פאר געלד קען יעדער טיראן קריגען שפיאנען און שפיר הינד אום צו פערפאלגען די מענשען, וועלכע שטעהען אויף געגען איהם און געגען זיין בייזע מאכט; פאר געלד קען א רייכער ענגלענדער קריגען דעם טיטעל באראנעט און דערמיט פאר זיין זון א כלה מיט צעהנדליגע טויזענד פונטען נדן, מיט וועלכע ער האט חתונה אום צו לעבען מיט אנדערע פרויען, אלמנות, גרושות, אדער געוואוינליכע ווייבער; פאר געלד קען א מיסיאנער קריגען שארלאטאנעס, וועלכע לאזען זיך בעשפריצען מיט וואסער און וועלכע ברענגען געוואוינליך דעם זעלענפאנגער מעהר געלד, וויעפיעל ער האט אויסגעגעבען; פאר געלד קענען די פארשטעהער פון יעדע געמיינדע קריגען לעהרערס פאר די ארבייטער׳ס קינדער, וועלכע זאלען זיי געבען וועלטגע־שיכטע, געפרעגעלט אין זיסען און אין זויערן, וועלטגעשיכטע איינ־געמאכט אין רעליגיעזע האניג, וואס דערפון ווערען די קינדער גוטע שקלאפען פאר די פארשטעהער, כל זמן זיי קענען ארבייטען, און דאן געדולדיגע טורמעניקעס אין וארקהויז, ווען זיי ווערען אלט; פאר געלד קען דעם רייכען מאן׳ס ווייב האבען תכשיטין, וועלכע זי קען טראגען, פערזעצען (אין א נויט) און בענוצען אום צו שטעכען דערמיט די שכנ׳טעס אויגען; פאר געלד קען מען אין אמעריקא, צייטענווייז אפילו אין ענגלאנד, קריגען שטימען, ווען מען וויל ווערען א פיהרער אין דער מדינה, אום צו קענען אויף דעם אופן פיהרען א סך מענשען פאר׳ן נאז; פאר געלד קען מען מאכען קינדער פאר אפיצירען, וועלכע מארדען קורץ און שארף, פאר דאקך

טוירים וועלכע מאָרדען זיכער, אָבער לאַנגזאַם, און פאַר אַפּטייקערס, וועלכע מאָרדען ווי עס מאַכט זיך; פאַר געלד קען מען קריגען אלערליי שיטערע געדיכטע און געדיכטע ליטעראַרישע בלאַטע, געבונדען, פערגולט און געטיטעלט, ווי די דיכטער און די שרייבער פון זיי זיינען אליין; פאַר געלד קען מען זיך איינקויפען אין פערשיעדענע חברות און דערפון האָבען קרחת מיט א ביסעלע כבוד; פאַר געלד קען מען זיך אויסקויפען פון פליגען, קאַמאַרעס און שנאָרערס אין צילינדערהיט; פאַר געלד קען מען קריגען א בילעט אויף א גוטע פאָרשטעלונג אין א לאָנדאָנער אידישען טהעאַטער, אהין געהען, ווען מען איז פערקיהלט, דאָרטען גוט שוויצען און דאַן ענטוועדער געהיילט ווערען, אָדער קראַנק ווערען אויף אַן אופן; פאַר געלד קען מען זעהן צווישען די וואַקס־פיגורען ביי מעדעם טיוסאַד אלע קעניגע, פירסטען און גענעראַלען און פאַר איין עקסטראַ סיקספּענס פיעלע פון די געוואוינליכע מערדערס.

בקיצור, אלץ קען מען האָבען, קריגען, זעהן און געניסען פאַר געלד, חוץ איין זאַך און אַרום די איין זאַך וועלען מיר ר'עדען אַנאַנדערס מאָל.

אָה!!! איך בין מיעד געוואָרען שרייבענדיג. אלט, ברידערלעך, אלט!

## XL.

### וואָס מען קען ניט קריגען פאר געלד.

אָה יאָ! פאר געלד קען מען קריגען אַ סך פערשיעדענע זאכען. איך זאָג ניט: אַ סך גוטע זאכען, מחמת ניט אלע האָבען דעמזעלבינגען בעגריף וועגען גוטסקייט. דאָס, וואָס איינער רופט גוט, איז ביי דעם אנדערן גאָר נישט, ביי אַ דריטען נאָך ערגער ווי גאָר־נישט, נעמליך שלעכט. למשל, אַ גוטע פּאָאר ספּאַקולען וואָלט ביי מיר געהייסען אַ גוטע זאַך, ביי מיין איינינקעל גאָר־נישט, ביי מיין קאַץ זאָגאָר אַ דומהיימ. וועהרענד איהר — די קאַץ — וואָלטען ספּאַקולען שטערען צו דער ראיה, וואָלטען זיי מיין אייניקעל ניט נוצען, דאַגעגען וואָלט איך זיך ניט געקענט אָבדאַנקען ווען איהר, ליעבע לעזער, וואָלט מיר ווער עס איז אריינגעשיקט אַ מתנה אַ פּאָאר גוט געשליפענע ספּאַקולען, (איך טראָג נומער 24) אין זילבערנע אַלאָבליעטשקעס, ווען איהר האָט ניט קיין געלד אויף גילדערנע, וואָס דאָס וואָלט מיר נאָך אנגענעהמער געוועזן. עס טרעפט זיך צייטענווייז, אַז מען זעהט וואַכענלאַנג ניט אַ גראָשען אין די אויגען און, ווען ביי אַ מענשען ווערט די ראיה אזוי שוואַך (ניט פאר קיין בעל־מגיה געדאַכט! — בעל־מגיה, איהר פערשטעהט, צו וואָס איך דערמאָן אייך דאָ, האַ? — אלזאָ) ווען מען האַלט אויף אזא מדרגה, קען מען אריינגעהן צום ליעבען פעטער און זיך זעהן מיט'ן גראָשען.

נעהמט, למשל, ווידער סאָציאַליזמוס. איך מיין ניט: נעהמט סאָציאַליזמוס, ווייל מיט גוטען וועט מען אייך דאָס ניט געבען. אַרום דעם רעד איך איצטער ניט, אָבגלייך איך מיין דאָס אפשר יאָ. איך זאָג נור נעהמט, אלס אַ ביישפּיעל, סאָ־

ציאַליזמוס. ביי מיר און ביי איך, למשל, קומט דאָס אוים אַ גאַנץ גוטע זאַך. און פאַר וואָס טאַקע ניט? אַט האָבען מיר אַ פרייע, זאַטע, געבילדעטע, ברידערליכע געזעלשאַפט, וואו יעדער אַרבעט, ווי ווייט ער קען, און האָט ווי פיעל ער בעדאַרף; וואו קיינער האָרעוועט ניט צו פיעל, ווייל אַרבייטען — אַר־בייטען אַלע, און וואו קיינער האָט ניט צו ווייניג, ווייל עס איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען; וואו יעדערער טוט און ווירקט פאַר'ן כלל, וועהרענד אַלע זאָרגען פאַר יעדען; וואו מען בעטעלט ניט און מען גנב'עט ניט און מען גזל'ט ניט און מען שווינדעלט ניט; וואו צבוע'צטווא האָט ניט קיין צוועק, און בעטרוג האָט ניט קיין זין, און ליגענס ברענגען ניט קיין נוטצען; וואו עס איז ניטאָ קיין פערוועסערטע מילך, ניט קיין סאַלאָוואַטע פוטער, ניט קיין געפעלשטע וועלטגעשיכטע און ניט קיין טורמעס פאַר יונגע קינדער, וועלכע מען רופט היינט שולען; וואו דער מאַן הערשט ניט איבער די ווייב, און די ווייב וואַיעוועט ניט איבער אַ דינסט־מיידעל, און די דיענסט־מיידעל איז זיך ניט נוקם אָן די קינדער און די קינדער וואַקסען ניט אויף, אום אַמאָל אַליין צו הערשען; וואו יעדער אַרבייטער איז אַ מענש, ווייל יעדער מענש איז אַן אַרבייטער, און וואו די האַלב־אונטערדריקטע, האַלב־איבערהויבענע, די האַלב־פעראַכטעטע און האַלב קאָמפּלימענטירטע פרוי ווערט ענדליך אַ מענש מיט אַלעמען צוגלייך; וואו דער איד האָט ניט מעהר פיינט דעם קריסט ווייל דער קריסט איז קיין קריסט ניט מעהר, ווייל ער פערפאַלגט קיינעם ניט מעהר אין דעם נאָמען פון דעם גאָט דער ליעבע, און וואו דער איד, וויע־דער, ווערט ניט מעהר בעניידעט, ווייל ער לעבט איצט פון אַרבייט און ניט פון פּראָצענט; וואו עס איז ניטאָ קיין שלי און קיין שלך, קיין הערר און קיין קנעכט, קיין פיהרער און קיין פערפיהרטער, קיין בלוטזויגער און קיין בלוטפערגיסער; וואו — גענוג! ווער ווייס, וואו איך וועל נאָך פערקריכען!

אָט, זאָג איך נור, נעהמט אַזאַ זאַך ווי סאָציאַליזמוס. דאַכט זיך גוט, ניין? דאָס איז אָבער זעהר אַ גלייכגילטיגע זאַך פאַר

פיעלע פון מיינע ברידער — פילאָזאָפען און אַ דאָרן אין אויג פאַר אַלע האַבונעס. איך וואָלט נאָך געקענט זאָגען, אז דאָס (דער סאָציאַליזמוס) איז אויסערדעם אַ גוטער געגענשטאַנד פאַר גע־ווייסע סאָציאַליסטען, צוליעב וואָס זיך צו קריגען, צו בעשימ־פּפען, זיך צו רייסען די נעזער — איך וואָלט דאָס געקענט זאָ־גען, נאָר איך זאָג דאָס ניט, פון אַ סך טעמים וועגען . . . (ר' זעצער, פערגעסט ניט אַריינצושטעלען אָט די עטליכע פינטעלעך, מחמת זיי זיינען זעהר וויכטיג!) נחזור לענייננו: דער סאָציאַ־ליזמוס, אַלזאָ, וועלכער איז פאַר מיר און פאַר אייך אַ גוטע זאַך, רופען ניט אַלע מענשען (?) גוט, און דערפון קומט אַרויס, וואָס איך זאָג — נור לאָמיך אָנהייבען פון דאָס ניי:

ווען איך זאָג אז פאַר געלד קען מען קריעגען אַ סך זאַכען, מיין איך דערמיט ניט גוטע זאַכען. נאָך אַלע מעשות איז למשל בויכוועהטאָג גאָר קיין גוטע זאַך ניט, דאָס וועלען אייך זאָגען אַלע, חוץ אפשר דאָקטוירים, און איך האָב היינט, טאַקע אין דעם אויגענבליק, ווען איך שרייב, לייבשמערצען, וואָס איך האָב פאַר זיי בעצאָהלט אין אַ קוכשאָפּ כשר'ע פינף פעננים מיט אַ האַלבען. דאָס אַלזאָ האָב איך געקראָגען פאַר געלד.

* * *

איהר ווילט אָבער וויסען, וואָס מען קריעגט פאַר געלד ניט. גוט, איך וועל אייך זאָגען.

איהר קענט פאַר געלד ניט קריעגען קיין ליעבע. אַזוי ווי איהר ווייסט, אַז איך בין אַן אַלטער מאַן, וועט איהר מיך ניט חושד זיין, אַז איך רעד דאָ אַרום פרויען־ליעבע, הגם אַרום דעם וואָלט אויך געלוינט צו זאָגען עטליכע ווערטער. איך רעד היער אַרום אַנאַנדער סאָרט ליעבע, אַרום די ליעבע פון איין מענשען צום אַנדערן און פון אַ סך מענשען צו איינעם.

די ליעבע פון אייערע מיטמענשען קענט איהר ניט קויפען פאַר געלד, איהר קענט איהר איבערהויפּט ניט קויפען. איהר קענט פאַר זיי אַרבייטען, רעדען, שרייבען און טאָן, און קענט

זיך דערמיט ערווערבען זייער אכטונג, זייער דאַנקבאַרקייט. אָבער ווען איהר ווילט פון זיי ליעבע, מוזט איהר מעהר טאָן ווי דאָס אַלעס: איהר מוזט זיי ליעבען. דער פּרייז פון זייער ליעבע צו אייך קען נור זיין אייער ליעבע צו זיי; ביליגער קענט איהר דאָס ניט קויפען.

ווען איהר אַרבעט פאַר אייערע מיטמענשען, ווען איהר רעדט און איהר שרייבט און איהר טוט און איהר זוכט דערביי ניט אכטונג, ניט בעלוינונג, ניט דאַנקבאַרקייט, זאָנדערן ליעבע — דאַן פאָלגט מיר און ווייזט אַרויס וואַהרע ליעבע פון אייער זייט צו זיי.

מערקט מיינע רייד, יונגע לייט! דאָס וועט אייך צוניץ קומען און געדענקט אויסערדעם, אז קינדער, פרויען און פעל־קער קען מען נאררען אין פיעל פּרטים, אָבער ניט אין ליעבע: זיי פערשטעהען אויפ׳ן ערשטען בליק, צו מען ליעבט זיי צו ניט. געדענקט, וואָס איך זאָג אייך.

XLI.

## רעפּאָרמירטע נעזער.

מיין אייניקעל איז היינט געקומען פון שול מיט א וויכטיגע שטיקעל נייעס. ווי זיינער א חבר האָט איהם געזאָגט, האָט יענעמס א פריינד געהערט, אז זיין פאָטער האָט געלעזען אין א צייטונג, אז אין אמעריקא האָט זיך געפונען א מענש, א חכם, וועלכער זאָגט, אז ער קען איבערמאַכען נעזער. א וואונדער־באַרע מדינה, אמעריקא! זי, די מוזשינקע פון דער וועלט, (ניט רעכענענדיג די „בייבי" אויסטראַליע) ווערט וואָס פון טאָג קליי־גער, ווי פרוי אייראָפּא — איהר מאַמע, ווי פרוי אזיא — איהר באָבע, און וואַקסט ווי אויף הייוועז. זי טראַכט אויס יעדען ליעבען טאָג אנאַנדער שטיקעל נייעס! א געדעטענעס, ווי איהר זעהט מיך א אידען!

איין טאָג האָט זי זיך געכאַפּט, אז דעם מענשען'ס אויערען טויגען ניט. „לאַנגע אויערן — האָט זי געזאָגט — זיינען דאָ פיעל, אָבער פון ווייטען קענען זיי ניט הערען. זי האָט זיך גענומען צו דער ארבייט און האָט אויסגעטראַכט א טעלעפאָן. דערמיט איז זי נאָך אָבער ניט צופריעדען געווען. „דער מענש — האָט זי געזאָגט — האָט אפילו זעהר א לאַנגען צונג, צייטענ־ווייז, און זעהר א גרויסען מויל, אָבער דאָס, וואָס ער רעדט, הערט זיך נור בשעת ער רעדט און ניט מעהר." זי האָט זיך ווידער גענומען צו דער ארבייט און עס איז געוואָרען א פאָ־נאָגראַף.

היינט נעהמט זי זיך צו די נעזער.

* * *

ווי מיין אייניקעל זאָגט, איז דער פּלאַן ניט צו מאַכען, אז נעזער זאָלען קענען בעסער דערשמעקען (אין דעם פּרט דאַרף יענקי־

גנב קיין בעסערן נאָז ניט, ווי ער האָט), זאָנדערן אַז נעזער זאָ־לען האָבען מעהר חן. דער נאָז־רעפאָרמער זאָגט, אַז ער קען מאַכען פלאַציגע נעזער בולט און צו־אַרויסגעשטאַרצטע—פלאַכער; אַז ער קען לאַנגע נעזער מאַכען קורץ און קורצע לענגליך; אַז ער קען מאַכען שפּיציגע נעזער פעררונדעט און נעזער, וועלכע זע־העו אוים ווי געשאָבענע בולבעס, אביסעל צוגעשפּיצט; אַז ער קען מאַכען ברייטע נעזער שמעלער און שמאָלע — ברייטלעך; אַז ער קען מאַכען חלב־בלייכע נעזער רויטליך און רויטע נעזער בלאַ־סער. בקיצור, ער קען מאַכען פון אייער נאָז, וואָס איהר ווילט אליין, אזא מין מכשף איז ער אייך.

* * *

איך וויים ניט, צו איהר האָט געהערט פון קלעאָפּאַטרע׳ס נאָז און פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטענס נאָז און פון פיעלע אַנדערע בעריהמטע היסטאָרישע נעזער, אָבער איך האָב אין דעם אויגענ־בליק אַרום זיי געטראַכט. נאַפּאָלעאָן, למשל, האָט אימער גע־קליבען מענשען מיט גרויסע, לאַנגע נעזער פאַר גענעראַלען און האָט איבערהויפּט ליעב געהאַט אַ מענשען מיט אַ לאַנגען נאָז. פון הערצאָג אַלבאַ׳ס נאָז האָט איהר געוויס געהערט — נו, אָט אזא נאָז איז ביי איהם געווען אַ גרויסער נושא־חן: עס קען זיין אַז ער, נאַפּאָלעאָן, וועלכער האָט געוואָלט פיהרען די מענשהייט פאַר׳ן נאָז, האָט דערפאַר ליעב געהאַט אזעלכע נעזער, וועלכע מען קען בעקוועמער אָננעהמען מיט׳ן האַנד.

* * *

דאָן זיינען מיר אַרויפגעקומען אויף די געדאַנקען פיעלע פון מיינע בעקאַנטע ענגלישע אידען, — אידען, וואָס יאָ מענש, ניט מענש איז ביי זיי אַ קליינינקייט, די הויפּטזאַך איז אויסזעהן ווי ענגלענדער, און וואָס דערצו שטערט זיי זייער אונגליקליכער נאָז. וואָס פאַר אַן אייגענס מיט געלד דער אַמעריקאַנער נאָז־רעפאָרמער וואָלט געמאַכט אין די איין מזרח־וואַנד פון בייזוואָטער

סינאַגאָגע! דען איהר מוזט וויסען, אַז כאָטש די אידישע אַרי־סטאָקראַטען זיינען אין שול אידען, ווילען זיי אין אַלע אַנדערע ערטער זיין ריינע דזשאַן־בולסקע ענגלענדער און זייער הייקערדי־נער לאַנגער נאָז מאַכט זיי נעבעך אָן גרויסע ענוים. זיי טרייסטען זיך דערמיט, וואָס גלעדסטאָן האָט אַ גרויסען נאָז און וואָס דער היינטיגער פינאַנץ־מיניסטער גאָשען האָט אַ לאַנגען נאָז און וואָס גאַמבעטטאַ, עליו השלום, האָט געהאַט אַ ברייטען נאָז. אָבער גלעדסטאָן לערנט חומש און עס קען זיין, אַז ער קומט אַרויס פון די עשרת־השבטים, גאָשען וויעדער קומט געוויס אַרויס פון אידען און גאַמבעטטאַ איז געווען צו קלוג פאַר אַ גוי . . . אַ קליינינג־קייט, וואָס געלד ער האָט אַנגעקליבען אין די עטליכע קורצע יאָהר, וואָס ער איז געווען אַ פאָלקס־פריינד, דערצו נאָך, פער־געסט ניט, אויף איין אויג; אַ פאָלקס־פריינד, וועלכער האָט טאַקע געמוזט דערשמעקען מיט'ן לאַנגען נאָז, וואָס ער האָט ניט דערזעהן מיט די בלינדע אויג. בקיצור, די נחמה איז אַ פוסטע. די באַקענבאַרדען, די שפּיציגע, געשנירעוועטע שטיוועל, די קליי־דער, די רייד — אַלץ איז ענגליש, חוץ דער נאָז, אַ קאַטער אויף איהם!

* * *

און אלכסנדר דעם דריטען'ס שפּיר־הינד! ווען דער גרויסער אַמעריקאַנישער רעפאָרמער וואָלט זיך גענומען צו זיי — סענדער וואָלט איהם אָבגעשאָטען מיט גאָלד! ווייל די נעזער פון זיינע שפּיאָנען מוזען זיין עטוואס מבולה, זיי דערשמעקען ניט אַלץ, און פיעל ווי זיי זיינען און שטאַרק ווי זיי שפּירען נאָך, וואַקסט דאָך דער רעוואָלוציאָנערער גייסט כמעט אונטער זייער נאָז — ווי דער עולם זאָגט. צו מען דאַרף ביי די געטרייע שפּיר־הינד די נעזער שפּיציגער מאַכען, אָדער זיי אויסציהען — דאָס ווייס איך ניט, ווייל איך בין קיין נאָז־רעפאָרמער ניט (איבערהויפּט קיין רעפאָרמער ניט) אָבער ער, דער אַמעריקאַנער, וואָלט שוין גע־וואוסט, וואָס מען דאַרף צו זיי טאָן; ער וואָלט שוין געפונען אַ מיטעל.

ווי איהר זעהט, האָב איך זיך דורך מיין אייניקעל׳ס שט־קעל נייעס שטאַרק פערטראַכט אַרום נעזער. איהר וועט מיר פיעלייכט ניט גלויבען, אָבער איך זאָג אייך, איך האָב אָנגעהויבען צו קלערען, אַז ווען דער נאָז־פאַבריקאַנט וואָלט קומען אַהער קיין לאָנדאָן, וואָלט איך אפשר בשותפות מיט איהם מאַכען אַ שטיקעלע עסק. מיר וואָלטען געקענט אַרויסגעבען צוזאַמען אַ צייטונג. איך וואָלט געשריבען דעם פאָליטישען טהייל און ער דעם וויסענשאַפטליכען, ווייל אַ מענש, וואָס קען מאַכען פון אַ הייקערדיגען שנאָבעל אַ שעהנעם גריכישען נאָז מוז זיין זעהר גע־בילדעט. ביי מיר איז אין פינף מינוט צייט אויסגעוואַקסען אַ גאַנצער פּלאַן. אָט, פערשטעהט איהר, מאַך איך אַ צייטונג, וועלכע איך גיב אַ נאָמען : "דער נאָז" און שרייב אַ שעהנעם לייט־אַרטיקעל אין וועלכען איך ערקלער נאַטירליך, אַז דאָס, וואָס דאָס בלאַט הייסט „נאָז" איז דאָס ניט מחמת זי איז אַ אידיש־נאַציאָנאַלע צייטונג, זאָנדערן ווייל זי אַגיטירט פיר די אַלגעמיינע רעפאָרם פון נעזער. ביי מיר איז זאָגאַר אין די געדאַנקען געבאָ־רען געוואָרען אַ קליין געדיכטעלע, וועלכע איהר מעגט זעהען גלייך דאָ אין דרוק :

ברענגט די נעזער,
ליעבע לעזער,
און מיין שותף וועט זיי רעפאָרמירען ;
קורצע — לענגער,
ברייטע — ענגער
מאַכט ער, ברידער, לאָזט איהם נור פּרובירען.
גרויסע — קלענער,
גראָבע — שעהנער,
שטאַרק פערלעגטע נעזער מאַכט ער שמעקען ;
בלאַסער — רויטע
גלייך — פערדרעהטע
מאַכט ער, ווען איהר זאָלט זיך נור ניט שרעקען.
אין ענינים

פון מנינים
און פון חברות, ווען איהר ווילט זיך מישען
ברענגט די נעזער,
ליעבער לעזער,
נור צוערשט מוזט איהר זיי . . . .
ווישען ? דאָס איז עפּעס ניט פּאָעטיש. וואו נעהמט מען
דעם מאָן ? מיר וועלען ארום דעם נאָך רעדען.

## XLII.

## געדיכטע און שיטערע.

אויב איהר געדענקט, האָב איך אייך מיט עטליכע חדשים צוריק קלאָר בעוויזען, אז צו זיין קלוג איז ניט גוט; היינט וויל איך אייך בעווייזען, אז צו זיין גוט איז ניט קלוג. און ניט דאָס אליין. איך וועל אייך צייגען, אז גוטסקייט איז שלעכט, חוץ וואָס דאָס איז ניט קלוג... וואָס שאָקעלט איהר מיט'ן קאָפּ, ליעבע לעזער? איהר גלויבט ניט? „דער איד איז פשוט מטורף!" — זאָגט איהר.

— „איהר זייט נאררען" — ענטפּער איך.

— „טו בעווייזט דאָס!" שרייט איהר.

— „איך וועל" — זאָג איך און בעוויז אייך אויפ'ן שטעל.

אָט איז מיין בעוויז, שווארץ אויף ווייס. לייענט:

איך זאָג אזוי: ווען א מענש, פערשטעהט איהר, איז... האַלט איין! איך מוז אייך פריהער זאָגען עפּעס אנאנדער זאך.

* * *

איך בין נאַר־וואָס אויף אייך האַלב אין כעס געוואָרען, ווען איהר האָט צו מיר געזאָגט: טו בעווייזט דאָס! דאָס איז פון מיר געווען א שטיקעלע נארעשקייט. אייגענטליך, טוט מיר הנאה פון אייך צו הערען אזעלכע ווערטער; איך האָב אייך דער־פאר זאָגאר האָלד, ווען איך איבערלעג מיר די מעשה מיט א קאָפּ. מענשען, וואָס הויבען אָן צו פערלאַנגען א בעוויז פאר ווערטער, הויבען אָן צו ווערען... מענשען און זייענדיג מענשען, וועלען זיי שוין אזוי גיך ניט גלויבען אין אלערליי שווארצע פינטעלעך, סיי אויף שעפּסענע פּאַרמענט, סיי אויף לומפּיגע פּאַפּיער. ביי

מיר, למשל, איז קיין שום ספק ניטאָ, אַז ווען מענשען וואָלטען געפונען פון מיר אַזעלכע ווערטער ווי „גוטסקייט איז שלעכט" אויפ־געשריבען אויף אַ ספר מיט עטליכע הונדערט יאָהר צוריק, וואָל־טען זיי דאָס געהאַלטען פאַר תורת־משה און עס וואָלט זיי גאָר אויפ'ן רעיון ניט געקומען צו בעטען אַ בעוויז. „גוטסקייט איז שלעכט" — וואָלטען טויזענדער מענשען געזונגען מיט אַ גמרא ניגון — „דאָס איז גאַנץ ריכטיג, והראיה, עס שטעהט געשרי־בען!" איך רעכען אָבער, אַז אַלע צרות און עינוים אין דער וועלט זיינען געקומען צו די מענשען דורך די אמונה אין שווארצע פינטע־לעך. מאָררים ווינטשעווסקי האָט זאָגאַר אויף דערויף געמאַכט אַ שיר. אָט איז ער:

* * *

מען גלויבט אַז צוויי מאָל דריי איז זיעבען,
אי על פי דין,
אי על פי זין,
כל זמן דאָס שטעהט נור וואו געשריבען;
און קיין זאַך איז ניט איבערטריבען,
און גראָד פון אום,
און גלייך פון קרום
ווערט, ווען עס שטעהט אַזוי געשריבען.

* * *

די גאַנצע וועלט געהערט צו דיעבען
די שעהנע וועלט,
מיט גאָר די געלט
און דאָס איז רעכט: עס שטעהט געשריבען,
אין דלות בלייבט, איז רק געבליבען,
דער מאַן וואָס שאַפט
און בלייבט אָהן קראַפט;
אַז דאָס איז כשר, שטעהט געשריבען.

מען הייסט דעם ארבייטער זיך איבען
אין שפּאַרעריי,
אין שנאָרעריי,
מען זאָגט : עס שטעהט אזוי געשריבען.

* * *

אָט האָט גאָט אדם'ען פערטריעבען
פון פּאַראַדיעז,
די מעשה איז,
אַז אמת, ווייל זי שטעהט געשריבען,
און גאָט, ער האָט אונז אויסגעקליבען
צו דיענען איהם
מיט אונזער שטים
דריי מאָל א טאָג, ווי ס'שטעהט געשריעבען.

* * *

עס טאָר א איד זיך ניט פערליעבען,
ווייל ליעבע פאַסט
פאַר דעם, וואָס שפּאַסט
און לאַכט פון אלץ, וואָס שטעהט געשריבען ;
וואָס איז בעשערט ווערט ניט געקליבען,
א אידיש קינד,
וואָס ווייכט פון זינד,
ליעבט גאָט אליין ווי'ם שטעהט געשריבען.

* * *

און ווערען דאַרף אין יאָך געטריבען
אָט ווי דער אָקס
אַן אָרטהאָדאָקס,
געפינען קענט איהר דאָס געשריעבען ;
דעם קיסר מוז ער פאָלגען, ליעבען,

ווייל נור אַ ליד
ברעכט אַ געזעץ,
אַ פרומער הימ וואָס שטעהט געשריעבען.

* * *

ווי געפעלט אייך דער שיר'על'ע? מיין אייניקעל האָט דער־פון גרויס הנאה געהאַט פאַר־אַ־יאָהרען חנוכה, ווען ווינטשעווסקי האָט דאָס אונז פאָרגעלעזען. דער אינגעל איז אַ גרויסער מבין אויף שירים, איבערהויפּט אויף קופּלעטען.

„קומט דאָס אייך אָן לייכט צו שרייבען געדיכטע?" — האָב איך איהם געפרעגט. ער האָט געענטפערט:

„ווי זאָל איך אייך זאָגען? ווארט . . ."

ער האָט גענומען אַ צייטונג און האָט אויפ'ן ברעג אויפגעשרי־בען די פאָלגענדע צייל'ען:

„די ליידען פון פאָלק אין געדיכטע בעשרייבען
איז לייכט פאַר אַ מענשען, וואָס האָט אַ טאַלענט;
צום אונגליק פאַסירט עס, אַז ווען פון די הענט
אַזאַ מין געדיכט געהט אַרויס — דאַן פערבלייבען,
ביי'ן דיכטער אין הארצען די זעלביגע וואונדען,
וואָס ער האָט הארמאָניש אין ווערטער געבונדען".

„איהר פערשטעהט וואָס איך מיין?" — האָט ווינטשעווסקי געזאָגט.

— „אָה, יאָ!" — האָב איך געענטפערט.

## XLIII.

## פאַרנעל. *)

איך זעה בשום אופן ניט איין, וואַרום איך זאָל ניט עפּעס אויך זאָגען אַ וואָרט מכוח פּאַרנעל׳ס פיהרעריי. אמת, איך בין ניט קיין אירלענדער, איך בין אַ מינסקער ; אמת, איך בין ניט קיין פּאָליטיקער, איך בין אַן עהרליכער מאַן ; אמת, איך בין קלאָרער אין סדר נזיקין ווי אין סדר נשים ; אמת, מיר האָרט ניט אַ ברעקעל, ניט פּאַרנעל׳ס פיהרען פון די אירישע פּאַרטיי. ניט זיין אָנפיהרען פון קאַפּיטאַן אָ׳שי, ניט זיין פערפיהרען פון פרוי דיטטאַ, ניט זיין אויספיהרען ווי קורטע, און ניט זיין אריינפיהרען די ליבעראַלען אין אַ זומפּ. דאָס אַלעס מעג זיך זיין גאַנץ ריכטיג, חוץ אפשר דער פונקט פון מיין עהרליכקייט, וואָס אויף דאָס האָב איך קיינע אַנדערע עדות, ניט ווי גאָט אין הימעל, מיין אייניקעל אויף דער ערד און דעם שניידער (וואָס וויל מיר מאַכען אַ פּאָאר תחתונים אויף אויסצאָהלען) אין וויטשעפּעל.

ווי געזאָגט, דאָס אַלעס איז אמת, אָבער דערפון איז נאָך ניט געדרונגען, אַז איך טאָר זיך ניט אַריינמישען אין דעם גרויסען סכסוך. וואָס האָט דאָס צו מיר ? און וואָס, כאַפּט איך אָן, האָט ברעדלויס אויבערשטע ליפּ צו די סאָציאַלע פראַגע ? וואָס האָט גלעדסטאָן׳ס הויכער העמד־קאָלנער צו די עשרת־הדברות ? וואָס האָט קעניגין וויקטאָריאַ׳ס רויטליכער נאָז פאַר

*) טשארלז ברעדלו איז געווען אן אטעאיסטישער רעדנער, וועלכער איז אין אנהויב געווען פערהאסט ביי׳ן ענגלישען עולם. דורך זיין געגנערשאפט צום סאָציאליזמוס איז ער ביסלעכווייז געוואָרען וועניגער און וועניגער געהאסט און אם ענד כמעט א מענש מיט אלעמען צוגלייך. — פארנעל דער בעריהמטער פיהרער פון די אירלענדער אין פארלאמענט איז נכשל געוואָרען מיט אָ׳שי׳ס פרוי.

א שייכות מיט די ענגלישע רעגיערונג ? וואָס קען האָבן פֿאַר א סמיכות־הפּרשה אַלכּסנדר דער דריקער (יאָ דריקער, ניט דריי־טער; דאָס איז ניט קיין דרוקפֿעהלער; ביי אַלכּסנדר'ן פֿ ע ה ל ט ניט קיין ד ר ו ק — מיסטער זעצער, איהר האָט געדאַרפֿט אויסשפּרייטען אַביסעל די ווערטער „פֿעהלט" און „דרוק", בכדי אַז דער עולם זאָל זעהן, אַז דאָ שטעקט דאָרין אַ וויץ. געטאָן ? גוט. איצט הויב איך אָן פֿון דאָס ניי און זאָג: —) וואָס קען האָבן פֿאַר א שייכות אַלכּסנדר דער דריקער מיט דער וואהרהייט ? פֿון דעסטוועגען, זעהט איהר, איז אין זיין לעצטען אוקאַז בפּירוש דערמאָנט דער וואָרט אמת; פֿון דעסטוועגען האַלט וויקטאָריא המלכה אַלע יאָהר, פֿאַר'ן עפֿענען דעם פּאַרלאַמענט א (שטומע) טראָהן־רעדע, א שטיינער, אַזוי ווי זי וואָלט רעגיערט; פֿון דעסטוועגען מיינט גלעדסטאָן'ס הויכער קאָלנער, אַז ער איז דער כינעזישער מויער ארום די הייליגע תורה; פֿון דעסטוועגען הויבט זיך און ווארפֿט זיך ברעדלוי'ס גראָבע לופּ אַרום די אַרבייטער־פֿראַגע.

דער אמת איז, אַז עס ליעגט אין דער טבע פֿון דעם מענשלי־כען נאָז, זיך צו רוקען אומעטום, וואו מען דאַרף איהם און וואו מען דאַרף איהם ניט; איבערהויפּט וואו מען דאַרף איהם ניט. דערפֿאַר קלער איך, אַז איך האָב א רעכט אריינצורעדען אין דעם סכסוך וועגען פּאַרנעל'ס פּיהרעריי. און ריידען, דאָס הייסט, שרייבען וועל איך אַרום דעם אַזוי גיך ווי איך וועל נור אָנוואָרעמען מיינע פֿערפֿראָרענע פֿינגער. וואַרט אַ ווייליכקע, ליעבע לעזער.

* * *

שטעהענדיג ביי'ן פֿייער, איז מיר (איך ווייס אַליין ניט ווי אַזוי) איינגעפֿאַלען פֿאָלגענדעס קליינע געדיכטעלע:

די פֿינגער, וואָס צעהלען בומאַזשקעס און געלד,
וואָס פֿיהרען די פֿעדער אין סוחר'ישע בריעף,
וואָס אַרבעטען נור מיט די פּרעסער־געצייג,

און ווארפען פון אָוועגד די קעניגע, טאַייז,
— דאָס זיינען — די קצינישע ווארעמע פינגער;

די פינגער וואָס מאַטערען זיך אין דער וועלט,
וואָס פיהרען די זעגען און לענקען דאָס שיף,
וואָס מאַכען נור קייטען פאַר אונז מיט א שטייג,
און זיינען אין ווינטערצייט קאַלט ווי די אייז,
— דאָס זיינען דעם אַרבייטערס אָרעמע פינגער.

* * *

איצט וואָלט איך וועלען וויסען, וואו איך האָב אָט דיזעס ליעדעל געלעזען? ווער זאָל עס האָבען געמאַכט? אָן אונגליק, אביסעל, וואָס מיין זכרון איז אַזוי שוואַך. געלעזען האָב איך דאָס ערגעץ־וואו געוויס, ווייל ווען ניט — טאָ פון וואַנען האָט זיך דאָס צו מיר גענומען? איבער נאַכט א דיכטער בין איך, דאַכט זיך, אויך ניט געוואָרען. אַזעלכע נסים טרעפען היינטיגע צייטען ניט מעהר און אפילו מלאך גבריאל וואָלט שוין היינט ניט געקענט אויסלערנען א יוסף׳ן זיעבציג לשונות אין איין נאַכט, אָדער מאַכען א דיכטער פון א אידען ווי משה, וועלכער האָט אין זיך פאַר׳ן בראָדזענען איבער׳ן ים ניט געהאַט קיין פונק פון פּאָעזיע, חוץ וואָס ער האָט אביסעל אונטערגעשטאַמעלט. נור אַזא מאַכעריי ווי יונה׳ס קיקיון, וועלכער איז איבער נאַכט פערוועלקט געוואָרען, האָט געקענט אויסוואַקסען איבער נאַכט און אפילו אויף דאָס איז חולק ברעדלוי׳ס אויבערשטע לופּ.

אָה, ניין! איבער נאַכט ווערט אין דער וועלט קיין זאַך ניט, חוץ טאָג, א קאַטער און א גזירה אויף רוסישע אידען. איבער נאַכט ווערט אויך ניט פערניכטעט א גרויסע קאַריערע — ווי איך האָב שוין אַמאָל ערקלערט. פּאַרנעל׳ס מפּלה איז אויך ניט געקומען מיט אַמאָל, בולאַנזשע׳ס אויך ניט און דאָסגלייכען בּיסמאַרק׳ס . . . זייער מפּלה איז געקומען ביסלעכווייז און זי איז דארום געקומען, ווייל זיי זיינען געבליבען די זעלביגע, וועהרענד די צייטען זיינען אַנדערע געוואָרען. דאָס איז דער גאַנצער סוד.

גלויבט מיר, ליעבע קינדער, די צייט פון מושטירען, פיהרען און רעגיערען איז אויס. אמאל איז דער ארבייטער־פערד געווען איינגעשפאנט אין דעם שטאאטס־וואגען און דער קעניגליכער פוהרמאן איז געזעסען מיט'ן בייטש אין דער האנד און האט איהם געטריעבען. דער פאלקס־פערד האט געשוויצט און האט געסאפעט און האט געשלעפט אין וואגען אלערליי פוסט־און־פאסנע פאסאזשירען, און ער איז געגאנגען, וואו דער פוהרמאן האט איהם געקירוועט, און ווען ער האט זיך א קעהר געטאן פון מיטען וועג, האט ער געקראגען עטליכע שמיץ, נאך וועלכע ער האט זיך כלומר'שט א פארשקע געטאן און איז געגאנגען ווייטער. האט מען אמאל מורא געהאט, אז ער זעהט צו פיעל און קוקט צו פיעל אן א זייט, האט דער קעניגליכער פוהרמאן אנגעבעטען א געטליכען פערבלענדער און דיעזער האט איהם פערשטעלט די אויגען מיט לעדערנע רעליגיאנס־קלאפעס, וועלכע דער פאלקס־פערד האט געטראגען און איז געגאנגען אונטער'ן בייטש נאך די לייצעס נאך, אזוי ווי ער וואלט בלינד געבארען געווארען. האט מען ווידער בעמערקט, אז ער בעוועגט זיך צו לייכט, צו לייכט — הייסט דאס, פאר א לאסט־פערד, האט מען כלומר'שט רחמנות געקראגען אויף זיינע פיס און מען האט אויף זיי ארויפגעלעגט געזעציליכע אייזערנע פאדקאוועס: — א שוטץ־מיטעל, וועלכעס מען מוז צושלאגען מיט אייזערנע נעגעל.

דיא צייט איז אויס. דער פערד איז געווארען א מענש: ער קריעכט ניט מעהר אויף אלע־פיער, ער געהט איצט בקומה־זקופה און ער לאזט זיך ניט נור ניט שמייסען, אפילו לענקען אויך ניט.

דאס פערשטעהט ניט דער געשטרויכעלטער פארנעל; ער מיינט, אז ווען ער וואלט ניט בשותפות מיט פרוי א'שי אבגענארט איהר מאן, וואלט ער געבליעבען דאס, וואס ער איז אמאל געווען. ניין, מיין פריינד, דאס איז א טעות. קוקט אויף דעם אלטען גלעדסטאן! פיהרט ער? ניין. ער איז היינט נור דאס, וואס אמאל איז געווען דאס פאלק, נעמליך א פערד אין וואגען. ער פיהרט נור ווי מען טרייבט איהם און, ווען דאס פאלק שמייסט איהם ניט

מיט אַ בייטש, איז דאָס נור ווייל מען האָט בושה פאַר זיינע ווייסע קודרעס. גלויבט מיר, מיסטער פאַרנעלל, איהר וואָלט פריהער אָדער שפּעטער סאַיי ווי סאַיי געפאַלען. געפיהרט וואָלט איהר יעדענפאַלס ניט מעהר. זאָגט ניט מיט צופיעל האַרץ די ברכה „שלא עשני אשה“ — די ווייבעל אויף וועלכע איהר זייט איצט געווים אין כעס, האָט אייך ווייניג וואָס געשאַדט.

הערט אַז עלטער'ן.

## XLIV.

### שלעכטע גוטסקייט.

עס איז געקומען די צייט אייך צו בעווייזען, אז גוטסקייט איז שלעכט. דאס ווייזט אייך, אז ווער עס ווארט דערוואַרט זיך און ביי מיר איז קיין שום ספק ניטאָ, אז ווען מיר אידען וואָלטען נור ווארטען ווי מען דארף, וואָלטען מיר זיך אפילו אויף משיח'ן דערוואַרטען.

און פרעגט מיך ניט וואס דאס הייסט: „ווארטען ווי מען דארף." ערשטענס, דארפט איהר וויסען, אז מיט אזעלכע פראַגען צושטערט איהר מיר די רעיונות און אויב איהר וועט אזוי נאָך א האלבע שעה פרעגען קשיות, וועל איך ווידער בלייבען ניט בעוויזען, אז גוטסקייט איז שלעכט. צווייטענס, ווייס יעדערער, וואס דארף קריגען א גמילת־חסד פון די היגע באַרד אָף גאַרדיענס*); יעדערער, וועלכער שפּיעלט אין די לייפּציגער לאָטעריי; יעדערער, וואס איהם קומט פון מיר געלד; יעדערער, וואס גלויבט אין ראדיקאַלע רעפאָרמען; יעדערער, וואס האט א טאטען א קעניג, וועלכער וויל ניט שטאַרבען; יעדערער, וועלכער געהט אין א גרויסען לאָנדאָנער טהעאטער אויף די גאַלעריע; יעדערער, וואס האט א ידיעה פון פּרייסישע פּריוהייט, פון כינעזישען פראָגרעס און פון... איך ווייס אליין ניט פון וואס; יעדערער, וועלכער הויבט אָן זיך ארומצופיהרען אין לאָנדאָן מיט א מיידעל און טראַכט ארום חתונה האָבען; יעדערער, וועלכער לייענט א גוטען ראָמאַן שטיקלעכווייז אין א אידישע צייטונג; יעדערער, וועלכער וויל פּטור ווערען פון טיראַניי און קלערט, אז דאס קומט מיט דער

*) א גמילת־חסדים אינסטיטוט אין לאָנדאָן.

צייט דורך מחלוקות „צווישען זיך“; יעדערער, וועלכער האט זיך פארגענומען צו זעהן דעם סוף פון קנאה־שנאה צווישען די ליעבע האבער פון ברידערליכקייט; יעדערער, וועלכער האט א ידיעה פון מיין צוזאגען, ארום וואס עס איז צו רעדען און פון גלאדסטאן'ס צוזאגען, ארום וואס עס איז צו שווייגען; — יעדערער, זאג איך אייך, וועלכער האט א בעגריעף פון איינע פון דיעזע אלע זאכען, ווייס אליין גאנץ גוט, וואס „ווארטען ווי מען דארף“ האט צו בעדייטען.

אט איך, למשל, קען ווארטען ווי מען דארף. איך קען אנהויבען צו לייענען א לאנגווייליגען בוך און לייענען און מישען א בלאט נאך א בלאט און דערביי ווארטען אויפ'ן סוף, בשעת מעשה פילאזאפירענדיג ארום פרייוויליגע, אויף זיך אליין ארויפגעשלעפטע ליידען, ארום די געפלאצטע געדולד פון יחידים און ארום די געדולד פון דעם גאנצען כלל, וועלכער שיינט צו זיין בעשלאגען מיט שרעקליך דיקע, כפול־שמונה'דיגע אייזערנע רייפען, וואס קיין שווארץ־יאהר ברייננט זיי פארלויפיג ניט צום פלאצען. יא, איך לייען, איך קוק אויפ'ן זייגער, און ציה זיך, און גענעץ, און ווארט געדולדיג אויפ'ן סוף, געצוי ווי דער קאטצקער רבי אויפ'ן קץ, אדער ווי מיין אייניקעל אויף מיין קומען אהיים, ווען ער קלערט, אז איך דארף איהם ברענגען אן עפעל.

ווארטען ווי מען דארף קען ניט יעדער, אבער וואס דאס בעדייט, האט איהר אלע געדארפט גוט פערשטעהען, כאטש איהר זייט ניט קיין טייטשען. וואס וואלט איך זיך געהאט צו מאטערען און צו שרייבען אויף די אלטע יאהרען, ווען איהר וואלט ניט געוועזן אזעלכע גאט־פערדאמטע ווארטערס? וואס, פרעג איך נאך אמאל... האלט, ווער פורקעט מיר דא אין זייט? ברוך הבא! ער איז דא — מיין אייניקעל! וואס ווילסטו?

„איידער דו פערקריכסט אין האצע־פלאצע, זאג מיר, זיידע — לעבען, מיט וואס קען גוטסקייט זיין שלעכט?“

— משמעות דיר דרעהט אויך דער מוח וועגען דעם! גוט־זשע הער! עס זיינען דא אין דער וועלט מיליאנען און מיליאסען אר־

ביטער, וואָס פינסטערען אָב זייערע יאָהרען ארבייטענדיג, און האָבען פון זייער גאַנצען לעבען די איינציגע נחמה, וואָס עס דויערט ניט לאַנג, מחמת זיי שטאַרבען געוואוינליך פאַר דער צייט. מיינסטו די אַלע מיליאָנען מענשען וואָלטען ניט לאַנג שוין געמאַכט יד־אחת געגען זייערע רויבער און אונטערדריקער, ווען זיי וואָלטען ניט געווען אזוי פערפלוכט גוט? צוצוזעהן ווי מען גיסט זייער בלוט, ווי מען זויגט זייער בלוט, ווי מען באָדט זיך אין זייער בלוט, ווי מען פאַרבט די ערד מיט זייער בלוט — דאָס אַלעס קומט זיי פאַר נאַטירליך. לאָז מען זיי אָבער זאָגען. דאַרטען און דאַרטען איז אַ יושר צו עפּענען אַן אָדער, ווייל... נו, דו פערשטעהסט דאָך, וואָס איך מיין, — לאָז מען דאָס זאָגען, מאַכען זיי גלייך אַ „הנני העני ממעש" — פּנים און זאָגען: צו שפיכת־דמים האָבען מיר קיין הארץ ניט, דערצו זיינען מיר צו גוט, מיר ווע‌לען פאַר־לויפיג וואַרפען גאַלקעס. זעהסטו ניט, מיין אייניקעל, אַז זייער גוטסקייט איז דער גרונד פון דעם, וואָס זיי איז שלעכט? און ניט דאָס אליין. די גוטסקייט זייערע איז נאַריש אויך, מחמת שטאַרק און מעכטיג ווי די רייפען ארום זייער געדולד זיינען (און זיי זיינען שטאַרק, ווייל זיי קומען ארויס פון די גיסעריי פון כריסטוס, פּאָולוס אונד קאָמפּ.) שטאַרק, זאָג איך, ווי זיי זיינען, וועלען זיי דאָך אמאָל פּלאַצען, און דאַן וועט מען פאָרט מוזען עפּענען ערגיץ וואו אַן אָדער, מעג זיך דאָס פאָלק זיין נאָך אזוי גוט.

אָה, ווען איך וואָלט היינט געשטאַנען, ווי אמאָל די לויים אויפ'ן בארג עיבל, וואָלט איך געשאָלטען אָט דיעזע דרייפאַכע קללה.

א פלוך אויף די גוטסקייט!
א פלוך אויף די פרומקייט!
א פלוך אויף די געדולד!

און איך וואָלט ניט געלאָזען ענטפערען אָמן אנדערש ווי מיט די הענד.

## XLV.

## אינהאלט: איך

עס איז א וואונדערבארע זאך
מיט מיין געלעכטער און געוויין:
איך בין ניט לוסטיג, ווען איך לאך,
איך טרויער ניט, בשעת איך וויין.

דיעזע פיער שורות זיינען דער אנהויב פון א ניט־דערקאנטשעטען געדיכט, וועלכעס איך וואלט געוויס געמאכט נאך מיט עטליכע חדשים צוריק, ווען איך וואלט נור געקענט. אה, וואו נעהמט מען דעם כוח אלעס אויסצודריקען קורץ און שארף אין שעהנע, קלינגענדיגע גראמען? קיינמאל האב איך אזוי ניט געפיהלט, ווי שלעכט עס איז ניט צו זיין קיין דיכטער, ווי איך פיהל דאס היינט.

היינט, דארפט איהר וויסען, האב איך בדעה צו רעדען ארום זעהר א וויכטיגען, ארום א העכסט אינטערעסאנטען ענין, נעמליך, ארום מיין אייגענע פילאזאפיע. מיר ווילט זיך צוערשט אליין דערגעהן און נאכדעם ערקלערען ווי אזוי דאס קומט, אז —
איך בין ניט לוסטיג, ווען איך לאך,
און טרויער ניט, בשעת איך וויין, —

און דיעזעס וואלט זיך מיר מורא'דיג געוואלט ארייגפאסען אין שעהנע, געטאקטע פראזען, אבער... ליידער געהט עס ניט, — ווי ביסמארק האט געזאגט, בשעת ער האט פרובירט אונטערקויפען פערדינאנד לאסאל... האלט, מיר געהט אויף א ליכט!

* * *

אין דער וועלט זיינען אמאל געווען צוויי פילאזאפען.
איינער פון זיי האט געלעבט, געדענק איך, מיט א יאהר צוויי טויזענד דריי הונדערט צוריק, אין דער צייט פון דעם בית־שני.

ער האָט געהייסען דעמאָקריטאָס און האָט געהאַט אַ טבע אָבצו־לאַכען פון אַלע מענשליכע נאַרישקייטען. די וועלט האָט איהם גערופען: „דער לאַכעדיגער פילאָזאָף." איך ווייס ניט אויף קלאָר, וואָס פון דעם מאַן איז געוואָרען, נאָר איך רעכען, אַז ער מוז זיין טויט.

דער אַנדער פילאָזאָף, וועלכער האָט געהייסען העראקלי־טאָס דער דונקעלער (דער דונקעלער, — מחמת ער פלעגט רעדען אונפערשטענדליך, אַ שטייגער ווי ער וואָלט געווען אַ רמב"ם, דער מחבר פון דעם מורה נבוכים, אָדער אַ העגעל, אָדער אַ חסידי־שער רבי, אָדער יונה באַלבעטון, דער מינסקער זאָגער). איז דער העראקליטאָס האָט, פערקעהרט, געהאַט די געוואוינהייט צו בע־קלאָגען און צו בעדויערען די מענשליכע דומהייט און די מענשר ליכע אונגערעכטיגקייט. דערפאַר האָט איהם דער עולם געגעבען נאָך אַ צונאָמען, נעמליך: „דער וויינענדיגער פילאָזאָף."

איז ניט אַ סברא, אַז איך בין אַ גלגול פון יענע ביידע פילאָ־זאָפען? איז ניט אפשר דאָס די ערקלערונג דערפון, וואָס איך לאַך מיט טרערען אין די אויגען און וואָס איך וויין מיט אַ שמיי־כעל אויף די ליפען?

קען זיין.

קינדער, גיט אַ קוק! אָט זיינען דאָ אַרום אייך טויזענדער און צעהנדליג־טויזענדער מענשען, וועלכע באַקען אוים אַ גרויסען לאַבען ברויט און קריגען אַליין דערפון העכסטענס די ברעקעלעך, וואָס בלייבען איבער אויפ'ן טיש; מענשען, וועלכע וואוינען ניט, וואו זיי בויען, וועלכע עסען ניט, וואָס זיי קאָכען, וועלכע טרינ־קען ניט, וואָס זיי ברויען, וועלכע טראָגען ניט, וואָס זיי נייהען, וועלכע לעזען ניט, וואָס זיי דרוקען, וועלכע געניסען ניט די אַלע פערגניגונגען, וואָס זיי אַליין גרייטען צו מיט זייערע אייגענע הענד.

אָט זעה איך וויעדער מענשען, וועלכע האָבען אַלצדינג אוועק־געגעבען און בעקלאָגען זיך, אַז פאַר זיי איז גאָר נישט געבליעבען; וועלכע האָבען זיך געלאָזען אָנטאָן אַ דוע אויפ'ן האלז און שרייען, אַז זיי ברעכט דער קאַרק; וועלכע בונטעווען זיך פאַר אַ שילינג

א וואָך מעהר לוין, ווען פאַר דעם זעלביגען בונטעווען זיך (נור אביסעלע בעסער אָרגאַניזירט) וואָלטען זיי געקענט האָבען ניט א שילינג מעהר לוין, ניט א שטונדע ווענינער ארבייט, ניט א אונ־געשטערטען יוניאָן, ניט עטוואָס א בעסערע שטוב, וואו צו אר־בייטען, זאָנדערן א פּאַלאַץ צו דער ארבייט, א פּעראייניגטע מענשהייט, פינף שטונדען וועניגער האָרעוואַניע און די פולע גאַנצע פּרוכט דערפון. דאָס, ווייס איך. דערוויילע זעה איך זיי אָבער ארום זיך, שטעהענדיג און ציטערענדיג פאר קעלט, אָהן שפּייז אין מאַגען, די קאָפּ פול מיט דאגות, שטעהענדיג און יאָמערנדיג אי־בער זייערע ווייבער, וואָס ווערען אַלט פאר דער צייט, איבער זייערע זין אין די פאַבריקען, אָדער אָהן ארבייט און זייערע טעכטער אויפ'ן גאס ביי־נאַכט. זיי יאָמערען און קלאָגען און וויינען.

איך קלאָג מיט. אָבער זייענדיג א גלגול פון העראַקליט, ווייז איך און בין ניט טרויעריג. איך בין ניט טרויעריג, ווייל איך ווייס — איך זאָג ניט: ווייל איך גלויב, האָף, קלער, איך זאָג: ווייל איך ווייס, — אז זיי וועלען ניט אייביג וויינען. איין שעהנעם פריהמאָרגען וועט זייער לאַגע ווערען אונערטרעגליך און זיי ווע־לען צורייסען אויף זיך די דרייפאַך געפלאָכטענע שטריק פון נויט, יאָך און בעטרוג, וועלכע דאָס געלד, די הערשאַפט און די אמונה האָבען אזוי קינסטליך פאר זיי געפלאָכטען.

איך קלאָג מיט, ווייל זייער געשריי פערנעהמט מיר פאר'ן הארצען, אָבער איך בין ניט טרויעריג. אָה, ניין!

* * *

קינדער, גיט א קוק! אט זיינען דאָ ארום מיר הונדערטער יונגע, בראַווע מענשען. זיי פערשטעהען דאָס, וואָס איך פערשטעה, און זיי געהען צווישען די מאַסען און קינדיגען אָן די גאולה און בערייטען פאר דאָס פאָלק צום גרויסען טאָג: איצט אָבער פערזאַמ־לען זיי זיך און דאָ ווייזט זיך ארויס, אז פיעלע פון זיי פּרעדיגען פרייהייט, אָבער אונטער זיך אונטערדריקען זיי איינער דעם אַנדערן; אז זיי פּרעדיגען גלייכהייט און צווישען זיי ווילען מאַנ־כע פון זיי זיין מעהר און גרעסער ווי די אנדערע; אז פּרעדיגענדיג

בריעדערליכקייט, זיינען זיי זיך איינער דעם אנדערן בלוט־שונאים; אז זיי רעדען ארום טאָלעראַנץ און דולדען ניט איינער דעם אנ־דערן, — איבערהויפּט ווען דער אנדערער איז ניט אַ חברה־מאַן פון זייער קלייזעל; אַז זיי פּרעדיגען זעלבסט־שטענדיגעס דענ־קען און ווילען, אַז אַלע זאָלען אין יעדען פּרט דענקען פּונקט ווי זיי; זיי זיינען געגען אויטאָריטעטען און ווילען, אַז יעדער פון זיי זאָל גילטען פאַר אַ שטיקעל האַהן; זיי פעראַכטען הערשער און מאַנכע פון זיי ווילען דעננאָך פיהרען די גרענדע; זיי קומען צוזאַמען אויסצוטוישען מיינונגען און בייטען אוים דייטשע שימפּף־ווערטער אויף אידישע זלזולים.

אָה, דאָס איז לעכערליך! איך ווייס — בין דאָך ניט אומזיסט אַ פילאָזאָף — איך ווייס, אלזאָ, אַז דאָס איז ניט אַזוי געפעהר־ליך, ווי מען מיינט, אפשר אויך ניט אַזוי שוואַרץ, ווי איך אליין מאָל דאָס אוים; איך ווייס, אַז דאָס שלאָגען זיך אַמאָל די סאָל־דאַטען, ווייל זיי איז לאַנגווייליג צו וואַרטען אויף'ן שונא; איך ווייס, אַז מענשען וואָס זיינען ערצויגען געוואָרען אונטער'ן רוט, אונטער די הערשאַפט פון טאַטעס, רביים, קוואַרטאַלניקעס און אַנדערע אויטאָריטעטען, קענען ניט מיט אַמאָל ווערען דאָס, וואָס זיי האָבען געזאָלט זיין; איך ווייס, אַז זיי אליין וועלען ווערען אַנדערש, ווען די פערהעלטניסע וועלען זיך פערענדערן. איך ווייס דאָס אַלעס זעהר גוט, אָבער עס איז פאָרט אונגעהייער לעכערליך דאָס אַלעס צוצוזעהן. וואָס־זשע טו איך?

איך טו ווי דעמאָקריטאָס: איך לאַך, אָבער איך בין ניט לוסטיג. אָה, ניין!

* * *

וואָס קלינגט מען דאָ אין די גלאָקען? אַלאַרם־געקלאַנג? ניין! דאָס קלינגט מען נאָך דערוויל ניט אום אויפצו־וועקען דאָס פאָלק צו דעם לעצטען גרויסען קאַמפּף. דאָס קלינגט מען צו אַ לויה, דען דאָס יאָהר 1890 איז אָבגעשטאָרבען און מען געהט איהם מקבר זיין אין דער וועלטגעשיכטע. משמעות, ער האָט פאַר תכריכים ביסמאַרק'ס סאָציאַליסטען געזעץ, ווילהעלם'ס סאָ־

ציאַליזמוס, די מגילה פון דעם לאָנדאָנער קראַך, פאַרנעל׳ס מפּלה, די נייע פראַנצויזישע קנוטען־ליעבע און אַנדערע אַזעלכע מאָ־כאַרייען. אפשר וועלען איהם — דעם געשטאָרבענעם יאָהר — אונזערע חובבי־ציון מיטגעבען אַ זעקעל ארץ־ישראל ערד צוקאָ־פּענס, אפשר וועט זיך אויך געפינען אַ געוועזענער סאָציאַליסט צווישען זיי, וועלכער וועט זאָגען מענה לשון אויף זיין קבר.

און איצט קומט אַ נייער יאָהר. עס הויבט זיך אָן דער צעהנ־טער צעהנטעל פון אונזער יאָהרהונדערט. איך, וועלכער האָב אויף פיעלע פערשיעדענע אופנים וויעדער אַ גאַנצען יאָהר געלאַכט און געוויינט, וועל מן־הסתם איצט אָנהויבען פון דאָס ניי.

„זיידע — פרעגט מיין אייניקעל — וואו וועסטו נעהמען מאַטעריאַל צום שרייבען?"

גוט געפרעגט. אָבער, מיין קינד, קנאַפּ צרות איז דאָ אויף דער וועלט? און דאַן וויים איך איצט, אויף וואָס׳ער וועלט איך בין; איך פערשטעה איצט די גרונדלאַגע פון מיין פילאָזאָפיע, איך זעה איצט איין אז —

„עס איז אַ קלאָרע, פּראָסטע זאַך
מיט מיין געלעכטער און געוויין:
איך מוז זיין טרויעריג, ווען איך לאַך,
איך מוז אויך שמייכלען, ווען איך וויין."

# צושלאָגענע געדאנקען
# 1891

## XLVI.

## היהנער־אויגען־פילאזאפיע.

איך קלער זעהר אפט, ווי אזוי דאס קומט, אז די געזעץ־פאבריקאנטען האבען ביז היינטיגען טאג נאך ניט געמאכט א שטרענגען געזעץ, אום צו בעשטראפען די, וואס טרעטען אויף פרעמדע נאגנאטקעס. שטעלט זיך נור פאר די לומפעריי דערפון! די ערד האלט איבער 500 מיליאן קוואדראט־וויארסט ארום און ארום. נו, זיינען אפילו צוויי דריטעל דערפון וואסער (איהר געפינט דיעזעלביגע פראפארציע אין ענגלישע וויין און אין אידישע געדיכטע, וואס דאס איז אייגענטליך דער גרונד דערפון, וואס אונזערע געדיכטע זיינען אזוי שיטער; איך וואלט געזאגט: דאס איז דער טעם דערפון א. ז. וו. אבער דאס רוב אידישע פאעזיע האט ווייניג וואס שייכות מיט טעם, וואס דערפאר זאג איך „גרונד", הגם צו דערגעהען אין אונזער פאעזיע א גרונד איז אפט אויך זעהר שווער... גענוג! לאמיר זיך צוריקקעהרען צו דער ערד... איך מיין ניט, אז מיר זאלען חלילה שטארבען: קנעלען און שטארבען — זאגט דער עולם — פערזאמט מען ניט, איך מיין לאמיר זיך אומקעהרען צו דעם ענין מכוח די ערד) נאך אמאל:

די ערד האלט ארום און ארום איבער 500 מיליאן קוואדראטנע וויארסט. צוויי וואסערדיגע דריטדחלקים אראפגערעכענט, בלייבען נאך אלץ איבער אן ערך פון 170 מיליאן וויארסט מרובעים. אויף דעם אופן קען יעדער מענש האבען (און האט) פאר זיך איבער עלף קוואדראטנע וויארסט ערד, וואס דאס איז דאכט זיך גענוג פלאץ פאר יעדען און פאר אלעמען, הא? און דאך טרעט מען מיר אויף די נאגנאטקעס! איז דאס ניט א סקאנדאל!

איך פרעג נאך אמאל: ווי קומט דאס, אז די געזעץ־מאכערס

בעשטראָפען ניט די מענשען, וואָס טרעטען אויף פרעמדע היה־נערראויגען? מילא, וואָס זיי בעשטראָפען ניט למשל די, וואָס זיינען עובר אויף „לא תנאף", קען איך נאָך בעגרייפען. קיינער וועט זיך אליין ניט בעשטראפען און ווען זיי וואָלטען אזא זאַך געמאכט פאר א קרימינאל־פערברעכען, וואָלטען דריי פיערטעל פון זיי אליין פערפוילט געווארען אין טורמעס. דאָס, אלזאָ, בענעהמט נאָך מיין שכל. איך קען אויך בעגרייפען, וואָרום זיי האָבען מותר געמאכט דעם באנקראָטירטען: יעדער געזעצגעבער, אפילו מיין פריינד סענדער פון רייסען, וויים, אז ער קען, פריי־הער אָדער שפּעטער, דארפען אויפהערען צאָהלען חובות און פאר זיין אייגענעם גוף ווייקט קיינער קיין ריטער ניט איין. אנאנדער זאַך, וואָס איך פערשטעה, איז דאָס וואָס זיי האָבען פערבאָטען צו בעטלען: לעבען פון בעטלען הייסט לעבען פון פרעמדע האָ־רעוואַניע און דאָס איז א פּריווילעגיע, וואָס געהערט צו די געזעצ־מאכערס, בכדי אז זיי זאָלען האָבען צייט צו פאבריצירען זא־קאָנעס.

אָט די אלע זאכען פערשטעה איך, אָבער דאָס וואָס זיי לאָזען צו, אז מענשען זאָלען טרעטען אויף פרעמדע היהנער־אויגען, און ניט ווערען דערפאר בעשטראָפט, קען איך ניט בעגרייפען.

זאָל איך זאָגען — זיי אליין האָבען ניט קיין נאגנאָטקעס? דאכט זיך היהנעראויגען האָבען אלע, חוץ די, וואָס געהען אָהן שטיוועל. זאָל איך ווידער זאָגען — זיי האלטען פון טרעטען אויף מענשען און זיי רעכענען, אז יעדער, וואָס וויל זיך דאָס לערנען מוז אָנהויבען פון אונטען? איז דאָך די קשיא, וואָרום זאָלען די מענשענטרעטערס ניט אָנהויבען זיך צו לערנען אויף פיס אָהן נאגנאָטקעס? עס איז דאָך ניט נויטיג, אז יעדער פריץ אין מענשענטרעטעריי זאָל גלייך אָנטאָן יסורים די צוטראָטענע, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט שוין געווען א ביסמארק, א איגנאטיעוו, אָדער א לענדלאָרד אין אירלאנד. ניין, דאָס קען ניט זיין. וואָס דען? זאָל איך זאָגען, אז זיי ווילען, אז מענשען זאָלען, דורך דעם, וואָס מען טרעט זיי אויף די נאגנאָטקעס, בלייבען מיט

קראנקע פיס און אויף דעם אופן זיך ניט קענען לייכט בעוועגען? הייסט דאָס ווילען זיי אויף דיזע ארט איינהאַלטען פאַלקסבעווע־גונגען? גלויבט דאָס ניט. ווען הונדערט־יעהריגע קייטען, וועלכע האָבען געלאָזען רויטע פאַסען און גרויסע וואונדען אויף די פיס פון די מענשהייט, האָבען ניט געקענט איינהאַלטען די בעוועגונג און דעם שנעלען מארש פאָרווערטס, ווילען דאָס נאַגנאַטקעס געוויס ניט קענען אויפטאָן. זייט גאַנץ רוהיג: ווען דאָס וואָלט געווען אַ גוטער מיטעל געגען בעוועגונגען, וואָלט מיין פריינד סענדער שוין לאַנג ארויסגעגעבען אַן אוקאַז, אַז שטיוועל גרעסער ווי נומער 7 זיינען שטרענג פערבאָטען אין גאַנץ רוסלאַנד, פּוי־לען און פינלאַנד. מוז איך אַלזאָ זאָגען, אַז דאָס אויך ניט. וואָס־זשע דען?

קאָפּ, גיב שכל! וואָס דען — פרעג איך.

מיט אַ יאָהר זעקס־זיעבענהונדערט פאַר מיר האָט געלעבט צווישען אידען אַנאַנדער פילאָזאָף מיט'ן נאָמען רמב"ם און ער האָט געהייסען זאָגען „איך ווייס ניט," וואו מען ווייס ניט; איך פאָלג איהם און זאָג: איך ווייס ניט.

ווער קען איבערהויפּט ערקלערען די וועגען פון די געזעץ־געבערס? אָט הער איך, אַז אין פראַנקרייך, וואו עס איז דאָ אַ נאַלאָג אויף יעדער זאַך, מעג אַ פערליעבטער קוקען אויף די לבנה, ניט צאָהלענדיג אַן אָבגאָב דערפאַר; אַז אין רוסלאַנד, וואו קיינער טאָר ניט עפענען אַ מויל, איז פון דעסטוועגען ערלויבט צו גענעצען; אַז ניעזען אויפ'ן קול איז נאָכ'ן געזעץ נאָך אין פּרייסען ניט קיין „רוהעשטערונג"; אַז אין די פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד אַמעריקאַ בעשטראָפט מען ניט אַ בעאַמטען, ווען עס געפינט זיך אַמאָל איינער, וואָס איז על פּי סבה עהרליך; אַז אין עסטרייך מעג אַ מענש ניט האָבען ביי זיך — פראַנץ־יאָזעף'ס אַ בילד; אַז ניט זיין היפּאָקריט איז געזעצליך ערלויבט אין אַ מדינה ווי ענגלאַנד; אַז אין כינאַ, וואו יעדע צערעמאָניע איז געזעצליך בעשטימט, פעהלט נאָך אַ זאַקאָן צו בעשטימען, וואָס פאַר אַ שאָטען דער מענש מעג מאַכען אין דער ליכטיגקייט מיט זיין איי־

גענעם גוף; אז אין באייערן, וואו די קעניגע זיינען געוואוינליך געבוירענע משוגעים, האט זיך נאך ניט געפונען א קעניג, וועלכער זאל מאכען א געזעץ, אז מען דארף אלע קלארע בינדען מיט שטריק און זיי גיסען קאלטע וואסער אויפ'ן קאפ, חוץ ווען זיי זיינען טויט שכור פון בייערישע ביער; אז אין רוסלאנד מעג א איד אוועקגעהן פון דער וועלט אהן א פאספארט.

וויא געזאגט, די וועגען פון די געזעץ־געבער זיינען אונבע־גרייפליך. אבער וועלען וואלט איך אז מען זאל ווען עס איז געבען לכל הפחות דריי יאהר טורמע יעדען איינציגען, וואס טרעט אויף מענשליכע נאגנאטקעס, און פינף יאהר דעם לומפ, וואס האט היינט אין דער פריה אויפגעטרעטען אויף מיין נאגנאטקע — ימח שמו!

אויב איך האב אייך דערעסען מיט דיעזער לאנגע פילאזאפיע איבער היהנער אויגען, איז דאס זיין שולד, ניט מיינע. טאמער וויל איהם ווער שיקען א פאאר טוץ קללות, לאזט ער מיר דאס מודיע זיין, וועל איך זעהן צו קריגען דעם ימח־שמו'ניק'ס אדרעס.

## XLVII.

### שנת תרכ״ד לפ״ק.

דאָס איז שוין אַ חשבון פון אַ יאָהר זיעבען און צוואַנציג. דאַמאַלס בין איך כדרך הטבע, נאָך געוועזען אַ מענש אין די מיטעלע יאָהרען, פריש ווי אַ נייער רעקרוט, געזונד ווי אַ קצין־אַ־שוטה און שטאַרק ווי די דומהייט אליין. איך האָב דאַן נאָך ניט געוואוסט ניט פון קיין שוואַכקייט אין די קניע (חוץ אפשר פורים נאָך דער מגילה, אָדער שמחת־תורה נאָכ׳ן לייענען), ניט פון לאַנדאַנער פאַגעס (איבערהויפּט ווייל איך בין געוועזען אין מינסק) און ניט פון מיין איצטיגע כריפּקע (מחמת דאַן האָב איך געהאַט אַנאַנדערע). איך האָב דאַן נאָך ניט געליטען ניט פון פּאָליטיק אין מוח, ניט פון רעמאַטעס אין רוקען, ניט פון געפּרייטע פּיש אין נאָז, ניט פון נאַגנאַטקעס אויף די פיס, ניט פון צבועצטוואַ פאַר די אויגען און ניט פון פוסטקייט אין מאַגען. איך האָב דאַן נאָך ניט געוואוסט ניט פון דעם היגען פּאַלעסטינא־פּלאַטץ, וואו אידען שמד׳ען זיך פאַר קריסטען, און ניט פון דעם פּאַלעסטינא־טומעל, וואו סאָציאַליסטען שמד׳ען זיך פאַר אידען, און ניט פון מחלוקות לשם־שמים אין ארבייטער־קלובען.

וואָס האָט מיר דאַמאַלס געפעהלט? וואָס האָט מיר דאַמאַלס געהאַרט? וואָס, איבערהויפּט, האָט מיר דאַמאַלס פּאָליטיק געקימערט — די פערפּלוכטע פּאָליטיק, וועלכע מאַכט מיך היינט אלע טאָג מיט אַ יאָהר עלטער? דאַן האָט מיך אַ בלאַט גמרא מעהר אינטערעסירט, ווי די מלחמה צווישען פּרייסען און דענעמאַרק, הגם דער קריעג איז געווען די גרונדלאַגע פון ביסמאַרק׳ס בלוט־און־אייזען־רעגיערונג. אַ פּרק משניות האָט מיך דאַן (אין תרכ״ד) מעהר אינטערעסירט, ווי דער טויט פון פערדינאַנד לאַ־

סאָל און ווי די געבורט פון די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער גע־זעלשאַפט, הגם אַז דאָס אַז יענעם האָט געהאַט אַ גרויסע, גרויסע בעדייטונג פאַר די מענשהייט. מחמת לאַסאַל, דאַרפט איהר וויסען, איז געווען דער לעצטער גרויסער מענשענפיהרער און די אינטער־נאַציאָנאַלע איז געווען די ערשטע גרויסע פאָלקס־סטאַיאַלקע, אין וועלכע די ארבייטער־מאַססע האָט זיך געגומען לערנען שטעהען אויף די אייגענע פיס און געהן ניט אָנגעהאַלטענערהייט. אין מינסק האָט מען נאָך דאַמאַלס ניט געוואוסט, אז עס איז גלייכער צעהן מאָל צו פאַלען, געהענדיג אליין, איידער צו געהן זיכער, אָבער זיך אייביג האַלטענדיג אָן אימיצענס אַ פאָלע, און מעג זיך דער אימיצער זיין טאַקע לאַסאַל אליין. איך אליין האָב נאָך דאַמאָלס ניט פערשטאַנען, אַז אַן אויסגעוואַקסענע מענשענקלאַסע ווי אַן אויסגעוואַקסענע קינד בעדאַרף ניט מעהר קיין ניאַנקע און אפילו קיין רבי'ן ניט, ווייל עס קומט אַ צייט, ווען מען קען שוין מעהר ניט זעהן דורך פרעמדע ספּאַקולען, ווען מען מוז אליין טראַכטען ארום זיך און לעבען מיט דעם אייגענעם שכל. אויך קומט אַמאָל אַ צייט, ווען מען זעהט זיך ארום, אַז מען איז פערקראָכען דער שוואַרצער יאָהר וויים וואו, און מען קעהרט זיך אום צו דעם ענין, ארום וועלכען מען האָט אָנגעהויבען צו רעדען, און מען זאָגט אזוי: —

וואָס האָט מיר יענעם יאָהר געקימערט, חוץ דאָס, וואָס קימערט יעדען אידען, צו ער איז אַ מינסקער אָדער ניט? און דאָך האָט דאַמאָלס פּאַסירט עפּעס אזוינס, וואָס האָט שרעקליך אויפגערעגט.

גלייך אין אָנהויב יאָהר איז נעמליך דאָן ארויסגעגאַנגען אַ קלאַנג איבער גאַנץ ליטאַ, פּוילען און זאַמוט, אַז משיח קומט. דאַמאָלס, פערשטעהט איהר, איז דער פּאַלעסטיניזמוס נאָך ניט געווען ערפונדען און עס האָט זיך קיינעם ניט געלעגט אויף די רעיונות, אַז עס איז גאָר אַ סברא צו געהן קיין ארץ־ישראל אָהן אַ משיח. איך רעכען, אַז ר' משה'לע באַלבירישקער וואָלט אייך ארויסגעהאַקט אַ גאַנצע פּראַסלע ציינער מיט איין קלאַפּ, ווען איהר

וואָלט איהם אזא זאַך גאָר דערמאָנט. מיר וועלען ארום דעם נאָך רעדען, נאָר לאָמיך אייך צוערשט דערצעהלען, ווי אזוי דער קלאַנג איז ארויס וועגען משיח'ס קומען יענעם יאָהר.

איז דאָס געווען אזוי:

איין שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך א פרוש אין ווילנא אויפגעכאפט און האָט גענומען שרייען אויפ'ן קול, אז דעם יאָהר (תרכ"ד) מוז קומען משיח. ווען מען האָט איהם געפרעגט, פון וואנען דאָס איז געדרונגען, האָט ער געזאָגט, אז ער נעהמט דאָס פון דעם פסוק אין דברים, וואו עס שטעהט: „על במותימו תדרך." דער עולם האָט נאָך אלץ ניט פערשטאַנען און דער פרוש האָט ערקלערט, אז „תדרך" איז בגימטריא תרכ"ד, — אז „תדרך" בע־טרעפט 624 (אזוי ווי תרכ"ד) און דאָס בעווייזט, אז אין תרכ"ד מוז קומען משיח. דער עולם האָט דאָס אויסגעהערט און זייענדיג אביסעל אויפגערעגט פון דעם פוילישען מאַטעזש, וועלכען פאָניע האָט דאן געקאָנטשעט דערשטיקען, האָט מען דעם סלוך פאנאנדער־געטראָגען איבער די גאנצע מדינה און מיר האָבען אלע א גאנץ יאָהר געוואַרט אויף ביאת הגואל.

איך געדענק ניט אויף קלאָר, נאָר מיר דאכט זיך, אז משיח איז... יענעם יאָהר עפעס ניט געקומען. משמעות האָט דער פסוק ניט געמיינט, וואָס דער ווילנער פרוש האָט געמיינט. אפשר איז משיח טאַקע געקומען, נאָר ער האָט דערהערט, אז מוראַוויאָוו ארבייט מעשים אין פוילען, אז ער שטיקט, און ווערגט, און ברענט, און הענגט, האָט ער מורא געקראָגען און האָט זיך צוריק אָבגע־טראָגען, א איד נאָך אלע מעשות!..... בעוויעזען האָט ער זיך יעדענפאלס ניט, דאָס ווייס איך. נו, די אויפרעגונג ביי אונז איז געווען מורא'דיג גרויס דעם גאַנצען, ליעבען יאָהר. פון דעסטוועגען איז נאָכדעם ביסלאכווייז שטיל געוואָרען; פרומע אידען האָבען ווידער גענומען קויפען הייזער אין מינסק, לייהען געלד אויף לאַנגע טערמינען (און הויכע צינזען — מיט היתר־עסקא'ס נאַ־טירליך!) קויפען גאַנצע קלאַפטערס האָלץ אין יעסען אויף דעם קומענדיגען ווינטער. בקיצור, עס איז שטיל געוואָרען. מען האָט

ווי געוועהנליך געזאָגט אני מאמין אַלע טאָג און מען האָט אי־בערגעחזר'ט די הייליגע ווערטער וועגען דעם, וואָס מען ווארט אַלע רגע, אַז קומט ער, אָבער צום עסק האָט דאָס שוין מעהר ניט געשטערט. יאָהרען און יאָהרען זיינען פערגאַנגען און איך אַליין האָב כמעט פערגעסען אָן דעם וואונדערבארען יאָהר: תרכ"ד, ביז אַ קורצע צייט צוריק.

וואָס מיר האָט דאָס אויפגעבראַכט אויף די רעיונות, וועט איהר הערען אין קורצען. האָט געדולד!

## XLVIII.

## טיי, ברויט, פוטער, טאבאק און פאלעסטיניזמוס.

וואס האב איך אייך געוואלט דערצעהלען? ריכטיג! וועגען דעם, ווי אזוי מיר איז ארויפגעקומען אויף די רעיונות דער יאהר תרכ"ד. נו, דאס איז געווען אזוי:

מיט א וואך צוויי אדער דריי צוריק בין איך איין פריהמארגען (אן אריסטאקראטישען פריהמארגען — ארום צוועלף א זייגער) ארויסגעגאנגען אין גאס, אום צו קויפען א פערטיל אונץ שמעקטאבאק, וואס דאס איז, פאעטיש אויסגעדריקט, דער טעגליכער קרבן אויף דעם מזבח פון מיין נאז. געהענדיג איז מיר איינגעפאלען, אז איך בין מיין מאגען שולדיג א פריהשטיק... אייגענטליך, א וועטשערע אויך, נאר מיין גנעדיגער מאגען, וועלכער מאהנט קיינמאל ניט אלטע נעדאאימקעס, האט מעהר ווי דעם פריהשטיק ניט פערלאנגט. צו פערמיידען סכסוכים, בין איך גלייך פון טאבאק־שאפ אריינגעגאנגען אין א קליינע קוכשאפ (טאבאק־שאפ.. קוכשאפ — איך רייד שוין גאר נישט־קשה ענגליש, ניין?) און האב מיר געלאזען געבען א צוגעשמאליעטען קיפפער, א פאר מוציא'ס רויהע וויים־ברויט — ניט דערבאקען ווי דער לחם־עוני, וועלכען אונזערע אבות־אבותינו האבען געגעסען ביים ארויסגעהען פון מצרים, וואס דאס, לאמיך אייך זאגען, איז געווען דער ערסטער בעוויז פון די אייביגע וואהרהייט, אז פון היילענעם קומט קיין גוטס ניט ארויס, — א פאאר מוציא'ס, אלזא, רויהע וויים ברויט, און וועלכען עס איז געווען א גרויסער חלק ווייצענע מעהל, חוץ הויוועז, קאלך, פאטאש און אנדערע אינגרעדיענצען (ווי די כעמיקער זאגען), וואס דאס אלעס איז וויסענשאפטליך זעהר אינטערעסאנט צו געפינען ביי א וואלוועלען פריהשטיק,

הגם אונגעבילדעטע מאָגענס מעגען אמאָל דאַגעגען פּראָטעסטירען, מחמת זיי קענען ניט בעגרייפען די איידעלקייט פון וויסענשאַפטליכע לייב־שמערצען. בקיצור, איך האָב מיר געלאָזען געבען אַ קיפּפּער, אַ פּאָאר מוציא'ס וויים־ברויט, בעשמיערט מיט וואָלוועלע, געלבליכע, איבערנאַטירליכע (אָדער, בעסער געזאָגט, אונטערנאַטירליכע) פּוטער, — פּוטער מיט אַן אָנבליק פון פערגליווערטע גענזענע שמאַלץ, אָדער פון פּראָסטע רוסישע חלב און מיט אַ טעם פון דאָס און יענעם צוזאַמען און דערצו — אַ טאַסע וואַרעמע, ברוינליכע, מוטנע וואַסער, וועלכע העפליכע מענשען רופען טיי און וועלכע איך, הגם איך בין ניט קיין העפליכער מענש, רוף דאָס אויך אזוי, ווייל דאָס — די זאָגענאַנטע טיי — איז ניט געדיכט גענוג פאַר באַטשווענע, ניט זויער גענוג פאר הערינג־ראָסעל, ניט כשר גענוג פאַר מעד, ניט קלאָר גענוג פאר וואַסער, ניט שטאַרק גענוג פאַר עסיג און ניט חלשות'דיג גענוג פאַר צמוקים־וויין. אויסער דעם, איז דאָס זיסלעך, וואַרעמלעך און נאַס און, ניט זייענדיג קאַפע, איז דאָס טיי, ווי יעדער איינציגער קען זעהען בעשיימפּערלעך. —

איך האָב אייך געזאָגט, אַז איך האָב מיר דאָס אַלעס געלאָזען געבען. איך האָב געברויכט דעם אויסדרוק „געלאָזען געבען," ניט מחמת איך וויל רעדען דייטש און כלומר'שט זאָגען, אַז איך האָב דאָס געבעטען, ניין! איך האָב דערמיט געמיינט, אַז איך האָב מיר לײדער ניט געקענט העלפען און האָב געמוזט מיר לאָזען געבען אַזאַ פריהשטיק, צו ער האָט מיר געשמעקט צו ניט — אַ ברירה האָב איך געהאַט!

איך האָב אריינגענומען אַ ביסען אין מויל און האָב מיך פערטראַכט. מיר זיינען אריינגעקומען אין מוח די פאָלגענדע געדאַנקען:

הייסט עס, ניט נור וואָס דער אָרעמאַן עסט ניט איז שלעכט, אפילו דאָס, וואָס ער עסט יע, טויג אויף כפּרות. ווען מען פערהונגערט איהם ניט, פערגיפטעט מען איהם, — פערגיפטעט מען ניט שנעל, איינס־צוויי־דריי, נור ביסלעכווייז, פון טאָג צו טאָג, פון שטונד צו שטונד. און דער אָרעמאַן, דער לאַנגזאַם פערגיפטעטע־

טער, — דאָס איז דער מענש, וועלכער טוט אַלעס, אַלעס אויף! אויף זיינע פּלייצעס ווערט געבראַכט פון כינא און פון אינדיען טיי און ער טרינקט געקאָכטע סם־המות, פאַר וועלכען ער צאָהלט מיט די געלד, וועלכע עס איז איהם איבערגעבליעבען נאָך דעם שינדער'ס שינדען, נאָכ'ן כאַפּער, נאָכ'ן צופּער, נאָכ'ן רייסער, נאָך אַלע הונדערטער מינים פּיאַווקעס, היישרעקען און פּאַראַזיטען, וועלכע וואַרטען איינער הינטער דעם אַנדערן, וועלכע בייסען זיך, רייסען זיך, שלאָגען זיך אונטער זיך, ווער עס זאָל דער ערשטער איהם בערויבען! ער האָדעוועט די קיה, ער פיטערט זיי אין פעלד, ער מעלקט זיי, ער מאַכט פּוטער פון זייער מילך און איהם — איהם קאָרמעט מען מיט געלבליכע גיפט, וועלכע זעהט אויס לפּנים ווי פּוטער! פאַר די עטליכע גראָשען, וועלכע דער ציוויליזירטער ליודאָיעד האָט איהם איבער געלאָזען צום לעבען, קויפט ער שפּייזען, דורך וועלכע ער שטאַרבט, איידער ער האָט צייט זיך ארומצוזעהען ווי אזוי...

איך וואָלט וואהרשיינליך נאָך אַ לאַנגע צייט אזוי פילאָזאָ־פירט, נאָר אין מיטען דערינען איז דער ביסען ארויסגעפאַלען פון מויל און איז ארויפגעפאַלען אויף אַ צייטונג לעבען מיר, און די גיפט, וואָס מען עסט, האָט איינגעשמירט די גיפט וואָס מען לעזט. אויפהויבענדיג די פּוטער ברויט פון די צייטונג, האָב איך ניט ווילענדיג דערזעהען אַ שטיקעל נייעס וועגען די אידען אין רוסלאַנד. איך האָב געוואָלט זעהן, וואָס דאָרטען שטעהט, האָב אָנגעטאָן מיינע ספּאַקולען, אָבער איך האָב עס ניט געקענט ריכ־טיג פערשטעהן, ווייל מיין אייניקעל איז דערביי ניט געוועזען און אָהן איהם איז מיר שווער צו לייענען ענגליש אפילו מיט דאָפּפּעלטע ספּאַקולען. ווי איינער, וואָס איז פערקראָכען אין אַ זומפּ און קען ניט ארויס, האָב איך מיך ארומגעקוקט צו זעהען, אויב עס קען מיך ניט ווער עס איז ארויסשלעפּען. אַ האַנד האָט זיך ווירקליך געפונען.

לעבען מיר איז געזעסען אַ אידישער פיער־פינף־און־צוואַנציג יאָהריגער, אַ נעכטען געוואַשענער, און פאַר אכט־טאָגען געראַזיר־

טער יונגער מאַנטשיק, וועלכער האָט זיך האַסטיג געשטאָפּט מיט געפּרייטע (ד. ה. די ערגסטע) אייער, אַזוי ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין צייט צו וואַרטען אויפ'ן טויט. ער האָט מיר איבער־געלעזען די שטיקעל נייעס און דאָס איז געווען אַ נייע גזרה אויף די רוסישע אידען.

„וואָס מיינט איהר? — האָט ער צו מיר געזאָגט — איז דאָס ניט משיח־צייט? ער מוז קומען אַצינד, אודער ער קימט שוין נאָך־נעשט. וואָס מיינט איהר נאָפּסיקלאָד?"

צווישען אונז איז אַרויסגעקומען אַ לאַנגער געשפּרעך. נאָכ'ן געשפּרעך האָב איך גענומען אַ גוטען שמעק טאַבאַק, מיין שטע־קען און אָבשיעד פון דעם יונגען מאַנטשיק, און בין אוועקגעגאַנגען אַהיים.

אַ נייער געדאַנק האָט מיך יעצט געקוועלט. ווי קומט דאָס — האָב איך געטראַכט — אַז היינטיגע פּאַלעסטינצעס הויבען אָן צו וועלען געהן קיין ארץ־ישראל גאָר אָהן אַ גואל? דאָס קומט געווים דערפון, וואָס די אַנטלאָפענע סאָציאַליסטען האָבען אַריינגעבראַכט דעם אַלטען רעוואָלוציאָנערען גייסט אין די נייע גאולה־בעוועגונג. אין תרכ"ד... אָה, איצט זיינען אַנדערע צייטען. דער אני־מאמין אַליין איז געוואָרען רעוואָלוציאָנער!

דאָס טאַקע האָט מיך עראינערט אָן יענעם אויפגערעגטען, וואונדערבאַרען יאָהר.

## XLIX.

### היינט איז מיר גוט.

אוים מרה־שחורה! נויט, הונגער, צרות — ארויס, ארויס, ארויס, ארויס פון מיין קאפ! היינט ווילט זיך מיר לוסטיג דער־קאנטשען א לוסטיגען טאג; היינט איז ביי מיר א יום־השמחה, א יום־טוב, היינט איז מיר גוט אויפ'ן הארצען און איך וויל, אז די גאנצע וועלט זאל דאס וויסען; היינט וויל איך לאכען, לאכען הויך אויפ'ן קול, אזוי הויך, אז אלע זאלען דאס הערען; היינט, יא... ווי זאגט יענער?

וועז איך בעהאלט ניט מיינע טרערען
ווארום זאל איך מיין פרייד בעהאלטען?
אט לאך איך — אלע מעגען הערען!
אט לאך איך — ווער קען מיר פערוועהרען?
אליין וועל איך מיין הארץ פערוואלטען,
פריי איבער די געפיהלע שאלטען,
כל זמן איך וועל צו זיך געהערען,
כל זמן איך וועל אוים־מענש ניט ווערען.

דאס זאגט יענער, נור... מחשבות'ן! ווער איז יענער? נו, וואס מאכט דאס אוים? לאז ער זיך זיין ווער ער וויל. היינט טראכט איך ניט, היינט קלער איך ניט, היינט פילאזאפיר איך ניט, היינט איז מיר גוט אויפ'ן הארצען און איך האלט אין איין פרעהען זיך. פון דעסטוועגען... אה, מיין קעצישער זכרון! ווער האט דיא פערזען פארט געמאכט? א פאגאנער נאטור אביסעל רק צו וועלען וויסען, ווער האט געזאגט און ווער האט געמאכט. אט דאס האט מיר פערביטערט מיין גאנצען לעבען און איך זעה קלאר וויא דעם טאג, אז מיין אייניקעל שניידט זיך אויך אויף דעם זעלבינגען שניט.

מיט יאָהרען צוריק געדענק איך, האָב איך איין שמחת־תורה געלייענט האזינו, און אזוי וויא איך האָב פון קינדוויי אויף אייביג האָלד געהאַט פּאָעזיע, האָב איך דערפון גרויס הנאה געהאַט. איך האָב דורכגעלייענט משה'ס וואונדערבארען געזאנג איינמאָל, צוויי מאָל און האָב געקליבען נחת. פּלוצלונג איז מיר ארויפגעקומען אויפ'ן רעיון אזא מין שאלה: ווער וויים, צו דאָס האָט ווירקליך משה געשריבען? משה האָט זיך אויפגעהאַלטען אין דער וועלט אַן ערך פון 3300 יאָהר צוריק און מען וויים, אז צו יענער צייט זיינען נאָך אין יענע מקומות קיין אותיות ניט געווען, ווייל דער הא, דער אלף, דער זיין, דער יוד, דער נון און דער ואו פון האזינו און די איבריגע אותיות זיינען ערפונדען געוואָרען פון די פעניציער מיט עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער, און ביז דאַן איז נאָך גאָר קיין אלף־בית ניט געווען, וואָס דערפאַר האָבען דיא מצריים געשריבען מיט בילדער און די כינעזען מיט גאנצע ווערטער (ווי זיי שרייבען נאָך ביז היינטיגען טאָג) און די איבריגע פעלקער האָבען געטאָן וואָס רייכע ישוב'ניקעס טוען אין דער ליטא, דאָס הייסט זיי האָבען גאָר ניט געשריבען. וויא אַזוֹ האָט משה געקענט זיין דער שרייבער פון האזינו, ווי אידען גלויבען, און אויב ניט ער, טאָ ווער דען האָט עס געשריעבען? אָט דער „ווער" האָט מיר צושטערט די גאנצע שמחה דאמאלס און איך האָב אויף מיין לעבען ניט צוגע־בראַכט קיין אומעטיגערען תשעה־באב, ווי יענעם שמחת־תורה.

אָבער די נארעשקייט טו איך נאָך אמאָל ניט און יעדענפאַלס ניט היינט. היינט פרעג איך ניט קיין קשיות. היינט קענט איהר מיר קומען און דערצעהלען, וואָס איהר ווילט און איך וועל אייך שיקען אין אַל־די־גוטע־יאָהר און וועל נעהמען א גוטען שמעק טאבאַק און וועל ווייטער זיין פרעהליך און גליקליך. קיין זאך וועט מיין שמחה ניט שטערען. ניין, קיין שום זאך וועט מיר היינט ניט פער־שטערען מיין שמחה! איהר מעגט קומען און מיר דערצעהלען, אז א יונגער סאָציאַליסט האָט זיך פערליעבט אין די אַלטע „קווין"; אז א גרויסער פרייהייטס־קעמפּפער איז געוואָרען א קליינער טיראַן; אז א רויטער רעוואָלוציאָנער איז געוואָרען א געלער רמאי; אז א

גרינער איד איז געוואָרען אַ שוואַרצער גייסטליכער, אַ מיסיאָנער; אַז אַ פייערדיגער פּראָפּאַגאַנדיסט איז געוואָרען אַ וואַסערדיגער געלד־שרייבער; אַז אַ מאַן, וועלכער האָט זיך געהאַט געשענקט דער פרייהייט, האָט זיך פערקויפט צום אונטערדריקער; אַז אַן אונטעריאָכטער שוויצער איז געוואָרען אַן אונטעריאָכענדער סוועטער; אַז אַ פאָלקס־אויפקלערער איז געוואָרען אַ פאָלקס־פערבלענדער; אַז אַ פיהרער פון ארבייטער איז געוואָרען אַ פערפיהרער — קומט און דערצעהלט מיר די אַלע מעשות, וועל איך דערלאַנגען אַ מבול'דיגען שפּאַי, וועל אַ געשריי טאָן: האָב דעם פערפיהרער דעם פערבלענדער, דעם סוועטער, דעם אונטערדריקער, דעם שרייבער, דעם מיסיאָנער, דעם רמאַי, דעם קליינעם טיראַן, דעם פערליעבטען סאָציאַליסט, — האָב זיי אַלעמען איין גרויסער כפול־שמונה'דיגער שוואַרצער, פינסטערער יאָהר, היינט ליגען זיי מיר אַלע ניט אפילו אין דיא לינקע פּיאַטע, היינט וויל איך לוסטיג זיין, היינט לאָז איך מיר ניט שטערען.

און אָה, ווי גוט מיר איז! אזוי גוט איז ניט געוועזן אדם'ן, איידער דער שלאַנג האָט איהם איינגעגעבען שכל; אזוי גוט איז ניט געוועזן נח'ן, בעת ער האָט זיך איינגעשכור'ט און האָט זיך געוואַלגערט אין בלאָטע (נאָכ'ן מבול, רעכען איך, האָט געמוזט זיין זעהר בלאָטיג), איידער מען האָט איהם אָבגעניכטערט; אזוי גוט איז ניט געוועזן אברהם אָבינו, בעת פּרעה האָט איהם צוריק אָבגעשיקט זיין פּלונית'טע; אזוי גוט איז ניט געוועזן יוסף'ן בעת ער האָט זיך גערייצט מיט די ברידער; אזוי גוט איז ניט געוועזן דוד'ן ווען ער האָט געקראָגען צו וויסען, אַז זיין ווייב'ס מאַן (אוריה) איז געהרג'עט געוואָרען אין דער מלחמה, ווי „זיין קעניגליכע מאַיעסטעט האָט גערוהט צו בעפעהלען"; אזוי גוט איז ניט געוועזן חזקיה המלך, ווען מען האָט צוליעב איהם געמאַכט, אַז די זון זאָל צוריקגעהן גאַנצע צעהן שעה, וואָס דאָס איז געוועזן אַ נס בתוך נס, מחמת די היינטיגע ווילען האָבען, אַז ניט נור די זון קען ניט צוריקגעהן, אַז זי געהט איבערהויפּט ניט, אַ שטייגער ווי אַ טויטער בית־דין־שמש, למשל; אזוי גוט איז ניט געוועזן — אין אונזערע צייטען

— דעם קליינעם טהיער (לייענט דאָס ניט טייער, כאָטש ער האָט אונז גענוג געקאָסט, לייענט דאָס ניט טהיר — א חיה — כאָטש ער איז דאָס געווען, לייענט דאָס ט־יער, ווי ער האָט געהייסען. נאָך אמאָל) אזוי גוט זאָג איך איז ניט געווען טיער׳ן אין די בלוטיגע מאַי־וואָכע; אזוי גוט איז ניט געווען דעם קנוט האַלטער פון רוסלאַנד דעם טאָג וואָס טשערנישעווסקי איז געשטאָרבען; אזוי גוט איז ניט געווען די ענגלישע קאָנסערוואַטיווע, ווען עס איז בע־קאַנט געוואָרען, אז פארנעל האָט זיך בענארעשט; אזוי גוט איז מיר אליין ניט געווען, צייט איך האָב אויפגעהערט צו עסען טעג, וואָס דאָס איז שוין א צייט מיט יאָהרען.

אָה, מיר איז היינט גוט, אזוי גוט, אז מיר ווילט זיך מעהר ניט שרייבען. —

I.

## דער הונד און דער בער — א קארעספאנדענץ.

א הונד — א הונד איז ניט גלייך. עס זיינען דא הינט קליינע און גרויסע און מיטעלמעסיגע; הינט, וואס בילען אויף פרעמדע, הינט, וואס בילען אויף אייגענע און הינט, וואס בילען אויף אלעמען, אפילו אויף די לבנה; הינט, וואס מען האלט אויף א קייט, הינט, וואס מען האלט אויפ'ן שויס און הינט, וואס מען האלט גאר ניט, וואס מען טרייבט זיי זאגאר מיט שטעקענס פון זיך; הינט, וואס האבען חוצפה, הינט, וואס האבען מכות און הינט, וואס קריעגען קלעפ און לעקען דעם שלאגעדיגען שטעקען; הינט... נאר גענוג! איך שרייב ניט קיין נאטורגעשיכטע, אפילו ניט די נאטורגעשיכטע פון שפיאנען.

דיא הינט פון דעם לעצטען סארט, דאס הייסט, דיא גוטע, פרומע, בעשיידענע הינט שטעלען זיך פאר יעדערען (וואס איז אביסעל מעהר יחסן פאר זיי אליין) אויף די הינטערסטע פיס, דרעהען מיט'ן עק און קוקען אין די אויגען, בילען מיט אונטער־טהעניגקייט און נעהמען צו א קלאפ, ווי א גנב א גילדערנע אוהר — שטילערהייט. דיעזע הינט, וועלכע האבען אזוי פיעל אבשיי פאר אן עלטער'ן, ווילען פון דעסטוועגען שפיעלען א ראלע צוויי־טענווייז. איבערהויפט, ווען זיי געפינען זיך אויף א רייכען הויף, און ווע דער גרעסערער יחסן איז ניט אין די אויגען.

*   *   *

בערען זיינען אויך דא אלערליי, אבער דער בער, ארום וועלכען איך רעד, איז דער געוועהנליכער ברוינער בער, מיט זיינע קליינע אויגען, זיין גראבע מארדע און זיין אונגעלומפערטען קער־

פער. ער איז, אין זיין ווילדען צושטאנד, א חיה, וואס לעבט גערן פאר־זיך, אבגעשלאסען, פערבארגען אין זיין הייל, אבער אזוי ווי ער איז א גרויסער בעלן אויף האניג, אטוואזשעט ער זיך אמאל ארויפקלעטערען אויף א בוים. דאס קאסט איהם אפט זעהר טייער, ווייל די געלעגענהייט בענוצען די, וועלכע ווילען פון איהם פטור ווערען, אום איהם צוצוהרג'ענען. דאס מאכען זיי אזוי: צו א צווייג פון א בוים, אין וועלכען עס געפינט זיך א בין־שטאק מיט האניג, בינדען זיי צו א שטריק און צו די שטריק א דיקע שייט האלץ — א שטיק קלאץ. דערשמעקענדיג די האניג, הויבט דער בער אן זיך ארויפצו־ווינדעווען אויפ'ן בוים, אבער אזוי ווי דער הייגגעדיגער קלאץ שטערט איהם, גיט ער איהם א שטויס פון זיך, נאטירליך קומט דער קלאץ צוריק און טרעפט איהם אין מוח. דער בער ווערט מלא חמה און דערלאנגט איהם נאך א גרעסערען ווארף פון זיך, דער קלאץ אבער קומט צוריק מיט נאך מעהר העפטיגקייט און צושפאלט אלכסנ.. איך מיין דעם בער'ס מוח. — אט דאס איז דער בער, ארום וועלכען מיר רעדען דא.

* * *

היינט דארפט איהר וויסען, אז דיעזער בער איז א תקיף אין א גרויסען וואלד, וואו מיט א יאהר צוויי הונדערט צוריק האט געקיניגט א לייב און שפעטער א זיי־פוקס, אבער הייגט (ווייל הייגט בעדארף מען ניט צום הערשען ניט פעטער'ס כוח און ניט קאטער־רינא'ס שכל) איז דער אומגעלומפערטער בער, מיט זיינע קליינע אויגעלעך, דער מלך. וויעדער דארפט איהר וויסען, אז ניט ווייט פון אונז געפינט זיך א גרויסער הויף, וואס דארטען איז א גאנצער תקיף א געוועהנליכער פודעל — א כלב, וועלכער האט זיך אנגע־כאפט אזוי פיעל ביינער און פלייש און מארך, אז איהם ווילט זיך אמאל גאר שפיעלען די ראלע פון א רחמן, א בעל־טובה און אזוי ווי ער קען כלומר'שט קיין עולה ניט פערליידען, בילט ער דרשות פאר געשארענע שעפסען און דערשטיקטע עופות; דאס הייסט, זיך אנגעהמענדיג פאר זיי.

* * *

היינט הערט א וואונדערבארע זאך.

דיעזער כלב, זיך האלטענדיג זעהר גרוים, ווייל ער כאפט שוין ניט מעהר קיין פלייש פון די יאטקעס, ווייל ער איז דיק און פעט, און ווייל ער טראגט א גילדערנעם באנד ארום האלז, האט אוועק־געשיקט דא ניט לאנג א בקשה צום בער אין זיין בערלאגע קיין גאטשינא (ווארום דארטען ווינטערט די חיה מיט דער לאפע אין מויל) און האט אזוי געשריבען:—

„די בודקע איז גילדהאל, יאנואר 1891.

„צו זיין מאיעסטעט, דעם גאטשינער בער, דעם הערשער אי־„בער צוויי גרויסע מדינות, וועלכע ער בעשיצט מיט די פליגלען „און בעטראכט מיט זיינע שארפזיכטיגע אויגען, ווי דער אדלער „מיט צוויי קעפ — ירום הודו!

„אלמעכטיגער, האניג־זיסער, פעט־פוסיגער בער!

„א געהעראכץ האבען מיר געהערט דא אין הויף, וואו איך „האב די עהרע צו זיין דער בעל־הבית אין בודקע און כמעט אין „גאנצען הויף, וואו מיר זיינען געבענטשט מיט ביל־פרייהייט און „וואו איך בין דער ראש־המדברים — פון דיין גרויסען מעכטיגען „וואלד האבען מיר געהערט טרויעריגע נייעס, וואס זיינען אזוי „שרעקליך, אז איך מוז מיר נעהמען די פרייהייט ניט נור זיך צו „שטעלען אויף די הינטערסטע פיס פאר דיר, נור אויך צו בילען „עטליכע ווערטער.

„מיר האבען געהערט, אז דו, האניג־זיסער בער, לאזט צו אין „דיין וואלד, אז די וועלף זאלען רייסען און בייסען די פוילישע „שעפסעלאך, וועלכע טראגען אויף זיך דעם צלם־אלהים, מחמת „זיי זיינען געוועזן די ערשטע צו שרייען „מע—ע"! בעת מען האט „א רוף געטהאן: „צאן קדשים!" און וואס זיי זיינען אייגענטליך „הייליגע שעפסען, הגם מיר האלטען, אז זיי זיינען פערבלאנדזעטע „שעפסען.

„דיינע וועלף, אלמעכטיגער בער, רייסען זיי, ווייל זיי זאגען, „אז די דאזיגע שעפסען פיטערען זיך אויף פרעמדע לאנקעס און „טראגען אויף זיך צופיעל וואלל. איז דאס גערעכט, גרויסער בער?

„איך נעהם מיר די פרייהייט צו בילען: ניין! וועמען הארט זייער
„וואלל? ביי אונז אין הויף זיינען דא פעטערע שעפסען און קיינער
„איז זיי ניט מקנא.

„דאן, גרויסער בער, האבען מיר דא אין הויף צונויפגעקליע־
„בען אן אסיפה פון חיות און בהמות, די גרעבסטע און די שטארק־
„סטע און, בענוצענדיג אונזער געבענטשטע ביל־און־ברום־פרייהייט,
„האבען מיר זיך דורכגעבילט און דורכגעברומט און האבען בדעה
„אחת בעשלאסען פריהער אבצוגעבען א לויב און א שבח דיין
„מאיעסטעט און נאכדעם אונטערטהעניגסט ביי דיר צו בעטען, אז
„דו זאלסט זיך מרחם זיין אויף שעפסען און זיי בעשיטצען פון דיינע
„שרעקליכע וועלף.

„איך שטעה אויף צוויי פיס און שאקעל מיט'ן עק, דיין ער־
„געבענער כלב, דער אדון הגדול פון בודקע."

* * *

דיעזע בקשה האט מען איבערגעגעבען דעם גאטשינער בער
אין זיין בערלאגע, אבער זיין אונגעלומפערטע מאיעסטעט האט
איהר ניט געלייענט. ער איז געווארען מאוימדיג אין כעס אויף
דאס, וואס א פרעמדער כלב מישט זיך אין זיינע עסקים און האט
א געשריי געטאן: וועלף! רייסט און ווערגט נאך מעהר ווי פריי־
הער! איהם, דעם אדון הגדול, פון בודקע אויף להבעים! —
דאס האט איהם א פוקס איבערגעגעבען און איצט קנורעט דער אדון
אין זיין בודקע און שילט דעם בייזען בער.

---

דער אדון הגדול פון בודקע איז דער לארד־מייאר פון לאנדאן,
דער אריגינאל פון די פעטיציע איז זעהר עהנליך צו דעם הונד'ס בקשה.
די גאנצע משוגעת איז זעהר ווניג איבערטריבען.— לעזט דעם ארטיקעל
אין דיעזען באנד: „זיי, איך און די דיקע ווייבעל."

## LI.

# געטליכע ליעבע.

דער גאָט אפּאָללאָ... נור דאָ בעט זיך אַ קליינע הקדמה'לע. די פּאַרצייטיגע גריעכען האָבען אפילו ניט צוגעבראַכט זייערע יאָהרען און טעג — ווי די ענגלענדער — אין אמונה, אָבער זיי האָבען געגלויבט אין אַ סך געטער. זיי האָבען... נור דאָ בעט זיך אַ קליינער פערגלייך און דאָס איז ער: מאַנכע מענשען ליעבען פיעל, שטאַרק, טיעף, וואָס מען רופט „מיט'ן גאַנצען הארצען," אנדערע, וויעדער ליעבען וועניג, שוואַך, אויבערפלעכליך און כמעט נור „מיט'ן מויל". זיי... אָט דאָ בעט זיך — ווי די שניידער זאָגען — אַ קליניקעל: ווען איך זאָג נור מיט'ן מויל, מיין איך דערמיט, אז זיי (דיא אנהערע) דריקען אויס זייער ליעבע ענטוועדער מיט ווערטער אויפ'ן ווינד, אָדער זיי דריקען עס אַרויף מיט אַ קוש אויפ'ן באַק, אָבער יעדענפאַלס ליעבען זיי ניט פיעל, ניט שטאַרק און ניט טיעף. אזוי וויא אָט דיא מענשען זאָג איך, וועלכע ליעבען... דאָ בעט זיך אַ צוזאַץ: אַ פּרויענצימער אויב די מענשען זיינען מענער און — אַ מאַן, אויב זיי זיינען פרויען, ווייל אייגענטליך זיינען פרויען — און דאָ בעט זיך אַן ערקלערונג — ווייל פרויען זיינען אייגענטליך אויך מענשען, הגם ניט יעדערער שיינט דאָס צו ווי־סען, אזוי ווי... זאָג איך... נור איך בין מבולבל, לאָמיך אָנהויבען פון דאָס נייע, מיסטער זעצער, דאָ בעט זיך אַ נייע שורה, אָט אזוי:

אזוי וויא גראַדע די מענשען וועלכע ליעבען שוואַכליך קענען ליעבען (זייענדיג מענער) פיעלע פרויען, אזוי קענען די מענשען, וועלכע גלויבען שוואַכליך, גלויבען אין פיעלע געטער; אזוי ווי ביי יענע איז ניטאָ קיין אויסשליעסליכע ליעבע נור צו איין פּערזאָן,

אזוי שיינט ביי דיעזע ניט צו זיין קיין אויסשליעסליכער גלויבען נור אין איין איינציגען גאָט; אזוי וויא דיא שוואכע ליעבהאָבער זאָגען ניט — ווי מיין אייניקעל זאָגט, אַז זיין חבר זאָגט, אַז זיין עלטערע שוועסטער זאָגט, אַז דער דיכטער טאָמאָס מאָאר זאָגט (און דאָ בעט זיך די בעמערקונג, אַז מאָאר זאָגט דאָס צו זיין גע־ליעבטע): איך ליעב —

Thee, Thee only Thee!

וואָס מיין אייניקעל פערטייטשט דאָס: „דיך, דיך, איינציג דיך" (מורא'דיג גע־דיך־ט, ניין?), אזוי ווי, ווידערהאָל איך, די שוואכע ליעבהאָבער זאָגען ניט אַזעלכע ווערטער צו זייערע גע־ליעבטע... און דאָ בעט זיך אַ קורצע ערקלערונג, נעמליך, אַז ווען זיי זאָגען אפילו יאָ, פיהלען זיי דאָס ניט, און ווען זיי פיהלען דאָס יאָ, איז דאָס אַ געפיהל וואָס געהט גיך און לייכט איבער — אזוי ווי יענע מענשען, אַלזאָ, זאָגען דאָס ניט צו זייער געליעבטע, אזוי זאָגען ניט די שוואכגלויביגע צו זייער גאָט: אתה אחד ושמך אחד, ווייל ביי זיי איז רעכט ניט דער —יענער, זיי גלויבען אין פיעל געטער און אין יעדערן צו־ביסעלע. נו, אָט אזוי זיינען געווען די אַלטע גריעכען מיט אַ יאָהר צוויי־דריי טויזענד צוריק, וואָס דאָס ברענגט מיך ווידער ארויף אויף דאָס, פון וואָס איך האָב אָנגע־הויבען — צו רייהען.

איך זאָג: דער גאָט אַפּאָללאָ, וואָס ער איז געווען ביי די גריעכען דער גאָט פון ליכט, פון פּאָעזיע, פון מוזיק און פון עט־ליכע אַנדערע זאַכען, — ער האָט זיך אַמאָל פערליעבט... דאָ בעט זיך ווידער אַ קורצע הקדמה'לע, וועלכע איהר קענט אפילו איבער־הופּען, אויב איהר האָט קיין חשק ניט צו לייענען, אָבער זי מוז געדרוקט ווערען. אָט איז זי: — די גריעכישע געטער זיינען געווען אַ לוסטיגע חברה און האָבען געלעבט אַ גוטען טאָג. זיי האָבען האָלד געהאָט שטערבליכע און אונשטערבליכע פרויען, אַ גלעזעלע וויין, צו זעהן ווי מען שלאָגט זיך און אַנדערע פערגניגונגען. אָט, למשל, האָט דער גרויסער גאָט יופּיטער, כאָטש ער איז געווען אַ בעווייב־טער (זיין פּלונית'טע האָט געהייסען יונאָ) זיך אָפט פערליעבט אין

אַנדערע ווייבער, ווערענד דער קריעגסגאָט מאַרס האָט געפיהרט אַ שטיקעלע אינטריגע מיט די ליעבעס געטין אַפראָדיטע, וועלכע איז בעסער בעקאַנט אונטער דעם נאָמען ווענוס, אָדער ווענערא, אָדער — ווי די אַלטע טייטשען פלעגען איהר רופען — פרוי ווענוסין, אויף דעמזעלביגען אופן האָט זיך דער גאָט אַפּאָללאָ אַמאָל פערליעבט אין קאַסאַנדראַ, די שעהנע טאָכטער פון דעם טראָיאנישען קעניג (דאָ בעט זיך אַ בעמערקונג: צווישען די געטער און קעניגע איז פון אייביג אָן געווען אַ גענענזייטיגע התקרבות; דערפאַר וואָס די קעניגע האָבען אויפגעהאַלטען און פערברייטערט דעם גאָטעס־דיענסט, האָבען די געטער געזאַלבט און אונטערשטיצט די קעניגע און האָבען — ווי מיר זעהן — זיך צוגעמאַכט צו זייערע שעהנע טעכטער) דער גאָט אַפּאָללאָ, אַלזאָ, האָט זיך פערליעבט אין פּריאַם׳ס טאָכטער קאַסאַנדראַ.

ליעבער לעזער, זאָגט מיר אָפענהערציג, וואָלט איהר זיך ניט געשעצט גליקליך, צו ווערען געליעבט פון אַ שעהנעם, מוזיקאַלישען, פּאָעטישען גאָט, פון איינעם, וואָס ניט נור ער לייכט ווי די ליכטיגע זון, זאָנדערן, וואָס פון איהם קריעגט די זון אליין איהר ליכט? וואָלט איהר (איבערהויפּט אויב איהר זייט אַ ליעבע לעזערין און ניט אַ ליעבער לעזער) זיך ניט געפיהלט איבערגליקליך צו האָבען אַזאַ אַפּאָללאָ פאַר אַ ליעבהאָבער? וואָלט איהר איהם ניט גערן געשענקט אייער האַרץ מיט די וועהטאָג אינוועניג, מיט׳ן קאָרסעט וואָס דריקט איהר (דיא האַרץ, נעבעך) מיט אַלעם מיט אַנאַנדער? זאָגט ניט ניין — ליעבע לעזערין! פאַר אַן אַלטען מאַן, ווי איך, ברויכט איהר זיך ניט צו שעמען. אָה, יאַ! איהר וואָלט איהם גאַנץ געוויס געשאָנקען אייער האַרץ מיט גאָר די ליעבע, וואָס עס קען זיך דאָרטען האָבען אָנגעקליעבען פון 16 ביז 30 יאָהר, אויב איהר זייט ניט עלטער, וואָס דאָס זייט איהר ניט און, אויב איהר זייט, זעהט איהר דאָס ניט אויס, און גלויבט מיר, ליעבע לעזערין, איך מאַך ניט קיין קאָמפּלימענטען... איהר וואָלט איהם גאַנץ געוויס געליעבט נאָך מעהר, ווי ער אייך, און וואָלט געהאַט די וויגאָדע צו הייראַטען מיט אַזעלכען, וואָס ער פערשפּאָרט אייך גאַז צו דער

חתונה, ווייל ער איז די ליכטיגקייט אליין; וואָס פערשפּאַרט איך מוזיק, ווייל ער איז דער אבי־אבות הכלי־זמר, און וואָס פערשפּאַרט איך אַ בדחן, ווייל זייענדיג אַ דיכטער, זאָגט ער גראַמען פיעל בעסער פּאַר אַלע גראַמען־זאָגער און גראַמען־שרייבער איןביידע וועלטען (ניט אין דער וועלט און אין יענע וועלט, דאָס מיין איך ניט — איך מיין אין די אַלטע וועלט און אין די נייע וועלט; אַז דערמיט מיין איך ווייטשעפּעל און ניו יאָרק פערשטעהט איהר, נאַטירליך אַליין). בקיצור איהר וואָלט... מעהר האָב איך ניט קיין פּאַפּיער... אַ סוף!

LII.

## קאסאנדרא.

זאג איך אזוי:

דער גאט אפאללא האט זיך אמאל פערליעבט אין קאסאנדרא, די טאכטער פון דעם טראיאנישען קעניג פריאם. זי (וויים גאט אפאללא אליין — ווארום) האט איהם ניט געליעבט. זי האט דאס פון דעסטוועגען ניט גלייך ארויסגעוויעזען, זאנדערן האט איהם גע־פיהרט א לאנגע צייט פאר'ן (געטליכען) נאז. ווארום? ווייל זי האט געוואלט פון איהם עפעס ארויסקריעגען, און האט ארויסגע־קראגען. דאס איז געווען די פעהיגקייט צו זעהן בנבואה אלץ, וואס וועט קומען און אלץ, וואס וועט זיין. אזוי באלד אבער, ווי זי איז געווארען א נביא'טע, א פראפעטין, האט זי איהם געוויעזען דאס, וואס מען עסט חמשה־עשר בשבט, נעמליך, א פייג אונטערן נאז און האט איהם געגעבען א טשיסטע אטסטאווקע, וועלכע די טייט־שען רופען א קארב, די ענגלענדער — א זאק און מיר אידען — א קאפולער אנצוהערינס.

איהר קענט אליין פערשטעהען, אז דער אבגענארטער גאט איז געווארען שרעקליך בייז אויף זיין געליעבטע. „ראכע!" האט ער אויסגעשריען און זיין ערשטער געדאנק איז געווען פון איהר צוריק אוועקצונעהמען דעם כוח־הנבואה. דאס אבער איז ניט לייכט געווען צו טאן: א גאט איז ניט אבילע ווער, ער איז ניט — כאפט אייך אן — א גלעדסטאן, א שוואוואלאוו, א שדכן, א קרעמער, א לוח־מאכער, ער מוז זיין הייליג, אניט גלויבט קיינער מעהר ניט אין איהם און וואס, איך בעט אייך, איז א גאט אהן גלויבערס? בקיצור, דאס איז געווען אונמעגליך אויסצופיהרען. ער האט גע־טראכט און געקלערט און איז געקומען אויף דיעזען פלאן: א

פראַפעטין זאָל קאַסאַנדראַ טאַקע בלייבען, אָבער קיין שום מענש
זאָל ניט גלויבען אין איהרע נביאות. אזוי האָט ער איהר פערשאָל־
טען און די אונגליקליכע האָט פאראויסגעזעהען און פאַראויסגע־
זאָגט אלץ, וואָס האָט שפּעטער מיטגעבראַכט דעם אונטערגאַנג
פון טראָיאַ און די גאַנצע מדינה איליום — איהר פאָטערלאַנד
— און מען האָט זיך פון איהר נבואה אויסגעלאַכט. עס איז געקו־
מען אזוי וויט, אַז... נור לאָז זיין געגוג. לאָמיר רעדען פון אַנ־
אַנדער זאַך.

* * *

נעכטען האָט מען מקבר געווען מיינעם אַן אַלטען גוטען פריינד.
מען האָט מיך גערופען צו דער לויה, נור איך בין ניט געגאַנגען.
צייט? אָה, ניין! צייט האָב איך געהאַט נאַטע־גענוג, אָבער
איך האָב פשוט ניט געוואָלט געהן, מחמת דער אַלטער פריינד
מיינער האָט אָבגעקאָנטשעט זעהר מיאוס. שטעלט זיך נור פאָר!
מיט אַ יאָהר צוועלף־דרייצעהן־פערצעהן צוריק איז ער געווען אַ
בעגייסטערטער יונג, מיט אַ פּאָאר הימעלבלויע אויגען, — אויגען,
וואָס נעהמען דורך אַ האַרץ און וואָס קענען קוקען דער זון אין
צורה אריין אָהן פורכט; אַ יונגער מאַן מיט הענד געשאַפען צום
קאַמפף פאַר אַלץ וואָס איז גוט און מיט פיס, וואָס זייערע קניע
בויגען זיך ניט אין די גרעסטע סכנה; אַ יונגער מאַן מיט ליעבע
פאַר וואַהרהייט און רעכט, מיט מוטה פאַר זיי צו קעמפפען, מיט
שכל, ווי אזוי דעם קאַמפף צו פיהרען און מיט געדולד אין דעם
קאַמפף פאַר זיי צו בלוטען און צו ליידען. ער האָט עטליכע יאָהר
געבליהט, האָט געררייפט און איז אויסגעוואַקסען אַ פרעכטיגער בע־
וואונדערנסווירדיגער מאַן. מיט אַמאָל האָט זיך איהם פאַרוועלט
אויספּרובירען זיין קראַפט און אָבנאַרען אָבנאַרערס, און ער איז
געגאַנגען פלאַנצען אַ בוים אין אַ זומפּ. איך האָב איהם געזעהן
אריינקריכענדיג און האָב איהם מתרה ומודיע געווען, אַז ער וועט
נור אליין פערשמירט ווערען, אָבער פון זומפּ וועט קיין גוטע פרוכט
ניט ארויסוואַקסען. ער האָט מיר ניט געפאָלגט. ער איז געקראָכען.
די בעטריגער האָט ער ניט בעטראָגען, אָבער זיי איהם האָבען

פערדאַרבען און פערשמירט, און נעכטען האָט מען איהם בעגראָבען אונטער אַ חופּה אין אַ קירך, מיט אַ לאָרד פאַר אַן אונטערפיהרער. מען האָט איהם רייך געמאַכט און ער וועט איצט זיין אַ זומפּ־בעוואוינער מיט אַלע זשאַבעס צוגלייך... ניין, איך בין ניט געגאַנגען צו דיעזע לעבעדיגע לויה, אָבער איך האָב געטראַכט, אַז אויף מיר מוז אויך האַפטען דער פלוך פון קאַסאַנדראַ. אַלץ קומט אוים אויף מיינע רייד, אָבער מיר גלויבט מען ניט. אָה, עס איז מיר זעהר ביטער אויפ'ן האַרצען... אָט איז אַ צייטונג, אָט איז מיין אייניקעל, לאָמיך זעהן וואָס אין דער וועלט טוט זיך.

* * *

חאַ־חאַ־חאַ! וואו נעהמט מען זייטען צום לאַכען? דיא איר־לענדער זעהען זיך איצט ערשט אַרום, אַז זייער פיהרער פּאַרנעל איז א דורכגעטריבענער, אייגעננוטציגער דעספּאָט! זיי זעהען זיך איצט ערשט אַרום, אַז אַ לענדלאָרד און אַ קאַפּיטאַליסט צונויפגע־פלאָכטען אין איינעם קען ניט זיין קיין וואַהרער ארבייטער־פריינד! וויא בייז זיי זיינען דיא הונגעריגע נאַררען! האָב איך דאָס ניט קלאָר און דייטליך געזאָגט פאַראוים מיט יאָהרען צוריק? נור וואָס? האַלט! לאַך איך? ניט געלאַכט... דאָ איז ווידער דער אַלטער פלוך פון דיא אַלטע יונגע קאַסאַנדראַ: מיר און מיינע פּראָפעצייהונגען וועט קיינער ניט גלויבען, האָט קיינער קיינמאָל ניט געגלויבט. אצבע אלהים!

* * *

אָה, דער פערפלוכטער פלוך, פערפלוכט זאָל ער ווערען! ער האַפטעט ניט אויף מיר אליין. הונדערטער חוץ מיר האָבען אַ כוח־הנבואה, וועלכער איז פערשאָלטען ניט געגלויבט צו ווערען. מיר זעהען דיא צוקונפט קלאָר פאָראוים. מיר שרייען און מיר זאָגען: מענשען, אין דלות פערזונקענע, ביטער ארבייטענדיג און לאָזענדיג כוחות און פּראַצע פאַר אויסבייטער, שינדערס, טייוואָלים — נעהמט זיך צוזאַמען און ראַטעוועט זיך און די וועלט. וואָס אַ טאָג לייגנער וועט אימער דער קאַמפּף קאָסטען מעהר און מעהר...

נעהמט זיך צוזאמען, סטרייקט איינמאל פאר אלע מאל אום צו בעפרייען די וועלט און די מענשהייט און זיך!

הערט מען אונז, גלויבט מען אונז? ווייניג־וואס, ברידער, צו אונז קלעפט דער קאסאנדרא־פלוך, הגם מיר האבען קיין שום גאט ניט בעטראגען און קיין גאט האט זיך אין אונז ניט פער־ליעבט.

## LIII.

## צו ווייזען וואָס דער נעקסטער וועט זיין.

מיין אייניקעל וועט מיך נאָך אמאָל פערפיהרען אין שמד אריין. צו ער ווערט אלץ שטארקער, אָדער איך ווער אלץ שוואכער — דאָס קען איך אייך ניט זאָגען, איך ווייס נור אזוי פיעל, אז ער פיהרט ביי מיר אלץ אויס. אַט האָט זיך איהם אייערנעכטען מיט אמאָל פערגלוסט צו געהן אין צירק אריין און — ווי איהר זעהט מיך א לעבעדיגען! — איך האָב געמוזט מיט איהם מיטגעהן.

איך אין א צירק! ניט שלעכט, כלעבען! איין גוטען שפּרייז און איך בין טאַקע אין שמד — אַן אלטער גוי, מיט א שטיק סאַדלע אין מויל, מיט א צלם אויפ'ן הארצען, אויף די קניע אין א קירך! מיט דריי טעג צוריק וואָלט איך גערעכענט, אז איך פּאַס אזוי אין א צירק, ווי... ווי זאָל איך אייך זאָגען? ווי א... ווי א פרישע רעזעדע־בלום אין אַן אלטע סליחה; ווי אַן עהרליכער מאַן אין א רעוורענד'ס ראָק; ווי א ניקאָלאיעווסקער סאָלדאַט אויף אַן אריסטאָקראַטישען מאַסקענבאַל; ווי אַן אלטע, שווארצע אידענע אין אַן אויסגעבלייזטע קלייד, ווי א שטויבצער תשעה־באָב אין פּאַריז; ווי „גוט מאָרגען" אין א לאָנדאָנער פאָג; ווי די ווערטער: פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט אויף די פראַנצויזישע טורמעס; ווי א געגאָלטע מאָרדע אין א ראַבינערס צורה; ווי די וואהרהייט אין פּליט־סטריט, פון וואַנען די צייטונגען קומען; ווי א גוטער וויץ ביי א נאַררען אין מויל; ווי די גראַמען אין מאַנ־כע פון אונזערע שירים; ווי אַן אָרעמאַן'ס א קינד אין אַן ענגלי־שע אוניווערזיטעט; ווי מענשענליעבע אין א לאָנדאָנער האָספּי־טאַל; ווי פרישע לופט אין א בערדיטשעווער בית־המדרש; ווי גוטע עברי אין ווייבערשע שולען אין דער ליטא און אין מאַנסבילשע

שולען אין ענגלאנד; ווי... פערוווי'ט און פערוויי'ט זאל דאס ווערען! הויב איך אן, הער איך ניט אויף! איך האב שוער ניט פערגעסען אן צירק און אן אלעם־מיט־אנאנדער דורך די משלים. א גלייכנים איז גוט. די נביאים האבען גערעדט בדרך משל, האמער (להבדיל) איז געווען א מאדים אויף גלייכניסע, יעזוס קריסטוס און דער קעלמער מגיד — אויך. אבער זיי האבען געוואוסט א מאס. איך האב עפעס אזא מין קליפה אין זיך, אז איך דארף נור זאגען איין מאל „ווי" און דאס קאסט מיר שוין א גאנצע פעננע טינט. ווער ווייס, צו וועל איך זיך ווען עס איז דערפון אפגעוואוינען, אדער איך וועל שוין טאקע אזוי ווי'ענען ביז מען וועט מיר ארויפלעגען שערבלעך אויף די אויגען?

* * *

בדיעבד, טוט מיר הנאה, וואס איך בין געווען אין צירק. א מענש, וואס איז א שטיקעלע פילאזאף, דארף אומעטום זיין און אלצדינג זעהן. דארף אומעטום זיין, אפילו אין טורמע און ווען ער קען אהין ניט אריינקומען פאר עפעס רעכטס, ווי, למשל, פאר אן אנשטענדיגע גנבה, פאר א געמאכטע הבדלה, זייענדיג גוט פערזיכערט, פאר האבען דריי־פיער ווייבער אין דריי־פיער מקומות, פאר וועלען עסען און בעטען, אדער נעהמען, — דארף ער לכל הפחות זעהן צו בעליידיגען א פאליצייסקען, אדער שטערען ערגעץ־וואו א קרעמער'ס א וואגען דורך א סאציאליסטישען פארטראג, אדער טאן אנאנדער זאך, וואס איז פערבאטען אין פרייע לענדער, און זעהן, אז מען זאל איהם אריינזעצען אויף דעם אופן. זיין אין א טורמע מוז ער, דארף ער — ער דארף מוזען און מוז דארפען — מחמת א ניט וועט ער אייביג ריידען ארום טורמעס (און ארום וואס רעדט א פילאזאף ניט?) און וועט קיינמאל ניט וויסען אויף קלאר, וואס א טורמע איז. יא, ער דארף זיין אומעטום, אפילו אין טורמע און אויב ער איז א מהדר, דארף ער זיין אפילו אין א וואַרקהויז, איבערהויפט אין דעם פאל, ווען ער איז א רייכער פילאזאף. און גראדע אזוי ווי ער דארף אומעטום זיין, אזוי דארף ער אויך אלצדינג זעהן; אין דעם איז ביי מיר קיין שום ספק ניטא.

ער דארף זעהן, ווי מען איז נושא־פנים אלטע אביונים אין צדקה־חברות; ווי מען פלאנצט תורה אין דעם היגען הקדש; ווי דאָק־טוירים בעהאנדלען קראנקע אין אַ ביקור־חולים; ווי מגידים גנב'־ענען דרשות און דיכטער — פראזען; ווי זשוליקעס־אדוואָקאטען ווערען ריכטער און טיילען אויס צרות די אָרעמע זשוליקעס, וואָס זיינען ניט אדוואָקאטען; ווי פרומע אידען בלייבען שולדיג געלד פאר קדושה און פארטוען דאָס אין דער טומאה; ווי די ברידער־ליכקייט פון מאנכע סאָציאליסטען איז געבויט אויף קין'ס מאָדעל; ווי פארנעל נעהמט זיך אָן פאר מאָראליטעט און לאָרד סאָלסבערי פאר'ן אמת, בקיצור, ער דארף אלץ זעהן, אניט איז ער אפילו קיין שטיקעלע, פיצעלע, מאָנעלע, ברעקעלע פילאזאָף ניט און קען ניט זיין, און וועט ניט זיין!

* * *

אָה יאַ! בדיעבד טוט מיר הנאה, וואָס איך בין געוועז אין צירק. (טאָמער געפינט זיך אונטער מיינע לעזער אַן ענגלישער רב אָדער אַ חזן, וועלכער פערשטעהט געוויס ניט וואָס בדיעבד בעטייט, מעג איך איהם, פארבייגעהענדיג, זאָגען, אז דאָס הייסט: ווי עס האָט זיך געמאכט. פאר איין גאנג, מעג איך אָט דעם קלאָס לעזער זאָגען נאָך אַ זאַך: איך האַלט אַ צעטעל אין די לייפּציגער לאָטעריע און אזוי גיך, ווי איך געווין דעם גרויסען געווינס, לאָז איך איבערדרוקען אַלע מיינע פילאָזאָפישע שריפטען אויף גרויסע אותיות מיט נקודות, בכדי אז אפילו חזנים און שוחטים זאָלען קענען פערשטעהען די לשון־קודש'דיגע ווערטער. בעט־זשע גאָט, אז איך זאָל טאקע געווינען!)

וואו האַלט איך? יאַ.. . מיר טוט הנאה, וואָס איך בין דאָרטען געוועז. ערשטענס, מחמת אַ מענש ווי איך האָב אייך שוין געזאָגט, דארף אַלץ זעהן און, צווייטענס, ווייל אַ צירק האָט אין זיך אַ כך זאכען, וואָס איז ווערטה צו בעטראכטען. איך רייד שוין ניט דער־פון, וואָס איהר זעהט דאָרטען מענשען, וועלכע ברעכען זיך, וואָס דאָס איז אַן אָבוועקסלונג פאר איינעם, וואָס אזוי זעהט ער רק נ ע ב ר אָ כ ע נ ע מענשען. איך רייד שוין ניט פון די וואונדער־

באַרע רייטערס, וועלכע שטעהען, שפּרינגען, טאַנצען און טרעטען אויף לויפעדיגע פערד זיכערער, ווי איך געה און שטעה אויפ'ן ברוק אין גאַס נאָך אַ פּאָאַר טעג רעגען ערגיץ וואו אין ווייטשעפּעל. דאָס איז טאַקע אַן אָבוועקסלונג פאַר איינעם, וואָס איז געוואוינט צו זעהן דעם היפּוך, נעמליך, ווי לויפעדיגע, שפּרינגעדיגע פערד טראַמפּלען אויף דעם רוקען פון מענשען. איך רעד שוין ניט פון די מענשען, וועלכע געהען זיך דאַרטען ארום אויף אָנגעצויגענע שטריק און באַלאַנסירען זיך ארום אין דער לופט, וואָס דאָס איז אינטערעסאַנטער צו בעטראַכטען, ווי צו זעהן אַ אידישען צבוע־אַק, וואָס באַלאַנסירט זיך אויף דעם זעלביגען אופן צווישען פרוי־מאַקעס און סאָציאַליסטען, אָבער ניט אַזוי קונציג. איך רעד ניט פון די שפּרינגערקעס און טענצערקעס אין די קורצע קליידלעך, ווייל דאָס פּאַסט ניט פאַר אַ אידען אין מיינע יאָהרען. ארום וואָס איך רעד, וועט איהר זעהן גאָר אין קורצען.

## LIV.

## געלערנטע אייזלען.

אָבער טאַקע איינפאַכע, פיערפיסיגע. לאָז דער ראש־ישיבה אין דער מיר; לאָז דער קאַצענהיימער מגיד; לאָז מיסטער פוט, דער זאַטער פריידענקער; לאָז פּראָפעסאָר טרייטשקע (אויב ער לעבט נאָך); לאָז דער היילינער שטעקער (וואו שטעקט ער איצט?); לאָז דער רעדאַקטאָר פון איך וויל ניט זאָגען וועלכע אידישע צייטונג אין אונזערע מקומות; לאָז... לאָז קיין איינ־ציגער פון זיי ניט מיינען, אז איך מיין זיי דערמיט, ווען איך רייד מכוח געלערנטע חמורים. איך פערגעס קיינמאָל ניט, אז דאָ אין ענגלאַנד איז פאַראַנען א חברה צער־בעלי־חיים, וועלכע נעה־מען זיך אָן פאַר אַלע לעבעדיגע בעשעפעניסען (חוץ, פיעלייכט, מענשען) און איך וועל געוויס ניט בעליידיגען די אייזלען, זיי פערגלייכענדיג מיט די מענשען, וועלכע איך האָב אויבען אויסגע־רעכענט, ווייל איך וויים, אז מיט די צער־בעלי־חיים־חברה איז ניט צו שפּאַסען. זיי נעהמען זיך אָן פאַר בהמות, איבערהויפּט פאַר אייזלען און פערד, אזוי ווי זיי וואָלטען געווען זייערע לייבליכע ברידער, וואָס דאָס, דאַכט זיך, זיינען זיי ניט, מחמת זיי געהען זיך משפּט'ן און דאָס טוען ניט די פיערפיסיגע בהמות, אפילו ניט דער אָקס, וועלכער איז א דאָפּפּעלטע בהמה, ווייל לא־די וואָס ער געהט אין סאָכע, לאָזט ער זיך נאָך קוילענען אויך: א מין איירָאָפּייאישער ארבייטער, וואָס ווערט א סאָלדאַט. —

בקיצור, איך רעד דאָ גאָר פּשוט פון געוואוינליכע פיערפיסיגע בהמות, אייזלען, וועלכע אונטערשיידען זיך פון זייערע איבריגע ברידער נור דערמיט, וואָס זיי זיינען אביסעל געבילדעט, אָבער זיי זיינען אין אַלע אנדערע פּרטים דאָס, וואָס אייזלען דאַרפען זיין, נעמליך אייזלען. די נפקא־מינה צווישען זיי און זייערע

שטאַמם־גענאָסען (ווי די טייטשען זאָגען) איז ניט מעהר ווי דער אונטערשיעד צווישען אַ אידיאָט צווישען אונז, וועלכער האָט שטו־דירט און אַ אידיאָט, וועלכער ווייס ניט (און אזוי וואויל איז איהם!) פון קיין צורת אות. די נפקא־מינה צווישען זיי און די אַנדערע איז ניט מעהר, ווי דער אונטערשיעד צווישען מאַרינירטע הערינג און פּראָסטע, ווי צווישען אַ גרויסען פאַבריקאַנט און אַ קליינעם סוועטער, ווי צווישען אַ דיפּלאָמאַט און אזוי גלאַט אַ ליגנער, ווי צווישען אַ פּרעדיגער און אַ זאָגער, ווי צווישען אַ ליטויינישען פּאַטער־נאָסטער און אַ ווייבערשע תחינה. מעהר ניט. בטבע זיינען זיי אַלע, איינע ווי די אַנדערע, רויע ציגעל און איבערגעברענטע, אָבער פון דיעזעלביגע לוים.

די אייזלען, פון וועלכע איך רעד, זיינען אַלזאָ איינפאַכע אייזלען נאָר אַביסעל געלערנט. דאָס דאַרף איצט שוין יעדער פערשטעהען ווער עס איז אַליין ניט קיין אייזעל. אָבער ניט יעדערער וואָלט גלויבען, אַז מען קען אפילו איין אייזעל אויסלער־נען און דאָס וואָלט איך אפשר אַליין ניט געגלויבט, ווען איך וואָלט דאָס ניט געזעהן מיט מיינע אייגענע אויגען אין צירק.

מען קען, ברידערלעך, מען קען! און ווי נאָך קען מען! אַ צוקאַוועס, זאָג איך אייך! איהר האָט געדאַרפט זעהן די צוויי געבילדעטע אייזלען, וועלכע איך האָב געזעהען. אַה, זיי זיינען וואונדערבאַרע ברואים, זיי שטעלען זיך אוועק אויף אַ באַלקען, וואָס איז אריבער געלעגט איבער אַ צאַהם און וויגען זיך אַרויף און אַראָפּ, געניי ווי אַ ליבעראַלער פּאָליטיקער מיט אַ קאָנסערוואַ־טיווען ביי אַן עלעקשאָן צום פּאַרלאַמענט, מעהר ניט וואָס דאָ איז דער באַלקען אַרויפגעלעגט אויף דעם רוקען פון דעם המון. היינט שטעלען זיי זיך אוועק (איינציגווייז, נאַטירליך) אויף אַ שטעהעדיגע טון מיט אַלע פיער פיס און דרעהען זיך, הויבענדיג דעם סנוק צו מזרח און צו מערב, צו צפון און צו דרום צו, פונקט ווי אַ קאָקעטקע אויף אַ באַל, ווי אַ מיסיאָנער צווישען פרומע אידען און אפּיקורסים, ווי אַ רוסישער גוזר אויף אַ פּאַראַד, ווען ער ווייס ניט פון וועלכע זייט אַ קויל קען איהם טרעפען.

צו אזא געבילדעטער אייזעל האָט ניט געקראָגען (איידער ער האָט ערגייכט אזא הויכע שטופע פון בילדונג) מעהר קלעפ, ווי א אינגעל פון יונה קאַט׳ס חדר, ווי א ניקאָלאיעווסקער סאָל־דאט ביז ער איז געוואָרען א פאָלקאָמענער מענשעניעגער, אָדער אנדערע אזעלכע נשמות — דאָס קען איך ניט זאָגען, אָבער אזוי פיעל איז זיכער די קלעפּ זיינען יעדענפאלס ניט אוועק אין ניוועץ. וואָרום איך האָב אייך נאָך ניט דערצעהלט די גאַנצע השלמה פון די געבילדעטע אייזלען.

ווינגען זיך, אָדער זיך שטעלען אויף א טון איז נאַטירליך א גרויסע זאַך פאר אן אייזעל, ווי רעדען פראנצויזיש איז השלמה פאר אן אידיאָט פון רייכע עלטערן, אָבער דאָס איז נאָך ניט אלעס. די צוויי געלערנטע חמורים קענען אנדערע זאַכען אויך. למשל:

איינער פון זיי נעהמט אריין צווישען די ציינער א גלעקעל און קלינגט. עס קומט אריין א קעלנער און ברענגט אריין א סער־וועטקע, וועלכע דער אייזעל טוט אַן ארום האַלז, — פלינקער ווי א רייכער פּאַניע אין בערלין. דאַן לאָזט ער זיך געבען די אכילה און עסט פון א טעלער, וואָס דאָס האָט דער קעניג פון זולולאַנד קאָם וואָס געקענט. דאָס איינציגע, וואָס ער טוט ניט, איז בענשען. ער בענשט ניט. צו ער איז דערצו צופיעל, אָדער צו ווייניג אייזעל קען איך אייך ניט זאָגען. דאַן קען ער אייך מאַכען א קניקס קונ־ציגער, ווי א קליינשטעדטעלדיגער אקטיאָר, אָדער ווי אַן אָרעם־בחור, ווען ער קריעכט אריין אין א פראַק און ווערט פון ברוך סמאַרגאָנער — באָרים סמאַרגאָנסקי.

וואָס זאָל איך אייך פיעל ברייען? איך בין פון די געלערנטע אייזלען נתפעל געוואָרען. די געלערנטע אייזלען אין מענשענגע־שטאַלט זיינען הינט אַנטקעגען זיי.

„זיידע —האָט מיך מיין אייניקעל געפרעגט — ווייסען זיי טאַקע וואָס זיי טוען, אָדער טוען זיי נור דאָס, וואָס מען האָט זיי אויסגעלערנט און דאָס וואָס מען צאָהלט דערפאַר, אום צו זעהן?“

איך האָב איהם געענטפערט און האָב געזאָגט:

„איבער אכט־טאָג דאָנערשטאָג וועט אַ בעריהמטער פּראָ־
פעסאָר פון פּאָליטישע עקאָנאָמיע האלטען אַ פאָרלעזונג. איך וועל
איהם געהן זעהן און הערען. דאַן וועל איך דיר ענטפערען אויף
דיין פראגע.“

## LV.

## א גרינגער איד פון מינסקער גובערניע.

א שם־רע איז ערגער ווי אלץ אין דער וועלט, אבער אן אומזיסטיגער, אויסגעטראכטער שם־רע איז ערגער ווי אלץ אין אלע פיער וועלטען: די און יענע וועלט, די אלטע און די נייע וועלט. א בייזער נאמען קלעבט צו אייך ווי א שמאלער רינג צו א גראבען פינגער, ווי א מיניסטער צו זיין שטעלע, ווי דער ליגען צו א מדרש, ווי אן ארעם־בחור צו א טאג, ווי אלטע אייל צו געפרייטע פיש, ווי בייזע ציינגער צו גוטע שכנים, ווי אלכסנדר פון רייסען צום הייליגען קנוט, ווי די נידערטרעכטיגקייט צו א שפיאן, ווי די פערצווייפעלטע אהנמאכט צום פאלעסטיניזמוס, ווי א משולש צו דער מטבעה, ווי דער שלים־מזל צו די רוסישע אידען, ווי א שבועה צו א ליגנער, ווי א שמעק טאבאק צו א מלמד'ס בארד, ווי די בייכעל צום סוועטער, ווי א לאנגע צונג צו א פוסטען מוח, ווי דער דלות צום עהרליכען ארבייטער, ווי... ווי... ווי מיינע אויסגעראט־ווערען־זאללענדיגע משלים צו אלץ וואס איך זאג.

ניין, די געלעהרטע, וועלכע ווילען האבען אז דער מענש — ניט דוקא א רוסישער אונטערטהאן — האט קיין פרייען ווילען ניט, זיינען גערעכט. ווי פיעל מאל האב איך זיך א נדר געטאן צו שרייבען ניט ווי־ענדיג, און איך קען דאס פונקט אזוי אויס־פיהרען ווי א איד ווען ער נעהמט זיך אונטער צו רעדען ניט מאַ־בענדיג מיט די הענד, ווי א קרעמער, ווען ער וויל ניט מעהר נאררען, ווי א קארטעוניק, ווען ער וויל אנהייבען צו טראכטען ארום ווייב און קינדער, ווי... האלט! אט האט איהר דאס ווידער... אה, ניין! דער מענש איז ניט קיין בעל־בחירה און

די היינטיגע זיינען גערעכט מכוח דעם פרייען ווילען. דאָס געהט — איך ווייס גאַנץ גוט — אַביסעלע געגען די אמונה, אָבער... ליעבע, טייערע, אַלטע־אמונה־לעבען, איך קען דיר אסור ניט העלפען: דער מענש האָט פּאַרט ניט קיין פרייען וויל־לען, דען אַ מענש (אויף אַלע מיינע מינסקער שונאים'ס צופּלאַ־צענעס) וואַר איך, בין איך און בלייב איך. און ווען איך וואָלט געהאַט אַ פרייען ווילען וואָלט איך, מיין פעדער, די בלייענע אותיות און די אונגעדולדיגע לעזער שוין לאַנג פּטור געוואָרען פון מיינע אייביגע משלים און איך וואָלט זיך איצט ניט געדאַרפט פערענטפערען, ווען דער עולם שטעהט און וואַרט אויף דאָס, וואָס איך וויל אויספיהרען ווענגען דעם בייזען נאָמען.

איצט, אַזוי ווי איך האָב מיך שוין סיי־ווי־סיי דערווייטערט פון מיין ענין, לאָמיך אייך זאָגען אַ פּאָאַר קלוגע ווערטער טאַקע מכוח דעם פרייען ווילען, וועלכער איז ניט פריי, צו ער וויל צו ניט.

* * *

דער מענש איז ניט נור ניט קיין בעל־בחירה, ער איז איי־גענטליך אַ פערקויפטער ביי זיך אַליין. דאָס וואָס מען הערט איהם זאָגענדיג: „איך וויל" איז ניט מעהר ווי געזאָגט. דאָ אין ענגלאַנד, ווען עס ווערט געמאַכט אַ געזעץ און ווען אַלץ איז פאַר־טיג, ווערט אויסגערופען אין די הויז־אָוו־לאָרדס אויף אַלט־פראַנקיש: די קעניגין וויל עס. דערביי ווייס אָבער יעדער איינ־ציגער, אַז בעצם האָט די אַלטע גאָר קיין שום דעה ניט, און די ווערטער: „די קעניגין וויל עס" האָבען צו בעדייטען (ווען מען זאָל זיי איבערזעצען אויף אמת־לשון) „די קעניגין מוז עס". דאָס נעמליכע איז מיט דעם ווילען פון אַלע מענשען. זיי ווילען אפילו, אָבער זיי מוזען וועלען, וואָס דער פּועל־יוצא דערפון איז, אַז זייער ווילען איז ניט פריי. וואָס? פערקאָרצעט ניט דעם נאָז, איך בעט אייך, און זאָגט מיר ניט מיט אַזאַ אפּיקורסישע מיענע — „עט!" ווילט איהר אַ בעוויז? נאַט אייך!

היינטיגע צייטען ווען די גאַנצע וועלט איז ווי איין שטאָדט;

היינט, ווען מען קען גיכער קומען פון ניו־יאָרק קיין לאָנדאָן, ווי איך צו מיין געזונד; היינט, ווען אַלץ וואָס אַ מענש בעדאַרף איז דאָ צו פיעל און ניט צו ווייניג; היינט, ווען אַלע קענען גענוג רעכענען אום צו פערשטעהן, אַז פונפציג איז מעהר ווי איינס און אַז פונפציג קענען זיך ספּראַווענען מיט איינעם, — ווי, פרעג איך אייך, וואָלט דאָס מעגליך געווען, אַז לעבען די קליידער־קראָמען זאָלען ארומגעהן האַלב־נאַקעטע, לעבען די שיך־קראָמען האַלב־באָרוועסע, לעבען די שפּייז־קראָמען האַלב־פערהונגערטע, לעבען די וויין־טראַקטירען האַלב־פערטריקענטע, לעבען די הויכ־שולען האַלב־פערווילדעטע, לעבען די טהעאַטערען האַלב־פערקור־מערטע, לעבען די קאָנצערט־זאַאַלען האַלב־פעריאָמערטע, לעבען די באַנק־הייזער פעראָרעמטע, אויסגע„פעטער"־טע אביונים? ווי וואָלט דאָס מעגליך געווען אַזוי צו זעהן זיי אַלעמען, — זיי וואָס האָבען ענטוועדער אַליין, אָדער דורך זייערע טאַטעס, אָדער דורך זייערע קינדער מיט שוויס און מיט מיה אריינגעבראַכט די געלד אין די באַנקען, אין די קאָנצערט־זאַאַלען די מוזיק, אין די טהע־אַטערן דעם שוישפּיעל, אין די שולען די ביכער, אין די טראַקטי־רען די משקה, אין די שפּייז־אַנשטאַלטען די עסענוואַרג, אין די שוכהאַנדלונגען די שיך און די קליידער אין די מאַגאַזינען? ווי וואָלט דאָס מעגליך געווען, ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ פרייען ווילען? ווען דער מענש וואָלט געזאָגט: איך וויל! איך וויל לעבען!! אמת, ער זאָגט היינט אויך אַמאָל ער וויל, ער וויל — זאָגט ער — לעבען, אָבער ווען מען לאָזט איהם ניט, לעבט ער ניט; ווען מען שנייט איהם אָפּ זיינע יאָהרען, געהט ער אין דר'ערד פאַר דער צייט, און וואָס די ווערים אין מענשען־געשטאַלט האָבען אויף זיין גוף איבערגעלאָזען, דאָס דערעסען די געוואוינ־ליכע ווערים אין קבר. זיין „איך וויל לעבען" האָט צו בעדייטען: איך קען ניט שטאַרבען, דער גאַנצער „איך וויל" זיינער איז אַ פערשטעלטער, צבוע'קישער, איבערגעניצעוועטער „איך מוז". דאָס איז וואָס ער איז — אַ חורבן אויף איהם!

* * *

אַט דיזע ווערטער, כמעט וואָרט פאַר וואָרט, האָב איך עהערנעכטען געזאָגט מײַנעם אַ לאַנדסמאַן (ער איז אַ גרינער פון מינסקער גובערניע, אַ באַברויסקער, אָדער אפשר נאָך ערגער אַ סלוצקער) וועלכער טראָגט אַ סך וואונדען אין הארצען (ער קומט פון רוסלאַנד) און אַ פּאָאַר ספּאַקולען ווי מיינע, מעהר ניט מיט זילבערנע אַליאָבליעטשקעס. טאָמער מאַכט זיך אייך צו זעהן צווישען בריק־ליין און דיוקס־פּליים אַ אידען, געבאַך אָן־איינגעבויגענעם, מיט אַ בעראָזעווען ווייסליכבען שטעקען אין האַנד, וואָס זיין גאַנג איז, ווי דער פאָרטשריט פון דעם ענגלישען ארבייטער, אַ לאַנגזאַמער,אַ שטייגער, מען שטופּט איהם כאָטש ער וויל ניט; אַ מאַן מיט לאַנגע, קאַלטעוואַטליכע, געל־געוועזענע האָר, אין אַ צילינדער הוט, וואָס טראָגט אויף זיך סימנים פון אַ לאַנגען קאַמפּף מיט אַלע בייזע וועטערען (ווי דער איד, לערך, אליין), — טאָמער זעהט איהר, זאָג איך, אַזאַ גרינעם, זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז דער בעל־דבר.

נו, מיט איהם האָב איך עהערנעכטען גערעדט טאַקע ארום דעם פרייען וויללען. ער איז ניט קיין פריץ אין נייע אידעען, ער האָט זאָגאַר אַ ידיעה פון סאָציאַליזמוס און אַ זון אין סיביר, הגם ער גלויבט אין די אַלע מעשות ניט. ער האָלט, משמעות, קריעת־ים־סוף, דניאל׳ס לייבען גרוב, אברהם אבינו אין קאַלך־אייווען, בלעם׳ס אייזעל און רבה בר־בר חנה׳ס העלדישע ציגען פאַר נאַטירליכערע זאַכען, ווי סאָציאַליזמוס. ווען איך האָב איהם עהערנעכטען געזאָגט דאָס, וואָס איהר האָט מיט אַ פּאָאַר מינוטען צוריק געלייענט, האָט ער אָפּט געקוועצט מיט די פּלייצעס, אָדער אונטערגעשמייכעלט, אָדער אַ בורבעל געטאָן אונטערן נאָז: „זאָל דאָס טאַקע אמת זיין?״ מיר האָט עס ניט געאַרט.

„נאָך אייערע רייד נאָך״ — האָט ער זיך אָבגערופען, ווען איך האָב געקאָנטשעט רעדען — „קומט דאָך טאַקע אויס, אַז איך בין געגעכט. ווארום, הייסט עס, אַז דער מענש איז טאַקע, הייסט עס, אַ... אַ... איך וויל זאָגען ניט קיין בן־בחירה, אַז ער האָט ניט, ווי איהר רופט דאָס, קיין פרייען וויללען, טאָ ווי שיקט זיך,

אז ער, דער מענש, היסטעס, זאָל ווען עס איז זיך בעפּרייען, הייסט עס, פון זיין הייגטיגע לאַגע?"

— אייער קשיא, האָב איך איהם געענטפערט — איז ניט אזוי הארב ווי איהר מיינט. בערעכענט ווי אזוי איהר אליין זייט היינטיגען טאָג דאָ אין לאָנדאָן: איהר זייט געווען א איד א בעל־הבית אין באברויסק אָדער אין סלוצק — ווייס איך דער גוטער יאָהר וואו, איהר האָט געהאט א געשעפט, א ווייב מיט קינדער. אָט האָט איהר אויסגעגעבען די טעכטער און אלעס איז געגאנגען כשורה. מיט אמאָל האָט מען פערשיקט אייער בן־יחיד, אייער ווייב האָט זיך די מעשה גענומען נעבאך שטארק צום הארצען. איהר זייט געבליבען אן אלמן, דער מסחר איז געגאנגען שלעכט, איהר האָט פערלאָרען דעם מוטה, דאָ האָט זיך דער־ווײלע דער קייזער מורא'דיג פאנאנדערגעראזושעט, איהר האָט זיך מעהר, ווי מען זאָגט, ניט געפונען קיין אָרט אין דער היים. האָט איהר עפּעס געהאט אייער פרייען ווילען אין די אלע מעשות? דאכט זיך אז ניט. האָט איהר ווידער מיט א פרייען ווילען זיך א הויב געטאָן, צוזאמען נעהמענדיג די לעצטע כוחות, אום צו פאָהרען קיין לאָנדאָן? דאכט זיך אויך ניט. טויזענדע פערשיע־דענע פערהעלטניסע האָבען זיך פעראייניגט אייך צו צווינגען אז איהר זאָלט זיך א הויב טאָן און ארויסגעהן פון דעם אָרט וואו איהר האָט אזוי פיעל געליטען. דאָס זעלבע, מיין פריינד, וועט קומען ווען די ארבייטער וועלען אויפמאכען די אויגען, זיך א שטעלל געבען אויף די פיס, א הויב טאָן די הענד און, נאָך אלע טויזענדע ליידען, דערלאנגען א קלאפּ און בעפרייען זיך, בעפרייען די מענשהייט! ווארום האָבען זיי ביז איצט דאָס ניט געטאָן? קענט איהר פרעגען. אוים דעמזעלבען גרונד, ר' קרוב, ווארום איהר זייט ניט פאר צוויי יאָהרען שוין אוועקגעפאָרען פון דער היים. ווען איהר האָט געמוזט... נו, איהר פארשטעהט וואָס איך מיין."

ביז די לעצטע ווערטער האָב איך געמערקט אז ער האָלט אין מיר אריינגעלאָזען די אויגען און אז ער בעטראכט מיך אזוי

ווי ער וואָלט מיך געדאַרפט קויפען. מיר זיינען איינגעפאַלען די ווערטער, וועלכע ער האָט געבורבעלט פריהער אונטער'ן נאָז.

„זאָגט מיר מיין פריינד — האָב איך איהם געפרעגט — וואָס האָט איהר געמיינט מיט די ווערטער: „זאָל דאָס טאַקע אמת זיין?"

— „שטות! גאָר נישט, גאָר נישט!"

— „דאָך אזוי..."

— „וועט איהר, הייסט עס, קיין פאַריבעל ניט האָבען, וועל איך..."

— „איהר וועט מיר וואָס זאָגען?"

— „ניין. איך וואָלט אייך עפּעס פרעגען."

— „פרעגט, פרעגט."

— „ווער האָט דאָס אויף אייך אויסגעטראַכט... ווייל, הייסט עס, — נעהמט ניט פאַר אומגוט — איך האָב געהערט, אז איהר, הייסט עס, זייט ניט ביי'ן קלאָרען זינען... ווער האָט...?"

— „אויסגעטראַכט אז איך בין מטורף? ווער ווייס! משמעות א ליידאַק, אַדער א שונא."

איצט זעהט איהר, קינדער, וואָס פאַר א קלעפּעדיגע זאַך א שם־רע איז? א בייזער נאָמען איז ערגער ווי אַלץ־דינג אין דער וועלט, — איבערהויפּט אַן אומזיסטיגער.

## LVI.

## נאָך מיין טויט.

איך האָב שוין אין מיין לעבען געהאַט אַלערליי צייטען, דאַ־רונטער מעהר ווי איין מאָהל־צייט, א יאָהר־צייט, א האָכ־צייט און אזוי גלאַט צייט, איבערהויפּט ווען איך בין מיט יאָהרען צוריק עטליכע זמנים ארומגעגאַנגען אָהן א קנעלונג, וואָס דערפון איז געדרונגען, אַז איך האָב טועם געווען אין מיין לעבען דעם ביטערען טעם פון מלמדות, וואָס דערפאַר האָף איך צו קריגען מיט א קלאַפּ וויינינגער ווען עס וועט קומען צו חיבוט־הקבר, וואָס ארום דעם וועל איך רעדען מיט אייך א ווייליגקע שפּעטער, ווייל אַלץ אויף א מאָל קען מען ניט טאָן, ווי דער אַלטער גלעדסטאָן זאָגט, ווען ער גיט דעם פאָלק שטימען צום פּאַרלאַמענט און הייסט זיי וואַרטען אויף ברויט ביז די בעקערס פון אלף החמישי וועלען אויפשטעהן תחית־המתים, וואָס דאָס קען ניט לאַנג דויערען: העכסטענס א יאָהר... פינף־זעקס הונדערט, וואָס דאָס איז א קליינינגקייט, ווען א מענש האָט נור א ביסעלע געדולד און ליגט ניט אין תאוות עולם־הזה, וואָס דאָס וואָלט איך אייך געקענט נאָך הייטליכער ערקלערען, ווען איך וואָלט ניט געמוזט אָפּכאַפּען דעם אָטעם, וואָס דערפאַר מוז איך אַוועקשטעלען א פּונקט, וואָס דאָס רופט מען ביי אונז אין דקדוק א פּסיק, וועלכעס איהר אַלע ווייסט און א היגער בעל־קורא מעג פון מיר ערפאהרען אָהן עקסטראַ־געצאָהלט.

בקיצור, איך האָב שוין געהאַט אַלערליי צייטען, אָבער קיינ־מאָל אין מיין גאַנצען לאַנגען לעבען (66 יאָהר, 3 חדשים, 25 טעג און 3 שטונ־ען מיט א האַלבע איז א לאַנגע צייט פאר א פילאָזאָף, וואָס ראַנגעלט זיך שוין אַזוי לאַנג מיט'ן לאָנדאָנער פאָג עטליכע

חדשים אין יאָהר און מיט'ן רעליגיעזען און פּאָליטישען פּאָג די איבעריגע צייט פון יעדען יאָהר, וואָס דאָס איז דער גרונד דער־פון וואָס מיין אָטהעם איז אַזוי קורץ, וואָס דערפאַר מוז איך צוערשט אַוועקשטעלען די אַנדערע האַלבע לבנה, אָט אַזוי: ) און דאָן נאָך אַמאָל זאָגען: פּסיק. נור אַזוי ווי איך בין דאָ געבליעבען אין מיטען פון דאָס וואָס איך האָב געוואָלט זאָגען און אַזוי ווי איך בין היינט ניט מעהר קיין מלמד, מוז איך אָנהויבען פון דאָס נייע, אַזוי צו זאָגען:

איך האָב שוין אין מיין לעבען געהאַט אַלערליי צייטען, אָבער ניט אַ צייט ווי די היינטיגע. איצט טראָג איך זיך נעמליך אַרום מיט אַזאַ מין טירוף אין קאָפּ, אַז איך וואָלט לייכט געקענט קריעגען הסכמה אויף אַ משוגענעם אין אַ קליין שטעדטיל, אָדער אַ דיפּלאָם (אויב איהר ווייסט וואָס דאָס איז) אויף אַ טהעאָזאָפיע־דאָקטאָראַט (אויב איהר ווייסט וואָס דאָס איז) פון מיסים בע־זענט אַליין (אויב איהר ווייסט ווער זי איז) און פון די הייליגע מאַהאַטמאַס, וועלכע וואוינען ערגעץ־וואו אויף די הימאַלאַייאישע בערג, וואו זיי האָבען פרישע לופט, צאָהלען ניט קיין רענט און שיקען בריעף אָהן פּאָסט־מאַרקען ווי די ענגלישע טשינאָווניקעס.

וואָס איז דאָס פאר אַזאַ מין טירוף? הערט וועל איך אייך זאָגען. איך קלער נאָך־אַנאַנד, ווי אַזוי צו לעבען געשטאָרבענער הייט. מיר ווילט זיך, נעמליך, וויסען וואָס די וועלט וועט זאָגען, ווען זי וועט ערפאַהרען (ניט אומזיסט איז דאָך דאָ היינט אַ טעלעגראַף צווישען אַלע מדינות) אַז איך בין טויט, מיר וואָלט זיך וועלען זעהן דעם גערודער וואָס וועט ווערען אין אַלע ארבע כנפות הארץ, ווען דער ערשטער קלאַנג וועט אַרויסגעהן, אַז איך בין אויס־פילאָזאָף און אַז די ווערים זעצען זיך אַקאָרשט האַלטען מאָהל־צייט איבער די האַלב פונט פלייש און די עטליכע פוד ביי־נער (אַ פּראָפּאָרציע פון אַ געוואוינליכען ליטוועשען קצב אין די אָרעמע קוואַרטאַלען) וואָס זיי, די ווערים געפינען אין מיין שפּאָ־געל־נייעם קבר. לאָמיך אייך אגב אורחא זאָגען, אַז הגם איך בין די ווערים ניט מקנא זייער מאָהל־צייט, פערגין איך זיי ניט אפילו

דאָס ביסעלע הנאה וואָס זיי וועלען פון מיין פליייש יאָ האָבען. אָה, ניין! איך פערגין זיי אפילו דאָס ניט און האָב דערביי אפילו ניט דעם טרייסט, וועלכען איך האָב אַמאָל געגעבען אַ אידישען ליבעראַל, ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז ער דאַרף פאַר ווערים ניט מורא האָבען, מחמת עס שטעהט ערגעץ־וואו געשריבען (און וואָס שטעהט ניט ערגעץ־וואו געשריבען?) אַז זיי, די ווערים, עסען ניט קיין רינד־פליייש; איצט לאָמיך אייך ווייטער אגב אורחא בעמערקען, גלויב איך ניט מעהר אין דעם, ווייל איך זעה פון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר און מעהר אָקסען, וועלכע רייסען זיך קיין ארץ־ישראל, וואָס דאָס איז פאַר מיר אַ בעוויז, אַז די ווערים עסען יעדען מין פליייש וואהרשיינליך אפילו דבר־אחר, וואָס דער־פון קענט איהר פערשטעהן אַז קלוגע פּראָצענטניקעס און סוועט־טערס דאַרפען זעהן צו שטאַרבען ניט ווייט פון מערת־המכפלה, אויב זיי ווילען קומען מיט אַ גאַנצען גוף, מיט די בייכלעך מיט אַלעם מיט אַנאַנדער פאַר'ן בית־דין של מעלה אויף יענער וועלט. אי וועט איהר זאָגען: אין ארץ־ישראל עסען ניט די ווערים, אָבער די ערד אַליין עסט אויף די מענשען, וואָס דערפון איז געדרונגען, אַז מען קומט אפילו דאָרטען ניט אין גאַנצען אויף די בעסערע וועלט, — וועל איך אייך ענטפערן, אַז איך בין גאָר ניט מחויב צו זאָגען דורכאויס גלייכע זאַכען און אַז איך האָב זאָגאַר אַ רעכט צו רעדען נאַרעשקייטען, כל זמן די נאַרעשקייטען טראָגען ניט אויף זיך דעם טריידמאַרק פון אַ בעקאַנטען פּראָפעסיאָנעלען נאַר און כל זמן איך דאַרף ניט מורא האָבען, אַז אַ מגיד זאָל מיך קענען פערקלאָגען הערפאַר פאַר'ן גערי‏כט.

קומענדיג צוריק צו מיין ענין, זאָג איך נאָך אַ מאָל, אַז מיר וואָלט זיך שטאַרק וועלען זעהן, וואָס פאַר אַ גערודער עס וועט ווערען אין די גאַנצע ציוויליזירטע וועלט (די ווילדע פעלקער לעזען וואהרשיינליך מיינע שריפטען ווייניג־וואָס) ווען די בשורה פון מיין טויט וועט זיך פערשפּרייטען ווייט און ברייט. אום אָבער, אַז איך זאָל דאָס קענען זעהן און הערן — איז נייטיג, אַז איך זאָל שטאַרבען ווי אַן אָרעמאַן לעבט, דאָס הייסט, האַלב־און־האַלב, אַז

איך זאָל לעבען געשטאָרבענערהייט, ווי איך האָב פריהער געזאָגט.

---

איהר ווילט געוויס וויסען ווי אזוי אזא משוגענער רעיון האָט מיר געקענט ארויפקומען אויפ'ן מוח. הערט:

מיט יעטליכע טעג צוריק איז מיין אייניקעל געקומען פון גאס א פערבליפּעטער, מיט רויטע געשוואָלענע אויגען און מיט א פּאָאר בעקלעך, רויט פון וויינען און געוואשען מיט טרערען. עס האָט געדויערט זעהר לאַנג ביז ער האָט געקענט אויסרעדען וואָס ער האָט נעבאך געהאט אויפ'ן הערציל. ענדליך האָט ער זיך פאנאנדערגערעדט:

— „זיידע — זאָגט ער — מען זידעלט דיך."

— „עס מאַכט ניט אויס, מיין קינד", — ענטפער איך איהם.

— „עס מאַכט ניט אויס? וואָס הייסט, עס מאַכט ניט אויס? — פרעגט ער — דו ווייסט מסתמא ניט ווער די זידלער זיינען!"

— „לאָזען זיי זיין ווער זיי זיינען, דאָס מאַכט גאָר ניט אויס. אויב דער כעס קומט פון געקריינקטע ליעבע, איז די זידלעריי פאר מיר א כבוד; אויב די זידלעריי קומט פון קליינליכע קנאה, בין איך פילאָזאָף גענוג איהר צו פעראכטען; אויב זי, די זידלעריי, קומט פון אונפערשטאַנד בין איך מענש גענוג איהר צו בעדויערען און אויב זי קומט פון פייגהייט (פייגהייט, פיליכט, איז א רעוואָלוציאָנערע העמדעלע) דאַן מאַכט זי, די זידלעריי, זיך אליין נור לעבערליך.

„און דאַן מיין קינד דארפסטו וויסען, אז דער וואָס וויל דיענען זיינע מיטמענשען, מוז קענען פיעל פערטראָגען. ער מוז ניט נור ניט מורא האָבען פאר די בעליידיגונגען פון זיינע געגנער, וואָס דאָס איז פאר איהם א כבוד, ער מוז אויך קענען אריבערטראָגען בעשימפּפונגען פון זיינע גוטע פריינד. ער מוז ניט נור זיין צופריעדען צו אָפּפערען זיינע בעסטע יאָהרען, זיין פערגניגען און זיין וואוילטאָג, ער מוז אויך זיין ענטשלאָסען צו זעהן ווי זיין עהרע ווערט אָנגעגריפען, ווי זיין אונשולד ווערט בעשמוצט

און ווי זיין נאָמען ווערט בעלײדיגט.

„יא, מיין קינד, מען לײדט ניט נור פון פרויענליעבע אליין, —מען לײדט פון יעדע מין ליעבע, אפילו פון מענשענליעבע. ווער עס האָט ניט קיין כוח צו לײדען, יענער האָט ניט קיין רעכט צו ליעבען און ווער עס וויל ליעבען און ניט לײדען, יענער איז אַ נארר.

„און מיין ניט, אַז דאָס טהוט מיר ניט לייד, אָה, יא! אָבער גלויב מיר, ווען איך זעה, ווי מיינע געגנער בוינען זיך איין, ווי זיי ערנידריגען זיך ביז׳ן בלאָטע, ווען זיי שטעקען דאַן אריין אַ ריינע האַנד אין שמוץ אום מיך צו בעשמירען, דאַן פערדריסט מיר אַם מייסטען דאָס וואָס זיי ווערען צעהן מאָהל אַזוי שמוציג ווי איך. דען דו דאַרפסט פערשטעהן, מיין קינד, אַז זיי זיינען שלעכטע וואָרפער, זעהר ניט געשיקטע, און ווען זיי דערלאַנגען אַ וואָרף דעם הויפען שמוץ צו מיר צו, קריעגען זיי ניין חלקים דערפון אין זייער אייגענע צורה. דאָס קריינקט מיך, ווייל אין גרונד האַר־צען האָב איך זיי ליעב.

„דו שמייכעלסט? דו בעגרייפסט ניט ווי איך קען ליעבען די וואָס בעפאַלען מיך? קינד! ווייסטו דען ניט אַז אַלט ווי מיין בויגען איז, שוואַך ווי די שטריקעל איז, און טעמפּ ווי מיינע פיילען זיינען, וואָלט איך נאָך געקענט זיך פערטהיידיגען אפילו געגען גרעסערע שיסערס ווי זיי זיינען, און וואָלט געקענט ענטפערן מיט אַ גיפטיגען שטאָך אויף אַ שמוציגען וואָרף. איך טו דאָס ניט ווייל איך ליעב זיי, און איך ליעב זיי ווייל זיי זיינען מענשען, הגם זיי טוען אַלץ וואָס זיי קענען אום צו בעווייזען דאָס גע־גענטהייל.

„און איצט נאָך אַ זאַך. הער מיך אויס, מיין קינד, אין גאַנ־צען: איך וועל אַזוי גיך ארום דעם נאָך אַמאָל ניט רעדען.

"מיינע געגנער! ווייסטו ווער זיי זיינען? זיי זיינען מעהרס־טענס פערבלאַנדזעטע שעפּסעלעך, וועלכע האָבען מיך אין גרונד־האַרצען ניט ווייניגער ליעב וויא איך זיי. אַט לאָמיך היינט שטאַר־בען."

— אָה! זיידע!

„שרעק זיך ניט, מיין קינד, דאָס רעדט זיך נור אזוי, לאָמיך היינט, זאָג איך, שטארבען"...

— זאָג : אוועקפאָהרען, זיידע!

„שטער מיך ניט. לאָמיך היינט שטארבען, וועסטו זעהן וויא די זידלער וועלען זיין די ערשטע צו דערצעהלען מיינע שבחים, די ערשטע אָבצוּאוואשען יעדען פלעקעלע פון זייער טויטען פריינד אויפ'ן טהרה־ברעט. דו וועסט זעהן, ווי זיי וועלען נעהמען די זעל־ביגע ווערטער, וועלכע זיי געברויכען היינט, אום מיך צו זידלען און וועלען מיך מיט זיי ריהמען. דער ביטערסטער צווישען זיי וועט בעווייזען, אז ווען ער האָט געזאָגט דאָס, האט ער געמיינט אנדערס

„איך ווייס ניט וואָס זיי זאָגען היינט, וואָס זיי קענען זאָגען, אָבער איך שטעל מיר די מעשה פאַר אזוי :

היינט זאָגט מען : —

ער שרייבט מיט הארץ, ווייל ער קען שרייבען.

דאַן וועט מען זאָגען : —

ער קען שרייבען, ווייל ער שרייבט מיט הארץ.

---

היינט זאָגט מען : —

ער רעדט ארום הונגעריגע און דאָך ער אליין הונגערט ניט.

דאַן וועט מען זאָגען : —

ער אליין הונגערט ניט און דאָך רעדט ער ארום הונגעריגע.

---

היינט זאָגט מען : —

ער שרייבט פאַר אידישע ארבייטער, ווייל ער קען ניט שריי־בען פאַר גוי'שקע גבירים.

דאַן וועט מען זאָגען : —

ער קען ניט שרייבען פאַר גוישקע גבירים, ווייל ער שרייבט פאַר אידישע ארבייטער.

---

היינט זאָגט מען : —

ער האָט אויך גוטע מעלות, אָבער א סך פעהלערען.

דאַן וועט מען זאָגן: —
ער האָט אַ סך פעהלערען, אָבער אויך גוטע מעלות.

---

היינט זאָגט מען: —
ער האָט געוויס עטוואָס אויפגעטאָן, אָבער ער שטאָלצירט דערמיט.

דאַן וועט מען זאָגן: —
ער שטאָלצירט דערמיט, אָבער ער האָט געוויס עטוואָס אויפגעטאָהן.

---

היינט זאָגט מען: —
ער איז געווען אַ פילאָזאָף, אָבער אַ משוגענער.

דאַן וועט מען זאָגן: —
ער איז געווען אַ משוגענער, אָבער אַ פילאָזאָף.

---

„אָט אזוי, מיין קינד, קענען די זעלביגע ווערטער פון זלזולים ווערען שבחים. ווען אַלזאָ. דו הערסט נאָך אַמאָל אימיצען מיך זידלענדיג, הער איהם אוים רוהיג און געלאַסען און פערכליפּע זיך ניט.

„דיין אַלטער זיידע וועט זיך געהן זיין אַלטען וועג און ווי איהם האָבען ביז איצט ניט געצעפּעט זיינע שונאים, אזוי וועלען איהם ניט צעפּענען זיינע גוטע פריינד.

ער וועט געהן זיין וועג; ווער עס גלויבט אין איהם ניט, יענער זאָל נאָך איהם ניט נאָכגעהן; ווער עס האָט קיין וויכטיגערע זאַך ניט צו טאָן, מעג איהם זידלען און ווער עס איז אַ נאַרר, מעג דאָס ארויסווייזען: ענגלאַנד איז אַ פרייע מדינה.

LVII.

## אָבגעלעבט און אויסגעוועבט.

ביז די לעצטע עטליכע טעג האָב איך קיינמאָל ניט געוואוסט ווי מען פיהלט זיך, ווען מען איז א אידיאָט. אין מיינע יונגע יאָה־רען פלעג איך אָפט מיינען, אז מען דאַרף נור זיין אין די הויט פון א משרת ביי א חסידישען רבין, אָדער ווערען א מיטגליעד פון דעם רוסישען גאָסודאַרסטווענעם סאָוועט, אָדער זיין א דיפּלאָ־מאַט׳ס א זוהן, אָדער לייענען אמאָל פינף—זעקס די דייטשע פּירושים אויף דאַנטעס „געטליכע קאָמעדיע," אָדער קוועטשען א יאָהר דרייסיג נאָך־אנאַנד א האַרטע הילצערנע באַנק אין א דומפּיגען ליטוועשען בית־מדרש, אָדער זיין א פּאָאַר יאָהר א חזן, אָדער שטודירען דעם כינעזישען אלף־בית, אָדער זיך אריינלאָזען אין קלייבען אַלטע מטבעות (אמאָל — זאָגאַר נייע,) אָדער ווערען א גרויסער טענצער, אָדער זיך פערליעבען אויף די עלטערע יאָה־רען, אָדער ווערען א בייערישער פּראָפעסאָר פון נאַציאָנאַל־עקאָ־נאָמיע, אָדער דיענען אַלס פערשוואַרצער ביי א רוסישען צענזאָר, אָדער שטעהען אין א בודקע ניט זייענדיג פון דער נאַטור קיין הונד, — אז מען דאַרף נור זיין אָדער ווערען איינס פון דיא אַלע זאכען און מען קען שוין פון אייגענער ערפאַהרונג זאָגען, וואָס א אידיאָט איז און ווי ער פיהלט זיך.

אין דעם גלויב איך היינט ניט. די אַלע מענשען מעגען זיך זיין אידיאָטען, אָבער זיי זיינען ניט קיין ריכטיגע פאָלקאָמענע אידיאָטען. איך האַלט איצט, אז אפילו דער דריטער אלכסנדר איז נאָך ניט קיין אידעעלער אידיאָט, הגם ער טהוט אַלץ וואָס ער קען אום צו בעווייזען, אז ער איז דאָס. ניין, ער מאַכט זיך נור פאַר א אידיאָט, און אמת׳ן אָבער איז ער ניט מעהר ווי מטורף,

און דאָס וואָס ער לאָזט זיך ניט וואַקסען קיין צאָפּ איבער די פּאָטעלניצע, וואָס ער טהוט ניט אָן די שליפּעס אויף די קניע און די שפּאָרעס אויף די פּלייטשעס, וואָס ער רעדט פּונקט אַזוי, ווי ער וואָלט געווען אַ מענש און וואָס ער לאָזט זיך נאָך ניט געבען אַ געבראָטענעם אידען צום מיטאָג, איז נור דאַרום, ווייל ער ווערט מעהר געהיט, ווי אַלע טורמעניקעס פון אַלע זיינע אָסטראָגען. אָה, ניין! ער איז ניט קיין אידיאָט, ער איז אַ פאַרשטעלטער מטורף. איהם בעטראַכטענדיג וואָלט איך געקענט אויסלעבען מיי־נע יאָהרען, און שטאַרבען, און ליידען שעהנע עטליכע יאָהר גהינום, און מגולגל ווערען אין אַ פּרייסישען הוזאַר, און רייטען, און אַראָבפאַלען פון פערד, און געֹהרג'עט ווערען, און וויעדער שטאַרבען, און ליידען גיהנום אויפ'ן קריסטליכען אופן, — און אַלע ניט וויסען, ווי אַ מענש פיהלט זיך, ווען ער איז אַ אידיאָט.

אין די לעצטע עטליכע טעג האָב איך דאָס אַרויסגעפונען. איך בין געווען אין אַ מין היהנער־פלעט, האָב געשלאָפען אַ גייס־טיגען לעטאַרגישען שלאָף, אויב איהר ווייסט וואָס דאָס איז, — און ניט קענענדיג קיין צוויי ציילען, האָב איך בעשלאָסען, אַז איך בין ענדליך דערגאַנגען ביז די מדרגה פון אַ אידיאָט און האָב אָנגעהויבען ערנסטליך צו טראַכטען אַרום זוכען אַ ראַבינער־שטעלע.

ווי אַזוי דאָס איז געקומען, ווייס איך ניט. מיר פּאָליובעט ניט זעהר שטאַרק די היץ; תמוז איז דאָסזעלבע פאַר מיר, וואָס אב איז פאַר אַ פּאָלעסטינער: איך ווער עפּעס צודרומשקעט דעם חודש. טראַכטען טראַכט איך, דאַכט זיך, גוט און מיט אַ טאָלק, אָבער איך ברייננג דאָס ניט אַזוי ריכטיג און סקלאַדנע אַרויס. אָפט האָב איך זיך געוואונשען צו זיין אַן אייזעל, אָדער אַן אָב־געקיהלטער ענטהוזיאַסט, וואָס אויף יענעם זאָגט די גמרא און אויף דעם איך (להבדיל), אַז זיי איז אין תמוז קאַלט. פון דעסטוועגען גלויב איך ניט, אַז מיין אידיאָטסטוואָ זאָל מיר זיין געקומען פון די היץ. איך האָלט איבערהויפּט, אַז די היץ מאַכט געוואוינ־ליך מענשען פאַר פאַנאַטיקער, וועהרענד פיעלע ווערען פוסטע

קעפּ געראָדע דורך דעם, וואָס זיי ווערען קאַלט. איך ווייס, אַז דאָס איז ניט די מיינונג פון די מעהרסטע אַנדערע פילאָזאָפען, אָבער אין אַזעלכע זאַכען האָבען מיר אָפט צווישען זיך חילוקי־דעות, אי־בערהויפּט שאָפּענהויער און איך. היץ איז ניט די סיבה דערפון, — ווי מיין שכן זאָגט, ווען זיין ווייב ציגט זיך אַן בשעת זיי קריעגען זיך, — דאָ מוז עפּעס זיין אַנאַנדער סיבה.

נור צו די אורזאַך דערפון איז אַ פּלאַציגע אָדער אַ קיילעכ־דיגע, אַזוי פיעל זעה איך בעשיינפּערליך, אַז איך בין היינטיגען טאָג (הלואי זאָל דאָס נור זיין אַן איבערגאַנג!) אַ שטיקעל אידיאָט, אויב ניט אַ גרויסע שטיק. און איך וועל אייך זאָגען ווי איך פיהל זיך.

די ערשטע זאַך געה איך נאָך־אַנאַנד אַרום מיט אַ פולען מאָגען און מיט אַ פּוסטען מוח, ווי אַ יונגער־מאַנטשיק ביי אַ רייכען שווער אויף קעסט. דאַן ווילט זיך מיר נאָך־אַנאַנד רעדען אַרום זאַכען, וועלכע איך פערשטעה ניט און נעכטען אין דער פריה האָב איך זיך געכאַפּט רעדענדיג מיט זיך אַליין אַרום די פּויערים, יעגער, טורעמס, קעניגע און קעניגינען פון.... ניט פון אייראָפּאַ, וועגען זיי האָב איך נאָך אַ שטיקעל ידיעה, אָבער פון דיעזע אַלע מינים אויפ׳ן שאַך־ברעט. אַזוי ווי איך האָב אין מיין גאַנצען לעבען, נור איין איינציגעס מאָל געשפּיעלט אין שאַך און דאָס אויך נור אין חלום, קענט איהר לייכט בעגרייפען אַז דאָס איז אַ זאַך, וועלכע איך פערשטעה אונגעפעהר אַזוי פיעל, ווי פיעל דער קעניגעל פון שפּאַניען פערשטעהט פון ליקורגס געזעץ־געבונג, אָדער פון ראש־חדש בענטשען, אָדער וויפיעל ער וועט פערשטעהן פון ביידע זאַכען ווען ער וועט אויסוואַקסען. אויסער דעם קומט מיר אַלץ פאָר אַז מיין אייניקעל ווערט עפּעס צו קלוג, וואָס דאָס איז אַ בייזער סימן, מחמת אין די צייטען ווען איך בין געווען אַ דיינקער, פלעג איך הנאה האָבען צו זעהן קלוגע קינדער, הגם זיינע קשיות האָב איך פון אייביג אַן פיינט געהאַט. דאַן האָב איך דיר נישט מיר אָנגעהויבען צו טראַכטען וועגען טויט און מיר האָט זיך מיט אַמאָל פערוועלט תכריכים פון ריינע האַ־

לאנדער לייוועגט און ארץ־ישראל ערד פון זיי געגענד פון די מערת־המכפלה אין א זעקעלע פון יומע, ניט אנדערס! ניט שוין האלט איך ביי'ן ווערען א נאציאנאליסט נאכ'ן טויט? מיט א חודש צוריק וואלט איך געוויס געוואונשען בעסער ניט צו שטארבען, און איצט? א, דאס איז אידיאטסטווא, ברידער! דאס איז ארץ־ישראל־אידיאטסטווא, ליעבע ברידער! דאס איז לייטענער גולם'יזמוס, רחמנא לצלן!

דערפון קענט איהר — איהר, וואס איהר זייט נאך דער־ווייל ניט דערגאנגען ביז די מדרגה פון אידיאטען — איהר, אלזא, קענט דערפון פערשטעהן, אז איך קען היינט ניט שרייבען. מיט א מוח, וועלכער איז פוסט ווי א לוטהעראנישע קירך, וועל־כער איז צושטערט ווי דער לעבען פון א מאסקווער אידען, וועלכער איז חרוב ווי דער בית־שני און וועלכער איז צודארט און צו־קווארט ווי פאר דריי־יאהריגע מצה, קען מען אפשר שרייבען א לייט־ארטיקעל (ד. ה. אן ארטיקעל, וואס ליידט פון זיין שרייבער) אין א פרומע אידישע צייטונג; אדער א תנאים צווישען א בחור אהן געלד און א מיידעל אהן א חתן; אדער א מזוזה אנצושלאגען אן א טיר, דורך וועלכע א טייערער אידעאל איז ארויסגעגאנגען; אדער א פאסיר־צעטעל פאר אונבעקוועם־געווארענע ווארהייטס־ליעבע, — דאס און מאנכעס אנדערע קען מען פיעלייכט שרייבען מיט אזא מוח, אבער ניט פילאזאפיע, סיידען מען וויל אויסזעהן ווי א רינד־פיה.

* * *

ניט זייענדיג צופריעדען מיט מיין אידיאטסטווא האב איך געשריבען א בריוועלע צו מיין פריינד ווינטשעווסקי און ער האט מיר אט דאס אבגעשריבען (דורך אין גראמען): —

מיין ליעבער פריינד,
איהר זייט, מיר שיינט,
א פילאזאף,
וואס איהם פעהלט שלאף;
אן אלטער איד,
וואס איז שוין מיעד;

א מאַן, וואָס דיינקט
און דאַרום קריינקט;
אַ מאַן, וואָס קלערט,
און דאַרום ווערט,
ביס־ביסלעכווייז,
אַ שוואַכער גרייז,
אָהן לעבענס־זאַפט,
אָהן גייסטעס־קראַפט,
האַלב אָבגעלעבט,
האַלב אויסגעוועבט.

* * *

איהר וואָלט, מיין פריינד, —
געקוקט נאָך היינט
זיין פריש געזונד
אי רויט, אי רונד,
ווען איהר וואָלט נור
אַט די נאַטור
פון קלערען פיעל
און ניט זיין שטיל,
אַוועקגעלייגט
און זיך פערלייגט
אויף לעבען גוט!
צום אונגליק טוט
דאָס נור דער נאַרר,
וואָס איז, דערפאַר,
ניט אָבגעלעבט —
כאָטש אויסגעוועבט.

* * *

מיין פריינד, אצונד
זייט מיר געזונד
און ניט פערשטויסט
אָט דיעזען טרויסט: —

דאָס וואָס אייך פעהלט
פעהלט אויך די וועלט,
אויך זי איז אַלט,
אויך זי צופאַלט,
און פונקט ווי איהר
געהט זי, גלויבט מיר,
אָהן קאָפּ אַרום,
צומישט און דום
פערווירט ענטשטעלט,
אַ פוסטע וועלט, —
האַלב־אָבגעלעבט,
האַלב־אויסגעוועבט,

* * *

אַ שעהנער טרויסט, כּלעבען! פּאָעטען ווילדע און קינדער זאָגען דעם אמת, צו אייך געפעלט זייער זאָגאַכץ, צו ניט.

נור געזעכט איז ווינטשעווסקי. די גאַנצע וועלט איז אויס־געוועבט און איהר פיהרונג איז אַ אידיאָטסקער און זי איז עובר־בטל, ליעבע קינדער!

בעטראַכט איהר נור מיט אַ קאָפּ, בעטראַכט די מענשען אין איהר!

* * *

איז דאָס ניט אידיאָטסטוואָ, צו גלויבען אין טייוועל אין אַ צייט ווען מען הערט שוין ביסלעכווייז אויף צו גלויבען אין גאָט; צו לאַכען פון אַ גיהנם אויף יענער וועלט און אונטערשטיצען אַ גיהנם אויף דער וועלט; אָבצושאַפען פּיאַווקעס און בלוט־לאָזען ביי קראַנקע און זיי אויפצוהאַלטען פאַר געזונדע; צו רעדען פון פרייהייט און צו שווייגען פון בעדריקונג? אָה, דאָס איז אידיאָט־סטוואָ, ליעבע קינדער!

* * *

איז דאָס ניט אידיאָטסטוואָ, צו ציוויליזירען אפריקא און צו באַרבאַריזירען אייראָפּאַ; צו פערפאָלגען ליודאָיעדעס האַרטען און

זיי צו קרוינען דאָ; צו האַלטען געפּוצט די קברים אין בית־עולם פאַר די טויטע און פערשמוצט די קברים אין שטאָדט פאַר די לעבעדיגע; אָנצופילען מיט „בילדונג" די קעפּ פון קינדער און די קעפּ פון ערוואַקסענע מיט דאגות; צו מאַכען ביקסען און האַר־מאַטען אום צו היטען דעם פריעדען? אָה, דאָס איז אידיאָטסטוואָ!

* * *

איז דאָס ניט אידיאָטסטוואָ, צו וויסען דורכ'ן טעלעגראַף, ווער עס שטאַרבט אין אויסטראַליען און ניט צו זעהען מיט די אויגען, ווער עס קומט אום — לעבען אונז; צו פערטראַכטען שאַר־לאַטאַנעס און זיי צו לאָזען פיהרען די גרענדע; צו בעשטראָפען פאַר'ן כאַפּען געלד פון קעשענע און צו לויבען פאַר'ן כאַפּען דעם ביסען פון מויל; צו הייגען דעם וואָס גיט דעם טויט און צו בעד־זינגען חעם, וואָס לאָזט ניט לעבען? אָה, דאָס איז אידיאָטסטוואָ!

* * *

איז דאָס ניט אידיאָטסטוואָ, צו רעדען פון מענשליכקייט און צו לאָזען אומקומען קליינע קינדער אין נויט און אין שמוטץ; צו האַלטען פרויען פאַר מענשען און זיי צו בעהאַנדלען ווי קיה; צו בויען באַלניצעס פאַר חלאים און צו פערפּעסטען די הייזער פון די געזונדע; ניט צו לאָזען מענשען זיך פערקויפען און זיי צו הייסען זיך פערדינגען; צו פערשפּאַרען אין טורמעס די, וואָס מען לאָזט ניט זיין עהרליך? אָה, דאָס איז אידיאָטסטוואָ!

* * *

איז דאָס ניט אידיאָטסטוואָ, צו מאַכען די מאַשין פאַר א בעל־שכל און דעם בעל־שכל פאַר א מאַשין; אויפצוהויבען ביז'ן הימעל. א דיכטער, א דענקער, אַן ערפינדער, א נאַטורפאָרשער, א גרויסען רעדנער און צו לאָזען מיליאָנען פייהיגע ארבייטער־קינדער פערווילדעט ווערן, פערוואַהרלאָזט ו.ערן, פערדומט ווערן, פערצרה'ט ווערען, קערפּערליך און גייסטיג פערקריפּעלט ווערען, די קינדער, וועלכע וואָלטען די מענשהייט פערהערליכט, דאָס לעבען פערזיסט, די וועלט פערשענערט, וועלכע וואָלטען אונז בעפרייט פון דעם היינטיגען גיהנם און וואָלטען אונז געגעבען א

טעם פון גן־עדן ? אָה, די קינדער, די אַרבייטער קינדער, די אָרעמע אונשולדיגע עופ׳עלעך ! אָה, דאָס איז אידיאָטסטווא, דאָס איז... דאָס איז... טייוואָלים אין גיהנם — זאָגט ווי רופט איהר דאָס ? ווייל דאָס איז מעהר ווי אידיאָטסטאָ... דאָס איז... ברידער, איך וויים ניט מעהר וואָס איך רייד... מיין הארץ פּלאצט, מיין מוח ברענט... פייער, פייער, פייער ! ברידער, זוטע, ליעבע ברידער — גיסט מיר וואַר עס איז אַרויף אַ טשעבער קאַלטע, אייז־קאַלטע וואַסער אויפ׳ן קאָפּ, דען איך... איך בין.... אָה, איך בין פערריקט ווי די וועלט אליין.

## LVIII.

## וואָס איך האָב געטראַכט דעם 15טען אפּריל

אפשר וואָלטען זיי געגלויבט, אָבער איך רעכין אז ניט. נייז, געוויס ניט! און וויא אזוי זאָלען זיי דאָס אין מינסק זיך גאָר קענען פאָרשטעללען, אז איך זאָל היינט — היינט, ווען איינינע פון זיי קלערין אָרום מעות־חטים, אַנדערע אָרום מצה־שמורה, ווידער אַנדערע אָרום בדיקת־חמץ, — זאָל איך גאָר זיצען היער אין לאָנדאָן און טראַכטען אָרום אַ תליה! ווען דיא מעות־חטים'ניקעס דרעהט דער מות וועגען געלד... און אַ מינסקער, דאַרפט איהר וויסען, גיט אפילו שלום־עליכם ניט מיטען גאַנצען הארצען אומזיסט. ווען דיא מצה־שמורה־בעקער קלעהרען מכות דעם, וואָס דער עולם ווערט אלץ לינקער און לינקער און וואָס די איינציגע וועלכע קויפען נאָך אַזעלכע מצה, זיינען אַלטע לייט אָהן ציינער און אפילו זיי שמאַרבען ביסלעכווייז אויס; ווען פיעלע אַרימע לייט זוכען צו קריגען אַ שטיקעלע חמץ, ווייל וואָס מי וואַרפט זיי צו אין די הייזער עסען זיי געוועהנליך אויף איידער זיי קומען אַהיים, וואָס דערפאַר האָט יונה דער מלוה אייביג געזאָגט, אז אַן אַרימאַן איז אַ פרעסער (פערגעסט ניט, אז דאָס איז אַ פּ. מיסטער זעצער, בכדי אַז לאָנדאָנער אידען זאָלען ניט לייענען: „אַן אַרימאַן איז אַ פרעסער“, וואָס דאָס איז ניט גאַנץ ריכטיג. דער אמת איז פערקעהרט, נעמליך, אַז אַ פרעסער איז אַן אַרימאַן...) ווען זיי, בקיצור, דרעהט אַלעמען דער מות וועגען פסח, ווי קענען זיי זיך פאָרשטעלען, אַז איך זאָל דאָ זיצען און טראַכטען אָרום תליות, רחמנא ליצלן!

און דאָך טראַכט איך! איי, וועט איהר פרעגען, וויא אזוי קום איך אויף אַזעלכע רעיונות? וועל איך אייך זאָגען: פרעגט מיך אַ

גרינגערע זאך; דאס ווייס איך אליין ניט. איך ווייס נור, איך טראכט.

* * *

פלוצלונג קומט מיר היינט אוועקנד ארויף אויפ'ן רעיון, אז היינט (דעם 15טען אפריל) איז פונקט צעהן יאהר, צייט א פאר־טאץ א קיסר האט גענומען א פארטאץ א תליון און האט איהם גער היימען פערניכטען דאס לעבען פון פיער העלדישע מענגער און איין העלדישע פרוי. דער פארטאץ האט דיא מארטירער געמאטערט, אבער דיא מארטירער האבען זיך ניט געקרימט; זיי האבען זיך צוקוסט און זיינען געשטארבען.

„דיא וועלט־געשיכטע ווידערהוילט זיך"—זאגט מען.

מיט פינף און פופציג יאהר פריהער אין דעם יאהר 1826 האט דעם קיסר'ס זיידע, ניקאלאיי פאוולאוויטש, געמאכט געני דעמוועל־בען קונץ. ער האט אויך געהאט צו הענגען פינף העלדען און האט אויך אוועקגעשטעלט א פארטאץ א קאט און יענער האט אויך גע־מאטערט דיא מארטירער.

„דיא רוסישע רעגיערונג קען אפילו הענגען ניט" — האט איינער פון דיא פינף, דער דיכטער רילעיעוו, בעמערקט און, דאס זאגענדיג, איז ער געשטארבען.

* * *

מיין אייניקעל, זעהענדיג, אז איך בין פערטיעפט אין געדאנ־קען, האט זיך צו מיר אבגערופען און האט געזאגט:

„איך רעכען, אז דו קלערסט איצט ארום גאט."

„ווארום מיינסטו דאס ?"

„ווייל דו ביסט קיינמאל ניט אזוי פערטיעפט."

„דו האסט א טעות, מיין קינד, אבער אזוי וויא דו דערמאנסט מיר גאט, וועל איך דיר עפעס זאגען."

„וואס זיידע ?"

„א בעווייז, אז עס איז ניטא קיין השגחה פרטית, איז דאס... וואס אלכסנדר דער דריטער לעבט. פערשטעהסטו ?"

„ניין."

„א קינד בלייבט א קינד. א י ה ר פערשטעהט ? געוויס.

דאָן זיינען מיר אויף די געדאַנקען געקומען אַנדערע אַזעלכע זאַכען, — אַלץ זאַכען, וואָס אין מינסק האָט מען, צו מיין צייט, קיינמאָל אָרום זיי ניט געטראַכט. איבערהויפּט בשעת אַלע שאַייערן און כשר'ן די כלים, אפילו חי, וועלכע ווייסען ניט אויף קלאָר, וואָס זיי ווילען אין די כלים קאָכען, ווען זיי וועלען שוין זיין גע־שאַייערט און גע'כשר'ט, וואָס דאָס — לאָמיך אייך זאָגען — בעד ווייזט ווידער, אַז ענטוועדער עס איז טאַקי גאָר ניטאָ קיין השגחה פּרטית, אָדער זי רייסט זיך ניט שטאַרק דעם פּעלץ מכוח פּסח'דיגע כשרות. נאָר איך פערקריך אין פּסח'דיגע כלים און אַזוי ווי איך בין ניט שאול און קיינער וויל מיך ניט מאַכען פאַר א מלך, זעה איך ניט איין, וואָרום איך זאָל טאָן דאָס, וואָס ער האָט געטאָן, און פערקריכען אין כלים, — פּסח'דיגע אָדער חמץ'דיגע.

אָרום וואָס איך האָב זיך פערטראַכט, וועל איך אייך זאָגען, אָבער לאָזט מיר צוערסט נעהמען א שמעק טאַבאַק. מחשבות'ן! ווי מען קען זיך צו אַלץ צוגעוואוינען? יעדער נאָז ניעזט און פאַרשקעט זיך, איידער ער ווערט צוגעוואוינט צו טאַבאַק, און דערזעלביגער איידעלער נאָז מיט דעם זעלביגען טאַבאַק ווערען ביסלעכווייז אַזעלכע מחותנים, אַז מי וואָלט מיינען, אַז א נאָז האָט קיין אַנדער עובדא ניט, ווי צו שמעקען טאַבאַק. איך האָב גע־קענט א שפּיאָן, וועלכער האָט זיך שיער ניט דעם לעבען גענומען, בעת ער האָט אָנגעהויבען צו בעטרייבען זיין פּראָפעסיאָן, און היינט — היינט זיצט ער דאָרין, וויא א געשוויר אין זייט, און מיינט, אַז ער איז אָרוים א שפּיאָן פון דעם אויבערשטען'ס האַנד.

איצט לאָמיך אייך זאָגען, אָרום וואָס איך האָב זיך דאָ פון דאָס נייע פערטראַכט, דאָס איז אָט וואָס:

* * *

ווען די פינף העלדען פון דעם יאָהר 1826, אָדער די פינף העלדען פון דעם יאָהר 1881, אָדער די פינף העלדען פון טשיקאַגאָ, פון 1887, אָדער די הונדערטער אַנדערע העלדען, וואָס זיינען גע־שטאָרבען פאַר א אידעע, צייט עס זיינען דאָ טיראַנען אויף דער וועלט,— ווען זיי, זאָג איך, זיינען געגאַנגען אויפ'ן שאַפאָט, אויפ'ן

שייטערהויפען, ווען זיי האבען אויסגעשטעלט זייער ברוסט צו די אפענע מויל פון א מערדערישען ביקס, האבען זיי ווייטיגסטענס געוואוסט, אז זיי שטארבען פאר עטוואס, אז זיי שטארבען איין מינוט, אום צו לעבען אייביג (אין דעם געדעכטניס פון דיא קומענדיגע דורות), אז זיי שטארבען גיך.

וואס אבער מכוח די, וועלכע ווערען מוטע געבארען; די וואס זיינען פעראורטהיילט צום טויט, ווייל זייערע עלטערן האבען ניט מיט וואס צו אונטערהאלטען זייער לעבען ? וואס מכוח זיי?

וואס מכוח די מיליאנען, וועלכע שטארבען אפ פון טאג צו טאג אין דעם סוועטערס קאנורע, ביי'ן וועבשטוהל, ביי די דראט־ווע און פעך. אונטער דיא נאסילקע ציגעל, צווישען די זעג און דעם ווארשטאט, אין קוזנע אדער אין סלעסארניע, און אין הונדערט אנדערע ערטער און שטארבען אפ נור ווייל זיי עסען ניט גענוג און שלאפען ניט גענוג, ווייל זיי האבען מעהר דאגות וויא האאר אין קאפ, מעהר יסורים ווי ציינער אין מויל, מעהר וואונדען אין הארצען ווי טעג אין די יאהרען ? וואס מכוח זיי ?

וואס מכוח די טויזענדער ארימע מארטירער, וועלכע די טשוגונקע דערשטיקט, דער ים פערשלינגט, דער קריעג ברענגט אום, וועלכע אלע אנדערע מלאכי־חבלה פון די בארבארישע ציוויליזאציאן נעהמט אוועק פון דער וועלט ? וואס מכוח זיי ?

וואס מכוח אלע דיזע אונבעקאנטע מארטירער ? וועלכער געשיכטשרייבער דערמאהנט זיי ? וועלכער דיכטער בעזינגט זיי ? וועלכער בילדהויער מאדעלירט זיי אין מארמאר ? וועלכע האנד לייגט א קראנץ אויף זייער קבר ? וועלכער דאנקבארער קומענדיגער דור דערמאהנט זייער נאמען ?

אויף דעם מזבח פון אונזער ציוויליזאציאן לעגט מען ארויף האלץ און אויף די האלץ דיזע אלע קרבנות; פון זיי און פון די האלץ ווערט א בארג אש און די אש צוטראגט אן אונבארמהערציגער ווינד און קיינער וויים ניט וואו די אש איז אהינגעקומען און יעדער פערגעסט אן די ארימע קרבנות.

איך ניט.

## LIX.

# ענגלישע פרייהייט.

אין ענגלאנד איז דער מעגען און דער ניט־מארען האלב און האלב, ניט אהין און ניט אהער, א שטייגער, כאפט אייך אן, ווי א קאזיאנער רב, וועלכער איז ניט איד גענוג פאר א מורה הוראה און ניט גוי גענוג פאר א גלח; אדער ווי א אידישער מייסטער אהן זיין אוהר און קייט, וועלכער זעהט אויס (אופ'ן דבר־אחר־מארק) צו ארעם פאר א ב ו י ך און צו רייך פאר א האנד; אדער ווי א בעלגישער קעניג, וועלכער איז ניט מעכטיג גענוג פאר א מאנארך און צו־פיעל בעל־הבית פאר אן אלטען שוטה; אדער ווי א לאנדא־נער לארד־מייער, וועלכער איז צו אונגעהובעלט פאר א לארד און צו איידעל פאר א סוחר; אדער ווי א פסח ביי א רעפארמירטען רייכען אידען, וועלכער איז ניט כשר גענוג פאר בערדיטשעוו און ניט טרייף גענוג פאר גאטשינא. בקיצור דער מעגען און ניט מארען איז ניט אהין און ניט אהער.

ביי אונז אין דערהיים ווייס מען לכל הפחות, אז מי טאר ניט, אז מי טאר קיין זאך ניט טאן, ניט רעדען און ניט שרייבען,— א איד אפילו ניט לעבען. דארטען ווייס מען וואו מי איז אין דער וועלט, און דאס וויסענדיג טוט מען איינס פון דיאביידע: ענט־ווערער מי רעט, מי שרייבט און מי לעבט בשתיקה, דאס הייסט מי לעבט א מין פערבאטענעם לעבען, און ווען ניט ווערגט מען זיך מיט חיא רייד און מי שטארבט א געזעצליכען טויט, אדער מי דערלאנגט אונטער פיער אויגען וועמען מי דארף וואס מי דארף און אויף א וויילינקע וויינינסטענס מעג מען... טאמער ווערט זיך א שטרייננער קריטיקער צוצופענען דערצו, וואס איך האב אנגער־הויבען מיט „איינס פון די ביידע“ און האב אויסגעבראכט איין

ענטוועדער מיט צוויי אַדערס, וואָס דאָס איז אין גאַנצען דריי ברירות,— טאָמער וועט זיך, זאָג איך, אַ שטרענגער קריטיקער אָן דעם אָנצעפּענען, לאָז ער זיך צעפּענען: ער וועט דערפון הנאה האָבען און מיר קען דאָס ווייניג וואָס שאַדען. איבערהויפּט דאַרף דער עולם וויסען, אַז איך האָב געפּאַקט און געמאָזעלט, האָב איבערגעשטאַנען סקאַרלאַטין, דעם תוספות פון תגרי לוד, דריי ווילנער רעטשישניקעס און עטליכע פּאַסקווילען, וואָס נאָך די אַלע מעשׂות רעכען איך, אַז מיר וועט שוין קיין טייוועל ניט נעהמען, סיידען איך וועל צו איהם אַליין געהן.

נאָר דערווייל האָב איך פערלאָרען וואו איך האַלט... יאָ. דאָ אין ענגלאַנד איז דער מענען און דער ניטדאַרען עפּעס ניע־בע, ניע מע, ניע קוקירעקו. ביי די ענגלישע פרייהייט— ווי ביי'ן אידישען גלות — ווייס מען ניט קיין אָנהייב און קיין אויסלאָז, קיין וואָרניין און קיין וואָר־אויס. צו דאָס איז בעשרענקטע פרייהייט, אָדער פרייהייטליכע בעשרענקונג, אָבער אויף יעדען פאַלל איז עס עפּעס ניט דאָס. איהר מעגט, דאַכט זיך, און מעגט און מעגט, מיט אַמאָל גוט־שבת־ברייניע! אָט טאָר מען ניט. למשל:

איהר מעגט זיין אַן אָרימאַן, אָבער איהר טאָרט ניט גיין איבער די הייזער, — סיידען איהר זייט אַ קוימענקעהרער.

איהר מעגט ניט האָבען קיין הויז, אָבער איהר טאָרט ניט שלאָפען אויפ'ן גאַס; אונטער אַ בריק מעגט איהר העכסטענס לייענען קריאת־שמע.

איהר מעגט זיין אַ טאָכטער ביי אַ רייכען מאַן, אָבער איהר טאָרט איהם ניט ירשה'נען.

איהר מעגט אין אַ רעסטוראַן עסען וואָס אייער האַרץ געלוסט, אָבער איהר טאָרט ניט קוסען דיא מזוזה, איידער איהר האָט בעצאָהלט.

איהר מעגט זיין אַ מעמבער אין פּאַרלאַמענט, אָבער איהר טאָרט דאָס ניט ווערען, ווען איהר האָט ניט קיין דיקען טשעקבוך.

איהר מעגט לעבען פון שווינדעל, אָבער איהר טאָרט ניט שווינדלען אויסער אויף אַ געוויסען אופן.

איהר מעגט זיך פערליעבען אין א בתולה, אן אלמנה, אדער א גרושה, אבער איהר טארט ניט אבלאזען דעם שידוך.

איהר מעגט אבלייקענען גאט אליין, אבער איהר טארט פון איהם, כביכול, ניט מאכען חוזק.

איהר מעגט זיין אן אירלענדער, אבער איהר טארט ניט אלץ מעגען.

איהר מעגט זיך האבען, ווי שלמה המלך עליו השלום, זיעבען הונדערט קעבס־ווייבער, אבער הייראטען טארט איהר ניט מעהר ווי איין ווייב.

איהר מעגט אייערע קינדער לאזען ארויסגעהן ניט־געגעסען, אבער איהר טארט זיי ניט לאזען בלייבען ניט „געסקולט.“

איהר מעגט א מענשען האלטען פיר א שווינדלער, אבער איהר טארט דאס ניט זאגען.

איהר מעגט א פאליציסטען פעראכטען, אבער איהר טארט איהם ניט ענטפערן מיט א פאטש אויף א פאטש.

איהר מעגט מאכען א טומעל אין א „האלל“, אבער איהר טארט ניט רייהען צו הויך אין א קירך, סיידען איהר זייט דארטען דער זאגער.

איהר מעגט רופען יעדען פארק אייער אייגענטהום, אבער איהר טארט דארטען ניט אויסרייסען א בלום.

איהר מעגט בדלות שטעלען א מענשען אין קארטען, אבער איהר טארט דאס ניט טאן וואו איהר ווילט (דער פרינץ אף ויילס איז אן אויסנאהמע).

איהר מעגט בענוצען אלע מוזעאומס, אבער איהר טארט דאס ניט טאן ווען איהר האט צייט דערצו.

איהר מעגט שטארבען א מיתה משונה, אבער איהר טארט ניט בעגראבען ווערען אהן א דזשורי פון צוועלף בעלי־בתים.

איהר מעגט לעבען מיט א ווייב ווי א קאץ מיט א מויז, אבער איהר טארט זיך ניט גט'ן מיט איהר אהן פרעמדע ליעבע.

איהר מעגט ארומגעהן מיט א שארמאנקע, אבער איהר טארט ניט שפיעלען אויף איהר אין די רייכע געגענדען.

איהר מעגט זידלען די רעגיערונג, אבער איהר טארט ניט האבען קיין חוצפה פאר א ריכטער.

איהר מעגט רעדען אומעטום אונטער'ן פרייען הימעל, אבער ניט אומעטום אויף די פרייע ערד.

איהר מעגט אויסגעריסען ווערען, אבער איהר טארט ניט אויסרייסען.

* * *

אט אזוי מעגט איהר רק און טארט רק ניט, מי ווערט מבולבל אין דיא וועלטבערימטע ענגלישע פרייהייט; א גרינער שכל בעגעהמט זי גאר אין גאנצען ניט. זי איז גוט, אבער ווייסט איהר פאר וועמען? פאר א ראדיקאלען פאליטיקער, פאר א מענשען, וועלכער געהט א טריט פארווערטס און א טריט ריקווערטס, אזוי ווי דער פערפענדיקעל פון א וואנד־זייגער און דאס אויך נור אנגעצויגענער־הייט פאר איהם איז דיא היגע פרייהייט פונקט וויא אויף איהם צוגעשניטען, גראדע נאך זיין מאס נאך און טאמער איז זיא אביסעלע ענג אין פאכווע און די הענד ריהרען זיך עפעס ניט וויא מי בעדארף, מאכט דאס ניט אויס — אבי עס איז ניט צר־לויז. אין גאנצען פריי וויל ער גאר ניט זיין; ער וויל גאר ניט אנדערס מעגען. אוואו ער זאל ניט גלייך דערביי עפעס ניט טארען. אזעלכער דרעהט זיך אייביג אין דער „בעוועגונג" — ווי ער רופט דאס — אזוי ווי א וועווערקע אין שטייגעל און ווען ער שטרענגט אן אללע זיינע קרעפטען און פערקריצט די ציינער און צוקנאקט א נוס, מיינט ער, אז ער האט באמבארדירט א קריעפאסט.

פאר אזעלכען טויג ניט די וואהרע פרייהייט, ווי פאר איהם טויג ניט די נאקעטע, הוילע וואהרהייט, ווי פאר איהם טויג ניט דער שיין פון די ליכטיגע זון.

כל־זמן ער פיהלט ניט דעם בייטש, רייסט ער זיך ניט פון די אלאבלעם; ארויסגיין פון געשפאן גאר אין גאנצען וואלט ער אנרופען פערבלאנדזשען.

אזוי קען ער אויך ניט ליידען די ריינע וואהרהייט. ער שלעפט אויף איהר ארויף א פאליטישע בלוזע, א רעליגיעזען מאנטעל פון

לייטענס־וועגען, א שלייער אויפ׳ן פנים, אום אז זיא זאל ניט גיין הויל און נאקעט. א י י וואס מי הערקענט איהר מעהר ניט — דאס קימערט עם ניט, אבי זי איז פערדעקט.

פאר היא שטראהלען פון דיא ליכטיגע זון האט ער אויך מורא און ער קוקט אויפ׳ן טאג דורך בלויע ספאקולען, מיט א ברייטען קאזירעק איבער דיא אויגען. צו־פיעל ליכט פערטראגט ער ניט, צו־פיעל פרייהייט פערטראגט ער ניט; אלץ מוז איהם זיין בעשרענקט ווי ער אליין איז בעשרענקט, דאס רופט ער מעסיגקייט און איז דערמיט צופריעדען.

יא, פאר אזא ניט־דערבאקענעם לעבעל־מענש, פאר איהם וואס ער בלייבט אייביג אינווייניג רויה, אפילו ווען ער איז פון אויבען צוגעברענט, פאר אזעלכען איז גוט דיא ענגלישע חול־המועד פריי־הייט, דיא ניט־אהין־און־ניט־אהער פרייהייט, דער מעגען ניט־טארענדיג.

אה, יא! ער, פערשטייט איהר, דארף ווערים־קרויט־צוקערקעס, איינגעמאכטס, פאמעראנצען, אלץ עפעס אזוינס, וואס איז אי זיס, אי ביטער. פון א שטיקעל הוילע צוקער, פון א לעק ריינע האניג קריעגט ער לייב־שמערצען, דאס קען ער ניט פערדאיען. אלזא פאר איהם, ווייל ער איז אזוי געבויט, איז דיא האלבע פרייהייט גוט, — אבער פאר אונז?

פאר אונז, וועלכע האבען געפיהלט דעם דרוק פון דעספאטיזמוס אי אלס אידען, אי אלס פוילישע, אי אלס אלכסנדר׳ס אונטערטהא־נען, אי אלס פרייהייטס־מענער, אי אלס פראלעטאריער — פאר אונז פינף־פאכע אונטערדריקטע, — פאר אונז איז אזעלכע פרייהייט ניט קיין פרייהייט.

מעגען רעדען איז שוין פאר אונז ניט גענוג; מעגען רעדען פוי־ליש אדער אידעש איז פאר אונז אויך נאך ניט גענוג; מעגען ריידען פויליש אדער אידעש ניט זייענדיג איינגעשפארט אין עטליכע גו־בערניעס איז פאר אונז נאך אויך ניט גענוג; מעגען אומעטום רייד־דען פאר וואהרע מענשליכע פרייהייט איז פאר אונז אויך נאך ניט גענוג; אפילו מעגען ריידען געגען אונזערע בלוטזויגער בעפריעדיגט

אונז נאך ניט. אויב מיר זאלען פריי זיין, מוזען מיר מעגען זיין מענשען, מיט א פרייען גייסט, מיט א פרייען צונג, מיט פרייע הענד.

מיר דארפען האבען פרייהייט צו לעבען, צו געניסען און צו שאפען, פיר זיך און פיר אלעמען, דא און אומעטום, אויף איצט און אויף אימער.

מעגען געניסען די פרוכט פון אונזערע ארבייט; מעגען אויס־דריקען דיא געדאנקען פון אונזער מוח; מעגען אלץ טאן כל־זמן מיר שטערען ניט איינער דעם אנדערען; מעגען זיין ערהרליך און קוקען גלייך אלעמען אין די אויגען; מעגען ברענגען קינדער אויף דער וועלט, וועלכע זאלען אונז ניט דארפען דערפאר שילטען ווען זיי וואקסען אויף; מעגען הייראטהען דורך ווארע ליעבע אום אזעלכע קינדער צו ערצייגען; מעגען ווערן אלט אהנע צו זיין וועמען עס איז צו לאסט; מעגען עסען ווען מי דארף זיך ניט ווערגען, ווייל לעבען אונז זיפצעט א הונגעריגער;

מעגען האבען ניט כאפענדיג, געבען ניט שיינקענדיג, ליעבען ניט נארענדיג, טראכטען ניט זארגענדיג, בראוו זיין ניט מארדענ־דיג;

מעגען זיין שטאלץ אהן גאוה, געבילדעט אהן נערוועןשוואכע, גוט אהן פריסטער, קלוג אהן גאזעטשיקעס, שטארק אהן סאלדאטען, זי־כער אהן פאליציי, גערעכטעט אהן ריכטער און געוויסענהאפט אהן טורמעס,—

דאס אלעס זיין, דאס אלעס האבען, דאס אלעס טאהן, אט דאס רופען מ י ר פרייהייט.

## LX.

# ער, איהר און איך.

ער שטעהט מיר רק פאר די אויגען.

אמאל פלעג איך קענען לאכען. איצט ניט. ווען איך זאל איצט זעהן א סאציאליסט אויף רחל'ס קבר; א פראנצוזישען מיניסטער, וואס וויל ניט רייך ווערען; אן ענגלישען פאליטיקער, וואס געהט מיט'ן אמת; א טערקישען סולטאן, וואס שטארבט פון געוויסענביסע; אן איטאליענער, וואס איז ניט מגזם אין רייד־דען; א געוועזענעם ארעם־בחור וואס געהט ארום אהן א מעסעריל אין קעשענע; א לאנדאנער מייסטער וואס וויל ניט זיין קיין גבאי אין א שול; א לאנדאנער גבאי אין א שול, וואס וויל ניט זיין קיין מייסטער, אויב ער איז ניט; א שוחט'ס א ווייב וואס האט פיינט קישקעלאך און הונדערט אנדערע אזעלכע נפשות, — ווען, זאג איך, איך וואלט זיי היינט זעהן, וואלט איך אפשר זיך ניט געקאנט איינהאלטען א שמייכעל צו טאן, אבער געלאכט וואלט איך ניט.

אה, ניין! איך קען היינט זעהן ווי שעפסען קלייבען אוים א וואלף פאר א פיהרער; ווי פויערים גיבען א בער זייער האניג צו בעהאלטען; ווי מייז געהען דערצעהלען זייערע קריוודעס פאר א קאץ; ווי ארבייטער טוען תפילה פאר 'ן פאבריקאנט און מא־כען פאר א פרעזידענט אין זייער פעראיין... איך קען זעהן אן אלטען פאלקאווניק וועלכער זיצט אין א דזשורי ביי א מארד־פראצעס; ווי ביסמארק רייצט דעם דייטשען פארלאמענט אויף געגען דעם יונגען קייזער; ווי פרוי ענניע בעזענט שרייבט וועגען נסים; ווי אן ענגלישער לארד שרייבט ארום ארבייטער־אינטע־רעסען און ווי ארבייטער לייענען דאס — דאס קען איך אלעס

זעהן, אַלעס איבערקלערען און איבערטראַכטען און ביי מיר יאָוועט זיך איצט ניט מעהר קיין חשק צו לאַכען, ווי ביי אַ זאַגער ווען ער פאַרלירט וואו ער האַלט. איך קען מעהר ניט לאַכען ווייל ער... ער שטעהט מיר רק פאַר די אויגען סיי אין חלום, סיי אויפ'ן וואַהר.

נעכטען בין איך געזעסען אָבגעמאַטערטערהייט, ניט גאַנץ קראַנק, ניט גאַנץ געזונד, אַ שטייגער ווי די איצטיגע צייט; בין געזעסען זופּענדיג אַ ליטעראַרישען שלאַפטרונק, דאָס הייסט לעזענדיג אַ דומעס בוך, האָב געלעזען, געגענעצט און האָב איינגעדרעמעלט. מיט אַמאָל האָט זיך מיר אָבגעדוכט אַז איך זעה פאַר זיך אַ הויכען באַרג און אויפ'ן שפּיץ באַרג אַ יונגען מאַן מיט אַ שלאַנקע מאָגערע פיגור — ווי זיינע — רוהיג, געלאַסען, זאַנפט און מילד. דאַן איז מיר פאָרגעקומען אַז פון זיינע ליפּען איז אַראָבגעפאַלען דער שוואַרצער זיגעל פון דעם טויט און אַ הייליגער ווינד האָט זיי גענומען באַוועגען און זיי האָבען אַרויסגעלאָזען אַ שטימע, וועלכע איז ניט הויך און דאָך צום הערען, אַ שטימע, וועלכע דיאַ ביבעל רופט קול דממה דקה און וועלכע מען קען אויף קיין אַנדער לשון ניט בעשרייבען. פריי פון דעם אַמאָהליגען הוסט האָט זיאַ זיך אָבגערופען און האָט געזאָגט, רעדענדיג וויאַ אין דער לופט אַריין.

„גליקליך איז דער, וועלכער וועט לעבען דאַן, ווען עס וועט זיין שפּייז פאַר יעדען מאָגען, פרייהייט פאַר יעדע ברוסט, ליעבע פאַר אַלע הערצער, בילדונג פאַר אַלע מוחות, שיינהייט פאַר יעדע געשטאַלט און געזונדהייט פאַר יעדען גוף. אָבער גליקליכער איז דער וואָס קעמפּפט, ווי דער וואָס געניסט די פרוכט פון דעם זיעג; דער וואָס זוכט, ווי דער וואָס האָט דאָס געפונענע; דער וואָס מאַכט ווי דער וואָס באַנוצט די געמאַכטע זאַכען; דער וואָס שנייט פון זיין אייגענע זריעה און ברייננט די גאַרבען אין שייער אַריין, ווי דער וועלכער עסט פון אַלעם פאַרטיגען.

„די צייט פון האָבען איז נאָך וואייטליך; די צייט פון קריגען

וואָס מען קען האָבען איז נעהנטער; אָבער די צייט פון זוכען קומט איצט אָן, דערפאַר זאָג איך:

„לאָז יעדערער וואָס קען — לעבען, ווייל עס קומט אַ צייט, וועלכע עס וועט ווערטה זיין צו דערלעבען.

„זוכען הייסט קעמפפען. דער קאַמפּף, ער איז נאָהנט, — דער גרויסער, אַלגעמיינער, אומעטומיגער און ערנסטער קאַמפּף. גליקליך זיינען די, וועלכע וועלען איהם דערלעבען און מיטלעבען און איבערלעבען, — גליקליכער ווי מיר, וועלכע זיינען מעהר ניטאָ, גליקליכער ווי אונזערע אייגענע קינד'ס־קינדהער וועלכע זיי־נען נאָך ניטאָ.

דער קינסטלער האָט אַ בילדזייל פון מאַרמאָר, האַרעוועג־דיג שווער איבער דעם האַרטען שטיין. ער זעהט, אַז ער איז ניט ווייט פון זיין ציעל, און שטראַהלען פון פריידע בעלייכטען זיין פנים. ער איז גליקליכער ווי דער, וואָס האָט אויסגעגראָבען דעם שטיין. גליקליכער ווי דער וואָס וועט האָבען די סטאַטוע.

און אַזוי וועט איהר זיין אויב איהר וועט דערלעבען דעם גרויסען קאַמפּף.

אָבער האָט ניט קיין טעות:

איהר וועט זעהן אַ געוואַלדיגען ווינד, וועלכער וועט אויפהויבען וואָלקענס פון שטויב אין אַלע גאַסען, אויף אַלע וועגען און אויף אַלע שטעגען. איהר זאָלט ניט מיינען אַז דאָס איז דער קאַמפּף: דאָס וועט נור האָבען אָנגעמאַכט דיער ערשטער ריהר וואָס דער חיל וועט זיך טאָן.

און איהר וועט הערען טרויער־שטימען און יובעל־שאַלען, קלינגענדיגע גלאָקען און קלירענדע וואַפען און פיעל געשריי און אַ גרויסען טומעל. איהר זאָלט ניט מיינען, אַז דאָס איז דער ריכטיגער קאַמפּף־געגרויש: דאָס וועט נור זיין דער ערשטער אויסברוך אויפ'ן קול פון שוואַכע בעדריקטע און פון בעדריקענדע האַרטע הערצער.

און דאַן וועט איהר זעהן ווי די לופט וועט זיך נעהמען קלעהרען; ווי שולטערן וועלען קומען נעהנטער צו שולטערן, ווי הענד וועלען אָננעהמען הענד, ווי פּים וועלען פּאַרוויז זיך אויס־

שטעלען אין פראָנט, ווי א גייסט פון אחדות וועט ווי אַן עלעקטרי־שער שטראָם דורכגעהן די פעראייניגטע האנד־אין־האנד׳יגע מענ־שענמאסע און די מאסע וועט מיט איין אטהעם דישענען, מיט איין הארצען ווערען און מיט איין קול פערלאנגען פרייהייט און רעכט און אזוי אטהמענדיג, אזוי ווילענדיג, אזוי פערלאנגענדיג, וועט זי (די מאססע) זיך געבען א ריהר און וועט נעהמען מאר־שירען. דאן וועט איהר וויסען אז דער קאמפף האט זיך אנגעהויבען.

איך זאָג דערפאר:

לאָזען לעבען די וואָס קענען; עס קומען אַן צייטען וועלכע עס וועט ווערטה זיין צו דערלעבען.

* * *

און ווי ער האט גערעדט דיזע ווערטער האבען זיינע אויגען געקראַגען אלץ מעהר און מעהר גלאנץ, זיין בלייכער פנים מעהר און מעהר בעגייסטערונג, און זיין שלאנקע דארע פיגור איז עפעס אזוי ווי אויסגעוואקסען.

און דאן האבען זיך די וואָלקענס ביסלעכווייז ארונטערגעלאָ־זען אויפ׳ן שפיץ בארג וואו ער איז געשטאנען. זיי האבען פאר־שטעלט פון דעם מענשליכען בליק צוערשט דעם קאָפּ, דאן די האלז, דאן די ברוסט, און דאן זיין קערפער ביז ער איז אין גאנ־צען ניט געוואָרען. און דאן האבען זיך די וואָלקענס א רוק געטאָן צו מערב צו, און די לופט איז געוואָרען פריי און קלאָר און אויפ׳ן בארג איז שוין מעהר קיינער ניט געשטאנען. מיט א פארשטיקטען קול האב איך איהם נאָכגעשריען: ברודער, ברודער, האלט... איין וויילינקע, נאָך איין קליין וויילינקע! קיינער האט ניט געענטפערט און ער איז געווען פערשוואונדען — דער יונגער מאן.

* * *

מיט א מאָל האט זיך מיר אָבגעדוכט אז אויף מיינע שולטערן שטעהען צוויי פויגלען: א בילד־שעהנע טייבעלע אויף די רעכטע פלייצע און א שווארצער וואָראָן אויף די לינקע. די ביידע פייגלאך האבען צוגעלעגט זייערע קעפ צו מיינע אויערען.

און דער שווארצער ראָב האָט געזאָגט:

פון אויביג־אָן האָבען דיא מענשען געליטען,
און האָבען געגלויבט און געהאָפט;
זיי האָבען אומזיסט מיט׳ן אונגליק געשטריטען,
און זייער ערלייזונג — זי שלאָפט.
דער מענש איז צו אייביגע ליידען געבאָרען,
אומזיסט און אום־נישט איז זיין שטרייט;
ער בלייבט, ווי געווען, אין פערגאנגענע יאָהרען,
א שקלאפע פון צרות, וואָס שרייט...

אָבער דיא ווייסע טויב האָט געענטפערט:

דער מענש האָט ניט אימער ווי איצטער געליטען:
זיין היינטיגע קרענק איז ניט אלט;
זיין לאגע זי האָט זיך אין גאנצען געביטען,
זיין לייד האָט א נייע געשטאלט;
דאָך איז ער צו לעבען אין פריידען געבאָרען
און געהט, דאָס צו האָבען, אין שטרייט:
ער בלייבט ניט מעהר ווי אין פערגאנגענע יאָהרען,
א שקלאף, וועלכער דולדעט און ליידט.

איך האָב מיך ניט־ווילענדיג א טרייסעל געטאָהן און דיא ביי־דע פויגלען זיינען ניט געוואָרען.

* * *

ווען איך האָב מיך אויפגעכאפט, האָב איך לעבען זיך דער־זעהען דעם פריינדליכען פנים פון מיין איינקעל.

„זיידע—זאָגט ער — דו האָסט גערעדט פון שלאָף.“

איך האָב מיר א רייב געטאָהן די אויגען און האָב איהם גע־ענטפערט:

„הלואי וואָלטען אלע גערעדט פון שלאָף אנשטאָט וואס זיי שלאָפען איין פון רעדען. דו פערשטעהסט ניט? זעץ זיך דאָ לע־בען מיר אויפ׳ן שטול און איך וועל דיר דאס ערקלערען.“

„אין דער מדינה, פון וואנען איך קום, לאָזען די הערשער קיי־

נעם ניט רעדען און רעדען אליין אויך ניט. דאָ אין ענגלאנד רעדען די הערשער אזוי פיעל, אז דאס פאָלק קומט זעלטען ווען צום וואָרט. דאס איז אָבער נור אין דיא הויכע פלעטצער, וואו האלטען א רעדע הייסט זאָגען א דעה. צווישען זיך אָבער רעדט דאס פאָלק גאנץ גענוג און רעדט וועגען רעדען, דאס הייסט, וועגען די ספּיטשעס פון אנדערע. אָה, די פערפלוכטע ריידעריי! דער ענגלישער קרוין־פּרינץ עפענט א הקדש פאר דיא, וואָס ער העלפט אָרעם מאכען, און ער זאגט א דרשה; א קריעגס־מיניסטער, וואָס טויג צו קיין אנדער מלחמה ניט וויא מיט זיין ווייב און קינדער, האלט אלע ווייַלע א רעדע; דער פינאנץ־מיניסטער, וואָס קען אָהן זיין סעקרעטער קיין שווערען כפל ניט בערעכענען, פאָהרט ארום און דרשה'נט; יעדער בישאָפּ, יעדער קאנאָן (געוויינליך ניט ווערטה קיין שום פּולווער), יעדער גייסטליכער, יעדער באראבאנשציק פון די סאלוויישאן ארמיי, יעדער געוועזענער שכור וואָס פּרעדיגט וואסער טרינקען און קאיען דיא בלאָטע; יעדער פּאָליטיקער (און פיעלע פון זיי זיינען הינט לגבי א מינסקער פּרוש) אין יעדען ליבעראלען און קאָנסערוואטיוען קלוב פון יעדע שטעדטעל אין יעדער געגענד פון ענגלאנד, געהט ארום און איז א מגיד. דאס פאָלק הערט דאס אלעס צו (און אויס) און קומט אהיים און רעדט איבער אלץ וואס איז גערעדט געוואָרען.

און זיי זיינען איינגערעדטע ארעמע לייט. דיא ענגלענדער, פארשטעהסטו מיין קינד, וואָלט מען אזוי לייכט אין צוויק ניט געהאלטען, ווען מען וואָלט זיי ניט איינגערעדט, אז זיי זיינען בעלי־דעות איבער זיך, אז בריטטאנס וועלען קיינמאָהל קיין שקלאפען ניט זיין", אז דער ענגלענדער איז דיא סמעטענע פון גאנצען אייראָפּעאישען מילך־קרוג. מען שלעפּערט זיי איין אויף דעם אופן מיט רייד און זיי שלאָפען... שלאָפען אָפּט ניט געגעסענע. דער פּרומאַק פון קירך, דער ליידאק פון קלאָב, דער פּרעדיגער פון גאס, — יעדער הילכט איהם אין מוח ביז ער שלאָפט איין. וואס גאָט'ס סטראפּטשע הויבט אָן, ענדיגט גלעדסטאָן'ס סטראפּטשע און זיי ביידען העלפט אונטער דער וואסער־פּרעדיגער.

איצט זאג, מיין ליבער אייניקעל, וואס איז ערגער — שלאפען פון רייד, אדער רעדען פון שלאף ?

ער האט ניט געענטפערט, אבער זיין שוויינען איז געווען דער בעסטער ענטפער : ער האט געכראפעט פון מיין זיסע רייד.

ווידער אמאל :

א פלוך אויף דיא ריידעריי.

צווייטער טהייל.

# בילדער, ווערטער און חקירות

## 1889—1893

LXI.

## דער שווערד פון דאמאָקלעס.

אויף דעם אינזעל סיציליען איז דאָ אַ שטאָדט סיראַקוזע. דאָרטען האָט אַמאָל געהערשט אַ טיראַן דיאָניזיוס — מיט אַ יאָהר 2300 צוריק — און ער, ווי אַלע אַנדערע טיראַנען האָט אַרום זיך געהאַט פּאַראַזיטען־חניפושניקעס. איינער פון זיי אַ געוויסער דאַמאָקלעס, האָט זיך געוואָלט צו מאַכען צו דיאָניזיוס און האָט איהם געזאָגט אַז ער, דער טיראַן, מוז זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט. אָרעמער דאַמאָקלעס! ער האָט פּערגעסען — אפשר האָט ער קיינמאָל ניט געוואוסט — אַז טיראַנען איז אַפּילו צו חנפ׳ענען געפעהרליך. דיאָניזיוס האָט איהם דאָס גלייך בעוויעזען. ער האָט, נעמליך, דעם חונף איינגעלאַדען צו אַ מאָהלצייט, האָט פאַר איהם אוועקגעשטעלט די זעלטענסטע און פיינסטע שפּייזען און משקאות, האָט איהם אַרומגעשטעלט מיט אַלערליי בריליאַנטען און טייערע זאַכען, אָבער איבער זיין קאָפּ האָט ער פון באַלקען געלאָזט אויפהענגען אַ בלאַנקען שווערד אויף אַ פערדישען האָאר, וועלכער האָט יעדען אויגענבליק געקענט אַראָפּפאַלען אויף דאַמאַקלעס׳ס האַלז און מאַכען אַ סוף פון זיין גליק און פון זיין לעבען. „אַה, בעפריי מיך פון דיעזע גליקזעליגקייט!״ האָט זיך דער דערשראָקענער דאַמאָקלעס געבעטען. ער האָט דאַן פערשטאַנען צוויי זאַכען: ערשטענס, אַז דער פוקס דאַרף וויסען ווי צו חנפ׳ענען דעם לייב, און צווייטענס, אַז דער מלך וואָס איז אַ חיהרעה לעבט אַליין אויף אין הוילע ציטערנעס. — פון יענער צייט אָן איז דער שווערד פון דאַמאָקלעס געוואָרען אַ שפּריכוואָרט, וועלכעס דריקט אויס די גרעסטע געפאָהר דאָרטען, וואו דער געוואוינליכער צוזעהער זעהט דאָס העכסטע גליק.

* * *

זונטאג פאר נאכט, אין א בעהאלטענע שטעגעלע אין פארק זיצען צוויי יונגע מענשען — אן ער און א זי. ער איז געזונד, שטארק און גרויס, זי איז מילד, ליעבליך און שעהן. ער איז אלט א יאהר אכטצעהן, זי — א יאהר זעכצעהן.ביידע צוזאמען זיינען גליקליך, זעהר גליקליך. דאס זעהט דער גרויסער בוים וואס שטעהט נעבען זיי און בענטשט זיי, דאס זעהען די בלומען אינ׳ם בייט, וואס שמייכלען צו זיי פון וויטען, דאס זעהט די זונן אין הימעל, וואס געהט אונטער, זאגענדיג: אויף ווידערזעהען ליעבע קינדער! ביז מארגען! ער און זי ריידען זעהר ווייניג. זיין רעכטע האנד איז ארום איהר טאליע, איהר רונדע, בלאנדע קעפעלע אויף זיין פלייצע, זיין לינקע האנד אין איהר רעכטע און זי שפיעלט זיך מיט די פינגער פון זיין האנד. זייער שפראכע איז א לשון אהן ווערטער די ליעבעס־שפראכע זיי פערשטעהען זיך אזוי ווי די שטומע טויבען פערשטעהען זיך. ווען דאס הארץ איז צו פול איז דער צונג בעוועגונגסלאז און וואהרע ליעבע שווייגט. מיט א מאל הערט זיך א פיפס פון א פויגעלע. דאס איז איהר שטימע.

„וואס זאגסטו, אמאליע?“ פרעגט ער איהר.

„איך? גאר נישט.“ ענטפערט זי.

זייערע ראזיגע ליפען קומען צוזאמען, עס הערט זיך א שטי־לער, אבער ווארימער קוס און דאן ווערט אלעס פון דאס ניי רוהיג, שטיל. זיי זיינען ביידע פערטראכט, זיי האבען קיינעם ניט אויף דער וועלט, אבער ער האט געזונטע הענט, ער וועט א ביסעל מעהר צו־ארבייטען, וועט... קורץ, אין א חדש צייט קען ביי זיי זיין חתונה... אה, ווי גליקליך זיי זיינען! דער קליינער ליעבעס גאט אמור שמייכעלט צו זיי פון אויבען, אבער... אה, א פלוך אויף דעם אבער! אבער אמור איז א בלינדער גאט, בלינד ווי די צוויי פערליעבטע אליין און ער זעהט ניט אז איבער זייער קאפ הייננט דער שווערד פון דאמאקלעס! ער זעהט ניט אז די געזונדע הענד מעגען א חדש נאך דער חתונה ניט האבען קיין ארבייט

און אז די ערשטע פרוכט פון זייער הייליגע ליעבע מעג געבארען ווערען אין ווארקהויז...

* * *

דער ווינטער־פאלאסט איז אויפגעראמט. סענדער — דער דיאניזיוס פון רייסען — איז לוסטיג. דיאמאנטען און בריליאנטען, פראכט און לוקסוס, שעהנע בלאהע אויגען פון אויסגעבלוזטע דאמען, א געדעקטער טיש, מוזיק און געזאנג און די אויסזיכט אויף בלוט, די האפנונג אויף א קריעג! פוילען קרעכצעט — דער קרעכץ איז בעסער ווי א סימפהאניע פון בעטהאווען, ווי גלינקעס אן אפערא, ווי רובינשטיין׳ס אריען; דער פויער זיפצט — סענדער איז ענטציקט; ישראליק ווײנט — וואס קען זיין זיסער צו הערען; סענדער איז גליקליך! דער קרעכץ, דער זיפץ, דער געוויין, דאס זיינען געטליכע טענער, הימלישע מוזיק, אין אויער איז זיס, פאר די אויגען פראכט און גלאנץ, אין גומען רייצענדע שפייזען און געטרענקע. ער איז גליקליך, זעהר גליקליך איז סענדער! און זשעליאבאוו איז טויט און גרעסער לעבט, און חוץ די ביבעל איז אלעס פערבאטען, און דער רובעל שטייגט און ביסמארק קען אייביג ניט לעבען! ווי גוט איהם איז!

אבער איבער׳ן קאפ הייננט דער שווערד פון דאמאקלעס!

* * *

בארמהארציגער גאט! האב רחמנות אויף די רייכע לייט! האב רחמנות אויף די שופטען! דו ביזט זייער גאט, דו האסט זיי אוועקגעגעבען די וועלט, דו האסט זיי פערזארגט מיט אלעם גוטס, דו האסט זיי געגעבען קארעטען וואס פיהרען זיי, פערד וואס טראגען זיי; דו האסט זיי געגעבען אייזלען צום רייטען, און אייזלען צום פעראכטען, און אייזלען וואס קניען זיך פאר זיי; דו האסט זיי געגעבען רייכע לייט׳ס מיידלעך פאר ווייבער און ארעמע לייט׳ס טעכטער פאר מעטרעסען, דיענסטען און גובערנאנטקעס; דו האסט זיי געגעבען געלד צום פערשווענדען, געלד צו פערשפיעלען און געלד אויף צדקה; דו האסט זיי געגעבען זומער־הייזער און ווינטער־הייזער, טהעאטערס און באלעטען, ביכער ניט

צו לעזען און דעם שכל דערצו; דו האָסט זיי פערזאָרגט מיט אלץ אין דער וועלט, אפילו מיט פרעמדע אונגליקען אום צו פיהלען זייער גליק נאכהער; דו מאכסט שיפבריכע, גרויסע שרפות, עקספּלאָזיאָנען אין קוילענגרובען, מלחמות, ערד־ציטערנים, אום זיי צו אמוזירען, צו אונטערהאלטען, זיי צו געבען שטאָף צום ריידען; דו האָסט זיי אלעס, אלעס געגעבען, אָבער זיי זיינען ניט אין גאנ־צען גליקליך; זיי פיהלען דעם גרויסען שטורם וואָס הויבט זיך אויף, זיי לעבען אין ציטערנעס, און אַ בת־קול קומט יעדען מאָרגען ארויס פון דער גרויסער ארבייטער־חורבה וואָס הייסט זיי אויפ־הויבען די קאָפּ און ווייזט זיי דעם שווערד פון דאמאָקלעס אויפ'ן פערדישען האָאר. זיי עסען, זיי טרינקען, זיי לאכען, זיי זינגען, זיי טאנצען און פערגניגען זיך, אָבער זיי האָבען מורא...

בארמהארציגער גאָט, זעה, האָב רחמנות אויף די רייכע לייט... די אָרעמע לייט וועלען זיך אליין העלפען...

## LXII.

### קורצע אָבער ניט צושלאָגענע רייד.

איהר זעהט מענשען, וועלכע גנב׳ענען ניט, ווייל זיי האָבען דעם מוטה ניט דערצו; זיי רופען זיך עהרליך, איך רוף זיי טרוסען.

איהר זעהט מענשען, וועלכע בעטריגען קיינעם ניט מעהר, מחמת קיינער טרויט זיי ניט מעהר. זיי רופען זיך עהרליך־געוואָרענע פערזאָנען—איך רוף זיי אונגליקליכע בעטריגער.

איהר זעהט מענשען, וועלכע עפענען קיינמאָל די מויל ניט אויף, ווייל זיי קענען ניט רעדען; זיי רופען זיך קלוגע, איך רוף זיי פערשוויעגענע נאַררען.

איהר זעהט פרויען, וועלכע בעהאַלטען זייער האַלז אין טיכער און אין הויכע קאַלנערס; זיי רופען זיך צנועות; איך בין זיי חושד, אז זיי האָבען שווארצע — העלזער.

איהר זעהט מענשען, וועלכע געפינען חסרונות אין יעדערן און מעלות אין קיינעם ניט; זיי רופען זיך מענשען־קענער, איך רוף זיי לשון־הרע׳ניקעס.

איהר זעהט סאָציאליסטישע פאַנאטיקער, וועלכע טהוען פיר זייער אידעע גאָרנישט חוץ בעריידען אנדערע, וואָס טהוען יא עט־וואָס; זיי רופען זיך אייפריגע אידעאליסטען, איך רוף זיי לויזע מיילער—אין פוסטע קעפ—אויף שוואכע פּלייטשעס—מיט א פער־דאָרבענע הארץ—פול מיט קנאה־שנאה.

איהר זעהט אכטצעהן־יאהריגע יונגע לייט, וועלכע זיינען שוין פאַלקאָמענע קויפלייטע, אָהנע יעדעס געפיהל, חוץ געלד־ליע־בע; זיי רופען זיך פּראַקטישע מענשען, איך רוף זיי געמיין.

איהר זעהט שעפסען, וועלכע מיידען אויס יעדען וואָלף, אָנ־

שטאָט איהם געמיינשאַפטליך צו בעקעמפפען; זיי רופען זיך פריעד־ליכע פערזאָנען, איך רוף זיי שעפּסען.

איהר זעהט מענשען, וועלכע געהען אין קרומע וועגען, ווייל אין דיעזע וועגען זיינען זיי אימער געגאַנגען; זיי רופען זיך קאָנ־סעקוועגטע מענשען, איך רוף זיי אונפערבעסערליכע לומפּען.

איהר זעהט ווידער אַנדערע, וואָס טוען אַלערליי דומהייטען, ווייל זיי האָבען איינמאַל געזאָגט אַז זיי מוזען דאָס טאָן; זיי רופען זיך שטאַנדהאַפטע, פעסטע כאַראַקטערע, איך רוף זיי דומע עקשנים.

איהר זעהט געוויזענע אידעאַליסטען וועלכע זיינען יעצט „טיכטיגע קויפלייטע" און בעריהמען זיך דערמיט, וואָס זיי האַלטען ניט מעהר פון אידעאַלען; זיי רופען זיך ניכטערע, ערפאַה־רענע וועלט־מענער, איך רוף זיי האַבונעס.

איהר זעהט אַלטע־לייט, וועלכע לאַכען פון ליעבע; זיי רו־פען זיך קלוג, איך רוף זיי אַלט.

איהר זעהט אונגלויביגע פּערזאָנען, וועלכע גיבען זייערע קינ־דער אַ רעליגיעזע ערציהונג; זיי רופען דאָס פון יוצא־וועגען איך רוף דאָס פון שווינדעל־וועגען.

איהר זעהט פּריוואַט־ליעבענדע מענשען, וועלכע וואַיעווען איבער זייער הויז־געזינד; זיי רופען זיך בעלי־בתים, איך רוף זיי פאַמיליען־טיראַנען.

---

אַ זעכציג־יאָהריגער מאַן זאָגט צו מיר: דיא סאָציאַליסטען לאַרעמען און שרייען און אַגיטירען און דאָך בלייבט דער סאָציאַ־ליזמוס נאָך אימער „איין אידעאַל דער צוקונפט". דער אַלטער איז ניט קלוג. אַן אידעאַל, וויא דער סאָציאַליזמוס ווערט ניט פער־ווירקליכט אין איין טאָג. דער מאַן פערגעסט אַז איהם אַליין האָט גענומען 60 יאָהר צייט אום צו ווערען... וואָס? נו, פון אַ קליינעם יונגען נאַרעלע אַ גרויסער אַלטער נאַרר.

---

זעהט איהר דעם יונגען מאַן, וואָס שטעהט דאַרטען ניט ווייט

פון אייך? ער איז א היציגער סאציאליסט — אזוי זאגט מען — און דאך ווייס איך, אז ער האט פערפיהרט און האט אונגליקליך געמאכט אויף אייביג אן אונשולדיגע... וויא ערקלערט זיך דאס? איך וועל אייך זאגען: ער איז ניט אזוי היציג און ניט אזוי סאציאליסטיש, וויא איהר מיינט; ער איז ניט דערבאקען און, אבגלייך ער זעהט אויס פון אויבען פערברענט, איז ער דאך אינוועניג רויה.

איך האב א לאנגע צייט ניט געגלויבט אין הייליגע...

איין טאג האט זיך אויפ'ן גאס אין שמוץ ארומגעוואלגערט א ליליע, וועלכע איז א קורצע ווייל פריהער געווען ארויסגעפאלען פון א בלומען־קראנץ (א מין בלומען־פאמיליע), אין וועלכע זיא האט געבליהט און געלעבט. איצט איז די ליליע געווען אין גאס און אין בלאטע. טויזענדע זיינען פארבייגעגאנגען, הונדערטע האבען זי אנגעבליקט און עטליכע האבען זי בעטראכט. „א געפאלענע ליליע" — אן איינגעבלאטיגטער בלום — „טפוי! עקעליג!" אזוי האבען זיי אויסגערופען און האבען זיך פון איהר אבגעווענדעט מיט פעראכטונג.

די געפאלענע ליליע האט אנגעהויבען צו וועלקען.

מיט א מאל האט דער צופאל צוגעפיהרט אן ארבייטער צום ארט, וואו זי האט זיך ארומגעוואלגערט. דער ארבייטער האט איהר דערזעהן, האט זיך אפגעשטעלט און האט דעם בלום גענוי בעטראכט. ער האט צו די געפאלענע ליליע געזאגט: „ארעמע בלימעלע! דו ביזט ניט אימער געווען אויפ'ן גאס אין שמוץ; דיין אונגליק האט געבראכט דער בייזער ווינד, וועלכער האט דיך ארויסגעריסען פון קראנץ, אין וועלכען דו האסט געבליהט; קום צו מיר, אונגליקליכע, איך וועל דיר געבען שוץ."

ער האט דאס געטאן. וואס טויזענד אנדערע וואלטען אפילו גאר ניט געטראכט צו טאן — דאס האט דער פראסטער ארבייטער געטאן, און די דאנקבארע ליליע בליהט פון דאס נייע.

א לאנגע צייט האב איך ניט געגלויבט אין הייליגע...

פון יענעם טאג אן גלויב איך.

## LXIII.

## טאנטאלוס.

האמער דערצעהלט פון א געוויסען פריגישען קעניג טאנטא־לוס, וועלכער האט געהאט אזוי פיעל חן ביי די געטער, אז ער פלעגט מיט זיי עסען ביי איין טיש און הערען זייערע סודות. ער האט אבער געגען די געטער געזינדיגט און זיי האבען איהם דער־פאר פערמשפט צו לעבען אין הונגער און דורשט, האבענדיג נעבען זיך וואס צו עסען און צו טרינקען. מען האט איהם, נעמליך, אריינ־געווארפען אין א טייך, וואס איז געווען אין גיהנום, און דארטען איז פאר זיין מויל געווען קריסטאל־קלארע וואסער, וועלכע פלעגט צוקומען ביז זיינע ליפען און זיך צוריקציהען, אזוי גיך ווי ער האט געוואלט א זופ טהאן, וועהרענד איבער זיין קאפ איז געהאנגען א צווייגעל מיט די רייצענדסטע פרוכטען, וועלכער פלעגט זיך אויך ארפלאזען צו זיין מויל און פערשווינדען פונקט אין דעם אויגענבליק, ווען ער פלעגט וועלען א ביס טהאן. — ביז היינטיגען טאג איז געבליבען דער אויסדרוק „טאנטאליזירען", וועלכען מען געברויכט, ווען מען וויל זאגען, אז מען רייצט זיך מיט איינעם, דורכדעם וואס מען ווייזט איהם גוטע זאכען און מען גיט איהם ניט אויב... האלט! וואס איז דאס?

* * *

אה! בעטסי'ס לויה! איך האב איהר זעהר גוט געקענט. א מערקווירדיגע מיידעל: זי האט ניט פיינט געהאט די לאנדאנער פאגעס. נאך מעהר, זי האט זאגאר ליעב געהאט דעם דיקען רויך נעבעל, די מכה חשך פון לאנדאן. איהר וועט באלד זעהן וואָרום. בעטסי איז געווען אן ארעמע יתומה פון געוועזענע רייכע עלטערן. זי איז אויפגעהאדעוועט געווארען אין גרוים וואוילטאג, אבער נאך

איהר מוטער׳ס טויט (דער פאטער איז געשטארבען מיט עטליכע יאהר פריהער) איז זי אויף א קורצע צייט געווארען אן ארבייטערין, און ווען זי האט קיין ארבייט אויך ניט געהאט איז זי ביסלעכווייז געווארען ארעמער און עלענדער און מאגערער — קורץ אן ארעמ־מענש. זי האט פערלארען פיעלע פון די ווייסע ציינער, די רויטע פארב פון די ליפען, דעם גלאנץ אין די אויגען; די שיינהייט פון פנים, די קליידער פון גוף — אלעס, אלעס; אבער ניט דעם שטאלץ און ניט די לוסט צו די גוטע זאכען, וואס זי האט איצט געזעהען און אמאל געהאט. זי פלעגט ארויסגעהן אין גאס, זעהר אפט הונגעריגערהייט, פלעגט קוקען אין די גרויסע שוי־פענסטער פון די גרויסע לאנדאנער לאדענס און פלעגט ווינשען, ווינשען, און ווינשען, דיעזעס, יענעס — ווינשען, ווינשען און ניט האבען. איינמאל האט זי געהאט א געלעגענהייט צו גנב׳נען, אבער די פורכט פאר׳ן געריכט האט איהר אבגענומען די הענד, און זי איז געבליבען ניט האבענדיג. ווען זי איז אוועג פון דעם שוי־פענסטער האט זי זיך דערמאנט אן איהר ליידיגען מאגען. זי איז געקומען צו א רעסטאראן. עס האט איהר דערלאנגט א האק אין נאז דער אנגענעהמער גערוך פון געשמאקע שפייזען, זי האט זעהר געוואלט ערפרישען דעם גומען מיט א גוטע שטיקעל בראטען, ווי אין די אמאליגע יאהרען, אבער זי איז געבליבען ביי׳ן ווינשען. און איצט האט מען איהר ארויס־געווארפען פון דירה. „מען מוז שלאפען אין גאס" — האט זי ביי זיך בעשלאסען, ווייל בעטלען האט זי ניט געוואלט און בארגען האט זי ניט געקענט: ארעמע־לייט האבען ווייניג־וואס קרעדיט. יא שלאפען אין גאס, אבער דאס איז ניט אזוי לייכט, ווי דו מיינסט, בעטסי! זי האט דאס באלד אליין ארויסגעפונען. די ערשטע נאכט האט זי געוואנדערט דריי־פיער שעה, ביז זי איז שטארק מיד געווארען. זי האט זיך צוגעזעצט אויף א בריקעל און האט איינגעשלאפען און איהר האט זיך געחלום׳ט, אז זי שלאפט אין א ווייכע בעט אין די שעהנע הויז, אבער אפילו דעם טרוים האט מען איהר צושטערט; א פאליציייסקער האט איהר אראפ־געטריבען פון טרעפעל. זי איז אוועקגעגאנגען. א יונגער מאן איז

פארבייגעגאנגען, האט זיך אין איהר איינגעקוקט. „שכור!“ האט ער אויסגערופען, און האט זיך פון איהר אבגעקעהרט מיט עקעל. בעטסי איז ווייטער געגאנגען. זי האט פראבירט איינשלאפען אונטער דעם וואייע־דוקט אין האלבארן; די פאליציי האט איהר פון דארטען אויך פעריאגט. זי איז ארומגעגאנגען היז טאג, וועלענדיג — וועלענדיג א שעהנעם צימער, א שעהנע קלייד, א גוטען מיטאג, און דאן איז ווידער געווארען נאכט און בעטסי האט אלץ ניט געהאט, וואו צו שלאפען. צום גליק איז געווארען א געדיכטער שווארצער פאג — בעטסי האט געדאנקט גאט און דעם פאג און האט גענעכטיגט אונטער א בריק, ווייל די פאליציי קען ניט זעהן ארעמע לייט אין א פאג. די צווייטע נאכט אויך אזוי און די דריטע האט זי, ווי עס שיינט, זעהר געשמאק געשלאפען און האט געוויס געהאט א גאנץ זיסען חלום, אין וועלכען זי האט פיליכט געזעהען פיעל שעהנע זאכען, אזעלכע זאכען, וואס זי האט שוין לאנג, לאנג געוואלט און ניט געהאט. יא, זי האט געמוזט זעהר געשמאק שלאפען די דריטע נאכט, ווייל זי האט זיך ניט געאיילט אויפצושטעהן. א פאליציסקער איז געקומען, ווען דער פאג — בעטסי'ס פריינד — איז אוועק; ער האט איהר געוועקט, אבער זי איז ניט אויפגעשטאנען. בעטסי איז געוועזן טויט.

אבער טאנטאליזירט ווערט זי איצט ניט מעהר.

* * *

ביי מיר איז ווי אמאל. ווען איך זעה די גרויסע ליידען פון די גרויסע מאסען, פערקלעמט מיר ציטענווייז די הארץ. ציטענווייז לאך איך. אייגענטליך איז עס דאך לעכערליך, אז דער ריעז מיט הונדערט טויזענד קעפ, דער אלמעכטיגער ארבייטער זאל שטילערהייט הונגערן, שמאכטען, ליידען, דערשטיקט ווערן אין שלעכטע לופט און שטארבען פאר דער צייט; אז דער המון דער אלץ־טועד זאל זיין דער גאר־נישט־האבער, און זאל געהן מיט א ליידיגען מאגען אין א שוואכען לייב, בעדעקט מיט קאדרעס, ווען פאר זיינע אויגען איז דא מעהר ווי גענוג קליידער, געטרענקע און שפייזען! וואלט ניט יעדער געלאכט, ווען א גבור ווי שמשון וואלט

געלאָסן געלעגן אַ געבונדענער אין שטריק ווען ער האָט בכוח די שטריק צו צורייסן אויף שטיק־שטיקלעך מיט איין מאַך מיט'ן האַנט? איך קען בעגרייפען, אַז אַ מאַן ווי טאַנטאַלוס, זאָל זיך לאָזען מוטשענען דורך אייביגע הונגער און דורשט: ער איז אייגער און זיינע פערפאָלגער זיינען פיעלע; ער איז אַ מענש, זיי זיינען געטער. אָבער עטליכע מענשען זאָלען פעראורטהיילען צו אזא שטראָפע גאַנצע מיליאָנען און די מיליאָנען זאָלען זיך ניט וועהרען — דאָס בענעהמט מיין שכל ניט. די פיעלע זאָלען זיך לאָזען טאַנטאַליזירען פון די ווייניגע — דאָס איז לעכערליך, דאריבער מוז איך אָפט לאַכען.

* * *

ציימענווייז אָבער פערקלעמט מיר די האַרץ.

ווען איך זעה די אַרבייטערס אונשולדיגע קינדער; ווען איך בעטראַכט אַ באַרוועסען איינגעלע מיט גלענצענדע פעהיגקייטען און קלער אַז דער איינגעל, וועלכער וואָלט אפשר געקענט ווערן אַ שעקספּיער, וועט ווערן אַ גנב און אַנאַנדערער, וואָס האָט אַ קאָפּ צו ווערן אַ קאָלומבוס, קען ווערן אַ רויבער; ווען איך זעה די אַרבייטערס אונשולדיגע עופה'לאך, ווי זיי וואַכסען אויף אידיאָטען, אויב זיי שטאַרבען ניט אין דער קינדהייט; ווען איך זעה זייערע שעהנע מיידעלעך און קלער, אַז אין צעהן פונפצעהן יאָהר אַרום... דאַן, ברידער, פערקלעמט מיר די האַרץ.

LXIV.

## וואס איך האב דעם יונגען מאן געזאגט.

מיט עטליכע טעג צוריק איז צו מיר געקומען א יונגער מאן און האט מיך געפרעגט, וויא א פראפאגאנדיסט דארף זיך אויפ־פיהרען. איך האב מיט איהם געהאט א לאנגע אונטערהאלטונג, ער איז מיר געפעלען געווארען און איך האב ערפילט זיין בקשה, איך האב איהם געגעבען די פאלגענדע צעהן רעגעלען. איהר מעגט זיי הערען:

.1

„איידער דו ווערסט א סאציאליסט, זיי א מענש. דער סאציא־ליזמוס וועט די מענשען גליקליכער מאכען; מענשען מוזען זיי אליין זיין.

.2

„האלט טייער דיינע איבערצייגונגען און שעץ דיינע פרינצי־פען, אבער ווען דו זעהסט ביי מענשען אנדערע איבערצייגונגען און אנדערע פרינציפען—פעראכט זיי ניט, זאנדערן בעלעהר זיי. נור פאלשקייט איז פערעכטליך.

.3

„זאג ניט: מיט דעם איז ניטא וואס צו רעדען, יענער איז אן עקשן א. ז. וו.; שפרייט דיין לעהרע אומעטום און זיי געווים, אז ערגעץ־וואו וועט די זאאט אננעהמען און וועט הונדערט־פאכע פרוכט טראגען.

.4

„מיינונגען, וועלכע דו האלסט פיר פאלשע, מוזטו בעקעמפ־פען; בעקעמפפ זיי אבער אהן זידלעריי, וויל ווער עס וויל אז זיין העגען זאל זיין שארף, מוז איהם האלטען זויבער און בלאנק.

.5

„מען פלעגט אמאל זאגען : אלע וועגען פיהרען קיין רוים. דאסזעלבע קען מען זאגען פון'ם סאציאליזמוס. דעננאך זיינען דא לאנגע וועגען און קורצע, קרומע וועגען און גלייכע. טאמער דאכט זיך דיר, אז עס געהט ווער עס איז אין א קרומע וועג, זיי איהם מתרה מיט צעהן התראות, אבער שלעפ איהם ניט מיט געוואלט צו זיך; אין דער רייסעריי פערליערט איהר ביידע צייט, וועלכע קומט נור צו־ניץ אייער געמיינשאפטליכען פיינד.

.6

„זיי ניט קיין דרשן, זיי א לעהרער, און לאז דיינע צוהערער אוועקגעהן איבערצייגט, ניט גלויבענדיג. אמת, דו וויזט זיי די צוקונפט און אין דיא צוקונפט, וועלכע מען זעהט נאך ניט, מוז מען גלויבען, אבער דארף מען דען זיין א גרויסער מאמין אום צו גלויבען, אז נאך היינטיגען ווינטער וועט קומען דער פריהלינג?

.7

ריייד קורץ און שארף, אבער פערשטענדליך. האב בכוח ניט צו זאגען א גוט־ווארט דארטען וואו עס פאסט ניט. אפיקומן וואלט ניט געווען ערגער וויא אנדערע מצה ווען מען וואלט דאס ניט עסען, ווען מען פאלט שוין אויפ'ן נאז.

.8

פראפאגאנדיר ניט צווישען אלטע לייט: זייה ניט אין ווינטער.

.9

„פערראכט ניט דיין פובליקום, טראכטענדיג: אט פאר זיי.... וועט דאס אויך גוט זיין. דאס, וואס איז שלעכט, טויג פאר קיינעם ניט. אויסער דעם וועסטו אזוי לאנג פרעדיגען, ביז דיין פובליקום וועט אם ענד דיך פעראכטען; אפילו פויערים קען מען מעהר וויא איינמאהל ניט אפנארען מיט פערפוילטע סחורה.

.10

„טאמער אפלאדירט מען דיינע א נארעשקייט, זיי דערמיט צופריעדען, אבער רייד ניט אויף דעם סמך נאך אנדערע נארעש־קייטען.

דיעזע צעהן כללים האָט דער יונגער מאַן זיך פארשריעבען. ווען ער האָט געענדיגט שרייבען, האב איך צו איהם געזאָגט: ווען דו רעדסט ניט פאר אנדרע—הער; ווען דו שרייבסט ניט—לייען. פון פיעל הערען און לייענען, וואָס אנדרע זאָגען און שרייבען, וועסטו אליין ווערען א גוטער רעדנער און שרייבער.

ווען דו ווילסט האלטען א גוטען פאָרטראַג, טו ווי מען טהוט, ווען מען וויל בויען א גוטע הויז. הויב אָן מיט א קורצע איינלייטונג, וואס דאס איז דער פונדאמענט פון דיין רעדע; דאַן נעהם די פאקטען, וואָס זיי זיינען דיינע ציעגעל, שטעל זיי צוזאמען מיט דעם צעמענט פון שכל, און בוי אויף דאס הויפט-געביידע פון דיין פאָרטראג; דאַן ערשט לייג ארויף דעם דאך מיט דיא בעפוטצונג — דעם שלום פון דיין אנשפּראכע.

זעה, אַז דיין זאך זאָל ניט זיין צו שווער פאר'ן בנין און אַז דאָס גאַנצע זאָל זיין געבויט סיממעטריש און וואו עס פאסט.

אזוי וויא מען בויט ניט א שעהנע הויז אויף א זומפּ אזוי דארף מען ניט האלטען א געלעהרטען שעהנעם פאָרטראג פאר פערדאָרבענע מענשען.

היט זיך פון גוזמאות. געדענק אז דיינע געגנער פּאסען אויף אויף אלץ, וואָס דו זאָגסט, און ווען זיי קענען דעם המון בעווייזען, אַז וואו דו זאָגסט דריי איז מעהר ניטאָ וויא צוויי, קענען זיי אָפּשוואכען דעם פאָלק'ס צוטרויען צו דיר. איבערטרייב אלזאָ ניט.

---

דאָ האב איך זיך אָבגעשטעלט. דער יונגער מאַן האָט זיך פערטראכט. איך האָב איהם ניט געשטערט. א גייסטיגע שפּייז מוז אויך פערדייט ווערן און צום פערדייען איז נויטיג רוהע, עטוואָס רוהע גלייך נאָך דעם עסען. איך האָב איהם געלאָזען טראַכטען. ער איז אויפגעשטאַנען.

„ווע֗לען מיר דערלעבען צו זעהן די שעהנע צייט, וועלכע מיר ווילען ברענגען?" — האָט ער מיך געפרעגט.

„פיליכט איך ניט; דו געוויס. און אפילו ווען דו זאָלסט דאס אויך ניט דערלעבען, וואָס מאכט דאָס אויס? ווען יעדער, וואָס

פלאַנצט איין אַ יונגען בוימעלע אין דער ערד, וואָלט ניט פלאַנצען וואו ער ווייס ניט אויף זיכער, אַז ער וועט דערלעבען צו זעהן דעם בוים גרוים און שטאַרק, מיט רייפע פרוכט אויף זיינע צווייגען — דאַן וואָלט קיינער ניט געפלאַנצט.״

„אָבער קומט דאָס אייך ניט פאַר טרויעריג, אַז מיר זאָלען ניט דערלעבען דעם יעסען פון אונזער ארבייט ?״

„ניין. די וועלט, יונגער מאַן, איז ניט אייביג געווען אַזוי, וויאַ זי איז היינט; מיר לעבען היינט פון די פרוכט פון אַנדערע מענשען'ס ארבייט, אונזערע קינדער וועלען געניסען די פריכטע פון אונזער האָרעוואַניע.״

„איז עס אָבער ניט טרויעריג צו בעדענקען, אַז די, וואָס זיי־נען היינט גלייכגילטיג און זאַגאַר פיינדליך צו אונזער לעהרע, וועלען געניסען גלייך מיט אונז די פרוכט דערפון ?״

„זיי וועלען ניט געניסען גלייך מיט אונז.״

„גלויבט איהר דען ניט אין גלייכהייט ?״

„אָה, יאָ ! אָבער דו מוזט ניט פערגעסען אַז ווען דריי זעצען זיך צו אַ מאָהלצייט, וואָס איינער פון זיי האָט אויף דעם מעהר געהאָרעוועט, ווי די אַנדערעביידע, איז זיין גענוס גרעסער ווי זיי־ערער. גלייכהייט אין עסען וועט זיין, אָבער אין געניעסען דעם תענוג דערפון מוז זיין אַן אונטערשיעד.״

„איהר זייט גערעכט״ — האָט דער יונגער מאַן געזאָגט.

„אויב ער איז גערעכט !״ האט ווער עס איז אויסגערופען. מיר האבען זיך ביידע אומגעקעהרט. דאָס איז געווען מיין איי־ניקעל.

## LXV.

# ווידער דער יונגער מאַן.

ער איז געווען זעהר אויפגערעגט. ער האָט מיר דערצעהלט, אז ער איז געווען אויף א סאָציאַליסטישע פערזאמלונג און דאָרטען האָט מען זיך געקריגט, געזידעלט. יונגע בלוט! ווי זיי רעגט אלעס אויף! ווי שנעל זיי ווערען פערצווייפעלט!

„וואס שאדט דאס?“ האב איך געפרעגט.

„וואס רעדט איהר? — האָט ער זיך מיט היץ א כאפּ געטאָהן —דאס שאדט אונגעהויערע פיעל! ווען מיר, די פרעדיגער פון מענשענליעבע און בריעדערליכקייט, קענען צווישען זיך ניט שטימען, ווי קען אונזערע רייד ווירקען אויף דעם פאָלק?“

„ווער זיינען מיר?“

„ווער זיינען מיר? מיר, מיר סאָציאַליסטען.“

„און ווער זיינען מיר סאָציאַליסטען? ווייסט איהר ווער? איך וועל אייך זאָגען: עטליכע ערנסטע, דענקענדע מענשען; עטליכע ערנסטע פיהלענדע מענשען — דען צום סאָציאַליזמוס ברייגנט איינעם דער מוח, דעם אנדערן דאס געפיהל. אָבער אויסער דיאביידע קלאסען סאָציאַליסטען, זיינען דאָ נאָך צוויי סאָרטען און דאס זיינען די בעלי גאוות, וועלכע זוכען זיך אויסצוצייכענען מיט עפּעס, דורך עפּעס, לאָז דאס זיין אלס מיטגליעד פון א קאָמיטע, אלס שרייבער פון אן ארטיקעל, אדער ווען ניט, אלס גבאי אין שול, אלס סעקרעטער פון הכנסת־כלה חברה. צווישען סאָציאַליסטען קענט איהר ניט איינפיהרען קיין פּאַספּאָרטען און קענט ניט פערלאַנגען קיין סווידעטעלסטוואָס פון כאַראַשעיע פּאָוועדעניע — איהר מוזט זיי נעהמען ווי זיי קומען. און איהר נעהמט זיי אזוי.

די אַלע פערשיעדענע קלאַסען קומען צוזאַמען. עס איז אמת, זיי קריעגען זיך צייטענווייז, ווי היינט ביי אייך אויפ'ן מיטינג, אָבער זיי ווירקען דאָך אַלע צוזאַמען. געגענאיבער דעם פיינד שטעהען זיי דאָך — ווי די דייטשען זאָגען — שולטער צו שולטער."

„אָבער דער איינדרוק? דער איינדרוק אויפ'ן פאָלק!"

„נאַטירליך, וואָלט בעסער געווען פאַר די אידעע, אז אַלע אָנהענגער פון דיעזער אידעע זאָלען לעבען אין אחדות, אָבער איהר מוזט בעטראַכטען די מעשה ווי זיא איז און זיך שטעלען די פראַגע ניט: וואָס מען וואָלט געקענט טהאָן, נור וואָס מען קען טהאָן? איהר מוזט זיך פרעגען: וואס איז בעסער, צו גאָר קיין פּראָפּאַגאַנדא ניט, אדער פּראָפּאַגאַנדא מיט אַ ביסעלע מחלוקות פון צייט צו צייט. איהר האט פאר זיך פרישע ברויט נאָר וואָס פון אויווען ארויס. איהר זייט הונגריג, אָבער איהר ווייסט גאַנץ גוט, אז פון פרישע ברויט קען מען קריעגען לייב שמערצען. איהר ווייסט דאס און איהר עסט. ווארום? ווייל איהר קענט ניט ווארטען, ביז דיא ברויט וועט זיין אַ מעת-לעת אַלט, און קיין אנדערע ברויט האָט איהר ניט. וואָס איהר זאָגט מכוח דעם איינדרוק אויפ'ן פאָלק, דאַרפט איהר איין קלייניגקייט ניט פערגעסען. איז דער סאָציאַליזמוס אַ וואהרע אידעע—וועט איהם קיין זאך ניט שטערן, איז ער דאָס, וויעדער, ניט — וועט איהם קיין זאך ניט העלפען. „נור פאַלשע בלומען האָבען מורא פאר'ן רעגען" האָט אַ גרעסערער מאַן ווי איך געזאָגט. און דאס פאָלק, מיין זוהן, בעשטעהט אויך פון פערשיעדענע קלאַסען. אונטער דעם פאָלק זיינען דאָ גלייכגילטיגע, וואס זיי ווייסען ניט, ניט פון אייערע אידעען, ניט פון אייערע מחלוקות; עס זיינען דאָ אונגליקליכע, פערהונגערטע, פער'שכור'טע, פערוואהרלאָזטע, פערדאָרבענע, וואס אויף זיי וועט איהר נור דאַן ווירקען, ווען איהר וועט צו זיי קענען זאָגען: ברידער, היינט איז דער קאַמפּף, מאָרגען פרייהייט און ברויט, אָדער דער טויט אין עהרען." פריהער ווי דאַן וועט איהר אויף זיי איבערהויפּט ניט ווירקען. האָבען פיעל אידען געהערט משה'ן מיט אהרן'ען, ווען זיי האָבען נאָך געקנעטען דעם ליים, קרעכצענדיג אונטער פּרעה'ס יאָך? אָבער

ווען עס איז געקומען צום בראָדזענען איבער'ן ים זיינען אלע געגאַנגען און נאָך זיי אפילו אן ערב־רב פון אונגלויביגע. איהר שמייכעלט יונגער מאַן.... דערביי בין איך ניט געווען, אָבער איך וויל אייך נור געבען צו פערשטעהען מיין מיינונג. די יעניגע אָבער אונטער'ן פאָלק, וועלכע קענען יאָ געהן מיט אייך און אויף וועלכע אייער פּראָפּאַגאַנדאַ מאַכט אן איינדרוק, זיי וועלען פיליכט די סאָציאַליסטען אָבשטויסען, אָבער דער סאָציאַליזמוס וועט זיי צוציהען. זיי ציהט ער צו, יונגער מאַן."

אָבער איהר פערגעסט, אז פון אונזערע מחלוקות האָבען אונזערע שונאים הנאה... איז דאָס רעכט ?"

„לאָזט זיי הנאה האָבען. דאָס איז די איינציגע שטיקעלע פערגניגען, וואָס זיי געפינען נעבאָך אין סאָציאַליזמוס. קינד, זיי ווילט איהר צופריעדען שטעלען ? צו איהר לעבט צוזאַמען וויא א פּאָר טייבעלעך אדער ווי א פּאָאָר הענער, צו איהר קוסט זיך אדער איהר בייסט זיך — ביי זיי וועט איהר קיינמאָל ניט נושא־חן זיין."

„אויף דעם אופן מאַכט ניט אויס, וואָס מען קריגט זיך — און וואָס מען רייסט זיך ?"

„דאָס זאָג איך ניט. אָבער מען מוז נעהמען די מענשען ווי זיי שטעהען און געהען. פערגעסט ניט, אז אפילו סאָציאַליסטען זיינען היינט דערוויילע שילער פון א קאַפּיטאַליסטישע שול. זוכט זיי צו מאַכען פאַר ברידער, ווענדעט אָן אלע אייערע קרעפטען דערצו, אָבער פערצווייפעלט ניט, ווען איהר קענט דאָס ניט אומעטום דורכפיהרען."

„און וואָס זאָגט איהר צו דיא זידלעריי ?"

„ניט אלע זידלעריי איז גלייך. א טהייל דערפון איז שעדליך ווי מיסט אין א מיסט־קאַסטען, וואָס פערפּעסטעט די לופט, א טהייל דערפון איז אָבער ניצליך אויך : ניצליך ווי מיסט אויף א פעלד. איך וויים אז דיא מיסט אין פעלד איז ניט שעהן און אז עס שמעקט ניט זעהר גוט, אָבער עס ריהרט אויף די ערד און מאַכט איהר פעט. און ווען די צייט וועט קומען, ווען דיא הערליכע תבואה

וועט ארויסוואקסען, פיר וועלכע מיר האָבען געריינינגט דעם גרונד, געאַקערט, געבראָכנעוועט, געזייט און געוואַרט אויף רעגען—ווען די צייט, זאָג איך אייך, וועט קומען, וועט אנאנדער פילאָזאָף אייך דערמאָהנען, אז אפילו די מיסט האָט דערצו עטוואָס בייגעטראָגען.“

דערמיט האָט זיך געענדיגט אונזער אונטערהאלטונג.

## LXVI.

## דאס יאהר 1889

**ווי׳עדער א יאָהר אוועק! אַט אזוי לויפען זיי די יאָהרען...** און וואָס פאר א יאָהר! דער הונדערטסטער געבורטס־יאָהר פון די גרויסע פראנצויזישע רעוואָלוציאָן, די רעוואָלוציאָן, וועלכע האָט מיט איין קלאפ אראפגענומען דעם שטאָלץ פון דעם אדעל און די קדושה פון דעם פריעסטער און דעם גלאנץ פון דעם קעניגליכען קרוין... מיט׳ן קאָפּ מיט אלעמען.

איך געדיינק, ווען דער ניין־און־אכציגסטער יאָהר איז אָנגעקומען, האָט מיין הארץ געקלאפט שנעלער, ווי געוואוינליך — עפּעס אזוי ווי דער פערפּענדיקעל פון א זייגער, ווען ער ווערט פריי פון די שווערע הייגג־געוויכט און געהט נאָך זיין אייגענער פאנטאַזיע נאָך אזוי שנעל, ווי זיין הארץ גלוסט... קורץ דער דופק אין מיין הארצען האָט געקלאפּט שנעלער, ווי אימער, און איך האָב געזאָגט, ווי דער בעל־הגדה (מחשבות׳ן! ווער איז געווען דער בעל־הגדה? קיינער ווייס ניט. צו איז ער ניט געווען א שטיעף־ברודער פון ר׳ מאיר בעל־הנס, וואָס פון איהם ווייס די וועלט אויך קנאַפּ־וואָס? א מזל א ביסעל! א מענש, וואָס קיינער קען איהם ניט און ווייס איהם ניט, מאכט א הגדה און קריעגט א גרויסען נאָמען, זייענדיג א נעלם ... מיסטער זעצער, פערגעסט ניט צו שטעלען א האלבע לבנה היער, א האלבע לבנה מיט׳ן רוקען צו די קומענדיגע ווערטער; אַט אזוי: ) אלזאָ איך האָב דאָן, יענעם נייע־יאָהר געזאָגט מיט די ווערטער פון דעם בעל־הגדה:

השתא עבדי, לשנה הבאה בני־חורין, וואָס אויף דערויף מאכט דער טייטש (מחשבות׳ן! נאָך א נעלם! ווי האָט געהייסען דער טייטש? ער, דער וואָס האָט אויף אלצדינג געמאכט פּירושים און

איז געווען א טייטש, וועלכער האָט געווים ניט געוואוסט ניט פון בייערישע ביער, ניט פון קאַרטאָפעל־זאַלאַט און ניט פון ביסמאַרק'ס הונד? פאָרדערט איהם אימיצער ארויס צו ערקלערען עפענטליך, ווער ער איז געווען... מיסטער זעצער, נאָך א האַלבע לבנה זייט מוחל, אזוי:) אַלזאָ, וואָס דער טייטש מאַכט אויף דערויף: היינט זיינען מיר קנעכט, איבער א יאָהר וועלען מיר זיין פרייע מענשען. אזוי האָב איך געטראַכט פאַר־אַ־יאָהרען און ביי דיזען געדאַנקען האָט מיין הארץ... נאָר דאָס האָב איך אייך שוין געזאָגט.

דער יאָהר איז אוועקגעגאַנגען און וואָס איז היינט? די אַלטע קנעכטשאַפט, דער אַלטער הונגער, די אַלטע פינסטערנים, די אַלטע אונאָרדנונג אין אַלע ארבע פינות העולם! וואָס האָט דער ניין־און־אַכציגסטער יאָהר אונז איבערגעלאָזען? דעם אייפעל טורעם אין פאַריז, וועלכען דער קאַפּיטאַליסט האָט אויסגעבויט, אום פון די וואָלקענס ארונטערצושפּייען אויף די „הענד“, וועלכע קליידען איהם און פיטערען איהם און בעשיטצען איהם פון היץ און פון קעלט און פון די בייזע זאַקאַנעס, וואָס ער אַליין מאַכט און וויל זיי ניט געהאָרכען. מעהר ווי איין פרייהייטס־קעמפּפער האָט געהאָפט מיט א יאָהר צוריק פון דעם זעלביגען הויכען טורעם צו בעטראַכטען די איינגעפאַלענע געלד־חורבה, וואָס מען לאַטעט איהר אימער און מען שפּאַרט איהר אימער אונטער מיט נייע שפּאַרעס און זי האַלט זיך דאָך קאַם־קאַם, אזוי ווי אויף הינערשע פיסלאָך. „איין רעוואָלוציאָנערער ווינד בלאָזט איהר אוועק“ — האָב איך אַליין געטראַכט מיט צוועלף חדשים צוריק, אָבער דער יאָהר איז אוועקגעגאַנגען און דער ווינד איז ניט געקומען און די חורבה שטעהט אויף איהר אָרט, שטאָלץ, ווי א געשטאָפּטער אינדיק פאַר פסח, וואָס זעהט די קאַנאָפּלעס און ניט דעם שוחט'ס חלף, און האָלדערט, אזוי ווי די וועלט וואָלט געווען זיינע. און דער טורעם, איהם האָט דאָס יובל־יאָהר אונז איבערגעלאָזען און וואָס נאָך?

יא, דעם אנדענקען פון דעם מבול אין דזשהאָנסטוין אין אמעריקאַ, וועלכער האָט בעוויזען מיט וויפיעל א דאָלאַר איז טייערער, ווי א מענשליכער לעבען אין די אויגען פון די קאַפּיטאַליסטישע

אונטערנעהמער און די פּאָליטישע ארונטער נעהמער... דאָן האָבען מיר בירושה פון דעם יאָהר „די פעראייניגטע שטאאטען פון בראַזיליען“, אַן אויסבייט — זאָגט מען אין מינסק — פון אַ שלורע אויף אַ לאַפּטשע, פון אַ ניט־שלעכטען אַלטען קייזער אויף אַ ניט־גוטע נייע רעפּובליק. וואָס נאָך? יא, דעם לאָנדאָנער דאָק־סטרייק (אַ בעווייז פון פּאָלקסמאַכט), און די פּאַריזער אויסשטעלונג (אַ בעווייז פון קאַפּיטאַל־מאַכט), און דעם נייעם בערלינער סאָציאַליסטען־געזעץ (אַ בעווייז פון מיליטער־מאַכט) און די נייע פּעטערסבורגער יודען־אונטערדריקונג (אַ בעווייז פון אָהנמאַכט), און בורלאַנזשעס מפּלה, און מיינע צושלאָגענע געדאַנקען מיט אַלע זייערע נאַטירליכע פעהלערן, דרוק פעהלערן און די פעהלערן, וואָס מאַנכע מיידלאַך מאַכען אין זיי ביי׳ן לעזען, וועלכעס איך פערציידה זיי אַזוי לאַנג, ווי זיי לעזען נור, איבערהויפּט ווען איך בערעכען, אַז זיי — די מיידלאַך — זיינען די מוטערס פון׳ם קומענדיגען דור... און דער לעזען איז פּאַר זיי גוט, אפילו ווען זיי לעזען נור וואָס איך שרייב.

און דאָ פאַלט מיר איין אַז איך האָב זעהר פיעל געשריבען אין דעם יאָהר, וועלכער נעהמט איצט אבשיעד פון אונז. איך האָב געטונקט מיין פעדער אין טינט. דאָס איהר קריעגט אזעלכע ניט אין קיין שום קראָם אין ענגלאַנד. מיינע טינט איז געמישט פון גאָלעס־בלוט, מאַרך און טרערען און אין דיעזע טינט האָב איך צעהנדליגע וואָכען נאָכאַנאַנד געטונקט מיין פעדער און האָב געשריבען פאַר... וועמען? פאַר׳ן אידישען אָרעמאַן, מיין לייבליכען ברודער. איך האָב איהם אויסדערצעהלט מיין גאַנצע הארץ — האָט דאָס איהם גערירט? איך ווייס נור פון איין איינציגען לעזער וועלכער האָט מיט מיר מיט־געלאַכט און מיט־געוויינט, אַזוי ווייט, ווי ער האָט פערשטאַנען מיינע רייד. דער איינער איז געווען — מיין אייניקעל.

און ווען איך וועל זיין אין מיין קבר און ער וועט זיין אַ מאַן אין די בעסטע יאָהרען, וועט ער פיליייכט דערלעבען צו זעהען, וואָס איך האָב געהאָפּט און געווינשט בשעת דער יאָהר 1889 איז

אנגעקומען: א בעפרייטע מענשהייט, געבילדעט, זאט און פערגניגט. אויב ער וועט דאן חשק האבען מיר צו שטעלען א מצבה, וואלט איך וועלען ער זאל אויף איהר לאזען איינקריצען דיעזע ווערטער:

„היער רוהט
אין זיין אייביגען שלאף
א ווייניג־בעקאנטער,
ביין לעבען געגאנטער
משוגענער פילאזאף".

## LXVII.

## אן אלף־בית פיר ארבייטער־קינדער.

**ווער** איז היינט זיין גליקלעך? איך מיין מיין **איינקעל'ס**, **נאטירליך**. ער האט געקראגען א נאגעלנייע פון שול — א בוך מיט בילדער — און ער מיינט, אז די וועלט איז זיינע. ארעם קינד, ער האט א טעות! ער וועט מיט דער צייט ארויסגעפינען, אז די וועלט איז ניט זיינע, ווי אלכסנדר מוקדן, יוליוס צעזאר, נאפאלעאן דער ערשטער און טרייטשקע דער מינסקער מלוה האבען אלע ארויסגעפונען פאר איהם. נאר ווי די מעשה איז, דערווייל איז ער גליקליך.

איך האב אנגעטאן מיינע שפאקולען און האב ארייננעקוקט אין זיין בוך. דארטען איז מיר געפעלען געווארען דער A. B. C. אן אלף בית מיט בילדער, צוזאמענגעזעצט ווי „אשרי", אין חרוזים מיט די אותיות פון דעם A. B. C. אין אנהויב פון יעדער שורה. ביי זיי ביניהם איז דאס א חידוש, מיר אידען האבען אזעלכע קונצען פולע מחזורים.

קוקענדיג אויף דעם גוי'אישקען אלף־בית, האב איך גענומען טראכטען, אז עס וואלט כדאי געווען צו מאכען אזא מין מאכערייי פאר אידישע קינדער. לאמיך דאס מאכען — האב איך צו זיך געזאגט, האב גענומען א ברוינשווייגער לאטעריע צעטעל פון דעם ערשטען קלאס און האב אויף זיין רוקען גענומען שרייבען. צום אונגליק איז דאס ארויסגעקומען אהן גראמען. הייער איז דער אלף־בית:

ארבייטער בלייבען געראבטע דלפנים,
האבען וועהטאג, זוכענדיג חיונה,
טראגען יאכען, בלאפאטשען, לויפען,
מאכענדיג ניכטסווירדיגע סוועטערס עסען,

## פאַר'ן צופער קלייבענדיג רייכטהימער, שעטצער, תכשיטין.

וואס זאָגט איהר? דאכט־זיך נישט־קשה, הא? אָבער אזעלכע אלף־בית'ן פערגעסט מען לייכט. מענשען און איבערהויפט קינדער האָבען ליעב א גראם. חוץ דעם קלינגט דאס ווי „אשמנו" און ביי יעדען וואָרט ווילט זיך עפּעס געבען א קלאפּ אין הארצען.

ניין — האָב איך צו זיך געזאָגט — מען דארף דאס מאכען אין א געדיכט און טאקע מיט גראמען. געזאָגט — געטאָן. אָט איז דער אָנהויב:

ארבייטער הארעווען בלייבען אָהן קרעפטען,
בלוטזויגערס שווינדלען און מאכען געשעפטען;
גרויסע גנבים שפּאצירען אום פריי,
דיעבע דורך נויט כאפּט אויף דיא פּאָליציי;
הונגער טרייבט מענשען ביי רייכע צו דיענען,
וועלכע מיליאָנען אָהן ארבייט פערדיענען;
זיידענע...

דאָ בין איך געבליבען שטעהן. ווייטער איז ניט געגאנגען, כאָטש נעהם און טו זיך אָן א מעשה! משמעות א דיכטער, א שנאָרער און א נארר מוז א מענש זיין פון דער נאטור — ווערען ווערט מען דאס ניט, מען מעג וועלען וויפיעל מען וויל.

וואס טוט מען? אנאנדערער וואלט איינפאך געזאָגט: האָב דעם אלף־בית א גוט־יאָהר! זיך צו ברעכען דאריבער דעם מוח בין איך ניט מחויב. אָבער אנאנדערער איז אנאנדערער און איך בין איך. ווען איך וויל וואס עס איז, מוז דאס ווערען. אמת, איך אליין קען ניט דיכטען, אָבער ווי זאָגט ירמיה? לא אלמן ישראל, דעם אידען פעהלט ניט קיין דיכטער, און זשארגאָן דיכטער האָט ער זאָגאר צו פיעל. איך האָב פון דאס ניי אָנגעטאָן די שפּאקולען, האָב אויפגעשריבען א בריוועלע צו מאררים ווינטשעווסקי און אין צייט פון צוויי טעג האָב איך געקראָגען פון איהם אָט דיעזעס געדיכט:

אלף איז דער
אויסבייטער, וואָס לעבט פון אונזער מיה,
בית דאָס איז דער
בלוטזויגער, וואָס זויגט אונז שפּעט און פריה,
גימל איז דער
גאַרגעל־שניידער, וועלכער אונז בעטריעגט;
דלית איז דער
דלות, וועלכער אייביג ביי אונז ליעגט;
הא, דאָס איז דער
הונגער־טויט, וואָס קומט פון לאַנגע סלעק;
ואָו, דאָס איז דער
וועלט־בעטרוג וואָס ריהרט זיך ניט פון פלעק;
זין איז דער
זויפער, וועלכער טרינקט רק אונזער בלוט;
חית, דאָס איז דער
חונף וואָס בעזינגט דעם, וואָס איז גוט;
טית, דאָס איז דער
טעלער־לעקער ביי דעם רייכען מאַן;
יוד, דאָס איז דער
יאָלעווער בעל־דרש׳ער, דער גראָביאַן;
כף, דאָס איז דער
כלב, וועלכער פאַלט דעם פריי־גייסט אָן;
למד איז דער
ליגען־וועבער וועלכע׳ ׳יצט איהם אָן;
מם, דאָס איז דער
מוסר, וואָס פערקויפט זיך צום דעספּאָט,
נון, דאָס איז דער
נאַררען־פאַנגער, וועלכער רעדט מיט גאָט;
סמך איז דער
סוועטער, וועלכער נוצט אויס אונזער שוויים;

עין איז דער
עוכר, וועלכער מאכט אַן אַלעם בייז;
פּא, דאָס איז דער
פּוסט־און־פּאסניק מיט זיין גרויסע מויל;
צדי איז דער
צייטונג־שרייבער, כיטרע, פאַלש און פויל;
קוף, דאָס איז דער
קאַפּיטאַל מיט זיינע לאַנגע הענד;
ריש, דאָס איז דער
ריכטער, וועלכער אורטהיילט, בראָט און ברענט;
שין, דאָס איז דער
שורקע, וואָס בע׳גזל׳ט גרויס און קליין,
תיו, דאָס איז דער
תם, דער נארר, דער ארבייטער אַליין.

עד כאן לשונו. מיין מיינונג איבער דעם אַלף־בית וועל איך אייך זאָגען אַנאַנדערס מאָל, דערוויילע פּרעה איך מיך, וואָס עס איז געוואָרען אַן אַלף־בית פיר אידישע ארבייטער־קינדער.

LXVIII.

## ר׳ פנחס׳ל דער מטורף.

וואָס, זאָגט איהר, איהר האָט קיינמאָל ניט געהערט פון ר׳ פנחס׳ל דעם מטורף־געוואָרענעם מגיד? געהט, געהט, איהר מאַכט פון מיר חוזק! ווי? טאַקע ניט? גאָר ניט געהערט? זיכער? נו, טאָ הערט־זשע, וועל איך אייך דערצעהלען, הערט אָבער מיט קאָפּ.

ר׳ פנחס׳ל איז כל ימיו געווען אַ פרומער איד, אַ גרויסער למדן און אויף דער עלטער איז ער געוואָרען אַ דרשן. שעהנע עטליכע יאָהר האָט ער אַרומגעווייזט איבער דער מדינה און האָט געזאָגט דרשות כמעט אין יעדע שטאָדט אין גאַנץ פוילען, ליטא און זאמוט. פאָהרענדיג פון שטאָדט צו שטאָדט איז ער אַ פּאָאר וואָכען פאר ימים־נוראים (אין דעם יאָהר תרכ״ט) אָנגעקומען אין סטויבץ און האָט דאָרטען גע׳דרש׳ענט אין בית־מדרש אַ שבת נאָך האַלבען טאָג. די סטויבצער, דאַרפט איהר וויסען, זיינען אין מינסקער גוברניע די גרעסטע מבינים אויף דרשות און ווען ר׳ פנחס׳ל האָט געהאט אָבגעזאָגט זיין דרוש, איז צוזאַמענגערופען געוואָרען אַן אסיפה ביי׳ן רב און מען האָט בעשלאָסען, אַז ר׳ פנחס זאָל בלייבען דער שטאָדט־מגיד אין סטויבץ.

אין אָנהויב האָט ער ניט געוואָלט, אָבער ער איז מרוצה געוואָרען און איז געבליבען. דריי שבתים נאָך־אַנאַנד האָט ער גע־דרשנ׳ט מיט אַזעלכע חריפות, מיט אַזוי פיעל יראת־שמים און מיט אַזאַ מויל, אַז דער בית המדרש איז געווען געפּאַקט פון מענשען און יעדער האָט גערעדט אַרום ר׳ פנחס׳לס דרשות. דעם פיערטען שבת האָט זיך געטראָפען אַ סיבה.

ר׳ פנחס׳ל איז אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן בימה, האָט גענומען אַ שמעק טאַבאַק און האָט געזאָגט:

„רבותי! איך גלויב באמונה שלמה, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וועלכער איז אַ ליעבער פאָטער צו אַלע זיינע קינדער. דערפאַר, רבותי, גלויב איך ניט, אַז ער פערלאַנגט פון זיינע קינדער, אַז זיי זאָלען איהם דיענען, ווי קנעכט דיענען אַ בעל־הבית, אַז זיי זאָלען פאַר איהם מורא האָבען און ציטערן פאַר זיין דוך, וואָס דאָס פערלאַנגט אפילו צווישען מענשען קיין פאָטער ניט".

— „וואָ...?" — „טפו זאָל דאָס ווערן!!" — „ר׳ פנחס! שטייט! גאָט איז מיט איהם!" — „דער מגיד איז משוגע!" — דיעזע קולות האָבען זיך גענומען הערן און פיעלע האָבען גענומען זיך רוקען צום טיר, פריהער דערלאַנגענדיג — איינער אַ קלאַפּ אין שטענדער, דער אַנדערער אַ ציה מיט די פּלייצעס, דער דריטער אַ טיכטיגען שפּיי. ר׳ פנחס, ווי ניט איהם מיינט מען דאָס, האָט ווייטער גערעדט:

„רבותי! איך גלויב באמונה שלמה, אַז דער רבונו־של־עולם איז ניט אַ טאַטע, ווי אַנדערע מענשליכע טאַטעס, וועלכע קוקען ניט אויף זייערע קינדער; ער בעדאַרף ניט אַז מיר זאָלען בעטען ביי איהם עסען און, ווען ער גיט, בעדאַרף ער גיט, אַז מיר זאָלען איהם דערפאַר דאַנקען. דער קיצור דערפון איז, אַז דאַווענען און בענטשען איז ניט נייטיג, און די וואָס טוען דאָס, לעסטערען גאָט, ווייל זיי ווייזען דערמיט, אַז ער, כביכול, איז ערגער, ווי אַ טאַטע, אַ בשר־ודם."

— „מטורף! בינט איהם, בינט איהם!" — האָט זיך ווידער דערהערט איין קול נאָך דעם אַנדערן אין בית־מדרש. נאָך אַ סך מענשען זיינען אַרויסגעלאָפען און מיט אַזאַ אימפּעט, אַז פיעלע האָבען זאָגאַר פערגעסען צו קושען די מזוזה. ר׳ פנחס׳ל האָט דערווייליג גאַנץ געלאַסען פאָרטגעזעצט:

„רבותי! ווען אַ טאַטע שלאָגט זיין קינד, טוט ער דאָס, מחמת ער וויל איהם מאַכען בעסער. ווען אַ טאַטע גיט אַ קינד אַ

מתנה, איז דאָס ווייל ער וויל איהם בעלוינען פאַר זיינע מעשים־טובים. קיין שום טאַטע שטראָפט ניט און בעלוינט ניט אַ קינד, וואָס איז שוין אַרויסגעגאַנגען פון זיין רשות. דערפאַר, רבותי, גלויב איך ניט אין שכר ועונש, אין בעשטראפונג און בעלוינונג נאָכ'ן טויט, ווייל דאַן קען שוין דער מענש ניט ווערן ניט בעסער און ניט ערגער. די, וועלכע זאָגען, אַז ער, כביכול, בעשטראַפט און בעלוינט נאָכ'ן טויט — זיי לעסטערען זיין הייליגען נאָמען."

— „בינט איהם, ברעכט איהם רוק און לענד! פינקע איז אַן אפּיקורס, אַן עוכר ישראל! שטריק, שטריק, שטריק!" — אַזוי האָבען נאָך עטליכע אויסגעשריען און זיינען אַרויסגעלאָפען האַסטיג פון בית־מדרש. ר' פנחס'ל האָט זיך דערפון אויך ניט געלאָזט שטערן און האָט ווייטער גערעדט:

„רבותי! איך גלויב באמונה שלמה, אַז אַלע מענשליכע בעשעפעניסען טראָגען אויף זיך דעם צלם־אלהים און אַז דער אויבערשטער (יתברך הוא!) איז אַ טאַטע צו אַלע זיינע קינדער. הייגט פרעג איך אייך, רבותי, היתכן, צו קען דאָס געמאָלט זיין, אַז דער, וואָס האָט אַ סך קינדער, וועט אויפציהען נור איינעם אין זיין וועג און וועט לאָזען אַלע איבעריגע ווערען הולטאיעס, וואָס זאָלען ניט פערשטעהן זיין רצון און זאָלען זיין ווילען ניט טאָן? און ניט דאָס אַליין, אַז ער זאָל גאָר בעשטראָפען די וועלכע ער האָט פערלאָזען און פערוואָרפען, דערפאַר, וואָס זיי טוען ניט דאָס, וואָס ער האָט זיי קיינמאָל ניט געהייסען טאָן. איך זאָג אייך, רבותי, אַז די, וואָס דערצעהלען אייך, אַז דער בורא ברוך־הוא האָט געגעבען אַ תורה צו אונז אידען און די גוים זיינע איבעריגע קינדער, גאָר נישט אויף דער וועלט און זיינען עתיד צו האָבען יסורים אויף יענער וועלט — זיי לעסטערען און פערשמוצען זיין הייליגען נאָמען."

— „אַ רוח אין איהם, דעם משומד!" האָט איינער געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. דער מטורף־געוואָרענער מגיד האָט פאָרטגעזעצט:

„מורי ורבותי! איך גלויב באמונה שלמה, אַז דער רבונו־של־

עולם בעדארף ניט, אז מענשען זאָלען אין איהם גלויבען און די וואָס זאָגען, אז ער בעשטראָפט דעם אונגלויביגען — זיי לעסטערען זיין הייליגען נאָמען און זינדיגען אנטקעגען איהם פיעל מעהר, ווי די, וואָס גלויבען ניט. ווען נאפסיקלאָד, איינער זאָגט, אז דער סטאָליער שמעון האָט ניט געמאכט דעם און דעם טיש, האָט ער נאָך מיט זיינע רייד קיין בייז ניט געמיינט; ווען אָבער דער איינער געהט ארום און שרייט, אז שמעון פאטשט און שלאָגט יעדען, וועלכער זאָגט, אז דער טיש איז ניט זיינע (שמעון'ס) ארבייט, דאן הייסט דאָס, אז ער טראכט אויף איהם אוים א שם־רע."

„רבותי! איך גלויב באמונה שלמה, אז די וואָס מיינען, אז זיי קענען גאָט אָבנארען מיט אזעלכע נארישע אָבמאנעס, ווי ערוב־תבשילין, ערוב־תחום, קנין־שביתה און הונדערט אנדערע אזעלכע זאכען — זיי, זאָג איך אייך, רבותי, לעסטערען גאָט. נאָך מעהר, רבותי, אפילו די תורה אליין מאכט פון דעם אויבערשטען חוזק, ווען זי וויל אייך איינריידען, אז ער (דער רבונו־של־עולם) האָט גערארפט אדם'ן פרעגען: וואו ביזטו? בשעת אדם האָט זיך בע־האלטען, א שטייגער ווי ער, כביכול, האָט דאָס געקענט ניט וויסען. דאָס זעלבע אין הונדערט אנדערע פּרטים."

„רבותי! איך... רבותי, וואו זייט איהר? איהר זייט אלע פאנאנדערגעגאנגען... נו, פערפאלען... וועלען מיר אם ירצה השם, מסיים זיין איבער אכט־טאָג שבת... אהא! איהר קומט צוריק? וואָס איז דאָס?

זיי זיינען צוריקגעקומען מיט שטריק, האָבען איהם געבונדען און אוועקגעפיהרט אין דול־הויז.

---

וואָס פון ר' פנחס'לען איז געוואָרען, ווייס איך ניט, אָבער אין מינסק האָט מען געזאָגט, אז די ערד האָט איהם ארייגגעשלונ־גען לעבעדיגערהייט. לעגט זיך עפּעס ניט אויפ'ן שכל.

## LXIX.

## זיי, איך און די דיקע ווייבעל.

(א „פראטעסט מיטינג".)

ער איז א רך לב; ער האט אין זיך קיין בייז גאל ניט; ער מיינט אלץ צום בעסטען; ער — מען דארף קיין בעסערען מענשען ניט, ווי ער, און טאמער דארף מען יא, וועט מען ניט קריעגען, און טאמער קריעגט מען יא, וועט ער ניט טויגען, און טאמער טויג ער יא, וועט ער (דאס הייסט יענער) אלץ ניט זיין דאס, וואס ער (דער ריכטיגער, ער) איז; בקיצור הדבר, ער איז א דימענט פון העטטאן גארדענס, א דימענט פון דימענט־לאנד, און דאס וואס ער טוט אונז אן גרויסע ענוים, איז דאס נור מחמת ער וויים דערפון ניט. ווען ער וואלט געוואוסט, וואלט ער דאס ניט געטאן, בכן מוז מען איהם דערצעהלען.

איז וואס? איז דאס: מיר פאסען א רעזאלוציאן, מיר זאגען:

„היות, אזוי ווי ער טוט אן אידען שרעקליכע צרות;

„היות, אזוי ווי ער איז בטבע ווייך ווי פוטער, זיס ווי האניג און גוט ווי א יום־טוב'דיגער צימעס;

„היות, אזוי ווי ער טוט אן אידען יסורים נישט מעהר ווי דורך דעם, וואס ער וויים דערפון ניט; —

„איז דערפאר בעשלאסען געווארען אויף דיעזע אסיפה בדעה אחת, איהם צו ווייזען, וואס ער טוט, און איהם צו בעטען, אז ער זאל דאס מעהר ניט טאן."

ווי געפעלט אייך אזא מין שווינדעל? בין איך משוגע אדער זיינען זיי משוגע? צו פאסען אזא... נור, מחשבות'ן, מיר דאכט זיך, אז איהר ווייסט ניט, ארום וואס איך רייד דא. לאמיך אייך דערצעהלען.

* * *

ער — דאָס איז הקיסר הרחמן אלכסנדר השלישי, ירום הודו; די אסיפה — דאָס איז דער מיטינג אין דעם לאָנדאָנער גילדהאָלל; די רעזאָלוציע — דאָס איז דער פּועל יוצא פון דעם, וואָס דאָרטען איז גערעדט, בעקלערט און בעשלאָסען געוואָרען. פערשטעהט איהר שוין איצטער, ארום וואָס איך רעד? נאָך אלץ ניט? טאָ לאָמיך אייך דערצעהלען אלץ כסדר.

* * *

די ענגלישע רייכע אידען זיינען געקומען פון „דער קאָנטרי".
זיי האָבען זיך אונטערגעאיילט און זיינען געקומען, מחמת דאָ אין לאָנדאָן האָבען זיך עטליכע יונגאַצעס פון די סאָציאַלניקעס א כאַפּ געטאָן און זיינען געוואָרען שתדלנים פאר די אידען אין די מדינה, איבער וועלכע דער גרויסער, גוטער און בארמהערציגער אלכסנדר קיניגט איצט שוין ניין יאָהר מיט ניין חדשים און נעכטען האָט מען איהם ניט צוגע'הרג'עט, ווארום מען וואָלט דאָס היינט געוואוסט, און היינט ווייס מען דאָס ניט, איז א סימן אז ער קי־ניגט נאָך.

מיר זיינען ניט אבילע ווער; מיר האָבען דעם גראָשען; מיר זיינען זאַ־פּאַני־בראַטאַ מיט די ענגלישע פּני; מיר וועלען זיי אונטערפּורקענען און זיי וועלען מאַכען א גרויסע אסיפה אונטער דעם שוטץ פון דעם לאָרד מאָיר (מאָיר א לאָרד! — דאָס ווערט אָנגערופען א פרייע מדינה; אין מינסק איז ער א בעקער פון צור־קער־זעמעלעך. ווייטער:) און זיי, דאָס הייסט מיר, וועלען עוקר מן השורש זיין... אלכסנדר'ן? — ניין, נור די, וואָס זאָגען, אז ער טוט, וואָס ער טוט, אָדער, אז ער ווייס, וואָס ער טוט, וואָס זיי דאַרף מען ניט לאָזען עפענען א מויל... ווייל... ווייל מען דאַרף ניט, און א סוף.

איז דאָס האָבען זיי געטאָן.

האָבען זיי איינגערופען אַן אסיפה אויף דעם איך געדענק ניט וויפיעל־און־צוואַנציגסטען טאָג פון דעם חדש נאָוועמבער, וואָס דאָס וואָלט אויסגעקומען א פּאָר וואָכען פאר חנוכה. זיינען אָבער דאַן נאָך ניט אלע גרויסע קעפּ געווען צוריקגעקומען פון דער קאָונטרי.

האָבען זיי געזאָגט אזוי צו זאָגען: אין איין טאָג קומט די גאולה נים; האָבען מיר געוואַרט אזוי לאַנג, לאָמיר וואַרטען נאָך א ביסעל.

איז אזוי געווען.

האָבען זיי געוואַרט ביז'ן צעהנטען טאָג אין דעם צוועלפטען חדש פון דעם נײַנציגטען יאָהר פון דעם נײַנצעהנטען יאהרהונ־דערט נאָך דער געבורט פון דעם גוי־שקען גאָט. האָבען זיי צוזאַ־מענגעקליבען א גרויסען עולם אין די גוישקע קהל־שטיבעל אין דער סיטי און האָבען געמאַכט אַן אסיפה, אום צו לויבען אלכסנדר'ן פאַר די צרות, וואָס ער טוט אָן די רוסישע אידען בלאַ־ראיה, אָדער בעסער געזאָגט: בלא יודעים.

איז זײַנען דאָרטען געווען זעהר פיעל קצינים, רבנים, גלחים און מענשען. די קצינים, די רבנים, די גלחים זײַנען געזעסען אױ־בען און די מענשען (ווי געוואוינליך) אונטען.

און דאָס איז זיך אזוי צוגעגאַנגען:

מאיר דער לאָרד האָט זיך אויפגעהויבען. דער עולם האָט געפּאַטשט מיט די הענד און געקלאַפּט מיט די פיס און געבאַמ־קעט מיט שטעקענס און געדרעהט מיט די היט און געמאַכט א ווינד איבער'ן גאַנצען קהל־שטיבעל מיט נאַז־טיכלעך און האָט זיך דאַן אנידערגעזעצט. מאיר איז אָבער געבליבען שטעהן. מאיר האָט גערעדט. מאיר האָט אזוי געזאָגט: איך האָב געגעבען די קהל־שטיבעל צו דער אסיפה, בתנאי, אַז מען זאָל ריהמען און לויבען און דאַנקען דעם הייליגען נאָמען פון זײַן קייזערליכע מאַיעסטעט אלכסנדר דעם דריטען... דער ערשטער לויבער וועט זײַן דער דיוק פון וועסטמינסטער."

איז אזוי געווען.

האָט זיך דער דיוק אוועקגעשטעלט און דער עולם איז ווידער נתפּעל געוואָרען און עס איז געוואָרען די זעלביגע פּאַטשעריי, קלאַפּעריי, באַמקעריי, דרעהעריי און דערזעלביגער ווינד פון די נאַז־טיכלעך איבער'ן קהל־שטיבעל. ווען דער עולם האָט זיך אָב־געקיהלט פון די גרויסע התלהבות און האָט זיך אוועקגעזעצט, האָט

דער בעריהמטער דיוק, וועלכער איז — ווי מען זאָגט — נאָך רייכער ווי קרח עליו השלום, און וואָס איהם איז אין דעם איין פּרט נאָך בעסער ווי יענעם, וואָס ער האָט איינגעשלונגען אַ גרויסען טהייל פון די ערד, ווערהענד יענעם האָט, פערקעהרט, אַ טהייל פון די ערד איינגעשלונגען, — איז ער, זאָג איך, האָט געהאַלטען אַ רעדע און האָט איהר געהאַלטען אַזוי שטייף, אַז איך האָב פון איהר אַ וואָרט ניט אַרויסגעקראָגען. ער האָט גערעדט דרייצעהן מינוט מיט אַ האַלבע און האָט אין דער צייט פערדיענט דרייצעהן פונט צעהן שילינג, מחמת זיין הכנסה איז אַ פונט יעדע מינוט פון זיין לעבען, וואָס איך וואָלט געקענט אויסרעכענען וויפיעל דאָס מאַכט אויף אַ „זמן“, נאָר איך בין ניט קיין מלמד.

ווען ער האָט געהאַט אָבגעלויבט, האָט זיך אַ שטעל געטאָן אַ גלח מיט׳ן כשר׳ן נאָמען פּלוני אלמוני בישאָפּ פון ריפּאָן. זיי זאָגען, אַז ער נעהמט עפּעס גאָר אַן אוצר גאָלד שכירות אַלע יאָהר און ער בעהאַלט זיין נאָמען משמעות פון אן עיך־הרע וועגען. „צעהן טויזענד פונט אַ יאָהר קריעגט דער מאַן“ — האָט צו מיר געזאָגט אַ אידישער רעווערענד און איהם איז געלאָפען שפּייעכץ פון מויל.

„דער גוי, פעטער, האָט דעם מזל“ — האָב איך איהם גע־ענטפערט. דערווייליע איז דער עולם פון דאָס נייע שיער ניט אַרויס פון הויט און איך פון קהל שטיבעל, ווייל אַ דיקע ווייבעל נעבען מיר האָט מיך שיער ניט טויט געמאַכט, אַזוי גרויס איז געווען איהר התפּעלות.

איז ער, דער בישאָפּ, האָט אויך געלויבט אַלכסנדר׳ן.

אָבער גוט. ער קען רעדען. ווען אַזעלכער וואָלט זיך מגייר געוועזן, וואָלט ער געקענט ווערען אַ שטאָדט מגיד אין ווילנא. זיינע צעהן טויזענד פונט, וואָלט ער דאַן נאַטירליך געקראָגען אויף יע־נער וועלט, אָבער דאָס איז אַ קלייניגקייט. ער האָט גערעדט אַ צייט, און, ווען ניט די דיקע ווייבעל, מיין שכן׳טע, וואָלט איך געוויס פון איהם גרויס הנאה געהאַט. ביי מיר איז אַ כלל אַזוי: אַז שוין יאַ לויבען, טאָ לאָז געלויבט ווערען ווי מען דאַרף.

נאָך איהם האָבען זיך געפונען נאָך עטליכע לויבערס און דאַן האָט מאיר דער לאָרד געלייענט די רעזאָלוציע און אלע האָבען געהויבען צו איין האנד, חוץ די דיקע ווייבעל, וועלכע האָט גע־הויבען צוויי און וואָלט געוויס געהויבען דריי, נאָר זי האָט מעהר ניט געהאַט.

LXX.

## די גרויסע אסיפה

אדער:

## דער קאמפף געגען די סאָציאלניקעס.

**פ ע ר ז א נ ע ן:**

ר׳ וועלוויל סלוך, א ציימונג־שרייבער.
ר׳ איצעל גרוך, אן עפעל־קרעמער.
ר׳ טריימעל ברוך, א סוחר.
ר׳ פוימעל זוך, א שנאָרער.
ר׳ מענדעל טוך, א קליידער־הענדלער.
ר׳ בענדעט פלוך, א מגיד.
ר׳ הירש פעטוך, א שוחט.
ר׳ שמענדרע שוך, א שיכעל־קרעמער.
ר׳ געצעל דוך, א בשמים־קרעמער.
ר׳ טענדער בוך, א מחבר.
א שמש, א מארק־אידענע, א שאָכער־קליובער, א נארר, א פאלעסטינעץ און פיעלע אנדערע.

צייט — פרייטאָג בין־השמשות.
אָרט — טאָר מען ניט אויסזאָגען.

ר׳ וועלוויל סלוך. (מיט א גלאָק אין האנד, שטעהענדיג ביי׳ן טיש.) — אידען! אין פלוג איז דאָך א קשיא, ווי קום איך... ווארום ווער בין איך? הייסט עס, ווי קום איך, פרעג איך, אז דוקא איך זאָל זיין דער פרעזידענט פון אזא וויכטיגע אסיפה? נאָר אזוי ווי איך...

ר׳ שמענדרע שוך. — מאכט דערפון, מאכט דערפון, מיר האָבען אין גאנצען א האלב־שעה צו ליכט־בענטשען...

ר׳ פייטעל זוך. — לאזט רעדען, לאזט! האט איהר א שמעק טאבאקע, הערר ברוך? א שעהנעם יישר־כח אייך... לאזט רעדען, ר׳ שמענדרע, וואס לאזט איהר ניט!

ר׳ וועלוויל סלוך. — הייסט עס... יא! נו, זאג איך... נאר דאס מאכט ניט אויס... מיר זיינען געקומען זיך מיישב זיין מכח די סאציאלניקעס, וואס ווילען... וואס ווילען זיי?... איך וועל אייך זאגען, וואס זיי ווילען...

ר׳ איצעל גרוך. — זיי ווילען מאכען א מיאטעזש געגען דעם רוסישען קייזער און... און...

ר׳ טרייטעל ברוך. — און געגען דעם הנותן־תשועה למלכים. משמעות...

ר׳ וועלוויל סלוך. — דאס ווילען זיי אפשר אויך, אבער ניט דאס מיין איך, אידען! זיי ווילען... לאז די מארק־אידענע דארטען אין ווינקעלע אויפהערען צו קנאקען איהרע נים... איך זאג, זאג איך, אז זיי ווילען מאכען א מרידה אנטקעגען מלכות־ענגלאנד און ארויפברענגען גרויסע צרות אויף כלל ישראל. בכן: איז מיין מיינונג אזוי ווייט ווי מיין נארישער שכל בענעהמט, אז... אז... אז ר׳ בענדעטיל פלוך, אונזער בעריהמטער, איך מעג זאגען, וועלט בעריהמטער. מגיד, זאל — און פאר וואס טאקע ניט? — אז ער זאל, זאג איך, אונז זאגען, וואס צו טאן...

ר׳ הירש פעטוך. — כאפט ניט! ווארט, ר׳ בענדעטיל! זאגען וועל איך אייך... שעכטען דארף מען...

ר׳ בענדעט פלוך. — אז מען וועט אייך רופען, וועט איהר קומען... אייער חלף איז שארפער פאר׳ן צונג... קוילענען בהמות איז אייער זאך, אויסראטען ווילדע חיות לאזט אונז...

די מארק־אידענע. — און לאז האלטען ביי׳ן פערווארפען מיט קרוטשאנעס — לאזט מיר...

דער נארר. — טאקע! הום! הום!

ר׳ בענדעט פלוך. — לאזט־זשע רעדען!

ר׳ איצעל גרוך. — אויף דעם אופן וועלען מיר קיינמאל צו קיין טאלק ניט קומען...

דער שמש. — עס איז שוין צייט כמעט צו גיין אין שול.

ר' בענדעט פלוך. — טו הערט־זשע! זאָג איך אזוי, פער־שטעהט איהר מיך: מען דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין, דאַרף מען זיי... אַי, וועט איהר אפשר פרעגען, וואָס קען מען אזעלכע יונגאצעס, אזעלכע משומדים טאָן אין אזא מדינה, ווי לאָנדאָן? זאָג איך אייך, אז די קשיא איז אפילו אַ קשיא, אָבער... אָבער... אָבער...

דער נארר. — היר, היר!

ר' בענדעט פלוך. — וואָס הירזשעט איהר דאָרטען? לאָזט רעדען, איך בעט אייך. אָבער, זאָג איך, מען קען זיך געבען אַן עצה. אויף דערויף האָט דער הנותן לשכוי בינה, דער וואָס האָט דעם האָהן געגעבען שכל... אונז אידען געגעבען... אויף דערויף האָט ער אונז... האָט ער... ער, דער בורא ברוך־הוא... אונז אריינגעגעבען שכל אין קאָפּ...

ר' מענדעל טוך. — מגיד! איהר ווייסט, דאַכט זיך, גאָר ניט, וואָס איהר רעדט, זאָלט איהר מיר מוחל זיין. מיר זיינען דאָ צוזאמענגעקומען אויף אַן אסיפה און... און...

דער נארר. — און מיר וועלען פאַנאַנדערגעהן, חא, חא, חא!

ר' טרייטעל ברוך. — יונגער מאַן, איהר שווייגט, אניט נעהמט מען און מען ווארפט אייך ארויס.

דער נארר. — גוט, גוט — איך שווייג.

ר' מענדעל טוך. — מיר זיינען דאָ געקומען בעקלערען אַ מיטעל, ווי אזוי אויסצוראָטען די סאָציאַליסטען, ימח שמם, און מיר בעדאַרפען דאָ קיין דרשות ניט... וואָס שווייגט איהר, ר' סענדער? איהר זייט דאָך עפּעס אַ מחבר, אַ איד מיט קאָפּ — גיט־זשע אַן עצה...

ר' סענדער בוך. — נעהמט מיין ספר... מישט אויף דף 23, אין דעם ערשטען חלק, און איהר וועט געפינען אין די דריי שורות פון אויבען, אין די לעצטע דריי שורות, דאָס וואָס איך האָב צו זאָגען. טאָמער האָט איהר נאָך וועֶר עס איז מיין ספר ניט, קענט איהר עס האָבען פאַר פינף שילינג אין בלעטער און פאַר

זעקס שילינג מיט דריי פּענס געבונדען און ווער עס וויל געבען מעהר — מעג, מחמת... כדרך הטבע וואָלט איך אייך... נאַר, לאָז זיין... בקיצור, מיין כח איז אין דער פּערד, א ריידער ביז איך ניט...

דער נארר. — איך שווייג.

ר׳ סענדער בוך. — און איך אויך. דאָ איז פאַראַנען דער גרויסער גביר, דער מפורסם, דער תכשיט פון אונזער קהילה, הערר ברוך... ער דארף אונז זאָגען... ער און ניט קיין אַנדערער, הגם ר׳ געצעל דוך און ר׳ מענדיל טוך און ר׳ שמענדרע שוך — וואָל־טען אויך...

ר׳ טרייטעל ברוך. — שאַט! איך רעד! איך האָב געמיינט, אַז דער בעריהמטער מחבר, הערר בוך, און דער גרויסער דרשן ר׳ בענדעטיל פלוך וועלען אונז קענען בעסער דערקלערען, וואָס דאָ איז צו טאָן. ווען אָבער זיי שווייגען...

דער נארר. — און איך? איך שווייג דאָך אויך.

ר׳ טרייטעל ברוך. — טו שווייגט־זשע... נו, הייסט עס, רעד איך. הערט וואָס איך זאָג...

ר׳ סענדער בוך. — הערט, אידען, הערט!

ר׳ טרייטעל ברוך. — משל למה הדבר דומה — צו וואָס איז דאָס געגליכען, צו א דאָקטאָר, וואָס מען רופט איהם צו א חולה. ער שרייבט ניט קיין רעצעפּט, כל זמן ער ווייס ניט, אין וואָס די קרענק בעשטעהט, רחמנא ליצלן. נו, אַט ווילען מיר אויך שריי־בען א רעצעפּט צו א גרויסע קרענק... לאָמיר זשע זעהן, וואָס דאָס איז פאר א חלאת. (אפלויז) די צאָציאַליסטען ווילען אוועק־נעהמען אונזערע געלד... נעהמען זאָל זיי פאר׳ן בויך!

דיא מאַרק־אידענע. — און פאַר די ציינער.

ר׳ טרייטעל ברוך. — און פאר די ציינער, ווי די ווייבעל זאָגט. זיי ווילען, אַז דער גאַסענראַמער און דער קוימענקעהרער זאָלען האָבען געלד איף פּראָצענט און איך — דיא פירמא „ברוך ענד קאָ.״ זאָל געהן טראָגען ציגעל אויף [illegible]. זיי שרייען זיי...

דער נאַרר. — איך... איך שווייג!

ר׳ טרייטעל ברוך. — גוט, גוט! זיי שרייען, — שרייען זאָלען זיי אויפ׳ן בויך...

דיא מאַרק־אידענע. — און אויף די ציינער...

ר׳ טרייטעל ברוך. — און אויף די ציינער, ווי די ווייבעל זאָגט, הייסט עס שרייען זיי, אז די וועלט געהערט צו די אר־בייטער... אַ שטייגער די מאַשינערס, די שוסטערס, די סטאָ־ליאַרעס און די פערריערס זאָלען פיהרען די גרענדע. וואָס זאָג איך? איך זאָג: ניין! איך זאָג, ניט דערלעבען זאָלען זיי דאָס! איך זאָג... וואָס הויבט זיך דער יונגער מאַן דאַרטען אלע ווײלע?

דער נאַרר. — ווער איך? איך שווייג.

דער פאַלעסטינעץ. — דאָס מיינט מען מיר... מעג איך רעדען?

ר׳ טרייטעל ברוך. — איהר מעגט.

דער פאַלעסטינעץ. — היינטיגע נאַכט בין איך געלעגען און האָב... געשלאָפען...

דער נאַרר. — איך אויך, נאָר איך שווייג.

דער פאַלעסטינעץ. — און האָב געשלאָפען. נאָר ניט דאָס בין איך אויסען. האָט זיך מיר געחלום׳ט, אז איך ליעג אויסגעצויגען אויף רחל׳ס קבר און הער זי וויינענדיג. האָב איך איהר געפרעגט: „מאַמינקע, וואָס וויינסטו?“ האָט זיא געענט־פערט: זונינקע, איך וויין אויף מיינע קינדער, וואָס ווילען זיך צומישען מיט די גוים און ווערען אויס — אידען. איך וויין אויף די קינדער מיינע וואָס זיינען געוואָרען סאָציאַליסטען. האָב איך איהר געפרעגט, וואָס מיר זאָלען טאָן, האָט זי מיר געוואָלט ענטפערען, נאָר אַ פליעג האָט מיר אַ קיצעל געטאָן אין דיא נאָז־לעכער, האָב איך אַ ניעס געטאָן און האָב זיך אויפגעכאַפּט. מיין עצה איז, אידען, אז מיר זאָלען אליין געהן אין ארץ־ישראל און לאָזען די סאָציאַליסטען אין גלות.

ר׳ טרייטעל ברוך. — האַשש! ארום דעם וועלען מיר פעררופען אן אנדער אסיפה. (פאר זיך) וואָס פעהלט מיר דאָ? (אין דער הויך) דעם ערשטען טאָג חנוכה פערזאמלען מיר זיך ווידער.

דער שמש. — צייט צו געהן אין שול אריין.

ר׳ וועלוויל סלוך. — קומט, אידען, קומט.

דער נאַרר. — מעהר שוויג איך נים.

LXXI.

## לעזע־שטאף פאר יונגע לייט.

וואס אלטע לייט זיינען — פרעגט ביי מיר.

זיי זיינען עגאאיסטען, וועלכע ליעבען זיך אלץ מעהר און מעהר, וואס ווייניגער צייט עס בלייבט זיי איבער צו לעבען און זיך צו ליעבען.

טאמער רעדט איהר מיט זיי וועגען אייער אידעאל און איהר זעהט, ווי זיי שאקלען מיט'ן קאפ, און איהר הערט, ווי זיי זאגען: „עה! דאס איז א זאך, וואס קען ניט זיין!“, דאן פערשטעהט די קלוגע אלטע רייד אט אזוי:

איידער א גוטע זאך זאל קומען, ווען מיר זיינען שוין ניטא, ווילען מיר, אז זי זאל בעסער גאר ניט קומען.

פרעגט ביי מיר, וואס אלטע לייט זיינען.

---

מענשען קומען צו אייך און זאגען:

„ווען אייערע אידעען וואלטען געווען ריכטיגע, דאן וואלטען זיך אייערע צייטונגען בעסער פערקויפט און אייערע רעדנער וואלטען געפונען מעהר צוהערער.“

ענטפערט זיי און זאגט:

ווען עס וועט האלטען אזוי ווייט, אז א סאציאליסטישע צייטונג וועט זיין א גוטער געשעפט און אונזערע רעדנער וועלען האבען זעהר, זעהר פיעל צוהערער, דאן וועלען שוין אונזערע צייטונגען און רעדען כמעט ניט נויטיג זיין.

---

פערגעסט ניט די פרויען.

געדענקט, אז מיר ווערן ניט נור פון זיי געבארען, זאנדערן אז מיר ווערען פון זיי אפט בעאיינפלוסט.

געדענקט, אז דער פסוק זאגט זיך אפילו: „והוא ימשל בה“, אבער די ווייבער זאגען: „והיא תמשל בו“ (איך איבערזעץ דאס ניט, ווייל עס איז גלייכער, אז די ווייבער זאלען דאס ניט פערשטעהן!) און ווען מענער זאלען זיך שוין יא לאזען לענקען פון ווייבער, זעהט וועניגסטענס, אז די ווייבער זאלען זיין פערנינפטיג.

פראפאגאנדיסטען, פערגעסט ניט די פרויען.

---

מען זעהט אמאל צווישען אייך א שווינדלער און מען זאגט צו אייך אזוי:

„אט, זעהט איהר! איהר זייט די פרעדיגער פון גערעכטיגקייט, פון עהרליכקייט און וואהרהייט און אייער אייגענער חיים אדער זרח איז א גנב!“

ענטפערט זיי אין דעם מינסקער פילאזאף'ס נאמען און זאגט:

„גנבה איז א לייבליכע טאכטער פון דלות; דער דלות האט איינגעפיהרט צווישען אונז פיעלע קעמפפער!

„עס איז דערפאר נאטירליך, אז צווישען אונז זאלען זיך געפינען אזעלכע, וואס ליידען פון טאטען און נעהמען זיך ארום, ווען קיינער זעהט ניט, מיט זיין טאכטער.“

לעגט נאך צו אט דאס:

„ווען דער טאטע דלות וועט אוועקגעהן פון דער וועלט, וועט זיין טאכטער גנבה בלייבען אהן ליעבהאבערס.“

דאס ענטפערט זיי אין מיין נאמען.

---

מאנכע וועלען צו אייך קומען מיט אזא טענה:

„צו דען — וועלען זיי זאגען — אז די היינטיגע געזעלשאפט

איז שלעכט, איז דאָס גאָר ניט מעגליך אויף א פריעדליכען אופן צו מאכען אז עס זאָל ווערען גוט?

אייער ענטפער דארף זיין דיעזער:

„ווען מען מוז האָבען אַן אייזערנעם לאָם, איינצוברעכען א הילצערנע הויז, ווי קען מען איינברעכען אייזערנע שטאבעס מיט א הילצערנעם האממער?"

---

טאָמער שרייען זיי אוים:

„אָבער בלוט? שטייטס? דאָס וועט דאָך קאָסטען בלוט?"

ענטפערט זיי און זאָגט:

„ווען אייער אייגענע געבורט, וואָס קיינעם איז דערפון ניט לייכטער געוואָרען, האָט אייער מאמען געקאָסט בלוט, ווי קענט איהר זיך איינבילדען, אז די געבורט פון דעם סאָציאַליזמוס, וועלכער וועט די וועלט איבערבויען זאָל זיך בעגעהן אָהן א קליינעם בלוט־שטורץ?"

און דאַן זאָגט זיי נאָך דאָס:

„דאָס יודענטהום, דאָס כריסטענטהום, דער גלויבען פון מחמד האָבען, צוליעב דעם הימעל, רויט געפאַרבען די ערד; פרעס־פרייהייט, רעדע־פרייהייט, פערזאמלונגס־רעכט, נעגער־פרייהייט, דזשורי׳ס, קאנסטיטוציעס, טויזענדע אנדערע זאכען האָבען גע־קאָסט בלוט, און איהר דערשרעקט זיך פאר אביסעל בלוט, ווען מען רעדט ארום א נייע וועלט?"

זאָגט זיי, אז זיי זיינען נאררען.

---

די רייכע האָבען א בליטץ־אָבלייטער אויף זייערע הייזער פון עלעקטריציטעט און א בליטץ־אָבלייטער לעבען זייערע הייזער פון פלייש און בלוט, אין בלויען געקליידעט, מיט א פיקעל־הויב אויפ׳ן קאָפּ.

זיי פיהלען זיך זיכער.

עס איז אָבער דאָ אזא „דאָננער־וועטער" און אזא בליץ, וואָס איז מעכטיגער ווי דער מאן אין בלויען, און וואָס לאַכט פון פראנקלין׳ס ערפינדונג.

ביי געלעגענהייט ערקלעהרט זיי דאס.

---

זאגט ניט קיין ליגען, אפילו ניט צוליעב די וואהרהייט.

יעדער מאטעמאטיקער וועט אייך ערקלעהרען, אז א קרומע ליניע זעהט אמאל ניט אויס לייגגער, אבער זי איז אימער לייגגער, ווי א גלייכע.

דער וואס מיינט, אז מען קען זיך ערלויבען צו זאגען א ליגען, כדי דורך דעם צו העלפען דעם אמת, קומט מיר פאר ווי איינער, וואס נעהמט זיך רייניגען א שפיעגעל מיט שמוציגע הענד.

ער זאגט ווי די יעזואיטען פלעגען זאגען: „דער צוועק הייליגט דאס מיטעל", און זאגענדיג, וואס זיי האבען געזאגט, און טוענדיג, וואס זיי האבען געטאהן, וויל ער פון דעסטוועגען ניט, אז מען זאל איהם רופען יעזואיט.

---

פערגעסט ניט, אז די יעזואיטען האבען געפאנגען פיש אין מוטנע וואסער; אז זיי האבען פיינט געהאט קלאהרהייט און ליכטיגקייט, אויסער אזוי פיעל, וויפיעל זיי האבען בעדארפט פיר זיך אליין.

און בכדי אז אליין זאלען זיי קענען זעהן, ווערענד זיי פערשטעלען אנדערע מענשען דאס ליכט, זיינען זיי ארומגעגאנגען, ווי פאליציייסקע אין דער נאכט, מיט א בלינדע לאטערנע אין דער האנד, מיט די ליכטיגע זייט צו זיך און מיט די פינסטערע צו די וועלט צו.

איהר, אבער, זייט ניט זיי.

אייער לאטערנע מוז לייכטען דורך אלע פיער שויבען אין אלע פיער עקען וועלט, ביז עס וועט אומעטום ווערן טאג און מען וועט איהר ניט מעהר נויטיג האבען.

קינדער, שפרייט ליכט! שפרייט ליכט און האט ניט קיין מורא, פיעלייכט איז אייער שיין צו שטארק פאר געוויסע מענשען מיט שוואכע אויגען.

נאָך אַמאָל : זאָגט ניט קיין ליגען, אפילו ניט צוליעב די וואהרהייט.

---

זייט... איך האָב אייך געוואָלט זאָגען עפּעס נאָך וואָס, נור מיין אייניקעל רופט מיך עסען. לאָמיך בענוצען, דעם וואָרט „זייט" אום אייך צו זאָגען : זייט געזונדערהייט!

## LXXII.

# נייע געזעצע פאר אידען אין רוסלאנד

מיט עטליכע יאהר צוריק איז אין בויסק געווען א מורא'דיגער טומעל. א זוהן פון א מורה הוראה האט זיך (ניט אין קיין אידישע הויז געדאכט!) אוועקגע'שמד'ט אין די עשרת ימי תשובה, און איז געווארען א פראוואסלאוונער, אדער ווי דעם קאזאנעם רב'ס פלימעניק האט זיך דאמאלס אויסגעדריקט — א לעוואסראמנער גוי, וואס דערמיט האט ער משמעות געוואלט זאגען, אז דער בעל־חבר איז געווארען לינק און שענדליך, וואס דאס איז דער היפוך פון פראוואסלאווע, וואס דאס ערקלער איך ווייל איך בין גראד היינט אויפגעלעגט צו ערקלעהרען און אגב האט זיך מיר געוואלט מאכען מיין געשרייבאכץ אביסעל לענגער. אונשולדיגע און ניט איבערגעשפיצטע לעזער מעגען וויסען, אז דאס טוען פיעל שרייבערס און איבערהויפט אידעשע, דאס הייסט, זיי פילען אויס פאפיער, מיט ווערטער ווען זיי פעהלט אויס געדאנקען, און זיי רעדען אליץ מעהר וואס ווענינער זיי האבען צו זאגען.

וואלט זיך מיר ניט געוואלט אביסעלע מאריך זיין, דאן וואלט איך אייך בקיצור דערצעהלט, אז דעם בויסקער מורה הוראה'ס זוהן האט זיך א פאאר טעג פאר יום־כפור גע'שמד'ט, אז ער איז נאך כל־נדרי אנטלאפען געווארען פון שטעדטיל און, אז ער איז גאר אין קורצען געווען א קאלבאסא־פרעסער אין פעטערסבורג. אבער ניט דאס אליין. ער האט אויף זיך געהאט דעם טאטען'ס קאפ און איז אין צייט פון א פאאר יאהר געווארען די רעכטע האנד פון דעם מיניסטער וונוטרעניך דיעל, דאס הייסט, די האנד, וועלכע מאכט אן די מערהרסטע גזירות אויף אידען.

אט דעם בחור האב איך זעהר גוט געקענט און איך דארף אייך

ניט זאגען, אז די מעשה האט מיר זעהר נים געשמעקט, איבערהויפט ווייל איך האב געוואוסט, אז די גזירות וואלטען אזוי גרויס ניט געווען, ווען אין זיי וואלט ניט געשטעקט א אידישע קאפ. היינט שטעלט זיך פאר מיין שמחה, ווען איך בעקום פון איהם מיט אמאל א בריעף, אין וועלכען ער שרייבט מיר, אז ער איז דא אין ענג־לאנד אז אנטלאפענער פון פאיינעם קנוט, און צוריק א איד — א פרומער, עהרליכער איד ווי אלע... פאון בראקערס, פון ווייטשעפעל ביז דעטפארד.

איך האב איהם אבגעשריעבען א בריוועלע, אז איך וואלט איהם וועלען זעהן און ער איז געקומען. מיר האבען זיך לאנג אונ־טערהאלטען און פאר'ן אוועקגעהן האט ער מיר דערלאנגט א גע־שריפט.

„אט דאס — מאכט ער — האב איך ארויסגע'גנב'עט פון פאר־ביעדאנאסצעוו'ס קאנצעלאריע; דאס איז א פלאן פון נייע גזירות אויף די רוסישע אידען. איבערזעצט דאס און מאכט בעקאנט ווייט און בריים„.

איך האב אזוי געטאהן און איהר מעגט דאס איצט לייענען געדרוקט.

אט איז עס :

„פון דעם ערשטען יאנואר אן און ווייטער טאר זיך קיין איד אין רוסלאנד , פוילען, פינלאנד און סיביר ניט אנדערש רופען ווי זשיד; די נעמען יעווריי, איזראעלים, יהודי, אלט-טעסטאמענטניק, אברהם-יצחק-ויעקב'ס אייניקעל, רוסע מאאזישער רעליגיאן, בן־ברית, בן־מלך, רחמן־בן־רחמן, מענש און אלע אנדערע נעמען און פריזווישקעס זיינען פארבאטען.

אידישע ארימע לייט, וועלכע האבען ניט פון וואנען צו לעבען און לעבען פארט, וועלען בעהאנדעלט ווערן ווי גנבים און וועלען פארשיקט ווערן נאך סיביר.

יעדער איד מוז טראגען א געלע לאטע אויף'ן אויבערראק און א שווארצען צלם אויף די לאטע. די שטראף פאר'ן ניט טראגען די

לאַטע איז טורמע אויפ'ן גאַנצן לעבן; פאַר'ן אַראָברײַסן דעם צלם — צעהן יאָהר מעהר.

„טאַמער גנב'עט זיך אַרײַן אַ איד אין די פאַרבאָטענע גובער־ניעס, ווערט ער געבונדען הענט און פיס און געקײַקעלט מיט אַ קאָנוואָי אַהיים, — אַהין פון וואַנען ער קומט; אום ניט צו פאַרמאַטערן דעם קאָנוואָי, מעגען די סאָלדאַטען איהם בריקענען מיט די פיס און אויף דעם אופן פאַרשפּאַרען זיך צו בויגען.

„אידעש טאָר ניט גערעדט ווערן אין גאַס. דעסגלײַכען לשון־קודש, תרגום־לשון און ווײַבערשע טײַטש. שטומאַקעס טאָרען אויף אידעש ניט מאַכען מיט די הענט.

„אַ איד טאָר ניט לעבען פון פּראָצענט, ניט פון אַ מלאכה, ניט פון דיענסט, ניט פון רבנות, ניט פון לעהרערײַ, ניט פון פאַררײַדען עין־הרע'ס, ניט פון שחיטה, ניט פון בדחנות, ניט פון סאַרווערײַ, ניט פון טראָגען פּעק, ניט פון ברענען ציגעל, ניט פון חזנות, ניט פון מעקלערײַ, ניט פון האַנדעל, ניט פון שדכנות, ניט פון פיטערן בהמות, ניט פון האַלטען קיה, ניט פון קרעטשמאַרסטווא, ניט פון רײַסען הושענות, ניט פון לײַפּציגער צעטלאַך, ניט פון לולבים און אתרוגים, ניט פון פּאַדראַטען, ניט פון מגידות, ניט פון עסען טעג, ניט פון היטען פּלוצערן, ניט פון אַלטע קלײדער, ניט פון חלפנות, ניט פון באַקען מצה, ניט פון המן־קלעפּלאַך, ניט פון מאַכען לוחות, ניט פון דאַווענען שחרותים, ניט פון אַגענטסטוואָס, ניט פון געהן איבער די הײַזער, ניט פון שײַנקערײַ, ניט פון שרײַבען תפילין, ניט פון שפּינען ציצית, ניט פון וואַסער טראָגען און ניט פון ווינד.

„אַ איד, וועלכער איז הויך געוואַקסען טאָר זיך ניט האַלטען גרעסער פאַר אַ פּראַוואָסלאַווענעם קאַרליק.

„מחדש צו זײַן די לבנה איז שטרענג פאַרבאָטען, ווײַל דאָס קען זײַן אַ פערזאַמלונג אונטער'ן פרײַען הימעל.

„אַלע אידען וואָס זיצען אין טורמע מוזען שטעהן אַ גאַנצען טאָג חוץ אין דער צײַט פון שמונה־עשרה בײַ'ן דאַווענען.

„אַ איד טאָר ניט פערקויפען בראַנפען אפילו בײַ זיך אין דערהיים. געבען אומזיסט מעג ער; געבען אַ טשײַנאַוויק מוז ער צו יעדער צײַט.

אידישע קינדער טאָרען ניט געבאָרען ווערן אין העמדלאך.

א אידענע וואָס גייט צו־קינד טאָר ניט מאכען קיין צו גרויסען לארעם; טאָמער מאכט זיא, ווערט זי באַשטראָפט פאר׳ן שטערן די עפענטליכע רוהע.

ווען א איד דינגט א פּראָװאָסלאַװנעם אנצוצינדען אָדער צו פארלעשען א ליכט אום שבת, צו מאכען א סאמאָװאַר, אָדער צו פּוצען די שטיװעל ווערט ער (דער איד) ענטװעדער געברענט מיט די ליכט, אָדער געבריהט מיט די זודיגע װאסער, אָדער פאר־שװארצט מיט די שוה־װאַכס.

אידעשע רעקרוטען מוזען געהן 6 חדשים געפּענטעװעט, בכדי אז זיי זאָלען ניט קענען אנטלויפען. טאָמער אנטלויפען זיי פּאָרט איז... פארפאלען.

א נאלאָג ווערט ארויפגעלייגט אויף די פאָלגענדע ארטיקלען:

| | קאָפּ. רוב. | |
|---|---|---|
| א יאַרמעלקע — — — — — — — | 50 | א יאָהר |
| א טלית — — — — — — — | 1,50 | " |
| א ציצית — — — — — — — | 1 | " |
| א פּאָאר תפילין — — — — — — | —75— | " |
| א מזוזה — — — — — — — | —50— | " |
| א װייבערשער פּארוק — — — — | 1 | " |
| א האלז פּערל — — — — | 10.50 | " |
| א זופּיצע — — — — — — — — | 2 | " |
| א גארטעל — — — — — — — | —50— | " |
| א װייבערשער קנופּ — — — | 1 | " |
| א האַרבאנד — — — — — — — | 1 | " |
| א שטריימעל — — — — — — | —50— | " |
| א טלית מיט אַן עטרה — — | 3 | " |
| א שלייער פאר א כלה — — | 5 | " |

און בכדי אז קיינער זאָל זיך ניט קענען ארויסמאכען פון דיזע נאלאָגען, מוז זיי יעדער איד צאָהלען, אפילו ווען ער איז ניט

פרום, און באנוצט די אלע ארטיקלען גאר ניט. פאר ארעמע צאהלט די קהילה.

ווען א איד טרעפט אין גאס א קאזאק אויף'ן פערד מיט דער נאגאייקע אין דער האנד, מוז ער זיך בוקען דריי מאל פאר'ן קאזאק, צוויי מאל פאר'ן פערד און איין מאל פאר די נאגאייקע.

רוסישע אידען טארען ניט מעהר געהן נאך ארץ ישראל, בכדי אז זיי זאלען ניט שפיאנעווען פאר'ן מערק אין דעם פאל פון א מלחמה.

מעהר ווי איין אינגעל פון צעהנטויזענד און איין מיידעל פון צוואנציג טויזענד ווערט ניט אנגענומען אין גימנאזייעס. דער אייר נער, אדער די איינע ווערט ארויסגעטריבען אויב ער אדער זי אסמיעלעוועט זיך צו קריגען א 5 פון ערגעץ א פרעדמעט.

אין א מהלך פון צוויי וויארסט 117 קלאפטער, 2 ארשין און א ווערשאק מיט א האלבען ארום און ארום א פראוואסלאוונע קירך טאר א איד ניט שפייען.

א איד טאר ניט קארמענען מיט כשרות א קאץ וואס איז גע־בארען געווארן אין א כריסטליכע הויז.

א אידישע פוס, וואס צוטרעט א פראוואסלאוונע הינער־אויג, ווערט אבגעשניטען.

א אידישער אינגעל מעג שטעהן אויפ'ן קאפ, אבער ניט אין א יארמאלקע.

אידען טארען ניט רייטען אויף פערד אדער אייזלען וואס קומען ארויס פון פראוואסלאווע און טארען ניט איינשפאנען אין אקער און אין בראנע א פראוואסלאוונעם אקס.

פאטאגראפען מוזען אין זייערע שוי־קאסטען האבען א בעזונ־דערן ווינקעל פאר אידישע בילדער.

פאר יעדען בית־המדרש צאהלען אידען 500 רובעל א יאהר אין קאזנא, חוץ 100 רובעל פאר יעדע ספר־תורה, די געוואוינליכע טאק־סע פאר די מזוזות און 10 רובעל א יאהר פאר יעדען פרוש, וואס שלאפט דארטען. אויך צאהלען זיי פון 5 ביז 20 רוב. פאר'ן גערוד

אינעוויינינ, נאך דער גרויס נאך פון בית־מדרש און נאך די שטאר־
קייט נאך פונ'ם געווד.

אידישע שיינע מיידלאך ווערן געטויפט.

א איד טאר ניט אויסנעהן שמונה עשרה הינטערוויילאך, וויל
דאס איז נעגען דעם פאראגראס פון אונזער ציוויליזירטע מדינה.

פעטע קוגלען זיינען שטרענג פארבאטען. פאר געוויינליכע
צאהלט יעדער איד 10 קאפ. פער קוגעל פער עסער, פער שבת איז
קאזנא אריין. טשאלענט און פישנאגע — דעסגלייכען.

דער פערברעכער גענען דיזע אלע זאקאנעס ווערט בעשטראפט
(וואו די שטראף איז ניט גלייך בעשטימט געווארען אין געזעץ
גופא) נאכ'ן געזעץ פונ'ם יאהר 1753 מיט די דאפאליעניע פון 1792,
1813, 1825, און 1855טען יאהר סוואד זאקאנאוו באנד דרייסיג
סטאטיא 23816, 24761, 31527, דריטע און פיערטע פרימעטשאניעס,
צווייטע און פינפטע אבטהיילונג, און אין סטאטיא 31527 מיט
די פרילאזשעניעס 7 ביז 11 און אנדערע.

וואס זאגט איהר פארט דערצו?

## LXXIII.

## יום כפור — היינט און א מאל.

חוץ דעם פרנס פון שטאקלישקער מנין און דריי, פיער עמי־ארצים, וואס פרעדיגען אין דיא גרויסע אידישע שולען היער אין ענגלאנד, ווייס יעדער איינציגער, אז יום־כפור איז א מיוחס. פון וואנען, אבער, זיין יחוס קומט — דאס ווייס, מיר דאכט זיך, קיינער ניט. ביי זיי ביניהם זיינען אויך דא מיוחסים, מענשען, וואס מען רופט דוואריאנעס, ערעללייט, לארדס. זייער יחוס ווייס מען: איינער קומט ארויס פון א רויבריטטער; דער אנדערער פון א קעניגליכען ממזר; דער דריטער פון א גרויסען מענשען־שוחט, א גענעראל; דער פיערטער פון מיסטער גלעדסטאן'ס פאליטיק; דער פינפטער פון א גרויסען בעל־צדקה, וואס האט ניט געוואוסט, וואס צו טאן מיט זיינע געלט; דער זעקסטער פון עללערהויט; דער זיעבעטער פון א גע'פגר'טען מיניסטער; דער אכטער פון א גע'שמד'טען אידען, וועלכער האט נושא חן געווען ביי א קיסר; דער ניינטער פון א ברויז (ווי, למשל, לארד אללסאפ); דער צעהנטער — נו האב זיי א גוטער יאהר, אבי מע ווייס זייער שלשלת־היוחסין, דאס איז דער עיקר.

פון וואננען קומט ארויס דער יחוס פון יום כפור? וואלט ער געווען ניט א טאג, זאנדערן א מענש, דאן וואלט איך אפשר גע־גלויבט, אז ער האלט זיך גרויס דערמיט, וואס צוליעב איהם הונגערן אלע יאהר אזוי פיעל כשר'ע בהמה'לעך גאנצע 24 שטונדען, (זאגאר 25, ווען מע זאל רעכענען די צייט, וואס נעהמט דער אריינשלאגען פון דעם ערסטען פלעקעל פון די סוכה). נאר אפילו דאן וואלט ער ניט געדארפט אזוי פערדרייסען דעם נאז, ווייל עס זיינען דא מיוחסים, וואס צוליעב זיי הונגערן כשר'ע בהמה'־

לעך ניט 24 שעה, נור טאקי 24 טעג אין יאהר, ווען ניט מעהר. דאס האט עפעס קיין זין ניט.

נאך וואס. ווען, למשל, יום כפור וואלט זיך גרויס געהאל־טען גור אין ענגלאנד, אין פראנקרייך, אין אמעריקא, איבער־הויפט אין די ציבוליזירטע לענדער, וואלט זיין יחוס נאך אפשר אויך געהאט א גרונד. א טאג, וואס פון איהם האלטען אזעלכע אידען, וועלכע האלטען, חוץ איהם פון קיין ברעקעל אידעשקייט ניט, מעג זיך איבערנעהמען. לאמיך היינטיגען טאג זיין א טאג, וואס א געסקראבעטע מארדע איינגעריכט אין שוויינעפעטס, — א מארדע, וואס הענגט אראפ פון אזא מין קאפ, וואס ווייס ניט פון קיין תפלין, פון קיין עטרה, וועלכע זיצט (ארויפגעשטעלט אויף א גראבען גוף, נאטירליך) אלע שבת אין פאון־שאפ, אדער אין קליידער־געשעפט, — לאמיך, זאג איך, זיין א טאג, וואס אזעלכע ברואים זאלען פאר מיר ציטערן, ווי א מויז פאר א קאץ, ווי א פרוש פאר א דעסיאטניק, ווי אן איידעלער מאגען פאר א סמאר־גאנער פעטען קוגעל, אדער . . . . געגוג, איך מיין, לאמיך זיין אזא יום־כפור למשל אין האנסדישט, וואלט איך אודאי אויך גע־ווען שמאליץ, ווי אן אינדעק. אבער יום־כפור איז א יחסן ניט אין האנסדיטש אליין, ער האלט זיך גרויס אין פוילען און אין דער ליטא אויך. איז די פראגע · פון וואננען נעהמט זיך דארטען זיין יחוס ?

איז עס מעגליך, אז ער — יום־כפור — האלט זיך גרויס מיט דעם, וואס שווינדלער, בעטריגער, שוויסאויספרעסער, בלוט־צאפער און אנדערע אידעשע געלד־שרצים צאפען ניט, פרעסען ניט, בעטריגען ניט און שווינדלען ניט פון כל־נדרי ביז נעילה, מחמת זיי האבען בושה פאר איהם, דעם הייליגען יום־כפור ? אויב ער האט שכל, דארף ער זיך דערמיט אויך ניט איבריגס שטארק איבערנעהמען, מחמת, דיא בעשווינדעלטע, דיא בעטרא־גענע, די אויסגעפרעסטע, די אויסגעצאפטע ווערען גאנץ געגוג אויסגעמוטשעט פון דעם יחסן אליין און ווערען גאנץ געגוג אויס־געצאפט, אויסגעפרעסט, בעטראגען און בעשווינדעלט דיא איברי־

גע 364 טעג פון יאהר. ער וואלט זיך געקענט גרויס האלטען, וועז ער וואלט אין גאנצען אויסגעבראכט שווינדעל, בעטרוג, שוויים־פרעסעריי און בלוטצאפּענעס, — אזוי אבער זעה איך ניט אייז, מיט וואס עס האלט זיך דא אזוי גרויס. עס וועט קומען א טאג, ווען דער וועט אויסברענגען פון דער וועלט די בלוטצאפּערס, די אויספּרעסערס, די בעטריגער און די שווינדלער, אבער ער וועט ניט ברענגען הונגער און פאסטען פאר מענשען, ער וועט ברענגען ברויט און געזונדהייט פאר אלע די, וואס האבען פריהער געפאסט און געהונגערט און געליטען און געשוויגען.

* * *

אה, איך וועל דאס קיין מאל ניט פערגעסען.

מיט יאהרען צוריק האב איך איין יום־כפור נאך כל נדרי איינגעדרעמעלט אין שול. מיר האט זיך אפּגעדאכט, אז איך זעה לעבען זיך אן אלטען מאן (אין מיינע יאהרען), מיט א אויסגעדארטען פּנים, מיט אן איינגעבויגענעם רוקען, מיט גרויע האר אויפ'ן קאפּ און מיט אבגעריסענע קליידער אויפ'ן קערפּער. און ער האט געהאלטען צונויפגעלייגט די אויסגעהארעוועטע הענד און האט געבורבעלט אין דער שטיל א וואונדערבארע תפילה.

„ליעבער גאט! — האט ער געזאגט — איך ווייס, אז דו ביזט בארמהערציג און אז דו פערגיבסט אונז אונזערע עברות געגען דיר; איך בין אויך זינדיג, ליעבער גאטט, פערגיב מיר אויך און זיי מיר מוחל מיינע זינד!

„ליעבער גאט! איך ווייס, אז דו ביזט א משגיח אויף דער וועלט און אז קיין זאך טוט זיך ניט אהן דיין בעשטימונג און אהן דיין ווילען; איך האב זעהר פיעל געליטען פון דיין האנד, שרעקליך, שרעקליך פיעל געליטען, אבער איך פערגיב דיר, ליעבער גאט! איך טו דיר נאך, און נעהם אן דיינע מידות, און בין דיר מוחל ד י י נ ע זינד.

„ליעבער גאט! אין מיינע יונגע יאהרען האב איך אפט פערבראכען געגען דיין געבאט און האב א מאל פערפעהלט צו לויבען און צו הייליגען דיין נאמען. זיי מיר מוחל מיינע זינד!

„ליעבער גאָט! אין מיינע יונגע יאָהרען האסטו צוגענומען מיינע עלטערן פון מיר, מיינע שטיצערס, ניי, וואָס האָבען מיך געליעבט, געהאָדעוועט. איך בין געבליבען אַ פערוואַגעלטער, אַ יתום אין דער וועלט; פון דיין האנד איז דאָס מיר געקומען, דאָך, איך בין דיר מוחל דיינע זינד.

„ליעבער גאָט! ווען איך בין אלט געווען אכטצעהן יאָהר, האָב איך איין טאָג געטראָפען נאָך דער אַרבייט דיינע אַ בעשעפינעס אין ווייבליכער געשטאלט; זי איז געוועזען יונג און שעהן און זיטליך און איך האָב איהר פון דעם אויגענבליק געליעבט פון גאנצען האַר־צען און האָב דורך דעם אָבגעקעהרט אָפט די געדאַנקען פון דיין הייליגען געבאָט. איך בעט דיך, ליעבער גאָט, פערצייה מיר און זיי מיר מוחל מיינע זינד!

„ליעבער גאָט! דו האסט מיין גליק צושטערט, דוא האסט איהר, די אונשולדיגע ליעבעספאָלע שעפסעלע, אוועקגענומען פון דער וועלט, איידער זי האָט מיך בעגליקט מיט דער פרוכט פון אונזער אונבעשרייבליך גרויסע ליעבע; ליעבער גאָט, איך בין דיר מוחל דיינע זינד.

„ליעבער גאָט! איך וויים, אז נאָך איהר טויט, אַרבייטענדיג שווער און ביטער, האָב איך אָפט געלעסטערט דיין געבענשטען נאָמען פון שווערע נויט, דורך קראַנקהייט און דורך ליידען. זיי מיר מוחל מיינע זינד.

„ליעבער גאָט! דו האָסט מיר געגעבען נויט און קריינק אלץ מעהר און מעהר מענשען, בייזע מענשען, האָסטו לאַנג געלאָזען וואָיעווען און הערשען איבער מיך. נאָר איך . . . איך בין דיר מוחל דיינע זינד.

„ליעבער גאָט! איך האָב אַ מאָל, אפילו טאָקע נור אין די געדאַנקען אויפגעהויבען מיין האנד אנטקעגען דיינעם אַ געזאלב־טען, וועלכען איך האָב זיכערליך געהאַלטען פאַר אַ בייזען, ווי־טהענדען טיראַן. ליעבער גאָט, טאָמער האָב איך דערמיט געזינ־דיגט, זיי מיר מוחל מיינע זינד.

„ליעבער גאָט! דו ווייסט אַז דיין געזאלבטער האָט מיך פאַר־

מיין רעיון געמוטשעט און געפייניגט יאהרען לאנג, האט מיך גע־מאכט אויף אייביג פאר א קאליעקע. דאס טוענדיג אויף דיין בעפעהל. איך בין איצט אלט און גרוי און שוואך און קראנק, איך יעה אין קבר פאר דער צייט אריין: פון דעסטוועגען בין איך דיר מוחל דיינע זינד.״

* * *

איך האב מיך אויפגעכאפט, האב זיך ארומגעקוקט און דער אל־טער מאן איז געווען פערשוואונדען.

אה, איך וועל דאס קיינמאל ניט פערגעסען!

## LXXIV.

## קעלט.

מיר איז קאלט.

דרויסען איז שוין לאנג פריהלינג. די זון שיינט. דער הימעל איז בלוי. די גאנצע נאטור לעבט. דער בייזער לאנגער ווינטער מיט זיינע רעליגיעזע טומאנען, מיט זיינע דיפלאמאטישע ווינטען, מיט דעם קאנסערוואטיווען אייז און דעם ליבעראלען שנעע — דער ווינטער איז אוועק און אלעס לעבט, אלעס בליהט. הארך! אט איז א פייגעלע וואס פיפצעט מיר אין אויער אריין: האף, אלטינקער, לעב און האף! נאך דעם פריהלינג קומט א ווארעמער זומער, און דאן א פרוכטבארער הערבסט, און די גאנצע מענשהייט וועט האבען וואס צו עסען. נאך א וויילינקע, און פון יעדען זיפץ וועט ווערען א פרעהליכער שמייכעל, פון יעדען געוויין א געזאנג, פון יעדען טרויער א שמחה. לעב, אלטינקער, לעב און האף!

און מיר איז קאלט.

עס זיינען געווען צייטען, ווען ארום מיר איז אלעס געווען שווארץ און פייכט און טונקעל; ווען די לופט איז געווען פערגיפטעט, ווען די וואהרהייט איז געווען פערצויגען מיט וואלקענס, ווען די פרייהייט איז געווען אומעטום אין שווערע קייטען, און ווען די מענשענליעבע האט אויסגעזעהען פערקאליעט און פערגליווערט. און דאן — דאן ווען עס איז ווירקליך געווען צום פערצווייפלען, ווען די האפנונג איז געווען אי שוואך אי וויים, ווערהענד די מרה־שחורה איז געווען אי שטארק אי נאהנט, — דאן איז פון דעסטוועגען מיר אליין געווען ווארעם אין ברוסט און מיין פולס האט געקלאפט האסטיג און אויף מיינע ליפען האט געשפיעלט א לוסט־

שמייכעל, און איך האב געטרייסט מיינע ארימע ברידער. און איצט ? איצט ווען יעדער ווינד ברענגט גוטע בשורות, ווען יעדער בוים צייגט אן א נייעם לעבען, ווען די גראז אויף די לאנקעס איז פון דאס ניי פריש און גריז, איצט פיהל איך א קעלט אין אלע גליעדער, אן איינזאמקייט ווי צווישען קברים, וואו עס ליגען בעגראבען אמאליגע האפנונגען, ווינשע און גרויסע פריידען.

און מיר איז קאלט.

איך בין א פערוואגעלטער צווישען פריינד און ברידער. די פנים'ער וואס איך זעה ארום זיך זיינען ניט די אלטע ; דער האנדדרוק וואס איך פיהל איז ניט ווארעם ; די ליעבע ארום מיר איז א פערפאסטע און א געדרוקטע ; די פריינדשאפט וואס איך בעגעגען טראגט אויף זיך א שטעמפעל פון א פאבריק ; די שטימען וואס איך הער זיינען פערשטיקט, פערשטימעלט און פערשטעלט. איך האב נאך אימער מיין אלטע פילאזאפיע און מיין יונגען אייניקעל, אבער ער איז צו יונג און זי איז צו אלט. א, די פילאזאפיע ! זי קען נור צוגליעדערן, צונעהמען און ווידער צונויפשטעלען, אבער זי קען ניט דערווארעמען, זי קען ניט דערפרישען, זי קען ניט בעלעבען. זי האט א שליטה איבער דעם מח אין קאפ, אבער ניט איבער די בלוט אין די אדערן...

און מיר איז קאלט.

זיי פרעגען מיך, ווארום איך שרייב אזוי וועניג. זיי ווייסען ניט, אז איך בין ניט א פילאזאף ווי אלע אנדערע. שפינאזא, למשל, האט נור בעדארפט צום שרייבען פאפיער, טינט, א פעדער, א ביסעל רוה פון די אמסטערדאמער אידלעך און פיליכט א פאר איינענע געמאכטע ברילען : ער האט נעמליך געשליפען חוץ מחות, אויך שפאקולען־גלעזלעך ; פיכטע וואלט געהאלטען „רעדען אן די דייטשע נאציאן", אפילו ווען א ווינד וואלט פערטראגען איהם אליין אדער זיינע טייטשען אויפ'ן פלאנעט יופיטער ; פייערבאך וואלט געשריעבען געגען אמונה זיצענדיג אין טורמע. אבער איך ? איך מוז צום פילאזאפירען האבען ארום זיך מענשען, וועלכע פיהלען מיט מיר מיט, און ווינען מיט מיר מיט, און לאכען מיט

מיר מיט. אזעלכע מענשען האב איך אמאל געזעהען, היינט פערפאלגען מיך זייערע שאטענס.

און מיר איז קאלט.

איי, וויא קאלט מיר איז! און דאס איז ניט צומאל א פראס-

אי, ווי קאלט מיר איז! און דאס איז ניט צומאל א פראס-
א סוף! דאס איז א קעלט ווי אין א קדחת, ווי אין א פראטעס-טאנטיש-גייסטליכער הארץ, ווי אין א געזיכט פון א געוועזענעם סאציאליסט, ווי אין א לאנדאנער תשרי-פאג; דאס איז ניט א מאסקווער פראסט, וועלכער פערכאפט מיט א מאל דעם נאז, די אויערן און דעם אטהעם, זאנדערן א קעלט וואס גריזשעט און טרייסעלט און שוידערט, און מאכט די וועלט פאר א פוסטע חורבה, און די מענשען פאר מתים וועלכע די ערד נעהמט ניט צו, און די בוימער פאר אונבענוצטע תליות, און דעם לעבען פאר א מתנה, וועלכע עס איז ניט זיכער צו האלטען ביי זיך און צו שווער צום הער-טראגען, און דעם שיין פון דיא זון פאר א בלענדונג אין די אויגען און פאר א שטער צום שלאפען. עס דוכט זיך, אז עס געהט אלץ נור וייל עס איז אנגעצויגען, אז די בעוועגונג איז נור א פיעבער, אז די שעהנע דרשות זיינען נור א מין רעדען פון היץ, פון וועלכע די הארץ קען פלאצען, אבער ניט אנגעווארעמט ווערען.

און מיר איז קאלט.

פון וואנען איז דאס אלעס געקומען? בין איך אזוי אלט? זיינען זיי אזוי יונג? קען איך מעהר ניט רעדען, אדער קענען זיי מעהר ניט הערען? אדער איז ערגעץ-וואו דא א בייזער גייסט וועלכער איז מבלבל אונזער שפראך און פערגיפטעט אונזער ברוי-דערליכען לעבען? איך ווייס ניט, איך פיהל נור, אז מיר איז קאלט. איך זעה נור, אז איך שטעה איינער אליין, א פערוואגעלטער צווישען גרויסע מענשען-מאסען, א פערבלאנזעטער אין בעקאנטע ערטער, א פערלאזענער צווישען ברידער. קען מען דאס ערקלערען? איך וועל פרובירען; וועל איך דערצעהלען א מעשה... אבער ניט היינט... היינט בויגען זיך מיינע פינגער ניט.

מיר איז קאלט.

# דער פרייהייטס-גייסט

## די דריי קעסלען.

די נאכט איז געווען זעהר א פינסטערע, די לופט געדיכט צום דערשטיקט ווערען. פלוצלינג האט עס געגומען דוננערן און בליט־צען און א פירכטערליכער שטורמווינד האט געבלאזען שטונדהען נאך אנאנד פון מזרח ביז מערב. און פון צפון ביז דרום, און, ווען די זון איז אויפגעגאנגען, האט די גאנצע וועלט געהאט אנאנדער פנים.

און עס זיינען געשטאנען דריי גרויסע קעסלען אויף די גרויסע פייערן, וועלכע האבען לוסטיג געברענט אויף דריי מזבחות, און א וואונדערשעהנע געשטאלט מיט בליסצענדע אויגען אין קאפ און מיט פליגלען אויפ'ן קערפער האט ארומגעשוועבט אויבען פון איין קעסעל צום אנדערן. דאס איז געווען דער פרייהייטס־גייסט.

לעבען דעם ערסטען קעסעל איז געשטאנען א געפליגעלטע יונג־פרוי, לעבען דעם צווייטען נאך איינע, און לעבען דעם דריטען ווי־דער איינע. יעדע פון זיי האט עטוואס געווארפען אין קעסעל אריין, זאגענדיג:

ברען, פייער, ברען! דארויף האט דער גייסט געענטפערט פון אויבען:

*שמעליץ, פייער, שמעליץ!*

און דער גייסט האט מיך צוגעפיהרט צום ערסטען קעסעל. ער האט מיך אויפגעהויבען אין דער הויך, און האט מיר געהייסען אריינקוקען אינעווייניג.

„מענש, וואס זעהסטו דארטען?" האט ער מיך געפרעגט און איך האב געענטפערט און האב געזאגט: — „איך זעה דארטען צו־

שמאַלצענע קרוינען, ווי די קרוינען פון מאָנאַרכען, און איך זעה גילדערנע סצעפּטערס פון קעניגע. וואָס בעמייט דאָס?"

און ער האָט שמייכלענדיג מיר ערקלערט, ריידענדיג מיט דיזע ווערטער:

„דאָס זיינען קרוינען און סצעפּטערס, ווי דו האָסט אליין געזאָגט. איך האָב אָבגעשאַפט פון דער וועלט אַלע הערשער, אַלע פירסטען, אַלע קעניגע. פלייש־און־בלוט וועט ניט מעהר וואַיוועָן איבער פליישראון־בלוט. פון היינטיגען טאָג אָן און ווייטער וועט דער מענש נור געהאָרכען זיין אייגענעם געוויסען און ער וועט זיין פריי, ווי די לופט — פריי און גליקליך."

„בּרען, פייער, ברען!" האָט די שעהנע געפליגעלטע יונג־פרוי אונטען געזאָגט.

„שמעלץ, פייער, שמעלץ!" — האָט דער גייסט צוגערופען — „שמעלץ קרוינען און סצעפּטערס, די פּראַכט פון טיראַנישע קעפּ, די מאַכט פון זייערע הענט!"

* * *

און דער גייסט האָט מיך צוגעפיהרט צום צווייטען קעסעל. ער האָט מיך אויפגעהויבען פון דאָס נייע אין דער הויך, און האָט מיר ווידער געהייסען אַריינבליקען אינעווייניג. איך האָב געטאָן, ווי ער האָט מיר געהייסען; און פאַר גרויס וואונדער האָט מיר אָפּגענומען דער לשון. ער האָט זיך אָבגערופען און האָט געזאָגט: „זעהסטו מענש? היער שמעלץ איך ביקסען און האַרמאַטען, שפּיזען און קינזשאַלען, רעוואָלווערס און העגנעס און אַנדערע מאָרדגעצייג. און, פערשטעהסטו, מענש, איך האָב אָבגעשאַפט פעלקער־האַס און מענשענמאָרד. פון היינטיגען טאָג אָן און ווייטער וועט ניט מעהר שלאַכטען איין פאָלק דאָס אַנדערע, און דער מענש וועט ניט מעהר מאָרדען זיין ברודער. און אין דער וועלט וועט הערשען פרידען און ליעבע. עס וועט ניט מעהר ראַבעווען אַ נאַציאָן ביי אַ נאַציאָן און מיט מענשליכע בלוט וועט מען ניט מעהר בעגיסען פעלדער און לאַנקעס. עס וועט ניט מעהר זיין קיין מלחמות צווישען פעלקער, און די מאָרד־געצייג פערוואַנדעל איך איצט אין אונשולדיגע און ניצ־

ליכע ארבייטס־אינסטרומענטען. קוק, זעה, בעטראכט, און זאג דאס אז."

און די שעהנע יונגפרוי אונטען האט אויפגעהויבען איהר זיסע שטימע און האט געזאגט:

„ברען, פייער, ברען!" —

„שמעלץ, פייער, שמעלץ!" האט געענטפערט דער גייסט —

„שמעלץ און צושמעלץ די אינסטרומענטען פון מארד, פערוויס־טונג און בלוט־פערגיסונג. שמעלץ, הייליגער פלאם, שמעלץ, און צושמעלץ זיי!"

* * *

דער גייסט האט מיך דאן צוגעפיהרט צום דריטען קעסעל און האט מיך ווידער אויפגעהויבען אין דער הויך, און האט מיר ווידער געהייסען אריינבליקען אינעווייניג.

„וואס זעהסטו דארטען, מענש?" האט ער מיך געפרעגט. דא־רויף האב איך געענטפערט און האב געזאגט:

„מטבעות זעה איך דארטען; גאלד, זילבער, פלאטינא, ניקעל און קופער. וואס בעטייט דאס?"

„דאס בעטייט — האט ער געזאגט — אז איך האב אבגעשאפט געלד. די אללע מעטאלען וועלען פון היינט אן און ווייטער בענוצט ווערען צו ניצליכע זאכען און ניט צו מטבעות, צו בערייכערן איינ־ציגע מענשען, וועהרענד מיליאנען הונגערן און שמאכטען. דיר דארף איך ניט דערצעהלען, וואס די רונדע שטיקלאך גאלד און זילבער האבען אנגעמאכט פאר צרות אין דער וועלט."

„ברען, פייער, ברען!" האט אונטען די געטליכע יונג־פרוי גע־זאגט.—

„שמעלץ, פייער, שמעלץ!" האט געענטפערט דער פרייהייטס־גייסט.

„פון וואנען קומט אזא רויך?" האב איך איהם געפרעגט. ער האט זיך אבגערופען און האט געזאגט:

„קום אראב און זעה מיט דיינע אויגען."

עה האט מיך שנעל ארונטערגעטראגען און איך האב געזעהן

אין די פלאמען אונטער'ן קעסעל אש פון שטאאטס־פאפיערען, וועקסלען און אסיגנאציעס. און דער גייסט האט געזאגט:

„מיט זיי האבען מיר אנגעצונדען דיזעס פייער און פון היינט אן און ווייטער וועט ניט מעהר זיין קיין געלד און קיין זכר פון געלד."

„און ווער זיינען דיזע געטליכע שעהנע געפליגעלטע יונג־פרויען?" האב איך איהם געפרעגט. ער האט מיר געענטפערט מיט א שמייכעל אויף זיינע ליפען און האט אזוי געזאגט:

„יענע ביי'ן ערסטען קעסעל איז די עלטסטע, זי הייסט „פרייהייט"; די אינגערע, וואס שטעהט ביי'ן צווייטען קעסעל הייסט „מענשענליעבע"; די אינגסטע, די, וועלכע דו זעהסט פאר זיך, הייסט: „ארבייט."

---

אט דעם חלום האב איך געהאט די נאכט פון ניי־יאהר.

---

## דער יאמערטהאל.

און דער פרייהייטס־גייסט האט זיך צו מיר ווידער בעוויזען און ער האט אויפגעהויבען זיין מעכטיגע שטימע און האט געזאגט:

„מענש, ערוואך פון דיין זינדיגען שלומער און קום מיט מיר און איך וועל דיר עטוואס ווייזען."

און איך האב איהם געפרעגט מיט א שרעק אין הארצען, ציטערנדיג אין מיינע לענדען, וואס ער וויל מיר ווייזען. און ער האט זיך אבגערופען און האט געזאגט:

„מענש, האב ניט קיין מורא פאר מיר און פאר מיין געשטאלט זאלסטו ניט ציטערן; טו, ווי איך הייס דיר און וואו איך פיהר דיך, געה."

און דער גייסט האט דערלאנגט א מאך מיט זיינע מעכטיגע פליגלען און האט מיך ארויפגעזעצט אויף איינעם פון זיי און מיט דעם אנדערן האט ער מיך בעשירעמט.

און מיר זיינען באלד פערשוואונדען געווארען אין דער לופט, ווייט פון מענשליכע אויגען, און פון דעם ערדענבעוואוינערס בליק ווייט ענטפערנט. און מיר האבען געשוועבט אין דער לופט, שנעל ווי דער ווינד אויפ'ן ים, און מיר זיינען געפלויגען איבער פעלדער און איבער וועלדער, איבער מדינות און איבער שטעדט, איבער בערג און איבער טהאלען, איבער ימים און איבער וויסטעניי ען.

אין מיר זיינען געקומען צו א הויכען בארג, און אויף דעם בארג איז געשטאנען א גרויסער געדיכטער וואלד און אין דעם וואלד זיינען געווען הויכע בוימער, הויך ביז די וואלקענס אין הימעל און שטאלץ, ווי די הערנער אויף דעם קאפ פון א הירש. און דער גייסט האט מיך ארויפגעזעצט אויף א קרעפטיגען צווייג פון דעם העכס־טען דעמב און האט ערהויבען זיין געטליכע שטימע און האט זיך אב־גערופען און האט צו מיר געזאגט:

„מאך אויף דיינע אויגען, מענש, און בליק ארום זיך, און דיינע אויערן עפען, אום אז דו זאלסט הערען, וואס דא טוט זיך, און דאס, וואס דו וועסט זעהן, קריץ איין מיט א פעסטע האנד אויף דעם טאוועל פון דיין הארצען.“ און ווי ער האט אויסגערעדט די־זע ווערטער, האט ער זיך געשטעלט הינטער מיר, מיך בעשירמענ־דיג מיט זיינע פליגלען און האט צו מיר פון דאס נייע געזאגט:

„מענש, וואס זעהסטו?“ און איך האב איהם געענטפערט, אזוי צו זאגען:

„איך זעה א טיעפען, טיעפען טהאל און דאס מוז זיין דער יאמערטהאל, וואווים ער זעהט אוים שוידערהאפט.“—

„דוא האסט גוט געזעהן און וואס דו האסט געזאגט, האסטו ריכטיג געזאגט, וואס נאך זעהסטו?“

„איך זעה אונטען אין דעם טיעפען יאמערטהאל דריי גרויסע אזערעס און פוןביידע זייטען פון דעם טהאל זעה איך אויגען פון מענער און ווייבער און קינדער איבער די איין אזערע, — די וואס איז נעהנטער צו אונז.“

„וואס זעהסטו נאך, מענש?“

„איך זעה הינטער דיעזע אזערע נאך איינע און איבער יענע

זעה איך פון ביידע זייטן יאַמערטהאַל מענשליכע געזיכטער, געזיכטער פון פערהאַרעוועטע מענשען־קינדער, אַלטע און יונגע, זכרים און נקבות.“

וואָס נאָך זעהסטו?“

„איך זעה הינטער יענע אַ דריטע און איבער איהר זעה איך פון ביידע זייטען פון דעם טיעפען טהאַל הערצער פון מיינע ברידער־מענשען, מיט וואונדען אין יעדע הארץ און מיט אויפגעשניטענע אדערן.“

„דו האָסט גוט געזעהן און וואָס דיין אויג האָט בעמערקט איז ריכטיג. איצט, קום.

* * *

און ער האָט מיך פון דאָס נייע ארויפגענומען אויף זיינע מעכטיגע פליגלען און האָט מיט מיר אַ שוועב געטאָן אין דער לופט. און ער האָט מיך געבראַכט נאָהנט צו דעם ערסטען פּלוס און ער האָט זיך צו מיר אָבגערופען זאָגענדיג:

„מענש, קוק ניט ווייטער, בעטראַכט צוערסט דיזע אַזערע מיט דיינע אויגען און זאָג מיר, וואָס דו זעהסט, און אויב דו הערסט וואָס, דערציעהל מיר, וואָס דו הערסט.“ און איך האָב איהם געענטפערט און האָב געזאָגט:

„איך זעה אַ וואַסער, קלאָר ווי קריסטאַל, און טראָפּענס פאַלען פון ביידע זייטען טהאַל און די טראָפּענס פערמעהרען די פליסיגע מאַסע; און איך זעה, אַז די טראָפּענס קומען פון די אויגען און איך גלויב, אַז דאָס זיינען טרערען, — טרערען פון מענער, אָבער ניט פיעל, טרערען פון ווייבער, מעהר פון יענע, און אַם מעהרסטען טרערען פון קינדער. און איך הער מילליאָנען שטימען אין איין כאָר זיפצענדיג,— הונגער, הונגער, הונגער! — דער הונגער פרעסט אוים דיזע טרערען און דעם הונגער ברענגט אויף דער וועלט דער מענש, דער מענש, אונזער ברודער: אַ פלוך אויף איהם!“

„קום ווייטער, און זאָג מיר, וואָס דו זעהסט, און אויב דו הערסט וואָס, דערציעהל מיר וואָס דו הערסט.“

און ער האט מיך געבראכט צו דעם צווייטען פלום און איך האב געעפענט מיינע ליפען און האב געזאגט :

„איך זעה אונזויבערע וואסער, און די וואסער גיסט זיך אראפ פון די פערהארעוועטע געזיכטער און מיר דאכט זיך, אז דאס איז שוויים. און איך זעה ווי דער שוויים גיסט זיך און גיסט זיך און פליעסט אריין אין די אזערע און פערמעהרט די פליסיגע מאסע, שרעקליך צו בליקען! און איך הער מילליאנען שטימען זיפצענדיג אלע צוזאמען אין כאר און דאס איז וואס זיי זאגען : — שווערע, איבערנאטירליכע פראצע פרעסט פון אונזער געזיכט ארוים דיעזען אייביגען שוויים; און דיעזע פראצע און דיעזע שקלאפעריי ברענגט אויף אונז דער מענש, אונזער ברודער, דער אונערזעטליכער האבון; א פלוך, א בייזער פלוך אויף איהם!"

„קום ווייטער, ערדענזוהן, קום און זאג מיר, וואס דו זעהסט, הארך און דערצעהל מיר, וואס דוא הערסט." און ער האט מיך געבראכט אויף זיינע מעכטיגע פליגלען צו דעם דריטען פלום און איך האב געפיהלט, ווי מיין צונג בעוועגט זיך און פון מיין מויל זיינען ארויסגעקומען ווערטער, אזוי צו זאגען :

איך זעה א רויטליך־שווארצליכען פלום אין דיעזע אזערע און ער פליעסט ארונטער פון די פערוואונדעטע הערצער פון די ביידע זייטען פון דעם שוידערהאפטען יאמערטהאל; און דאס, וואס פליעסט אראפ אהין, זעהט אוים, ווי בלוט און דאס בלוט פערמעהרט די רויטע פליסיגע מאסע. און איך הער א כאר פון אונגעהויער פיעל שטימען, וועלכע זיפצען און קרעכצען און זאגען דיעזע ווערטער: — לענדער־פערוויסטענדע, פעלקער־ערמארדענדע, שרעקליכע קריגע — זיי צאפען ארוים דיעזע מענשליכע בלוט פון אונזערע אדערן, מארדענדיג אונזערע לייבער און טויטענדיג אונזערע קערפערם טויזענדערוויז פאר דער צייט. דיעזע מלחמות און שלאכטען ברענגט אויף דער וועלט דער פעלקער־פערניכטענדער בלוט־זויגער, ברענגט אויף די מענשען א מענש, דער מענש אונזער ברודער; א פלוך, א דרייפאכער פלוך אויף איהם!"

איך הער שטימען פון די צווייטע אזערע, וואס ענטפערן : אמן!

און איך הער זיי זאגען : מיר זיינען די טעכטער און זיהן פון די פיעלע ערמארדעטע.—

און איך הער ווידער אנדערע שטימען, וועלכע קומען פון די ערסטע אזערע און ענטפערן אויך : אמן ! זאגענדיג : מיר זיינען זייערע אלמנות, יתומים און אלטע, קראנקע, שוואכע עלטערן.

און דער גייסט האט צו מיר געזאגט, רעדענדיג דיעזע ווערטער:

„מענש, דו האסט ריכטיג געהערט און דו האסט גוט געזעהן, איצט פערנעהם מיינע רייד און הארך, וואס מיין מויל וועט דיר זאגען :—

דיעזע דריי שרעקליכע אזערעס וועלען זיך אימער פערגרעסער־רען, אימער פערמעהרען ביז זיי וועלען איבערשטייגען זייערע ברע־גען, און זיי וועלען דאן זיך פעראייניגען אין דעם אונגעהויערן טהאל, וועלכען דו האסט געזעהן און די דריי אזערעס וועלען ווערען איין איינציגע געמישטע מאסע פון טרערען, פון שוויים און פון בלוט — בלוט — א פורכטבארער פלוס. און דיזער פלוס וועט זיך ערהויבען איבער'ן יאמערטהאל, איבער די בערג און איבער די בוי־מער און איבער די גאנצע אויבערפלעכע פון דער ערד. און דער פלוס וועט אין זיין פערפלייצונג אויסוואורצלען די מעכטיגע שטי־צע, פון בייז, פון ליגען און פון מארד און די וועלט וועט ער ריינ־וואשען פון בלוט — און דאן וועט גליקליך לעבען דער מענש.“

איך האב מיך אויפגעכאפט און דאס איז אויך געוועזען א חלום.

## עמק יהושפט.

„וקבצתי את כל הגוים,
והורדתים אל עמק יהושפט
ונשפטתי עמם שם....“

(יואל, ד׳ ב׳).

און דער פרייהייטס־גייסט האט אויסגעשפרייט פאר מיר א פורפורנעם מאנטעל און האט זיך צו מיר אבגערופען, אזוי צו זאגען:

„מענש, הויב אויף דעם מאַנטעל און טו איהם אָן אויף זיך, און לאָז דער פורפור בעדעקען דיין קערפּער; געה נאָך מיר, וואו איך וועל דיר פיהרען, און איך וועל דיר ווייזען וואונדערליכע זאַכען; און אַזוי לאַנג ווי דו וואַנדעלסט אין מיינע טריט, היט זיך, ניט צו קוקען ניט רעכטס און ניט לינקס, און לאָז זיך ניט אַבווענדען דיין בליק פון מיר, אום אַז דו זאָלסט ניט פערבלאָנדזשען; טאָמער הערסטו זיסע נאַכטיגאַל־שטימען הינטער זיך, קעהר ניט אָפּ דיין קאָפּ אַהינטער און טאָמער הערסטו אַ געהויל פון שרעקליכע נאַכט־אוילען, שרעק זיך ניט; דיין אויער וועט פערנעהמען הערליכע מוזיק און די שטראַהלען פון די זון וועלען בעגעגענען דיינע אויגען — ווען עס וועט ווערען טאָג, לאָז זיך ניט פערבלענדען דורך די שטראַהלען און לאָז זיך ניט פערפיהרען דורך די הימלישע האַרמאָניע, זאָנדערן וואַנדעל אין מיינע וועגען און געה, וואו איך פיהר דיך; דו וועסט דאָן זעהן זאַכען, וואָס קיין מענשען־קינד האָט נאָך ניט געזעהען, און וואונדער וועל איך דיר ווייזען, וועלכע קיין פרוי געבאָרענער האָט נאָך ניט בעטראַכט. קום, לאָמיר געהן!“

איך האָב אָנגעטאָן דעם רויטען מאַנטעל, ווי ער האָט מיר בעפוילען און פּלוצלונג איז מיר לייכט געוואָרען אין אַלע גליעדער און מיינע פיס זיינען ניט מעהר געווען בעהעפט צו דער ערד און איך האָב מיך אָנגעהויבען צו בעוועגען פריי אין דער לופט, ווי אַ פויגעל, וואָס פליהט. און די ערד האָט גענומען שווינדען אונטער מיינע פיס און איך האָב נאָכגעשוועבט נאָך דעם גייסט, ווי אַ פעדער, וועלכע ווערט געטראָגען פון ווינד, אָדער ווי דער מענשליכער רעיון נאָך די רייד פון אַ בעגייסטערטען רעדנער.

און זיסע שטימען האָבען מיך געלאָקט צוריקצוגעהן און שרעקליכע קולות פון אַ בת־היענה האָבען מיר געמאַכט אַ מורא און איך האָב קיין זאַך ניט געהערט און ניט בעטראַכט און האָב געטאָהן אַלץ, ווי מיין הייליגער פיהרער האָט מיר געהייסען. און נון האָט ער פון דאָס נייע ערהויבען זיין קול און האָט זיך אָבגערופען און האָט געזאָגט:

איך האָב דיר געוויזען דעם עמק־הבכא, דעם יאָמערטהאָל

און איצט וויל איך דיר ווייזען דעם טהאל, וואו עס דארף זיין דאס וועלט־געריכט, דעם עמק יהושפט. און איך וועל דיך ברייננען צום טייך קדרון און וועל דיר ווייזען דעם משפט פון די שרעקליכע בע־שעפענים, וועלכע איהר, מענשען, רופט געלד־הערר־שאפט. און דו וועסט זעהן מיט דיינע אויגען און וועסט בענעהמען מיט דיין שכל דעם גרונד דערפון, ווארום די מאוים׳דיגע בריה בלייבט מעכטיג און שטארק צו קנעכטען די שוואכע און צו פערצעהרען די, וואס הארעווען אין דעם שווייס פון זייער פנים. קום ווייטער.״

און מיר האבען געשוועבט אין דער לופט א לאנגע, לאנגע צייט, און די נאכט איז פערגאנגען און עס איז געווארען טאג, אבער איך האב ניט געפיהלט קיין מידיגקייט. און ווען עס איז געווארען האל־בער טאג און די שטראהלען פון די זון האבען מיך בעגעגענט, האב איך אין זיך געפיהלט א שטארקען חשק צו בלייבען שטעהן און צו געניסען די ליעבע ווארימע לופט, אבער איך האב זיך אנגעטאן א כח און בין געבליעבען נאהנט לעבען מיין פיהרער. און ווען מיר זיינען געקומען צום מיטטעל־לענדישען ים, האב איך געהערט זיסע פרויען־שטימען, וועלכע איך האב געהאלטען פאר ענגעל־שטימען, קומענדיג פון איטאליען, און די ליעבליכסטע געשטאלטען האבען מיך גערופען צו געניסען ליעבע און לעבען, אבער דער פרייהייטס־גייסט, וואס האט מיך בעשיצט, האט זיי אלעמען בעזיעגט און זיין פורפור־ער מאנטעל, וואס האט מיך בעדעקט, האט מיך בעשירעמט פון פערפיהרונגען.

און מיר האבען געשוועבט אין דער לופט אלץ ווייטער און ווייטער, ביז מיר זיינען געקומען צו א שטיללע טייך אין אזיען, צו דעם לאנד פון אלטע פעלקער און ראסען, פון געטער און אבגע־טער, פון אמונות און לעגענדען. און איך האב געזעהן א גרויסען, טיעפען טהאל לעבען דעם טייך און אין דעם טהאל האבען מיר זיך אראפגעלאזען. דער טייך איז געווען דער טייך קדרון און עמק־יהושפט הייסט דער טהאל.

און דער גייסט האט צו מיר געזאגט:

„מענש, וואס זעהסטו?“ און איך האב געעפענט מיינע ליפ־

פען און האָב איהם געענטפערט אזוי צו זאָגען:

„איך זעה דאָרטען אין מזרח פון יענעם ענד טהאָל א ריעזיגען מאַן מיט מעכטיגע גליעדער און מוסקעל־האַפטע אָרעמס. און מיר דאַכט זיך, אז דער ריעז ליעגט געבונדען אויף דער ערד. און ער איז געבונדען.... קען דאס זיין? ער איז געבונדען מיט שפּיננוועבס און ער שיינט ניט צו קענען זיך ריהרען. און איך גלויב, אז ער האַלט די שפּיננוועבס פאר קייטען און אז ער ווייס אליין ניט פון זיין געוואַלטיגע קראַפט.“

„מענש, וואָס זעהסטו נאָך?“

„און איך זעה אויף דעם שטערן פון דעם ריעזן א קופּערנע בלעך־טעל מיט די ווערטער: „הילפלאָזער פּראָלעטאַריער“ און אויף זיין גאַנצען קערפּער פון די פיס ביז צום נאַקען זעה איך א גאַנצען פאָלק פון קליינע שרצים און פּאראזיטען פון אללערליי מינים און זיי זויגען זיין בלוט און פערצעהרען די פעט פון זיין לייב און ער בלייבט געדולדיג. ער קרעכצעט און זיפצעט און ריהרט זיך ניט.“

„זאָג, מענש, וואָס זעהסטו נאָך?“

„און איך זעה א אונגעהויער גרויסען און דיקען שטאַנג, שטעהענדיג אין מיטען טהאָל; און איך זעה א שלאַנגבוים אריבערגעלייגט איבער איהם פון אויבען און פון ביידע ברעגעס זעה איך אראָפּ־הייננגענדיג אויף קייטען רונדע שאָלען און איך גלויב, אז דאָס איז א וואָג. און איך זעה אויף די וואָגשאָל פון דרום־זייט א געוואַל־טיגען גלעזערנעם קובעל פול מיט מוטנע וואַסער, אָבער ניט אין גאַנצען פול, ווייל דאָס וואַסער גרייכט ניט ביז'ן ראַנד פון דעם קובעל. און דאַן זעה איך ווידער נאָך אזא גלעזערנעם קובעל פון די אַנדערע זייט אויף די וואָג־שאָל, וואָס קומט אויס צום צפון־זייט, און דיעזער קובעל איז אויך פול מיט פליסיגקייט, אָבער ניט וואַ־סער. מיר דאַכט זיך, אז איך זעה דאָרטען שטיקער פליישׁ, מיט בלוט, און נערווענזאַפט, און מאַרך — געמישט מיט שוויס, טרערען און אָטהעם־הויך. און אין דיעזע פליעסיגקייט זעה איך ארומשווי־מענדיג גאַנצע סקעלעטען, לויזע ביינער, אָבגעהאַקטע קעפּ, הענד, פיס, אַרויסגעריסענע ריפּען און אינגעווייט פון מענשליכע קער־

פערם. און מיר דאכט זיך, אז דאס אלעס איז בעדעקט מיט קריי־צען, טליתים און מיט הייליגע געשירר פון אלערליי אמונות."

„האלט איין!" האט דער גייסט א געשריי געטאן, „נאך האסטו אלץ ניט געזעהן. לאמיך דיר דערווייל זאגען, אז אין דעם גלעזער־נעם קובעל פון דרום־זייט איז די פאלקס־דומהייט און אין דעם אנדערן פון צפון־זייט איז די געלד־הערשאפט. איצט קום צו נעהנטער און דערציעהל מיר, וואס דו זעהסט."

און איך האב איהם געפאלגט און בין צוגעגאנגען נעהנטער און האב מיך אבגערופען, ריידענדיג מיט דיזע ווערטער: „איך זעה, אז דער גלעזערנער קובעל פון דרום־זייט וועגט אראפ דעם אנ־דערן, וואס דערפון פערשטעה איך, אז די פאלקס־דומהייט איז שווערער און גרעסער, ווי די געלד־הערשאפט. און איך זעה ווי עס גיסען זיך אריין אין דעם געלד־קובעל אלע ווייל[ע] נייע טרערען, נייע בלוטטראפענס און נייע שוויים־טראפענס, אבער דער אנ־דערער דערלאנגט זיך נור א הארעלע א הויב און בלייבט שטעהן אויף איין ארט."

„וואס נאך זעהסטו?" —

„איך זעה ליכטיגע שטראהלען פון די זון, ארויפשיינענדיג אויף דעם דומהייט־קובעל, נאר וואס דאס בעטייט, ווייס איך נים."

און דער גייסט האט צו מיר א שמייכעל געטאהן און האט מיר געענטפערט אזוי צו זאגען:

„דאס וואס דו ווייסט נים, וועל איך דיר זאגען און וועל דיר קלאהר מאכען אלץ, וואס געהט איבער דיין מענשליכען שכל; דארום הער זיך צו און פארנעהם מיינע רייד. דער קובעל, וועלכען דו רופסט דומהייט־קובעל איז אמאל געווען פול, ווען דער אנדערער וואר נור אנגעפילט ביז'ן העלפט. מיט צוויי־און־פערציג יאהר צוריק *) האט די זון גענומען אריינשיינען אין דעם ערסטען פון דיביידע קובלען און די פערגליווערטע דומהייט איז צוגאנגען געווארען. וואס מעהר די שטראהלען פון די הימלישע ליכט האבען אויף איהם ארויפגעשיינט, איז די פליסיגקייט איננעווייניג געווארען אלץ ווע־

*) אין 1848

ניגער און וועניגער און איצט, זעהסטו, איז כמעט שוין א פערטעל אויסגעטריקענט."

„וועט עס ווען עס איז אין גאנצען אויסגעטריקענט ווערען?"

„ניין, מיין זוהן, ניט אין גאנצען. אבער דאס מאכט ניט אויס, איהם דארף דער אנהערער נור אריבערוועגען, בכדי אז דער סוף פון די געלד־הערדשאפט זאל קומען און יענער וועט איהם איז גיכען דאך אריבערוועגען, מחמת ער ווערט רק פולער און פולער. און דאן וועט דער ריעז זיך אויפכאפען און א בת־קול פון אויבען וועט אויסרופען: — „ריעז, טרייסעל אב פון זיך די שרצים און אללע פאראזיטען; דער דרום־קובעל שטייגט אין די לופט און דער צפון־קובעל זינקט, און דער משפט פון עמק יהושפט איז גענדיגט. ריעז, בעפריי זיך און לעב."

„און ער וועט זיך בעפרייען און וועט לעבען."

## די הקדמה צו א בילד.

און דער גייסט האט פון דאס נייע בעלויכטען מיין וואוינונג מיט די שטראהלען פון זיין הימלישען אנטליץ און האט זיך צו מיר אבגערופען אזוי צו זאגען:

„מענש, געה און קינדיג אן דיינע ברידער, אז דער גרויסער טאג איז נאהענט."

און ווי ער האט אויסגערעדט דיעזע ווערטער, האט מיין הארץ גענומען קלאפען שנעלער און העפטיגער, ווי אימער, פאר גרויס שמחה, און אן אונבעשרייבליכע רעגונג איז דורכגעגאנגען דורך מיינע גלידער. און איך האב אויפגעטאן מיינע לעפצען און האב ארויסגעשטאמעלט דיעזע ווערטער:

„איך בין בערייט צו ערפיללען דיין בעפעהל און דאס, וואס דו הייסט מיר וועל איך טאן. אבער פערצייה, וואס איך וויל דיר זאגען, דען איך בין ניט מעהר ווי פלייש און בלוט. זאג מיר, גרויסער גייסט, מיט וואס זאל איך זיי איבערצייגען, אז דער הערדליכער טאג איז נאהנט? דו ווייסט, אז די שרעקליכע נויט פון הונ־

דערטער יאָהרען האָט זייערע אויגען פערקלעפּט, און זייערע אויער־רען פערשטאָפּט, און פערדונקעלט זייער זיננען. ווי אזוי זאָל איך אריינברייננען די גליקליכע בשורה אין זייערע הערצער, בכדי, אַז זיי זאָלען הערען, וואָס איך קינדיג זיי אָן, און אַז זיי זאָלען גלויבען, וואָס זיי הערען, און אַז זיי זאָלען זיך בערייט מאַכען צו די נייע צייט, גלויבענדיג אין מיין בשורה ?"

און אַ זאַנפטער שמייכעל האָט זיך בעוויעזען אויף זיינע ליפּען, ווי ער האָט מיר געענטפערט, און האָט אזוי געזאָגט:

„אָה, איהר זייט אַ וואונדערבאַרע ראַססע און אייערע מענש־ליכע וועגען זיינען זעלטזאַם און מערקווירדיג. דען איהר גלויבט אין אַלץ, חוץ אין ז י ך א ל י י ן, און איהר האָפּט אויף אַלץ, חוץ אויף א י י ע ר ק ר א פ ט! און איהר גלויבט אין אַ לעבען נאָכ'ן טויט, אָבער ניט אין אַ לעבען ביי'ן לעבען, און איהר קוקט אזוי לאַנג אויפ'ן הימעל, ביז איהר ווערט געשטרויכעלט אויף דער ערד. ווייל איהר האָט אזוי לאַנג געטראָגען אַ יאָך, מיינט איהר, אַז דאָס איז אַ טהייל פון אייער קערפּער; און ווייל אייך איז געוועזן אזוי פינסטער און ביטער נעכטען און עהער־נעכטען, גלויבט איהר ניט אין די ליכט פון'ם מאָרגעדיגען טאָג און צווייפעלט אין די מעגליכקייט פון אַ זיסען לעבען אין דער צוקונפט. און איהר קוקט אויף אייערע צוויי הענד און איהר זאָגט: מיר זיינען שוואַך, און דאָך ווייסט איהר, אַז איהר בעדאַרפט נור צונויפלייגען אייערע הענד מיט די מיליאָנען אַנדערע הענד, אום צו געבען די וועלט אַ נייע געשטאַלט. אָה, איך קען אייך, מענשענקינדער! אַלטינקער, דו ביזט גערעכט: דיינע ברידער וועלען דיר ניט גלויבען."

ער האָט געקאַנטשעט, איצט האָב איך צו איהם געזאָגט, רייד־דענדיג מיט דיעזע ווערטער:

„אויב יאָ אזוי, טאָ וואָס וועט העלפען מיין געהן זיי אַנזאָ־גען, אַז דער גרויסער טאָג איז נאָהנט? וואָס טויג דער רעגען, ווען ער פאַלט אויף אַ פעלזיגען גרונד, און וואָס איז דער נוץ פון זריעה, ווען מען זייט זי אין אַ זומפּ? און דאָך זאָגסטו: געה?"

און דער גייסט האָט מיר געענטפערט אזוי צו זאָגען:

„יאָ, אַלטער! און דאָך זאָג איך: גער! גער, און זאָג אַז דיינע ברידער, אַז דער טאָג פון בעפרייאונג איז נאָהנט. פיעלע וועלען דיך גאָר ניט אויסהערען, און פיעלע פון די, וואָס וועלען דיך יאָ אויסהערען, וועלען דיך ניט פערשטעהען; און פיעלע פון די וואָס וועלען דיך יאָ פערשטעהען, וועלען דיר ניט גלויבען; און פיעלע פון די, וואָס וועלען דיר יאָ גלויבען, וועלען דיר ניט פאָלגען, ווען דו וועסט זיי זאָגען: מאַכט זיך בערייט צום גרויסען טאָג. דאָס וויים איך, מענשענקינד, איך וויים דאָס זעהר גוט, און פון דעסטוועגען היים איך דיר טראָגען צו זיי מיין בשורה, און דאָך היים איך דיר זיי זאָגען, אַז זיי זאָלען זיך פאַרבערייטען. וואָרום צווישען זיי וועלען זיך געפינען איינינגע, וואָס וועלען דיר אי געהאָרכען, אי פערשטעהן, אי גלויבען, אי פאָלגען און זיי וועלען פיהרען דאָס פאָלק, ווען דער טאָג וועט קומען, ווען די שטונדע וועט שלאָגען, ווען דורך די פינסטערע וואָלקענס וועט זיך דורכברעכען די מאָרגענרעטהע דער פרייהייט, און אַלע וועלען דאַן דאָס דערזעהן אין וואָס נור ווייניגע גלויבען היינט. צוליעב דיעזע איינינגע ווייניגע הויב אויף דיין שטימע און זאָג אַן דיין בשורה, ניט קלייבענדיג און ניט וועהלענדיג, מחמת דו קענסט ניט וויסען, ווער און וואו דיעזע ווייניגע זיינען.“

און איך האָב דערלאַנגט אַ טיעפען שמערצליכען זיפץ און האָב צום גייסט געזאָגט:

„איך זעה אויף דיין רעכטען אָרעם דיין וואונדערבאַרען פורפורנעם מאַנטעל, וואָהין ווילסטו מיך פיהרען? איך האָב מורא צו געהן, ווייל איך בין שוואַך.“ און ער האָט מיר געענטפערט און האָט געזאָגט: „איך זעה, אַז דו ביזט קראַנק, אָבער איך וועל דיך געזונד מאַכען; און איך וויים אַז דו ביזט שוואַך, און איך וועל דיר געבען נייע קרעפטען. איך וועל דיך איינשלעפערן מיט אַ געזאַנג און ווען דו וועסט זיך פיהלען ווידער ביי קרעפטען, וועל איך מיט דיר מאַכען אַ רייזע איבער׳ן גרויסען ים און וועל דיך אַרויפברינגען צו די וואָלקענס און וועל דיר פון אויבען ווייזען אַ וואונדערבאַרע ערשיינונג, וועלכע דו וועסט נאָכהער דערצעהלען דיינע ברידער.

דערווייל, מענשען־זוהן, שלאף און האב רוה, און איך וועל מאכען א באלזאם צו היילען די וואונדען אין דיין הערצען, צו שטארקען דיינע גליעדער און צו קרעפטיגען דיין שטימע. שלאף!"

און ווי ער האט אויפגעהערט צו רעדען, האבען מיינע אויגען גענומען זיך שליסען און איך האב דערהערט א זיסע, הימלישע שטימע, זינגענדיג אט דיעזעם ליעד:

אין די גאסען, צו די מאסען
פון בעדריקטע פעלקער־ראסען,
רופט דער פרייהייטס־גייסט:
„איך ברייננ וואפען — פאר דעם שלאפען,
איך בעפריי די ארבייטס־שקלאפען
און איך מאך זיי דרייסט.

„ליכט פערשפרייטען — רעכט פערברייטען,
קום איך און צוברעך די קייטען
פון די טיראנײ;
די נאציאנען — פון קאנאנען,
פון ארמעען און פון שפיאנען
קום איך מאכען פריי.

„איך קום לעהרען — ארבייט עהרען,
עהרען, אכטען און בעגעהרען
ארבייט מיט א טאלק;
גליק און פריעדען, — אונגעשיעדען
צווישען היידען, קריסטען, אידען,
צווישען פאלק און פאלק.

„פרייד און שטרעבען — קום איך געבען,
לעבענסלוסט און לוסט אין לעבען
אלעמען צו גלייך;
מענשענקינדער — זאל, ווי רינדער,
ניט מעהר אומברייננען א גרינדער
פון א מערדער־רייך.

„איך קום פרויען — אנפערטרויען
יעדעס רעכט צו העלפען בויען
גלייכהייטס גרויסען טהראָן;
גיב זיי רעכטע — אין די עכטע,
ברידערליכע און גערעכטע
אָרגאניזאציאָן.
„איך קום מעלדען — יענע העלדען,
וועלכע שמאכטען אין די קעלטען
פון סיביר אצונד,
אז צוטראָגען — וועט אָסטראָגען
באלד מיין שטורם, — באלד וועט שלאָגען
די בעפרייאונגס שטונד.״

אָה, ווי לערנט מען זיך אוים מאכען אזא ליעדעלע! איך בין איינגעשלאָפען און מיר איז געוואָרען בעסער און מיינע גליעדער האָבען זיך גענומען רעגען און מיין הארץ איז געוועזען געזונד. „איצט קום, לאָמיר געהן!״ האָט דער גייסט געזאָגט. און מיר זיינען אוועק ווייט, ווייט, — זעהר ווייט. וואָס ער האָט מיר געוויזען, וועט איהר הערען; האָט געדולד.

---

## די גרויסע פלאָטע.

און דער גייסט האָט פאר מיר אויסגעשפרייט זיין פורפורנעם מאַנטעל און האָט מיך געבראַכט צו א גרויסען ים, מיך האַלטענדיג לעבען זיך און מיט זיין שטאַרקען אָרעם מיך ארומנעהמענדיג. און ווען מיר זיינען געקומען איבער'ן מיטען פונ'ם ים, איז א מורא אריינגעגאנגען אין מיין הארצען און מיינע גליעדער האָבען גענומען ציטערן פאר שרעק.

און אזוי באלד ווי מיין הייליגער פיהרער איז דאָס געוואָהר געוואָרען, האָט ער זיך אָבגערופען צו מיר און האָט אזוי געזאָגט:
„אלטינקער, דו ביזט א מענש, אָבער זיי א מאַן; דער וואָס לעבט ניט אייביג, קען אויך צוויי מאָל ניט שטאַרבען, און פורכט

פאר'ן טויט פאסט ניט פאר דעם, וואס וויל וואנדלען אין מיינע וועגען; דער וואס זוכט די וואהרהייט, טאר זיך ניט לאזען אב־שרעקען דורך די דערנער, וואס געפינען זיך אויף איהר וועג, מחמת צובלוטיגטע פיס קענען זיך פערהיילען, און די פריידע איז גרויס, ווען מען קומט צום ציעל. און דו זאלסט ניט האבען קיין פחד פאר'ן ים, ווייל ער איז טיעף, דען וואהרליך זאג איך דיר, עס איז גלייכער צו געפינען דעם טויט אין דעם אבגרונד פון ים, זוכענדיג די וואהר־הייט, איידער צו בלייבען אין דעם פלאכען זומפ פון זעלבסטבעט־רוג, לעבענדיג אין שמוץ. האב ניט קיין מורא און קום מיט מיר."

און ווי ער האט געענדיגט רעדען, האט ער מיך א הויב געטאן אין דער הויך און האט מיך ארויפגעבראכט צו א געדיכטען וואלקען. און ער האט אויסגעשפרייט זיין מאנטעל איבער'ן וואל־קען און אויפ'ן מאנטעל האט ער מיך אנידערגעזעצט. און ער האט זיך אבגערופען צו מיר און האט מיך געפרעגט, וואס איך זעה אונ־טען; און איך האב געענטפערט: „וואסער."

„וואס זעהסטו נאך?" —

„און איך זעה דארטען ניט ווייט פון ברעג צווייערליי שיפפען, וואונדערבאר געבויט און הערליך אנצושויען. די שיף פון די רעכ־טע זייט איז גרעסער ווי די צווייטע, אבער די צווייטע געהט שנע־לער. אויף די ערסטע זעה איך א קאפיטאן מיט אפיציערען, אבער אויף די צווייטע זעה איך ניט קיין קאפיטאן און ניט קיין אפיציער, און די פאהנע אויף די גרויסע שיף שיינט מיר צו זיין העל־רויט, וועהרענד די פאהנע פון די קליינע איז בלוט־רויט און זיי געהן ביידע צום זעלבינען ברעג מיט א געוואלטיגע קראפט."

„וואס זעהסטו נאך?"

„גאר נישט מעהר."

„גאר נישט מעהר? ווארט א ווייליכקע, וועסטו זעהן."

און ער האט א מאך געטאהן מיט'ן האנד און דער וואלקען האט זיך אומגעדרעהט אין דער לופט גאנץ אהינטער. דאן האט זיך ז'ער גייסט צו מיר אבגערופען אזוי צו זאגען:

„קוק, מענשענקינד, וייט, ווייט פאר דיר, קוק, און בעטראכט,

וואס דו זעהסט און זאג אן בכדי אז איך זאל וויסען, אז דו זעהסט ריכטיג." און איך האב געטאן, ווי ער האט מיר געהייסען, און ווען איך האב געהאט אלעם גענוי בעטראכט, האב איך איהם געענט־פערט און האב געזאגט:

„מיילען און מיילען אוועק פון די צוויי שיפפען זעה איך א מעכטיגע פלאטע פון רודער־שיפען, און זעגעל־שיפען, און פאנצער־שיפען וואס געהן מיט דאמפף. און מיר דאכט זיך, אז יעדע פון זיי טראגט א בעזונדערע פאהנע מיט דעם נאמען פון גרויסע און קליי־נע מדינות, איינגעקריצט אויף יעדע פון די שיפען. און איבער זיי אלעמען זעה איך א שווארצע טוך, וועלכע איז אויסגעשפרייט הויך אין דער לופט, און אויף די טוך זעה איך מיט ווייסע אותיות... אה, הייליגער גייסט! וואס זעה איך?.... די שרעקליכע ווערטער: אונגליקליכע, פעראירדטע און בעטראגענע מענשהייט." —

„וואס נאך זעהסטו?"

„איך זעה ווי די מאטראזען און שיפפסלייט פון איין שיף ווארפען פיקעס און קאילען און באמבעס אין די שיפסלייט פון די צווייטען שיף. די קאפיטאנען טראגען אלערליי קרוינען, אבער מאנ־כע פון זיי זיינען ניט געקרוינט. און די קאפיטאנען מיט זייערע אפיציערען שיינען מיר צו רייצען די מאטראזען איינע אויף די אנדערע, בכדי אז זיי זאלען זיך קריגען, ווען זיי שלאגען זיך ניט. און איצט פערשטעה איך ווארום די פלאטע איז אזא לאנגע שטיק וועג צוריקגעבליעבען: די מחלוקות מאכען, אז זי זאל זיך לאנגזאם בעוועגען. און דאך שטעהט די פלאטע ניט אויף איין ארט, און זי בעוועגט זיך און מיר דאכט זיך, גרויסער גייסט, אז זי געהט ווען אויך לאנגזאם, אין דעם וועג פון יענע צוויי שיפען."

און דער גייסט האט צו מיר געזאגט: „ערדענזוהן, דו האסט ריכטיג געזעהען און דאס וואס דו בעמערקסט, איז קלוג בעמערקט; דען איך שווער ביי מיין גרויסע מוטער — די פרייהייט, אז די מענשהייט־פלאטע געהט פארווערטס, און טאמער געהט זי אמאל אזוי לאנגזאם, אז מען קען מיינען, אז זי שטעהט שטיל, זאג איך דיר, א זי געהט פארט, און אז די צייט וועט קומען, ווען זי וועט געהן

שנעל און וועט זיך פעראייניגען מיט איינע פון יענע צוויי שיפען, וועלכע זיינען אוועק פאראויס! דאס, אלטינקער, זאג איך דיר — איך, דער גייסט, וואס רעדט מיר דיר אצינד.“

און איך האב איהם געפרעגט, ווער יענע צוויי שיפען זיינען און וואוהין זיי געהען; און ער האט מיר געהייסען ווידער א ווייל־לינקע ווארטען און ער האט פון דאס נייע א מאך געטאהן מיט זיין קרעפטיגען ארעם און, ווען דער וואלקען האט זיך צוריק אומגעדרעהט, ווי ער איז געווען פריהער, האט דער גייסט אויפ־געהויבען זיין שטימע און האט צו מיר געזאגט:

די מאטראזען פון דיביידע שיפען זיינען מיינע קינדער און זיי שטרעבען צו איין ציעל. מעהר נישט די פון די גרויסע שיף ווילען האבען א קאפיטאן מיט אפיציערען און די פון די קליינע זעגלען אליין. הערשאפט ווילען זיי ביידע נים, אבער זיי זיינען נים מעהר ווי מענשען און צווישען זיי איז דא א מיינונגס־פערשיעדענהיים. זי בעשטעהט דארין, וואס די גרויסע שיף שרייט: ברויט און פרייהייט, ווערענד די קליינע זאגט: פרייהייט און ברויט.“

„איז דאס די גאנצע נפקא־מינה?“

„נים די גאנצע, אבער די הויפט־אורזאכע פון זייער אונאייניג־קייט. און די אונאייניגקייט צווישען זיי ביידען איז אפט אזוי גרויס, אז זיי שטערען זיך איינע די אנדערע געראדע ווי די שיפען פון די גרויסע פלאטע. און זיי וועלען בלייבען אונאייניג, ביז דער טאג וועט קומען, ווען די פלאטע וועט זיך מיט זיי פעראייני־גען, און צו וועלכע די פלאטע וועט זיך אנשליסען, די וועט בריינ־גען די בעדריקטע מענשהייט צו מיין מוטטער׳ס לאנד.“

„ווארום איז די איינע פון זיי גרעסער פאר די אנדערע?“

„ווייל די מעהרסטע מאטראזען האבען נאך מורא צו געהן געגען די וועלען פון דעם שטורמישען ים אהן א קאפיטאן, און ווייל די מעהרסטע טראכטען פריהער וועגען ב ר ו י ט און נאכדעם וועגען פרייהיים.“

„דו ליעבסט וואהרשיינליך נים די גרויסע שיף, דו הייליגער פרייהיימס־גייסט?“

„איך זי ניט ליעבען ? דו ביזט א קינד, אלטינקער. זיינען דען איהרע מאטראזען ניט מיינע קינדער ? אויב עס מוז זיין ווי זיי ווילען — גוט, לאזען זיי האבען ברויט צוערסט, אהן מיר ווע̇לען זיי ניט קענען לעבען. ז י י ליעבען מיך אויך.“

„און שמערצט דיך ניט צו זעהן, אז זיי ביידע לעבען אין אייביגע מחלוקת ?“

„עס שמערצט מיך צייטענווייז, אבער איך געדענק, אז די פרייהייטס־קינדער האבען זיך געהאדערוועט ביי א בייזע ניאנקע, ביי דער קנעכטשאפט, און איך מוז זיי לאזען געהן, ווי זיי געהען. און דו וועסט זעהן, אז דעם טאג, ווען זיי וועלען דארפען קעמפפען געגען זייער בייזע אממע, וועלען זיי פערגעסען אן זייערע מחלוקות, און דער טאג איז נאהנט, אזוי וואהר, ווי מיין היילינע מוטטער לעבט.“

„הוים זיי זיך מאכען בערייט.“

## דער מאנסטער און דאס קינד.

(אוים—יאהר 1890)

און דער פרייהייטס-גייסט האט מיך ארויסגעפיהרט ווייט, ווייט אויסען שטאדט און ער האט מיך געבראכט אויף א הויכען, לאנגען שאסיי, וועלכער איז געווען בעפלאנצט פון ביידע זייטען מיט בוימער, און ער האט זיך צו מיר אבגערופען אזוי צו זאגען :

„מאך אויף דיינע אויגען, ערדענזוהן, און קוק ארום זיך, און מעלד מיר אלעס, וואס דו זעהסט.“

איך האב קיין זאך ניט געזעהן און האב צו איהם געזאגט :

„גרויסער גייסט, איך קוק, אבער איך זעה ניט קיין שום זאך.“

און אויף זיינע לעפצען האט זיך בעוויזען א שמייכעל און ער האט צו מיר געזאגט, רעדענדיג מיט די דאזיגע ווערטער :

„אה, מענשענקינדער ! ווי שוואך איז אייער קוק און ווי קורצזיכטיג איז דער בליק אייערער ! ווי נארעש איז אייער

שטאָלץ אויף די בעטראַכטונגען פון אייערע מענשליכע אויגען, דען וואהרליך זאָג איך אייך : איהר קוקט פיעל, זעהט וועניג און דערזעהט כמעט גאָר נישט ביז׳ן גרונד.

און ווייל איהר האָט אריינגעבליקט אין די פינסטערע פער־גאַנגענהייט, גלויבט איהר, אַז די צוקונפט ליעגט אויף די פלעבע פון אייער האַנד; און ווייל איהר האָט דערפאָרשט פיעל געהיימ־ניסע פון די אייביגע נאַטור, בילדעט איהר זיך איין, אַז איהר האָט אַלעס, אַלעס אויסגעפאָרשט. און דאָך זיינען דאָ זאַכען, וועלכע אייער מענשליכע אויג קען נית בעטראַכטען, און אַזעלכע געהיימניסע, וועלכע זיינען פערבאָרגען פאַר אייער בליק. און בכדי אַז דו זאָלסט דאָס פערשטעהען, האָב איך דיר געהייסען קוקען, הגם, מענשען־קינד, איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס וועט זיין אומזיסט. איצט קום נעהנטער צו מיר און איך וועל דיר עפענען די אויגען.״

און דאָס זאָגענדיג, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין רעכטען אָרעם און האָט מיך צוגעפיהרט צו זיך. און ער האָט צוזאַמענגע־ראָלט זיין לינקע האַנד אַזוי ווי אַ פערספעקטיוו ראָהר און האָט איהר צוגעלעגט צו מיין רעכטע אויג. און אַ גרויסע ליכטיגקייט, זיעבען מאָל אַזוי שטאַרק, ווי די ליכטיגקייט פון די זונן, איז אויפגעגאַנגען פלוצלונג פאַר מיר, און איך האָב געזעהען אונגע־הויער ווייט פון צפון ביז דרום.

און דאַן האָבען מיינע לעפצען זיך גענומען בעוועגען און פון מיין מונד זיינען, נית געבעטען און נית געהייסען, ארויס־געקומען אָט די דאָזיגע ווערטער :

„גרויסער גייסט! איך זעה אָט דאָרטען נית ווייט פון אונז אַ גרויסען אייזערנעם בריק איבער אַ שמאָלען מוטנעם טייך. און מיר דאכט זיך, אַז דער טייך איז דער נחל־הנשיה, וועלכער שלינגט איין זיך אַלעס אריין און וואָס אין איהם ווערט אַלעם פערזונקען און פערגעסען.

„און איך זעה אויפ׳ן בריק ביי׳ן פּאַרענצע, שטעהענדיג מיט׳ן פּנים צום וואסער, אַ שרעקליכען ריעז, וואָס זיין קאָפּ דערגרייכט ביז די וואָלקענס פון הימעל. און איך זעה אויף זיין פּלייצע אַ

לאנגע שטריק פון וועלכע עס הענגען אראפּ הונדערטע דינערע שטריקלעך אויף זיין רוקען, און אויף יעדע שטריקעל הענגט אַ בינטעל — אַ מורא'דיגע משא!"

„און — אַה, דו מעכטיגער גייסט! — אַט וואַרפט ער אריבער אַ בינטעל און נעהמט איהם אריין אין די הענד און עפענט איהם אויף און שאָקעלט ארויס אלץ, וואָס אין בינטעל געפינט זיך, און וואַרפט עס אריין אין דעם שטראָם פון דעם טייך. וואָס בעדייט דאָס? איך זעה, איך זעה! אָבער ער וואַרפט נאָך אַ בינטעל און נאָך איינעם און ווידער איינעם און אַ פיערטען, אַ פינפטען, אַ זעקסטען, נאָך, נאָך, נאָך! און דער שטראָם פער־שלינגט זיי אַלעמען, אַלעמען — וואונדערבאר צו בליקען!"

„און איך וועל דיר זאָגען, וואָס ער האָט אין וואָסער אריינ־געוואָרפען, הער מיך אויס און זאָג מיר, צו איך האָב ריכטיג געזעהן".

„פון דעם ערשטען צעהנדליג בינטלעך האָבען זיך געשאָטען ליגענס, — רונדע, פלאַציגע, לאַנגע און קורצע ליגענס. דאָרטען זיינען געווען דיפּלאָמאַטישע ליגענס, פּאָליטיישקע ליגענס, פּאַר־לאַמענטאַרישע ליגענס, צייטונג־ליגענס, דרשנים־ליגענס, קרעמער־ליגענס, אַדוואָקאַטסקע ליגענס, דיכטער־ליגענס, עדות־ליגענס, קינדערשע קליינע ליגענס, מחברים'ס גרויסע ליגענס, רעליגיעזע ליגענס, בעוואַקסען מיט מאָה, און קעניגליכע ליגענס, בעפלעקט מיט בלוט.

„פון דעם צווייטען צעהנדליג בינטלעך האָב איך געזעהן, ווי עס האָבען זיך געשאָטען אין טייך אריין גרויסע און קליינע מענשליכע דאגות. דאָרטען זיינען געווען צווישען זיי דאגות פון ארבייטסלאָזע ארבייטער; דאגות פון בעטריגער, וועלכע מען האָט אויפגעהערט צו גלויבען; דאגות פון שטאַאַטסמענער, וועלכע זיינען אָהן שטעלען; דאגות פון תבואה־הענדלער, מחמת אין אַמעריקא וואַקסט צו פיעל תבואה; דאגות פון פּראַצענטניקעס אין שרעק פאר באַנקראָטען: דאגות פון דאָקטוירים, דורך דעם וואָס די אינפלוענציא איז איבערגעגאַנגען; דאגות פון אַפּטייקערס

וועגען דעם, וואָס מענשען נעהמען זיך דעם לעבען מעהר דורך פולווער און בליי ווי דורך סם-המות, דאגות פון מלמדים דורך די קינדערשע שולען; דאגות פון תליונים דורך דעם, וואָס אזוי פיעל מערדער ווערען בעגנאַדיגט; דאגות פון אדוואָקאטען, ווייל פיעל מערדער בלייבען ניט ארויסגעפונען; דאגות פון קברנים וועגען דעם, וואָס די כאָלערא בעווייזט זיך ניט; דאגות פון רייכע פרויען וועגען דעם, וואָס דיענסט-מיידלעך געהען ארביי־טען און ווערען פון הויז-שקלאַפינען — פאַבריק שקלאַפינען; דאגות פון צייטונג-שרייבער וועגען די קנאַפּקייט (נאָך זייער מיינונג נאָך) פון עקספלאָזיאָנען אין קוילען-גרובען, פון שיף־אונגליקען אויפ'ן ים, פון שרפות, מגפות, פון אונגליקען אויף דער אייזענבאהן און טויזענד אַנדערע נייטיגע ארטיקלען; דאגות פון קעניגע וועגען דעם, וואָס קינדער ווערען ניט געבאָרען 20 יאָהר אַלט, אין אַ מונדיר אויפ'ן לייב, מיט אַ ביקס אין האנד, פיקס און פאַרטיגע סאָלדאַטען, בערייט צו מאָרדען און צו קוילע־נען; דאגות פון הונדערט אַנדערע מינים, וועלכע זיינען אַלע אריינגעפאַלען דירעקט אין וואסער אריין.

„און איך האָב געזעהן ווי עס האָבען זיך געשאָטען פון דעם פיערטען, פינפטען, זעקסטען און זיעבעטען צעהנדליג בינטלעך אונגעהויערע מאסען פון אַלערליי מאָרדטהאַטען. דאָרטען זיינען געווען רציחות פון שכורים, פון אייפערזיכטיגע, פון ניט־פערגינער, פון פערצווייפעלטע, פון יוסטיץ-מענער, פון ניט דערבאַקענע דאָקטוירים, פון פערשלאָפענע אפּטייקערס, פון דעספּאָטען גרוי־סע און קליינע. און דיעזע אַלע בלוטיגע רציחות זיינען געווען קורצע, שאַרפע, שפּיציגע. אָבער איך האָב געזעהן אַנדערע מאָרד־טהאַטען: — מאָרדטהאַטען פון מענער, ווייבער און קינדער דורך שלעכטע פערפעסטעטע לופט אין פאַבריקען, דורך קנאַפּקייט פון שפּייז נאָך דער ארבייט, דורך ווילגאַץ אין הייזער, דורך לאַנגע געפאַנגענשאַפט אין טורמעס, דורך אוננאַטירליכע, שווערע האָ־רעוואַניע — דאָס הייסט פאַבריקאַנטען-מאָרדען, לענדלאָרד־מאָרדען, טיראַנען-מאָרדען, סוועטער-מאָרדען. דיעזע זיינען געווען

לענגליכע, אויפגעשוואָלענע רציחות און זיי האָבען זיך ארויס־געשאָטען פון די מעהרסטע בינטלעך.

„און דאַן האָב איך געזעהן, ווי פון הונדערטער אַנדערע בינטלעך, וועלכע דער ריעז האָט אריינגעוואָרפען אין נחל־הנשיה, האָבען זיך ארויסגעשאָטען אַלערליי שרעקליכע צרות פון טויזענד־ערליי פאָרמאטען פון די גרויס פון אַ מענשליכע פויסט ביז אַ געוואַלטיגען בארג. און זיי זיינען געווען בעדעקט מיט וואונדען, בעפלעקט מיט בלוט און בעגאָסען מיט טרערען.

„און איצט האַלט ער אין האַנד דעם גרעסטען בינטעל און וואַרפט איהם אין טייך אריין. אָה, וואָס זעה איך?! איז דאָס ניט די פאָלקס דומהייט פון אַ לאַנגע, לאַנגע צייט? יאָ! דאָס איז זי... און איצט... אָה, איצט שטייגט דער ריעז אליין אראָפּ אין וואסער... ער איז אינוועניג... ער זינקט... עס זעהט זיך שוין מעהר ניט ווי זיין קאָפּ... איצט ניט מעהר ווי זיין שטערן... אָה, וויפיעל קאַרטשעס זיינען אויף זיין שטערן פאַראַנען... איינס, צוויי, דריי, פיער, פינף... וואַרט, איך צעהל, איך צעהל, איך צעהל זיי אַלע איבער... אָט האָב איך איבערגעצעהלט, הייליגער גייסט, וואָס איז דאָס? 365 קאַרטשעס! — אָה איך פערשטעה, דאָס איז געווען דער פערגאַנגענער יאָהר, וואָס פאַר אַ שרעקליכער ריעז... ער איז פערזונקען!“

און דער פרייהייטס־גייסט האָט מיר זיך געהייסען ארומ־קוקען און איך האָב געזעהן אַ ליבעפּאָלעס קינד, צערטליך און שעהן, ארויפקומענדיג אויפ'ן בריק.

און דער גייסט האָט, מיט אַ שמייכעל אויף די ליפען, צו מיר געזאָגט אַזוי צו זאָגען:

„דאָס איז דער נייער יאָהר. ווען די מענשען וועלען ניט געהן אין מיינע וועגען, וועט פון דיעזען קינד ווערען אין צייט פון צוועלף חדשים אַזאַ שרעקליכער מאָנסטער מיט אַזאַ משא אויף די פּלייצעס, ווי דער, וועלכער איז אָקאָרשט דערטרונקען געוואָרען אין דעם טייך דער פערגעסענהייט.“

ד ר י ט ע ר ט ה י י ל

# די לעבענס-געשיכטע
# פון דעם משוגענעם פילאָזאָף

בעשריעבען פון איהם אליין.

**1892**

# הקדמה.

„אם אין אני לי מי לי?" מאכט דער טיימש: מיט פרעמדע הענט איז גוט פייער צו שארען.

איך וויל זיך אויף קיינעם ניט פערלאזען און וויל מיין לעבען אליין בעשרייבען.

איך בעשרייב. לייענט.

---

## 1
## מיין געבורטס־שטאדט.

איך בין געבארען געווארען אין מינסק. דאס ווייס איך אויף קלאר פון פיער טעמים וועגען: ערשטענס, ווייל איך בין דערביי געוועזען; צווייטענס, ווייל מעהר ווי אין מינסק האט אזא מענש (א בעל־גאוה וואלט געזאגט: אזא מאן) ווי איך גאר ניט געקענט געבארען ווערען; דריטענס, ווייל מינסק האט ביז מיר ניט געהאט מיט וועמען צו שטאלצירען און דאס האט אויף אייביג ניט געקענט אזוי בלייבען; פיערטענס... פיערטענס... עס איז עפעס געוועזען ביי מיר נאך א טעם, נאר איך רעכען, אז דריי טעמים זיינען גענוג.

טאמער האט איהר דעם צווייטען גרונד ניט פערשטאנען, וועל איך אייך ערקלערען, און ביי אייך וועט קיין שום ספק ניט בלייבען, אז איך האב נור אין מינסק געקענט געבארען ווערען. הערט מיט קאפ: —

ווילנא איז א שטאדט פון גאונים און לומדים, אבער ניט פון פילאזאפען. דער ווילנער שול־הויף — א בעריהמטע יאדרע פון א גרויסע נוס — שמעקט מיט תורה, אבער נים מיט חכמה.

אין הוראדנא פלעגט מלכות פוילען פארציימען אבהאלטען איהר פארלאמענט; אזוי ווי איך האב פארלאמענטען נים האלט

געהאט אפילו בעת מיין נשמה איז נאך געווען אין הומעל, האב איך פון אזא שטאדט ווי הוראדנא געוויכט.

קאוונא איז פאר מיר צום ווערען געבארען קיין ארט ניט געווען, מחמת יעמאלט איז זי נאך ניט געווען קיין גובערניע־שטאדט און חוץ דעם איז זי צו נאהענט צו פרייסען. אין קאוונא וואלט איך פיעלייכט געווארען א ליטווישער ביסמארקיאנער אין הילצערנע קלומפעס מיט א שטיק דארע קישקע אין מויל.

זשיטאמיר איז אן ארט וואו מען האט צו יענער צייט גע־דרוקט די מעהרסטע אידישע ספרים, און איהר ווייסט לייכט בעגריי־פען, אז א שטאדט וואס גיט ארויס אזוי פיעל געדרוקטע שטות, קען ניט ארויסגעבען א פרייען דענקער.

ארום וויטעבסק איז שוין גאר ניטא וואס צו ריידען: דאר־טען רעדט מען אידעש אויפ'ן רוסישען אופן. וואלט איך חלילה געטאן דיא נארעשקייט ארויצוקריכען אין וויטעבסק, ווען איך בין אנגעקומען אין דער וועלט, דאן וואלט איך געוויס געשריעבען אידעשע פילאזאפיע, ווי העגעל פלעגט שרייבען דייטשע: קיינער וואלט מיך ניט פערשטאנען.

בלייבט איבער מאהילעוו. נו, איידער מאהילעוו איז שוין גלייכער מינסק. דאס ווייסט יעדערער איינזעהן.

## 2
## איך אלס עופ'על.

איך בין געבארען געווארען אין דעם יאהר 1825 (תקפ"ה) אין די נאכט פון דעם 25טען יולי. עס קען זיין אז די נאכט איז געווען א שעהנע, אונטער א בלויען אויסגעשטערנטען הימעל; אבער איך האב פיינט צו זאגען זאכען, וועלכע איך ווייס ניט אויף קלאר. (דעם אמת גערעדט, וואלט איך די מעשה מיט די שעהנע נאכט גאר ניט דערמאנט, ווען מיר וואלט זיך ניט פער־גלוסט אריינצושטעלען א פאאר מליצה'דיגע ווערטער.) יולי איז יענעם יאהר געפאלען אין תמוז, און דערפאר האב איך אימער גע־גלויבט און גלויב נאך ביז דאטא, אז דאס מוז זיין דער גרונד

דערפון, דאס איך האב א שם פאר א מסורה. איהר וועט זאגען: אין תמוז ווערען יעדעס יאהר א סך מענשען געבארען און זיי זיינען געוואוינליך קלאר... ווי וואסער. איהר זייט גערעכט. אבער איך זעה קיין שום אנדער גרונד ניט, און אזוי ווי מע האלט מיך פארט פאר ניט־קלאר, מוז איך זאגען אז דאס איז צוליעב תמוז.

איך בין אלט געווען א שעה אכט און צוואנציג (גענוי געדענק איך דאס ניט), ווען איך האב געגעבען דעם ערשטען בעוויז, אז איך בין ניט איינער פון יענע, מיט וועלכע מען קען טאן וואס מען וויל פון א שידוך ביז כפרות־שלאגען. מען האט מיך, נעמליך, ארייגעלעגט אין א מולטער וואסער (לאו־ווארימע) אום מיך צו וואשען... ביי אונז, אידען, ווערט א מענש נור געוואשען גלייך ווי ער ווערט געבארען און איידער ער ווערט בעגראבען. אזוי..... נור, לאמיך דערציילען ווייטער.

די וועשערקע האט געזאלט זיין די באבקע אונזערע. ניט מיר־נענדיג קיין שום בייז, האט זי מיר א שטארקען צופ געגעבען פאר'ן כערקעלע. דאס איז מיר פארגעקומען ניט שעה, פ'ין איהר. איך האב דערלאנגט א פלושקע מיט די פיסלעך און האב איהר ארייג־געשפריצט אַ האלבען כולמער וואסער אין צו־ה אריין. די פרן האט נעבאך אויסגעטאהן די ספאקולען און האט געהאט זיך צו ווישען דעם פנים שעהנע עטליכע מינוט. זי איז אויף דעם אופן ארומגעוואשען געווארען, א זאך, וואס זי האט געהאלטען פאר אן עביו'ה, ווייל דאס איז געווען אין די דריי וואכען, און זי — א אידענע א צנועה — פלעגט נור אבשלאגען נעגעל־וואסער פון'ם איינגעהמען ירושלים ביז'ן חורבן בית־המקדש דעסגלייכען אין אלע תעניתים, אין ספירה און אין די עשרת ימי תשובה, ווען ניט עפטער.

נאך איידער ביי מיר האט זיך געהאט דורכגעשניטען דער ער־שטער ציינדעלע איז ניקאלאיי פאוולאוויטש געווארען קיסר איבער רוסלאנד. איידער מען האט אויפגעהערט מיך צו וויקלען, האט ער שוין געהאט פערשיקט קיין סיביר א'ן ערך פון 120 מענשען און אויפגעהאנגען פינף. פאוועל'ס זון (א ליכטיגען גן־עדן איהם!)

האט געוואלט, אז רוסלאנד זאל, ווי איך, בלייבן געוויקעלט און געבונדהען אין די אלטע ענגע ווינדעלעך. ער האט ניט געמערקט ווי מיר ביידע — רוסלאנד און איך — די מדינה און איהר קינפטי־גער תכשיט — זיינען ביסלעכווייז אויסגעוואקסען. ווען, אלזא, מיר האבען זיך געצאפפעלט און האבען געשריען, האט ער גע־מיינט, אז אין אונז האט זיך אריינגעקליעבען א רוח רעה. אום אונז צו מאכען שטיל, האט ער געשמיסען, און געשמיסען, ביז עס איז געגאנגען בלוט; מכוח פריילאזען די פערפלוכטע ענגע וויקלערייי און בינדעריי, האט ער צומאל ניט א קלער געטהאן...

האב איך איהם ניט מיט עטליכע שורות צוריק געוואונשען א ליכטיגען גן־עדן? אויב אזוי האב איך אויף דערויף חרטה, און טאמער געפינט זיך ערגעץ־וואו א בערדיטשעווער טייטש, וועלכען דער אויסדרוק „אויף דערויף" געפעלט ניט, מעג ער פערקרימען דעם נאז, און טאמער האלט ווער עס איז דיזע בעמערקונג פאר איבעריג, האט ער ביי מיר א עולה.

---

## 3.

## וואקסענדיג פאק איך און מאזעל.

מיר ביידע — רוסלאנד און איך — זיינען פון דעסטוועגען ניט אין גאנצען דערשטיקט און צוקוועטשט געווארען דורך דיזע בע־האנדלונג. נור אזוי ווי איך שרייב דא ניט די געשיכטע פון רוס־לאנד, זאנדערן מיין אייגענע לעבענס־געשיכטע, וועל איך פון היינט מאל אן און ווייטער נור דערצעהלען וואס מיט מיר אליין האט פאסירט.

איך בין אלט געווארען אז ערד פון א האלב יאהר. מען האט מיר געשטעלט פאקען. איך בין געווען דאגעגען. איך האב פראטעס־טירט. איך האב געשריען. מען האט מיך ניט געהערט. ווארום — פרעגט איהר — האב איך זיך דאגעגען געשטעלט? ערשטענס, האב איך זיך דאגעגען גאר ניט געשטעלט, מחמת איך האב נאך ניט געקענט שטעהן צו יענער צייט, און צווייטענס האב איך זיך גע־גען דעם געווארפען, ווייל איך האב שוין דאמאלס ניט געגלויבט,

אַז מען האָט אַ רעכט אַנצוטהאָן אַ מענשען יסורים היינט, כדי צו פערהיטען צוקינפטיגע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען.

זייענדיג אַ פילאָזאָפישער עופעלע, האָב איך שוין דאַמאַלס פערשטאַנען, אַז דאָס איז ניקאָלאַיי'ס סיסטעם, — דער שניידען פלייש און לאָזען בלוט לטובת הכלל, כלומר'שט צו פערהיטען אַנשטעקונג. ווי איך האָב שוין דאַמאַלס פּראָטעסטירט געגען די ווינדעלעך, וועלכע זאָלען כלומר'שט מאַכען גלייך, וואָס דאָס איז אויך אַ שטיק ניקאָלאַיי־שמשינע, רחמנא לצלן.

ווי איך האָב געפּאַקט געדענק איך ניט. אָבער ווי איך האָב געמאָזעלט וועל איך ניט פערגעסען ביז מען וועט מיר אַרויפלעגען שערבלעך אויף די אויגען. מיר איז אין מיין גאַנצען לעבען אַזוי גוט ניט געווען. איך האָב געהאַט פון כל־טוב און האָב געטרונקען וויין, און וואָס פאַר אַ וויין? אמת'ע מינסקער וויין. עס קען זיין, אַז דאַרין איז געווען אַלטיי־וואָרצעל, אפשר איז עס געווען געמישט מיט ראַמונקעס, אפשר האָט עס פון וויין ניט מעהר געהאַט ווי דעם נאָמען. אָבער וואָס טויגען מיר די קונצען? איך האָב געלעקט די פינגער. איך האָב דאַמאַלס טועם געווען דעם טעם פון טיראַניי, אָבער ניט ווי מיט יאָהרען שפּעטער, דערפון לייַדענדיג. דאַן בין איך געווען דער טיראַן. אָהן פלודערקעס — דאָס איז אמת, אָבער איך האָב געוואָייעוועט איבער די גאַנצע הויז. מיינע פּאַדדאַננעס זיינען געשטאַנען פאַר מיר און האָבען מיר איין וואָרט געקוקט אין די אויגען און האָבען מיר געגעבען פון אַלע גוטיגקייט: אַ טעלער צום צוברעכען, אַ מחזור צום צורייסען, אַ פּערלמוטטערנעם מעסעריל, אַ האַלב־טוץ נייע גענזענע פעדערן, אַ געוויכט פון זייגער צום קייקלען, צוקער־וואַסער, פייגעל־מילך, דעם טעלער פון הימעל — אַלץ איז מיר דערלאַנגט געוואָרען אַזוי גיך, ווי איך האָב פריקאַזעוועט. איין זאַך נור איז געווען שלעכט, איך האָב געמוזט זיין איינגעשפּאַרט אין צימער, האָב זיך ניט געטאָרט יאַווענען אויף די פרייע לופט. איך האָב זיך געפיהלט דאַן, ווי היינט פיהלט זיך אַלעקסנדר דער דריטער, מעהר ניט איך בין געווען קליגער ווי ער.

4.

## איך ווער א חדר אינגעל.

איך בין געוואקסען, אָבער פריגט ניט ווי. איך האָב צו דריי יאָהר מיט עטליכע חדשים (ווען דער זמן וואָלט זיך אָנגעהויבען אין תמוז און ניט אין חשון, וואָלט איך מסתמא שוין צו דריי יאָהר) גענומען לערנען דעם אלף־בית. מיר איז דאן שווער געווען צו פערשטעהן דעם אונטערשיעד צווישען אַ ב י ת און אַ קרומע כף, צווישען אַ ד ל י ת און אַ ר י ש, צווישען אַ ו אָ ו און אַ ז י י ן. צום טהייל האָב איך דאָס מיט יאָהרען שפּעטער אויך ניט פערשטאַנען. למשל: איך האָב געוואוסט, אז דלית און ריש בעדייטען ביידע אָרימקייט; ווייל יענע קומט פון גאָט און דיעזע פון דעם מענשליכען פיהרונג; אָבער ביידע זעהען אויס גלייך. אויך האָב איך נאָכדעם געוואוסט, אז בית איז אַ הויז און קרומע־כף אַ קרומע האַנד, און די שייכות איז קלאָר, ווייל אָהן אַ קרומע הענטעל ווערט ניט קיין בית. דער ואָו ווידער מיט'ן זיין זיינען אויך ברי־דער, ווייל ואָו (אַ שטעקען) קען לייכט פערוואַנדעלט ווערען אין זיין (אַ וואפע) אויסער ווען דער וואָס האלט דעם ז י י ן איז אליין אַ ו אָ ו, דאָס הייסט אַ פלאָקען, וועלכעס טרעפט זיך אָפט צווישען פעלקער און מענשען. — (פעלקער—פלעקער; בעל מגיה, פּאַסט אויף!).

דעם אות צדי רופט מען אין דער ליטא צדיק. ווען איך האָב געקראָגען צו וויסען פון דעם לאנגען צדיק און דעם קרומען צדיק אין אלף־בית, האָב איך ארום דעם גערעדט מיט מיינעם אַ חבר. א'ן עלטערען אינגעל ווי איך. ער האָט מיר עטוואָס געזאָגט.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף אונזער הויכען פרומען רבי'ן מיט זיין איינגעקאָרצעטען רוקען און האָב געזאָגט צו איהם, אַז חיים'קע זאָגט, אַז דער רבי איז אי אַ לאַנגער צדיק, אי אַ קרומער צדיק. דעם רבי'ן האָט זיך געוואָלט מיר געבען אַ פּאַטש, נור ער האָט דאָס אָבגעלעגט אויף אַנאַנדערם מאָל.

מיט גרייזען — אָהן גרייזען, אָבער געלייענט עברי האָב איך זעהר פלינק, צו פיער יאָהר האָב איך שוין געלערענט חומש און

האב שוין געוואוסט, אז אונזערע הייליגע אבות האבען (פונקט ווי היינטיגע גבירים) געהאט ווייבער און קעבס־ווייבער; האב געוואוסט, ווי אזוי ראובן האט געזינדיגט געגען דעם טאטען, האב געוואוסט פון יהודה'ס עסק מיט זיין שנור תמר; פון וואנען יוסף'ס צדקות וואקסט און וואס פאר א סחורה פוטיפר'ס ווייב איז געווען; שכם'ס ראמאן מיט שוועסטער דינה און נאך אזעלכע מעשות, אלץ וויכטיג צו וויסען פאר פיער־יאהריגע קינדער. ווען איך האב זיך אויסגערעדט, אז דער יושר פון אויס'הרג'ענען א גאנצע שטאדט מאנסבילען צוליעב דעם, וואס א בחור האט זיך פערליעבט אין א מיידעל, איז ניט געווען איבעריגס גרויס, האב איך געקראגען דעם נעמליכען פאטש, וועלכען מיר איז בעשערט געווען צו קריגען מיט פינף חדשים צוריק. פון יענעם טאג אן האב איך געזעהן עולות אין דער תורה און האב געשוויגען.

און דא בעט זיך א פילאזאפישע בעמערקונג: ווען שכם וואלט ניט געווען דער זוהן פון (א) חמור, וואלט ער ווארשיינליך ניט געבראכט די צרה אויף זיין שטאדט און דעם פאטש אויף מיין באק, — אויף די לינקע באק, ווייל די רעכטע איז דעם רבי'ן ניט געווען צו דער האנד.... מחשבות'ן!

ווען איהר האט געלערנט אין שופטים אז שמשון האט בענוצט א'ן אייזעלס באק אין דער מלחמה געגען די פלשתים, איז אייך איינגעפאלען, אז היינטיגע הערשער טוהען דאס זעלבע. מעהר נישט זיי בענוצען אייזעל'שע הענט? אויב ניט, פערגעסט דאס לכל־הפחות איצט ניט.

---

5.

## ווערים־קרויט.

ווערים־צוקערקעס זיינען נאך דאן ניט געווען אויפגעקומען, און מיך האט מען דערפאר געקארמעט מיט ווערים־קרויט. די נפקא־מינה צווישען זיי ביידען איז — ווי איך האב שפעטער ארויסגעפונען — כמעט די זעלביגע ווי צווישען א רעגיערונג ווי די ענגלישע און א רעגיערונג ווי די רוסישע; פרייערע פעלקער שלינ־

גען אויף אראָפּ אַלערליי ביטערע קריטיקער, מעהר נישט זיי מוז מען דאָס דערלאַנגען איינגעמאַכט אין צוקערקעס, וועלכע קומען אי פון אַ פּריווילעגירטען אַפּטייקער, אי פון א'ן אויסגעוועהלטען צוקערניק. ווי איך פערשטעהע היינט, קען מען פיעלייכט ניט אויס־קומען אהן (זאַקאָנע) ווערים־קרויט, ווען מע האָט נאָך אַנאַנד בויך־ווייטאָג; אָבער איך קלער, אַז די בויך־ווייטאָג איז אין גאַנצען ניט הלכה למשה מסני, אַז גוטע שפּייז וואָלט פערשפּאָרען אַ סך ווערים־קרויט. איבערהויפּט רעכען איך היינט, אַז די רפואה איז ערגער ווי די מכה און אַז די פעלקער ליידען מעהר פון געזעצליכע ווערים־קרויט, ווי פון נאַטירליכע לייב־שמערצען.

זיך שטאָפּענדיג מיט חומש און מיט רש"י, מיט טשאַלענט און מיט ווערים־קרויט מיט באָווא־מעשיות (הייליגע און געוועהנליכע) און מיט שמעק־טאַבאַק, וועלכע מען פלעגט לאַטבענען ביי'ן רבי'ן אין דער צייט, ווען ער — צו קיין גנאי זאָל דאָס איהם ניט זיין! — פלעגט איינדרעמלען איבער'ן חומש, בין איך לאַנגזאַם געוואָרען אַ זעקס־יאָהריגער אינגעל.

---

## 6.

## פון די כאָלעריע ביז די חופה.

צו יענער צייט (אין 1830—1831) איז נאָך מיין מוח ניט פעה־היג געווען צו בענעהמען ניט דעם מיאַטעזש פון פּוילען, ניט די יולי רעוואָלוציאָן פון פּאַריז און ניט דעם אויפשטאַנד אין בעלגיען. אָבער מיין מאָגען איז גאַנץ גוט פעהיג געווען צו בענעהמען די כאָ־לעריע. אין פּוילען... האַלט! מיר פאַלט עפּעס איין.

איז עס ניט מעגליך, אַז צווישען די רעוואָלוציאָן און די כאָלע־ריע איז פאַראַנען אַ סך אַ גרעסערע סמיכת־הפרשה ווי מאַנכע פילאָזאָפען מיינען? פאַרגעסט ניט, אַז די כאָלעריע האָט אַ טבע זיך צו צעפּעגען מעהר צו די אביונים, ווי צו די רייכע; פערגעסט ניט, אַז יעדע פּאָליטישע רעוואָלוציאָן האָט אַן עקאָנאָמישען פונ־דאַמענט, וועלכעס בעדייט אויף פּראָסט אידיש, אַז ווען אַ פאָלק שטעהט אויף גענען אַ שלעכטע רעגיערונג איז דאָס אימער, ווען

די נויט איז גרויס און ווען דער „וכי תאמר מה נאכל“ איז א קלאץ־קשיא. מען קען זאגן, אז דער מענטש דערלאנגט זיך אלץ גיכער א הויב, וואס לייכטער (ווייל ליידיגער) זיין מאגן איז. הייגט, פערשטעהט איהר, איז די מעשה אזוי; דיא כאלעריע בע־ווייזט דעם פאלק בעסער, ווי אלע מיינע געזאמעלטע שריפטען, אז דער ארימאן איז אומעטום די ערסטע כפרה און זי רייסט אויף זיינע (דעם פאלק'ס) אויגען צו זעהן, ווי די גרענדע־פיהרערס וואיעוועז איבער איהם. דערפון קומען ארויס די מיאטעזשען און די רעוואלוציעס און הגם זיי פערקריכען (וועגיגסטענס זיינען זיי ביז איצט פערקראכען) אין האצע־פלאצע, איז זייער ערסטע סטאנציע פארט אימער געווען הונגעראווקע, אדער די נויט.

צוריק קומענדיג צו מיין בעשרייבונג, זאג איך אזוי: אין פוי־לען איז די עמיגראציע נאך יענער וועלט דורך די מגפה כאלעריע און נאך פראנקרייך און אנדערע לענדער דורך די מגפה־ניקאלאיי געווען מורא'דיג גרויס. איך בין, ווי איהר זעהט, פון די כאלעריע ווייניג וואס געריהרט געווארען, און פון די אנדערע מגפה האב איך יעמאלט אזוי גוט ווי גאר ניט געוואוסט, אבער ווערים־קרויט האב איך איינגענומען רעגעלמעסיג יעדען ראש־חדש, צוועלף מאל אין יאהר, אדער דרייצעהן מאל, אויב דאס איז געווען א'ן עבור־יאהר, וועלכעס איך קען אויף קלאר ניט זאגען.

איך האב איצט שוין געלערנט גמרא, און צו זיעבען יאהר האב איך שוין געוואוסט אלע דינים, וואס בעלאנגען צו די וויכטיגע פראגע מכוח דעם, וואס מען האט צו טאן מיט א'ן אקס, וועלכער שטויסט א קוה מיט זיינע הערנער. אז דער דין האט געקענט האבען א שייכות מיט מיין רבי'ן, וואס האט אלע ליעבע טאג געשטויסען זיין ווייב — האב איך נאך דאמאלס ניט פערשטאנען. איך האב אבער געלערנט פיעל און פלייסיג און בין געווען א גרויסער קענער אין אונזער אלטע אידעשע אקסען־יוריספרודענץ, און דאס אין אזעלכע יונגע יאהרען, ווען א'ן אנדער אינגעל רייט נאך אויף א הילצערנעם פערדיל און ברעכט זיין מוח אויף די פראגע, צו קומט

מילך פון הימעל אָדער פון געוויסע טייכען און צו וואַקסען מאַקאַ־ראָנען אויף בוימער אָדער אויף זאַנגען.

## .7
## אַ'ן אָבשטעל אין דעמזעלביגען קאַפּיטעל.

ווען איך בין אַלט געוואָרען אַ יאָהר עלף, האָב איך זיך גענומען צו שפּראַכען. מיר האָט זיך נעמליך געוואָלט לערנען פּויליש, און איך האָב זיך ווירקליך אין אַ קורצע צייט אויסגעלערנט לייענען. איהר וועט זיך וואונדערן, ווען איך וועל אייך דערצעהלען, ווי אַזוי; אָט איז די מעטאָדע! אויף פיעלע פון די ספרים אין בית־מדרש האָב איך געפונען אונטען אויפ'ן טיטעל־בלאַט דעם נאָמען פון'ם ספר איבערגעגעבען אין פּוילישע אותיות, זעהר אָפט דעם נאָמען פון דעם מחבר און דעם דרוקער אויך. דערפון האָב איך אויסגעפונען יעדען אות בעזונדער און מיט דער צייט בין איך דערגאַנגען צו אַזאַ הויכע מדרגה, אַז איך האָב לייכט געלייענט אויף די אַנדערע זייט פון טיטעל־בלאַט די פּוילישע ווערטער: „עס ווערט ערלויבט צו דריקען דעם ספר מיט דעם תנאי, אַז אַ געזעצליכער צאָהל עקזעמפּלאַרען זאָל צוגעשטעלט ווערען נאָכ'ן דרוקען אין דעם צענזורנעם קאָמיטעט“ א. ז. וו. — נאַטירליך, האָב איך פיעלע פון די ווערטער ענטוועדער פאַלש פערשטאַנען אָדער גאָר ניט פערשטאַנען, אָבער געלייענט האָב איך. מיט יאָהרען שפּעטער האָב איך זיך אויף דעמזעלבען אופן אויסגעלערנט לייענען רוסיש, מעהר ניט דערצו האָב איך אויך בענוצט די שילדען פון די קראָמען, אָבגלייך ניט דעם שילטען פון די קראָמען; מע שילט ניט אויף רוסיש אין אונזערע מקומות.

צו דרייצעהן יאָהר בין איך געוואָרען אַ חתן, צו פיערצעהן — אַ מאַן, צו פופצעהן — אַ טאַטע, צו זעכצעהן — אַ'ן אַלמן. איך ווייס עד היום ניט צו דאָס איז געווען אַ שטראָף פאַר מיינע זינד, אָדער פאַר די פלונית'טעס זינד, אָדער פאַר די זינד פון כלל־ישראל, אָבער מיין ווייב איז נעבאך אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט, איידער זי האָט דערקאַנטשעט זויגען מיין טאָכטערל. און דאָ וועל איך

אין קורצע ווערטער דערצעהלען וואס איז געווארען פון מיין פא־מיליע.

אונזער טאכטער האט חתונה געהאט אין דעם יאהר 1858, האט אבגעלעבט א לאנגע צייט מיט'ן מאן אהן קינדער, האט זיך מיט'ן בעזדעטניק גע'גט און האט מיט'ן צווייטען מאן געהאט א אינגעלע, זייענדיג איבער פיערציג יאהר אלט. פון דעם קינפעט איז זי נעבאך געשטארבען און ביי מיר איז געבליעבען איהר קינד.

דאס איז מיין איינינקעל.

דער מאן איהרער איז נעמליך פערשוואונדען געווארען ווייס איהם דער גוטער יאהר א וואו. איצט וועט איהר אליין פערשטע־הען, ווארום דער איינינקעל מיינער איז מיר אזוי ליעב און טייער; ער איז ביי מיר, וואס איך בין היינטיגען טאג שוין פופציג יאהר א'ן אלמן און פערוואגעלט אין ווייטע מדינות, מיין איינציגער טרויסט און מיין גאנצע פאמיליע.

---

.8

## דיא וואונדערבארע ערשיינונג.

איך בין פערקראכען צו ווייט. לאמיר זיך צוריקקעהרען צו מיי־נע יונגע יאהרען. איך מיין, נאטירליך, ניט ווערען צוריק יונג, דאס איז א שווערליכע מעשה. חוץ דאקטאר פויסטוס האט דאס קיין מענש ניט געקענט און אפילו ער האט דערפאר מע'קויפט זיין נשמה צום טייוועל, וואס דאס וועל איך ניט טאן, דאס מוט, איבערהויפט נור א טייטש, אבער ניט א איד. והראיה, דאס האט אפילו יעזוס כריסטוס ניט געטאן, הגם דער שטן האט זיך צו איהם צוגעצעפעט ווי א פיאווקע, און האט איהם אנגעבאטען הרים וגבעות. אלזא איך וואלט אזא מעשה ניט טאן און יען איך קעהר זיך אום צו מיינע יונגע יאהרען טו איך דאס אין מיין בעשרייבונג.

דאס איז געווען אין דעם יאהר 1838. איך בין אקארשט געווא־רען בר־מצוה און א חתן, ביי מיר איז געווען תנאים און איך האב צום ערסטען מאל געזעהן מיין כלה. מיט א פרעהליכען הארצען בין איך געגאנגען שלאפען, דען דעם תנאים אבצו'פטר'ן איז אליין גע־

ווען א שמחה. פלוצלונג איז פאר מיר ערשינען א בילד־שעהנע געשטאלט, עהנליך צו דעם פרייהייטס־גייסט, וועלכער האט זיך צו מיר אין שפעטערע יאהרען מעהר ווי איינמאל בעוויזען. ער האט אויסגעזעהען אונשולדיג ווי א קינד, שעהן ווי דער ליעבעס־גאט, קרעפטיג ווי א העלד און קלוג ווי א גרייז־גרויער חכם. ער האט געמעגט זיין אפאללא נאך די רונדקייט פון זיין קאפ און א מלאך נאך די שעהנהייט פון זיינע צוויי פליגלען. ווער ער איז געווען ווייס איך ניט. ער האט געטראגען אין זיין רעכטע האנד א בלאנקען שווערד און אין זיין לינקע א פורפורנעם בינטעלע.

ניט ריידענדיג א ווארט, האט ער אויפגעשניטען די לינקע זייט ביי מיר מיט'ן שווערד און האט געעפענט מיין הארץ. דאן האט ער פון בינטעלע ארויסגענומען עטליכע וואונדערבארע קערנער און האט זיי אריינגעשאטען אין הארצען ביי מיר, פריהער אבער האט ער אויפ'ן שפיץ שווערד עטוואס פון דארטען ארויסגעצויגען.

מיר האט געשווידערט פאר אימה, אבער איך האב געשוויעגען, שמערצען האב איך ניט געפיהלט. ער האט דאן אוועקגעלעגט דעם שווערד און דעם בינטעל און צונויפציהענדיג דעם שניט, האט ער דארויף ארויפגעגאסען א מין באלזאם, און דורך מיין גאנצען קערפער איז דורכגעגאנגען א געפיהל פון ליעבליכקייט און פון פערגניגען.

מיט א שמייכעל אויף זיינע שעהנע רויטע ליפען האט ער זיך אבגערופען און האט געזאגט: „דאס וואס איך צושנייד, מאך איך ווידער גאנץ, און דאס, וואס איך פערוואונד, קען איך צוריק פערהיילען, איך קום מיט דיר מאכען א'ן אייביגען בונד און וויל מיט דיר שליסען א'ן אבמאה, וועלכער זאל דויערן ביז דיין לעצ־טען טאג אויף דער ערד. אבער צוערסט גיב אכט אויף מיינע ווער־טער און פערנעהם מיינע רייד.

„ביי דיר אין הארצען האט געבליהט א העסליכער געוואוקס, און זיינע געלע בלעטער האבען זיך שוין געהאט פערשפרייט אין אללע דריי ווינקעלעך. דער געוואוקס הייסט זעלבסט־זוכט, און עגאאיזמוס רופען איהם די מענשענקינדער. איך האב א טהייל פון

איהם אויסגעשעניטען און האב אויף זיין ארט פערזייט א נייע זריעה, און דו וועסט פון איצט אז זיין א נייגעבארענער מענש און דו וועסט אין זיך פיהלען פרישע קרעפטען. און דו וועסט ניט קענען מעהר ליעבען נור זיך אליין, און גאר אין גאנצען פאר זיך אליין וועסטו ניט קענען מעהר לעבען.“

און דו וועסט געהן צווישען דיינע ברידער און דו וועסט רעדען מיט דיינע שטאמעס־גענאסען. און דו וועסט זיי לערנען רעדען און מאן, אבער דו וועסט זיי ניט נאך מעהר אבזונדערן פון די פעלקער, דו וועסט זיי, אדרבה, מיט אלע זייערע ברידער פעראייניגען, ווייל אין דיין הארצען האב איך פערזייט א הייליגע זריעה, און מענשען־ליעבע וועט פון איהר ארויסוואקסען, און איצט הער ווייטער.“

---

.9

## מיין הייליגע שבועה

ער האט זיך אויף א רגע אבגעשטעלט. האט אריינגענומען מיין רעכטע האנד אין זיינע און האט צו מיר געזאגט:

„דו ביזט נאך יונג, מיין קינד, און דו וועסט נאך לאנג, לאנג וואנדלען אין דער וועלט. דו טארסט צוליעב דיינע פרישע געזונטע יוגענד ניט פערגעסען אז די אלטע קראנקע מענשהייט. שווער דא־רויף א׳ן אייביגע שבועה!“

און איך האב געשווארען.

„דו וועסט זעהן ליעבליכע יונג־פרויען און דיינע אויגען וועלען פערלאקט ווערען פון שעהנע געשטאלטען. ליעב, אבער דו טארסט ניט פון זייערטוועגען פערגעסען אז דעם ארימאן׳ס טאכ־טער, וואס דיענט דעם רייכען צו דער ארבייט און צו זיין פערגני־גען, שווער דארויף אן אייביגע שבועה!“

און איך האב געשווארען.

„דו וועסט ליעבען דיין פרוי, און דו מעגסט געניסען איהר ליעבע; אבער דו טארסט צוליעב איהר ניט פערגעסען אז דעם ארימאן׳ס ווייב, וועלכע טרינקט גיפט און עסט איהר אייגענע

הארץ, וועלכע ליעבט אהן לעבען און לעבט אהן ליעבע. שווער דארויף א'ן אייביגע שבועה."

און איך האב געשוואהרען.

„דו וועסט האבען א קינד און דאס וועט זיין די פרוכט פון דיין ליעבע, דיין טרויסט אויף דער עלטער. דו טארסט אבער ניט פערגעסען צוליעב דיין קינד אז די מיליאנען קינדער, וועלכע גע־העז אונטער איידער זיי בליהען אויף, וועלכע ראנגלען זיך מיט'ן טויט אין דער קינדהייט און מיט'ן לעבען ווען זיי ווערען גרעסער. שווער דארויף אן אייביגע שבועה!"

און איך האב געשוואהרען.

„דו וועסט ערקוויקען דיין גייסט מיט די ווערקע פון פיעלע גרויסע קעפּ און קונסטזאכען וועלען ערפרייען דיינע אויגען. דו טארסט אבער ניט פערגעסען צוליעב די קונסט און די ליטעראטור דעם מענשליכען שמערץ און די געצוואונגענע אונוויסענהייט פון דיינע ברידער. שווער דארויף א'ן אייביגע שבועה!"

און איך האב געשוואהרען.

„דו וועסט זעהן דיין פאלק אין לײדען און דיינע שטאמעס־גענאסען אין נויט און פערפאלגונג. דו וועסט פיהלען זייער שמערץ, אבער דו טארסט ניט צוליעב זיי פערגעסען אז די נויט און די לײ־דען פון די איבעריגע מענשהייט; דו טארסט ניט ווערען א נאַ־ציאנאל־עגאאיסט. שווער דארויף א'ן אייביגע שבועה!"

און איך האב געשוואהרען.

„דו וועסט פערדיגען און דו וועסט ניט פערשטאנען ווערען; דו וועסט געהאסט און בעשימפּפט ווערען פון דיינע תלמידים, פון דיינע קינדער, דו טארסט אבער צוליעב דעם ניט אבווענדען פון זיי דיין הארץ און דו טארסט ניט פערצווייפלען אין דיין ארבייט. לאז דיין געקרענקטער „איך" דיר ניט שטערען אין דיין ליעבע צום פאלק. שווער דארויף אן אייביגע שבועה!"

און איך האב געשוואהרען.

ער האט מעהר ניט גערעט און איז פערשוואונדען געווארען.

איך האָב געשפּיהלט ווי ביי מיר איז האַרצען האָט ביסלעכווייז גע־נומען וואַקסען די פּרוכט פון די געטליכע זריעה.

און דאַן האָב איך זיך אויפגעכאַפּט.

דאָס איז געוועזן אַ חלום, און אַ חלום איז עס געבליעבען אויף שעהנע צטליכע יאָהר.

## 10.

## מען כראָמשקעט אין דער קאַפּאָטע.

אויב איהר לייענט מיט קאָפּ, געדענקט איהר אודאי (עס זיינען דאָ אידען וועלכע זאָגען בודאי — מיט אַ ב׳ — אָבער דאָס איז ניט גראַמאַטיקאַליש אידיש). אַלזאָ געדענקט איהר, אַז איך בין צו זעכצעהן יאָהר געוואָרען אַן אַלמן. דאָס איז געוועזן אין דעם יאָהר 1841. יענעם יאָהר איז אין דער וועלט געוועזן שטיל. אין בית המדרש אין מינסק, האָט זיך ניט געהערט פון מלחמות. שלומיאל דער פּרוש איז געזעסען רוהיג ביי׳ן ספר, ר׳ חנה באַלבירישקער האָט געלייענט אַ בלאַט גמרא פּאַר׳ן עולם, ר׳ אַבעלע סטויבצער האָט געזאָגט אַ פּרק משניות, ר׳ צמח דער מגיד האָט גע׳דרש׳נט אין קלויז, און יונה דער וואַסער־טרעגער האָט געזאָגט תהלים; אָבער דער רוס מיט׳ן טערק האָבען זיך גראַד דעם יאָהר ניט גע־שלאָגען און ניקאָלאַיי האָט ניט געמאַכט קיין נייע גזירות.

אין דער פריה האָבען זיך ווי געוועהנליך די אָקסען מיט די קיה, מיט אַלע אַנדערע בהמות און חיות געזונגען שירה, און די פויגעלעך האָבען אונטערגעפּיפּצעט, און די בוימער האָבען געשאָ־קעלט מיט די קעפּ, און די שרצים האָבען צוגעבאָמקעט — יעדערער מיט אַ בעזונדערן פּסוק, וואָס דאָס בעווייזט, אַז די חיות און די בהמות און די פויגלעך זיינען מעהר בעהאַוונט אין תנ״ך, ווי אַ דאַנציגער רב אָדער אַ בערלינער שמש.

דאָס בעווייזט איבריגענס אויך וואָס פאַר עמי־הארצים די חכמי אומות־העולם זיינען. עס איז דאָ אַ טייטש בעהם, וועלכער האָט אָנגעשריבען אַ גאַנץ ספרים עפּעס גאָר אין די צעהנדליגע אַריין, רק וועגען חיות און בהמות, און דער נפש האָט קיין שום

ידיעה ניט דערפון, אז דער פראש (צפרדע — פרעה'ס צווייטע מכה) זינגט אלע אין דער פריה ש י ר ה! און אזא פערקרי־מענעם באפט זיך שרייבען נאטור־געשיכטע... איך, ניט זייענדיג קיין גרויסער זאלאג (אזוי רופען זיך, ביי זיי ביניהם, די ברואים, וועלכע ווייסען ניט פון שירה), קען מיר לייכט פארשטעלען ווי א פראש, למשל, דערלאנגט זיך א לעבעדיגע פארשקע אין זומפ, בלאזט זיך גוט אן און זינגט:

קווא־קווא־קווא! קווא־קווא־קווא־
אדון עולם
קווא־קווא־קווא! קווא־קווא־קווא־
אשר מלך
קווא־קווא־קווא! קווא־קווא־קווא־
בטרם כל
קווא־קווא־קווא! קווא־קווא־קווא־
יציר נברא.

זינגענדיג מיט א שעהנעם ניגון, אבער אהן נאטען, ווי קליינשטעט־טילדיגע חזנים — ניט צוגלייכענדיג.

נחזור לענייננו. יענעם יאהר איז, ווי געזאגט, געווען זעהר שטיל אין דער וועלט און שבת נאכ'ן דאוונען איז זיך דער עולם פאנאנדער געגאנגען אהן פאליטיק יעדער צו זיין טשאלענט, צום קוגעל מיט די זמירות.

איין שבת, שבת נאך שבועות, געדיינק איך, בין איך געבליע־בען דער לעצטער אין בית־המדרש און שטעהענדיג ביי'ן אלמער האב איך זיך פערטראכט. מיט אמאל האט זיך מיר אבגעדובט, אז ווער עס איז כראמשקעט עפעס־וואס מיט גרויס אפעטיט. איך האב זיך ארומגעקוקט און האב דערזעהען א גרויסע, ברייטע, אי־בערנאטירליכע קאפאטע און איבער איהר א געוואלדיגע שטריי־מעל.

פערשטעהענדיג, אז א קאפאטע מיט א שטריימעל, ווי גרויס זיי זאלען ניט זיין, קענען בשום אופן ניט כראמשקענען, בין איך

לייכט געקומען צום בעשלוס, אז אינעווייניג מוז זיין בעהאלטען ענטוועדער א מענש אדער אנאנדער בעשעפענים.

אצט אין מיינע עלטערע יאהרען איז מיר א שטיקעל וואונדער, פאר וואס איך האב זיך ניט געקענט פארשטעלען דאמאלס, אז קליידער זאלען קענען קאייען, — דאמאלס ווען איך האב געגלויבט באמונה שלימה, אז די קליידער זיינען פארצייטען געוואקסען ביי אונזערע אבות אביתינו אויף די קערפערס אין מדבר פערציג יאהר נאך אנאנד, און איבערהויפט ווייל איך האב שוין דאמאלס געדארפט וויסען, אז צווישען קאייען און וואקסען איז דא א גרויסע שייכות און... נאר לאז זיין, הגם מיר ווילט זיך אויספיהרען, אז ווען ארעמע קינדער וואלטען מעהר און בעסער קאייען, וואלטען זיי מעהר און בעסער וואקסען... אבער דאס איז ניט וויכטיג און איך וועל דאס אויספיהרען אנאנדערס מאל.

בקיצור הדבר, איך האב ביי זיך בעשלאסען (אין מינסק זאגט מען : גומר געווען, אבער איך האב האלט אריינצומישען א טייטשישעןווארט בכדי, אז מען זאל פאר מיר אביסעלע מעהר בושה האבען. אלזא) איך האב ביי זיך בעשלאסען... דערווייל האב איך פערלארען וואו איך האלט... איך האב בעשלאסען... בעשלאסען.... ווייסט איהר וואס ? לאז זיין בעשלאסען אנצוהויבען א נייעם קאפיטעל.

.11

## ר׳ טרייטעל־פאר־זיך.

צוגעהענדיג נעהנטער, האב איך געזעהן, אז דער וואס עסט אין דעם גרויסען געצעלט אונטער׳ן דעכעל, וואס האט אויסגעזעהן ווי א קאפאטע מיט א שטריימעל, איז געווען דער וועלט־בעריהמטער (יעדענפאלס דער מינסקער־בעריהמטער) ר׳ טרייטעל־פאר־זיך.

דאס איז געווען א מאן אין גראף קליין מיכעל׳ס עלטער און אויף איהם האט מען געזאגט, אז ער האט אבגעלעבט זיינע יאהרען אין אדער ארום דעם בית־המדרש. ער האט געהאט א גרויסען

שטערן—פון וואנען מען האט דאס געוואוסט בעגרייף איך ניט, ווייל ר׳ טרייטעל האט קיינמאל ניט אויסגעטאהן די שטריימעל זיינע— און קליינע אויגען; זיין נאז איז געווען גרעסער ווי א געוועהנליכע אוגערקע און קלענער ווי א ניטדערוואקסענער ארבוז; זיין מויל, בעהאלטען אין א וואלד האאר ארום און ארום, האט געמעגט זיין גרויס, אבער אויף קלאהר קען איך ניט זאגען. אזוי פיעל וויים איך נור, אז עס איז ניט געווען פון יענע זארט גרויסע מיילער, מיט וועלכע די מינסקער קרעמערקעס זיינען געבענשט און זייערע קונים פערשאלטען. דער בארד זיינער איז געווען לאנג און קאל־טעוואטע, ווי יעדער בארד, וועלכען א קאם האט ניט בעריהרט פון ערב יום־כפור צו ערב יום־כפור און אפשר דאן אויך ניט. אלע איבריגע חלקים פון זיין הייליגען גוף האט פערדעקט די גרויסע קאפאטע. — א בגד אין וועלכען עס האבען געקענט ארייינגעהן דריי ר׳ טרייטעלס מיט א צעהן יאהריגען מענדעלע, — א בגד, וועלכער האט געמעגט זיין א ירושה פון עוג מלך הבשן אין זיינע יונגע יאה־רען.

— גוט־שבת, ר׳ טרייטעל! האב איך צו איהם געזאגט. ער האט ניט געענטפערט און האט אוועק געבראמשקעט אויף וואס די וועלט שטעהט. איך האב דאס ניט גענומען פאר־איבעל און ווייטער גערעדט.

— איהר מאכט, משמעות, פארזיך שבת, ר׳ טרייטעל — האב איך צו איהם געזאגט.

„כראם כראם כראם" — האט ער געמאכט, ארויסקנייפענדיג א שטיק ווייכע פון א דריי פונטיגען לעבעל ברויט, דאס אריינ־שטאפענדיג אין זיין ארימען מויל אהן ציינער, און עס אונטער־שטופענדיג מיט זיין גראבען פינגער, וועלכער איז געווען שווארץ ניט אזוי פיעל פון אנגעוואקסענע בלאטע וויא פון שמעק־טאבאק. איך האב פערשטאנען, אז דא מוז מען ווארטען ביז ער וועט קאנטשענען די סעודה און איך האב געווארט. איך האב זיך אויך דערוואַרט.

ער האָט זיך אָבגערופען און האָט געזאָגט, עפּעס אַזוי ווי אויסשפּייענדיג די ווערטער:

„מאַך שבת פאַר זיך, יוּאָ! לעב פאַר־זיך, עס פאַר־זיך, טו אַלץ פאַר־זיך. . . . יוּאָ! וואוין אין ׳תמדרש, דאַווען פאַר־זיך . . . . תפילה בצבור! אַ ניכפּען אויפ׳ן צבור! אַ בהלה אויפ׳ן צבור! צבור? נימאָ קיין צבור! מענשען פיינט איינער צווייטען. יעדער פאַר־זיך ווי איך.

„קומען צונויף צו זיין צוזהיילט, דאַוונען בצבור צו בעטען פאַר־זיך. קיינעם האַרט ניט פאַר צווייטען. וואָלטען קענען וואָלטען אומבריינגען חיים ברוך׳ען, ברוך חיים׳ען.

יוּאָ! פאַר־זיך אַלֶע, אַלֶע! שיכעל־קרעמער — לאָז קענען — וואָלט מאַכען אַלעמען גיהן אויף הייסע קוילען אבי ער לייזען פאַר שיך. . . . דראַפּקרעמער — לאָז קענען — וואָלט צינ־דען בגדים אויף לייבער, אַבי ער פערדינען, מענשען דאַרפען נייע . . . . רופא — לאָז קענען — וואָלט אַללעמען קאַרמען מיט סם, אבי ער נעהם געלד היילענדיג.... תבואה־סוחר — לאָז קער־נען — וואָלט מאַכען האַלבע וועלט שטאַרבען . . . . הונגער; אַבי קאָרן טייער, ער פאַרדינען . . . . מגיד — לאָז קענען — מאַך מחלוקות, אבי ער קענען שטראַפען עולם און זיין רודף שלום. . . . רב פיינט מגיד — לאָז קענען — וואַרף איהם אונטער שיקסה, אבי ווייזען, ער, רב, אמת׳ער ירא־שמים, מגיד טרפה . . . . האַלצ־הענדלער — לאָז קענען — מאַכען קעלטען, פרעסט גאַנץ יאָהר, אבי ער לעבען . . . . דער, בויט הייזער — לאָז קענען — צינט אונטער שטאָדט, ברען ווער וויל, אבי ער פערדינען געלד . . . .

„אַזוי אַלֶע, אַלֶע... רופען זיך צבור! אַ מגפה אויף צבור, אַ בהלה אויף צבור! עד־מיר צבור! אַ בינטעל קינעלעך איינע צינדען אונטער אַנדערע — צבור! חיות פרעסען בהמות — צבור! אַ פאָלק פליי אונטער איין העמד — צבור! אַ צעהנדליג מכות איז איין גוף — צבור! בלאָטיגע ריטער מיט אַ שטעקען אין מיטען פערבונדען מיט שטריק—צבור! פרעג קברות־מאַן וואָס וויל ער? אַלע שטאַרבען — ער לעבען. פרעג איסבאַרשציק וואָס וויל ער?

אלע קינדער אין פּולק, אַבי ער שטאַמט זיך מיט גאָלד. פרעג חיים קצין וואָס וויל ער ? אַלע מיידלעך שעהנע אָרעמע, אַבי ער קוקט זיך אום, — פרעג יעדען איינציגען, פרעג זיי... וועלען זאָגען. זאָגען ? נייז, אָבער דו פערשטעהסט... יעדער פאַר־זיך, יעדער פּיינט צווייטען. צבור ? אַ מהומה אויף צבור !"

— „פון דעסטוועגען, ר' טרייטעל, לעבט איהר דאָך פון'ם צבור, איהר וואָלט נישט...."

„שווייג שוטה ! גאוה גיט — איך נעהם — שילט נעהמענדיג. דאַנק זיי ניט. פּיינט ! לעב פון צבור ? צבור לעב פון מיין פּלעמעננער — האַלצהאַקער — עסט זיין פליש ; צבור לעב פון זיין טאַכטער, דיענסט אָרעמע, אָבגעשליסענע. צבור לעב פון מיין גאַנצע משפחה. צבור — אַ פגירה אויף צבור ! לעבט פון אָרעמע בעל מלאכות, לעבט פון מיר אויך. איינציגער, וואָס מתפלל פאַר זיי אַ מאָל מיט ריין האַרץ... וואָס ווילסטו ? דו זיצט געה אין קאַליישע... אַ כלב וויא אַלע, דבר־אחר, יוקס ! פּיינט אייך אַלעמען... איך, טרייטעל, לעב פאַר־זיך !"

ער האָט משמעות ניט געהאַלטען שטאַרק פון מוקצה, וואָרום ער האָט געכאַפּט זיין שטעקען און האָט מיר געוואָלט דערלאַנגען אַ קלאַפּ. איך האָב זיך אָבגעטראָגען.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך אָפט איבערגעטראַכט וועגען דעם וואָס דער האַלב־ווילדער ר' טרייטעל האָט מיט האַלבע ווער־טער מיר געזאָגט.

איז ער ניט אפשר מאַקי גערעכט ?

12

## איך בלייב אין מיטען דערינגען.

וועל ענדיגען נאָך מיין טויט. האָב לאַנגע, פילע יאָהרען צו בעשרייבען און וועל עס טאָן אַליין.

אם אין אני לי מי לי ?